STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03025

OYF DI SHLIAKHN FUN TSAYT

Yehuda Tyberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יהודה טיבערג

✶

אויף די שליאַכן פון צייט

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון:

זעלדע גיטער, האָליוווּד, פלאָרידאַ
סאָניע און בצלאל קאָסטנער, תל־אביב
פאָנד פון גאָלדע און שמואל שפּיראָ, פּאַריז, און רבקה שפּיראָ (מאַכאָוויינסקי) ז״ל
זרובבל־גאָלדמאַן־טיבערג־קרייז, ניו־יאָרק
רינגעלבלום־אינסטיטוט, תּל־אביב

יהודה טיבערג

אויף די שליאַכן פון צייט

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

תל־אביב, תשמ״ז — 1987

YEHUDA TYBERG

OIF DI SHLIACHN FUN TZAIT

יהודה טיברג

בנתיבי הזמן

י. ל. פרץ־פאַרלאַג, רחוב ברנר 14, תל־אביב

I. L.Peretz Publishing House
14, Brener Str., Tel Aviv

Printed in Israel, 1987 נדפס בישראל,

דפוס „אורלי״ — פרידמן, תל־אביב

1984 — 1900

אברהם ליס

אַ וואָרט פריִער

אַ לעבן לאַנג האָט ער געשריבן, יהודה טיבערג. ער האָט געשריבן אַרטיקלען וועגן צײַטפּראָגעס, אָפּהאַנדלונגען איבער אויפגעקומענע פּראָבלעמען, באַטראַכטונגען וועגן זאַכן העומדים ברומו של עולם, און ער האָט געשריבן שטימונגפֿולע פֿאַרצייכענונגען וועגן מענטשן און פאַרלויפעניש.

די פּירנדיקע טוערס פון אָט דעם באַזונדערן, אייגנאַרטיקן געזעמל — די לינקע פּועלי־ציון — זענען זינט דעם פּאַלטאָוער בראשית געווען ניט נאָר אייפעריקע פּאָליטישע עסקנים, נאָר אויך טעטיקע פּראָדוקטיווע מושבים בעט. אַזאַ איז אויך געווען יהודה טיבערג. דערצו איז ער געווען אַ מענטש פון סאָלידן, גרונטיקן וויסן, און אַזאַ שטענדיקער ליידנשאַפטלעכער אומרו און נייגער צום וויסן האָט אים באַגלייט, האָט געהויערט אין אים ביז זיין לעצטן לעבנסטאָג. — —

ס'האָט שוין ווער געזאָגט וועגן טיבערגן, אַז אַ סך שטריכן האָט פאַרמאָגט זיין פּנים. אָבער דאַכט מיר, אַז נאָך מער שטריכן האָט אַנטהאַלטן זיין גייסטיק־אינערלעכער מהות, וואָס האָט פיבערדיק און צו מאָל זיג־זאַגיש געפּלאַטערט ביים אויפנעמען און באַהאַנדלען געשעעניש, וואָס די צייט האָט אונדז צוגעשטעלט, און אַזאַ אומרויִק־פיבערדיקע באַציִונג האָט ער געהאַט צו זיין אייגענעם וואָרט, צו זיין געשריבענעם וואָרט.

אמת, ער איז בכוח געווען במשך שעהען זיך ראַנגלען איבער אַן אות, זיך מתווכח זיין און קעמפן פאַר אַן אויסדרוק, כאָטש קיין שפּראַך־אויפטוער איז ער ניט געווען און ניט פּרעטענדירט צו זיין. אָבער גרייִלעך אָט די באַציִונג זיינע און פאַרערונג פאַר דער שרייבערישער, שעפערישער טוּונג האָט נאָך בולטער אויסגעקענטיקט זיין אינטעלעקטועלע פּנימיות, זיין אחריות־געפיל.

באַטש געוווּסט האָט ער אַז ס'איז נישטאָ קיין שטומערע, קיין טויטערע זאַך ווי אַ נעכטן געדרוקטער צייטונג־אַרטיקל — און דאָך, אין איינעם אַ טאָג, זייענדיק אין תל־אביב, האָט ער מיר פאַרטרויט דעם סעקרעט: ער וויל צונויפנעמען זיינע אַרבעטן, אָפּקלייבן זיי און אַרויסגעבן אַ בוך. איך האָב אים דערמונטערט עס צו טאָן. נאָכן איבערלייענען עטלעכע פון זיינע געדרוקטע זאַכן האָב איך אים געזאָגט, וואָס איך האָב אים געזאָגט, און אים פאַרגעלייגט אַז אַזוי גיך ווי ער וועט צוריקקומען אַהיים זאָל ער עס אָנהייבן צוגרייטן. און טאָן זאָל ער עס — האָב איך אים געעצהט — בבחינת אַ זייטיקער, אַ פרעמדער, עלעהיי אַ לייענער ניט פון אייגנס, נאָר פון פרעמדס. איך האָב עס אים געראָטן, מחמת איך האָב באַלד אָפּגעפילט אַ שמץ פון צווייפל אין אים: „איך ווייס דען צי איך וועל עס קענען אַליין מאַכן?״ — האָט ער געטענהט.

עטלעכע יאָר זענען אַוועק, במשך דער צייט האָבן מיר זיך געטראָפן סיי אין ניו־יאָרק, סיי אין תל־אביב. אויף מיינע צודרינגלעכע פראַגעס, סטייטש? ווו האַלט ער מיטן בוך? — פלעגט ער זיך אַרויסמאַכן מיט אַן עצבותדיקן, סקעפּטישן שמייכל. אַט נו, וואָס? ווער וואַרט אויף זיינס אַ בוך? ווער דאַרף עס דען? ס'האָבן ניט געהאָלפן מיינע פרוּוון אים צו איבערצייגן, אַז אַדרבא, אַ געראָטענער אָפּקלייב פון זיינע אַרבעטן, אין אַ בוך, וועט בפירוש זיין אַ בייטראָג צו דער דערקענטשאַפט, ווי אויך צו דער פאַראָנדענקשאַפט פון דעם געזעלשאַפטלעכן און צו מאָל פּאָליטיש־אידעאָלאָגישן גאַנג וואָס ער און זיין סביבה האָבן דורכגעמאַכט במשך די שטורמישע, און אויך אָנגעשפּאַנטע און קעמפערישע יאָרן.

ער פלעגט אַלע מאָל פון דאָס ניי צוזאָגן עס צו טאָן, אָבער ניט מקיים געווען. קיין ספק ניט, געווען משמעות סיבות וואָס האָבן אים געהעמט, געהאַלטן אין קלעם.

אַ לאַנגן וועג האָט ער דורכגעמאַכט אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, ווי אַ פּאַרטיי־עסקן, ווי אַ קולטור־טוער, ווי אַ שרייבער, אַ רעדאַקטאָר, אַ רעדנער און אַ לעקטאָר. איך האָב אַלע מאָל באַוווּנדערט, ווי טראָץ זיין אינערלעכן אומרו — אַן אומרו וואָס איז אַזוי שכיח ביי שעפערישע, אַקטיווע מענטשן — איז דאָך בנימצא ביי אים אַזאַ גייסטיקע שלימותדיקייט, אַזאַ

גערעכטענע מזיגה. ער איז געווען דורכויס סאָציאַליסט און ווי אייגן נאָענט איז אים געווען ייִדישע מסורה, ער איז געווען אַן אָנהענגער פון אַמעריקאַנער גרויסקייט און פּאַרנעמיקייט און שטענדיק אויס־געבענקט צו ישראל — און געבליבן איז ער אַ פּוילישער ייִד, אין וועלכן עס האָט געהויערט די ייִדישקייט פון דער אַמאָליקער מלאָווע. דאָס האָט אויסגעפורעמט זיין פּיר און סטיל אין לעבן און אין שאַפן. אָנגעהויכט מיט גלייבן און מיט ספקות־גָעפילן, מיט דורות־דיקע אַלטפאָלקישע שטימונגען, און מיט פרישקייט פון נייצייט, האָט ער גָעאָטעמט מיט ייִדישער און מענטשלעכער שלימותדיקייט.

באַלד נאָך זיין פּטירה האָט די משפחה (זיין פרוי און זון), די נאָענטע חברים, די לייטונג פון י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, מיט וועלכן ער איז במשך יאָרן געווען פאַרבונדן, באַשלאָסן צו רעאַליזירן טיבערגס אָנוסטיקן טרוים, און אָט ליגט פאַר אונדז דאָס בוך „אויף די שליאַכן פון צייט״, אַן אויסוואַל פון זיין שרייבערישער טעטיקייט במשך יאָרצענדליקער, זיין שרייבערישע מי...

פון אָט דעם בוך גייט אויף דער מענטש, דער טוער און דער גערעכטענער אויסטייטשער פון פּרקים ייִדישע פּאַרלויפעונישן, קאַפּיטלען פון דראַמאַטישן נעכטן און פון אונדזער ווירבלדיקער, אָנגעשפּאַנטער היינטצייטיקייט.

אַז מען וועט ראַיעל מעיין זיין אינעם בוך, וועט מען אַפילו די בונטע מאָזאַיִק פון יהודה טיבערגס פאַראינטערעסירונגען: פּאָליטיק און ייִדיש־פאָלק, סאָציאַליזם און לינקע שטרעמונגען און זייער זיג־זאַגישער שטייגער; תפוצות־ישראל און אייגן לאַנד, אידעאָלאָגיע און תּכלית, די וועלט פון נעכטן און היינט — און אָפּשאַצונגען און וואַרעם סקיצירטע פּאָרטרעטן פון געשטאַלטן וועלכע ער האָט געקאָנט פון דער נאָענט.

ניין, ס׳איז ניט קיין בוך לזכּרון. יהודה טיבערגס אַרטיקלען, אָפּשאַצונגען און עסייען וואָס ווערן דאָ געבראַכט, דעקן אויף, טייטשן אויס פּרקים פון ייִדיש־פאָלקישן גאַנג אין דער צעשטורעמ־טער צייט פון אונדזערע לעצטע יאָרצענדליקער, אויף דעם געוועב פון ווײ און גלויבן, פון פּיין און אמונה, פון פאַרלענדונג און אויפבוי.

כאָטש דאָס בוך איז אַן אָפּקלייב פון אַרבעטן געשריבן אין פאַרשידענע צייטן, איז עס אַ בוך בעתו, אַ בוך פאַר אונדזער צייט.

אָפּהאַנדלונגען
און באַטראַכטונגען

מיינע מלאָוועד זיידעס

א. מיין עלטער־זיידע ר׳ ישראל יצחק קלינגער ז״ל

וועגן מיין עלטער־זיידן, דעם מלאָווער רב, ר׳ ישראל יצחק קלינגער ז״ל, וועגן זיין לעבן און ווירקונג, זענען נישט געבליבן קיין אויטענטישע מאַטעריאַלן. דאָס וואָס ס׳איז מיר באַקאַנט איז מער לעגענדע איידער היסטאָרישער פאַקט; עס זענען ווייטע אָפּקלאַנגען פון קינדערישע דערינערונגען, וואָס טויכן אויף אין זכרון, מעשׂיות וואָס מען האָט דערציילט אין דער משפחה, יחוס מיט וועלכן מען האָט זיך געגרויסט און וואָס האָט זיך געצויגן איבער עטלעכע דורות.

ר׳ ישׂראל יצחק קלינגער האָט געשטאַמט פון פלאָנסק, אַ קליין שטעטל אין פוילן, פון וואַנען עטלעכע משפחות האָבן אויסגעוואַנדערט אין דער צווייטער העלפט פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט קיין מלאַווע. עס זענען נישט פאַראַן קיין גענויע דאַטעס וועגן זיין קומען קיין מלאַווע און אויך נישט וועגן דעם יאָר ווען ער האָט איבערגענומען דאָס כסא־הרבנות. עס איז אָבער באַקאַנט, אַז ער איז געווען מלאַווער רב אַ לאַנגע צייט און ער איז נפטר געוואָרן אין מלאַווע כ׳ תמוז, תרמ״ט, אַלט זייענדיק 59 יאָר. ער האָט איבערגעלאָזן נאָך זיך אַן איין און איינציקן זון און פינף טעכטער. איינע פון זיינע טעכטער, דבורה, האָט חתונה געהאַט מיט דעם באַקאַנטן לאָדזשער גביר און געלערנטן טישזיצער ר׳ משה אהרון ווינער, אַ צווייטע טאָכטער פון מלאָווער רב, רחל, איז געווען די צווייטע פרוי פון דעם וואַרשעווער חסידישן נגיד ר׳ אברהמל פשעפיורקע. דעם מלאָווער רבס זון, אברהמל קלינגער האָט חתונה געהאַט מיט אַ מיידל פון טשעכאַנאָוו און האָט דאָרטן געוווינט ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. זיינע אַ טאָכטער, גאָלדע, איז די פרוי פון דעם געוועזענעם פּרעזעס פון דער וואַרשעווער קהילה, מאַזור, וועלכער געפינט זיך היינט אין ישׂראל און איז אַ מיטגליד פון דער כנסת.

אין מלאַווע, צווישן אַלעקסאַנדער חסידים, און באַזונדערש אין מיינע

משפחה־קרייזן זענען אַרומגעגאַנגען גאַנצע לעגענדעס וועגן דער פּערזענ־לעכקייט פון דעם מלאַווער רב. ער איז געשילדערט געוואָרן ווי אַ מענטש וואָס האָט געהאַט אַ גוואַלדיקן איינפלוס אויפן לעבן נישט נאָר פון דער מלאַווער קהילה, נאָר אויך ווייט אַריבער די דאָזיקע גרענעצן. אין אַלעקסאַנדער הויף האָט מען אויף אים געקוקט ווי אויף דעם נאַטירלעכן ממלא־מקום פון דעם אַלטן אַלעקסאַנדער רבין. ר׳ ישראל יצחק האָט זיך אָבער אַנטשיידן אָפּגע־זאָגט איבערצונעמען די אָנפירונג פון אַלעקסאַנדער חסידות און ער האָט פון זיך געיאָגט די חסידישע דעלעגאַציעס, וואָס זענען געקומען אים קרוינען נאָך דער פּטירה פון אַלטן רבין.

אין מלאַווע גופא האָט ר׳ ישראל יצחק געפירט דאָס רבנות ביד רמה. ער האָט קיין מאָל נישט נושא פּנים געווען די גבירים און האָט שטענדיק געפּסקנט לויט דעם חומר־הדין. דערפאַר איז ער אָבער געווען זייער פּאָר־זיכטיק ווען עס איז געקומען צו באַשטימען ענינים, וואָס זענען געווען נוגע אָרעמע־לייט. דאָ איז ער געווען פון די גרעסטע מקילים. אַן אַ שיעור מעשׂיות האָט מען דערציילט וועגן אָט דעם אויפפּיר זיינעם.

איינע פון די דאָזיקע מעשׂיות האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון פון מיין פריסטער קינדהייט: איינער פון די מלאַווער תּקיפישע נגידים האָט זיך געלאַדן פאַרן מלאַווער רב מיט אַ צווייטן ייִדן, וואָס הגם ער איז אין שטאָט אויך אָנגעגאַנגען פאַר אַ נגיד, האָט אָבער דער רב געוווּסט, אַז אין דער אמתן איז ער אַן אָרעמאַן און ער שטרענגט זיך אָן מיט אַלע כּוחות צו פאַרבאַהאַלטן פון שטאָט זיין אמתע לאַגע, אַז ער שטייט פאַר באַנקראָט. די טענות פון דעם תּובע זענען געווען באַגרינדעטע און לויטן דין וואָלט דער גביר באַדאַרפט געווינען די דין־תּורה. האָט דער רב געפּרוווּט דערפירן צו אַ פּשרה. דער גביר איז אָבער דווקא באַשטאַנען אויף אַ „ריינע דין־תּורה״. ר׳ ישראל יצחק האָט דאַן אַריינגערופן דעם גביר אין אַ חדר מיוחד און אים דערקלערט: לויטן דין האָסטו טאַקע געוווּנען — דו קענסט מיר אָבער בשום אופן נישט אָנווייזן אויף אַ דין, אַז איך מוז עס זיין מלאַווער רב. איז איידער איך זאָל אַרויסגעבן אַ פּסק קעגן דעם ייִדן וועל איך זיך בעסער אָפּזאָגן פון מלאַווער רבנות. דער אַרגומענט האָט געווירקט און דער גביר איז איינגע־גאַנגען אויף אַ פּשרה.

דער מלאַווער רב איז געווען געאַכטעט נישט בלויז ביי ייִדן. אויך די נישט־ייִדישע באַפעלקערונג האָט אים אַרויסגעוויזן גרויס דרך־ארץ און

די אָנגעזעענע בירגער פון שטאָט פלעגן קומען זיך מישב זיין מיט אים וועגן וויכטיקע שטאָטישע ענינים. זיין ווירקונג אויף דער מלאַווער קהילה איז געווען אַזוי גרויס אַז אַ לענגערע צייט נאָך זיין פטירה איז דאָס מלאַווער כסא־הרבנות געשטאַנען ליידיק, ווייל עס איז די מלאַווער יידן געווען שווער זיך צוצוקלייבן אַ רב, וועלכער זאָל זיין ראוי צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון ר׳ ישראל יצחק קלינגער.

ב. מיין זיידע ר׳ טוביה יששכר טיבערג ז״ל

מיין זיידע, ר׳ טוביה יששכר טיבערג איז געווען אַן איידעם פון דעם מלאַווער רב. זיין וויב, מיין באָבע רויזע, איז געווען די עלטסטע טאָכטער פון ר׳ ישראל קלינגער, פון זיין ערשטער פרוי.

באַלד נאָך דער פטירה פון דעם מלאַווער רב, האָבן אַ טייל פון די מלאַווער באַלעבאַטים, הויפּטזעכלעך די אַלעקסאַנדער חסידים, פאַרגעלייגט דעם זיידן ער זאָל איבערנעמען דאָס כסא־הרבנות נאָך זיין שווער; היות אָבער אַרום דער רבנות־שטול האָט זיך געפירט אַ שאַרפע מחלוקה אין שטאָט, האָט דער זיידע זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו זיין אַפילו איינער פון די קאַנדידאַטן. ער איז געווען אַ מענטש, וואָס איז געווען ווייט פון מחלוקת, און אויסגעמיטן אַלץ, וואָס האָט געקאָנט ברענגען צו מריבות. ערשט אין עטלעכע יאָר אַרום, ווען מלאַווע האָט שוין געהאַט אַ רב און די מחלוקה איז שוין געווען אַ ביסל איינגעשטילט האָט מען ביי אים געפּועלט ער זאָל אויפגעבן זיין געוועלבל, פון וואַנען ער האָט געצויגן חיונה און ווערן מלאַווער דיין.

פופציק יאָר איז דער זיידע געווען דיין אין מלאַווע. ער איז נפטר געוואָרן אין 1933, אין עלטער פון 83 יאָר.

מיינע קינדעריאָרן האָב איך פאַרבראַכט אין דעם זיידנס הויז. מיינע עלטערן האָבן געוווינט אין ליוביטש, אַ פיצעלע שטעטל לעבן דער פריי־סישער גרענעץ, ביי טאָרון. דער טאַטע מיינער, וועלכער איז געווען דער צווייטער זון פון זיידן, האָט מורא געהאַט, אַז זיינע קינדער וועלן נישט קענען קריגן קיין געהעריקע דערציִונג אין דעם קליינעם העק, האָט ער זיי געשיקט קיין מלאַווע צום זיידן ער זאָל זיי מחנך זיין.

אַלע מיינע זכרונות וועגן דעם זיידן שטאַמען טאַקע פון אָט דער צייט, ווען מיין גאַנצע וועלט איז געווען איינגעטיילט צווישן דעם זיידנס שטוב

און דעם אַלקעסאַנדער שטיבל, וואָס האָט זיך געפונען אויף דעם זעלבן הויף אויפן פּלאַצקער געסל. אַ קליין וועלטל, אָבער אין דעם דאָזיקן שטיקל וועלט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ באַדייטנדיקער טייל פון דעם לעבן פון די מלאַווער יידן.

ביים זיידן איז געווען אַן אָפענע שטוב. עס זענען געקומען חסידים נאָך עצות, אַנדערע זענען געקומען נאָך אַ הלוואה, חסידים זענען געקומען סתם אַזוי פאַרברענגען אַ ביסל מיטן זיידן, אַלטע חסידים זענען געקומען שמועסן חסידות.

עס האָט שטענדיק געררוישט ביים זיידן אין שטוב ווי אין אַ בינשטאָק. אין דער וואָכנס זענען עס געווען די שאַרפע דין־תורות, וואָס האָבן זיך דאָרט געפירט טאָג און נאַכט. די קלענעצעס, די פּראַנקס און קאָנעצקיס, די פּיזשיצעס און אַנדערע מלאַווער גרויסע סוחרים האָבן געהאַלטן אין איין לאָדן זיך און דער זיידע איז געווען זייער באַטירלעכער אָפּקלייב אַלס בורר.

ווייט און ברייט האָט דער זיידע געשמט מיט זיין שכל־הישר, מיט זיין אויסערגעווייגלעכער חכמה. איך געדענק ווי עס פלעגן פאַרפאָרן די גבירישע קאַטשן, וואָס זענען געשיקט געוואָרן פון אַזש אַזוי ווייט ווי פּלאָצק צו נעמען דעם זיידן אויף בוררות אין אַ סכסוך וועגן וועלדער אָדער מילן, אָדער סתם אויסצוגלייכן אַ שווערן ענין צווישן געוועזענע שותפים. דעמאָלט פלעגט די שטוב גיין כאַדאָראַם. מען האָט געהאַלטן אין איין אַרויסדערלאַנגען מלבו־שים און שפּייז, אַזוי ווי דער זיידע וואָלט אַוועקגעפאָרן אין די אמתע מרחקים. דאָס גאַנצע פּלאַצקער געסל איז אַרויס אין דרויסן באַטראַכטן די קאַטש, און די קינדער פלעגט מען מוזן אַרויסטרייבן פון דער קאַטש מיט דער בייטש... צום סוף פלעגט דער זיידע אַרויסקומען פון שטוב אָנגעטאָן אין זיין לאַנגער זיידענער קאַפּאָטע, אין דעם הויכן סאַמעטענעם הוט און דאַן פלעגן די ווייבער זיך אָפּרוקן וואָס ווייטער אויס דרך־ארץ פאַר ר׳ טוביהן.

דער זיידע פלעגט קיין מאָל נישט פאַרגעסן מיטצוברענגען עפּעס אַ מתנה פאַר יעדן קינד פון דער משפּחה אומקערנדיק זיך פון אַזאַ נסיעה. און הגם עס זענען געווען עטלעכע צענדליק אַזעלכע אייניקלעך זיינע אין מלאַווע, האָט ער פון דעסטוועגן געדענקט וואָס פאַר וועמען מיטצוברענגען, צוגעפּאַסט צו דער עלטער פון יעדן קינד. ער האָט אויסערגעוויינלעך ליב געהאַט קינדער. ער האָט געקענט זיך אַוועקזעצן אויף גאַנצע שעהען מיט די אייניקלעך און דערציילן מעשיות. ער האָט ליב געהאַט אַרויסצורופן

געלעכטער ביי די קינדער, פלעגט ער זיי דערציילן קאָמישע פּאַסירונגען און האָט האַרציק מיטגעלאַכט מיט די קינדער. עס איז אים נישט געווען צו דערקענען אין אַזעלכע מאָמענטן. מען וואָלט בשום אופן נישט געזאָגט, אַז אָט דער הויכער ייִד וואָס שפּילט זיך ווי אַ קינד מיטן קליינוואַרג איז עס טאַקע דער מלאָווער דיין, דער גרויסער קאָמפּעטענטש און חסידישע פיגור, וואָס דערוועקט אַזוי פיל דרך־ארץ צו זיך מיט זיין בלויזער דערשיינונג.

אויף וויפל איך געדענק, איז דער זיידע, נאָך דער פּטירה פון דעם יונגן אַלעקסאַנדער רבין, דעם ישׂמח ישׂראל, קיין מאָל מער נישט געפאָרן קיין אַלעקסאַנדער. ער איז פון דאַן אָן בכלל מער נישט געפאָרן צו קיין רבין. אין די שפּעטערדיקע יאָרן מיינע האָב איך ערשט פאַרשטאַנען דעם ביטול, מיט וועלכן דער זיידע האָט גערעדט וועגן די נייע רבישע הויפן, וועגן די קוויטלעך און מופתים. ער האָט דעמאָלט שוין נישט געקענט צוזען די ירידה פון אמתער חסידות, וואָס האָט אָנגעהויבן ווולגאַריזירט צו ווערן נאָך דעם אונטערגאַנג פון קאָצק און ווורקע.

ער אַליין איז טאַקע נישט געפאָרן, אָבער דאָס אַלעקסאַנדער שטיבל האָט ער נישט פאַרלאָזן. אייגנטלעך האָבן די חסידים אים נישט פאַרלאָזט. זיי האָבן אין אים געזען דעם גייסטיקן מנהיג און האָבן זיך געפירט כלפּי אים אַזוי ווי ער וואָלט געווען רבי. קיין אַלעקסאַנדער איז מען געפאָרן אויף יום־טוב — ביים זיידן האָט מען געפּראַוועט חסידות אַ גאַנץ יאָר.

און ער אַליין האָט נישט געהאַט קיין אַנונג פון דער ראָלע וואָס ער האָט געשפּילט. ביי זיין גאַנצער אויסערגעוויינלעכער חכמה, איז ער געווען אַן איש תמים, וואָס פאַר אים איז לחלוטין פרעמד געווען דאָס האַלטן פון זיך. להיפּוך גאָר — ער האָט זיך אַליין מבטל געווען. איך געדענק ווי ער פלעגט זיך אַוועקזעצן ביים טיש מיט די אייניקלעך — און אייניקלעך זענען תמיד געווען ביי אים אַ סך, ווייל אַלע זיינע זין פלעגן אים אַריינשיקן זייערע קינדער מדריך צו זיין — און זיי זאָגן בדרך הלצה: איר דאַרפט נישט זיין נישט קיין חכמים און נישט קיין לומדים, ווייל ביי ייִדן איז גענוג אַז מען האָט געהאַט אַן עלטער־זיידן וואָס האָט געקענט לערנען האָט מען שוין פרנסה...

דאָס האָט ער געזאָגט נאָך דעם ווי ער האָט פון זיך אַליין געמאַכט עפר ואפר, געזאָגט אַז ער לעבט בסך־הכל אין זכות פון זיינע עלטערן און אור־עלטערן, וועלכע זענען טאַקע געווען די אמתע ייִדן. ער אַליין אָבער איז גאָרנישט ווערט וואָס מען מאַכט פון אים אַ וועזן...

אויף שטענדיק זענען מיר פֿאַרבליבן אין זכרון די שלוש־סעודותן ביים זיידן אין שטוב. דאָס זענען אומפֿאַרגעסלעכע מאָמענטן פֿון בשמחהדיקער דערהויבנקייט, פֿון רוחניותדיקן געניס, וואָס האָבן אויף אייביק איבערגעלאָזן שפּורן ביי די, וועלכע האָבן זיי איבערגעלעבט אין זייערע קינדער־יאָרן.

וואָס טונקעלער עס זענען געוואָרן די פֿאַרנאַכטיקע שאָטנס, אַלץ שטילער דער ניגון, אַלץ דביקותדיקער דער שעפּטש פֿון די זמירות. דער זיידע פֿלעגט זייער זעלטן זאָגן תּורה. מערסטנס פֿלעגט ער דערציילן חסידישע מעשׂיות פֿון וווּרקע און פֿון די ערשטע אַלעקסאַנדער. נישט קיין מופֿתים, נאָר פּשוט דאָס לעבן פֿון די גרויסע רבישע פֿיגורן. עס איז געווען אַן אייגנאַרטיקער אופֿן פֿון קענען דעם כאַראַקטער פֿון חסידים, פֿון דערציִען ייִדן מיט מידות.

אָט־אָ־די שבת־פֿאַרנאַכטן האָבן זיך עפּעס נאַטירלעכערהייט אַריבער־געגאָסן אין די מוצאי־שבתן. נישט קיין איבעררייס איז עס געווען, נאָר אַ המשך; די אָנגעצונדענע ליכט זענען געווען אַ נאַטירלעכע פֿאַרזעצונג פֿון דער שיין וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פֿון די שלוש־סעודותדיקע ייִדן.

יום־טובֿ ביים זיידן אין שטוב איז געווען אַ קוואַל פֿון געצוימטער פֿרייד, וואָס האָט אויסגעפֿילט דעם גאַנצן אַרום. אַלע קינדער און אייניקלעך האָבן געהאַלטן יום־טובֿ ביים זיידן. אָפּגעמאַכט קידוש און עפּעס טועם געווען אין דער היים, איז מען געקומען צום זיידנס טיש. דער זיידע איז זייער שפּעט געגאַנגען צום טיש. צי ער האָט עס אַזוי אויסגערעכנט, אַז די קינדער זאָלן קענען מיט אים מיטהאַלטן, צי עס איז געווען די התבודדות וואָס ער האָט געפּראַוועט — ער האָט זיך אָפּגעזונדערט פֿון דעם הויזגעזינד גלייך ווי סע איז צוגעפֿאַלן דער אָוונט און ווען ער איז צוריקגעקומען פֿון דאַוונען האָט ער ווידער פֿאַרברענגט ביחידות ביז שפּעט אין אָוונט. ווען אַלע קינדער און נאָענטע פֿרייַנד, חסידים זענען שוין געווען פֿאַרזאַמלט. דאַן פֿלעגט ער אַרייַנקומען אין דער גרויסער, באַלויכטענער עסשטובֿ מיט אַ ברייטן גוט־יום־טובֿ און מיט אַ שמייכל, וואָס האָט כּהרף־עין אָנגעפֿילט די שטובֿ מיט אַ ים פֿון פֿרייד. אין לויף פֿון דער סעודה האָבן חסידים געהאַלטן אין איין קומען. מען איז געשטאַנען לעבן טיש, מען איז געזעסן ווו עס האָט זיך געלאָזט.

עס האָט אין אַ געוויסן זין, דערמאָנט אַ רבישן טיש, עס איז אָבער ווייט נישט געווען דאָס זעלבע. עס איז נישט געווען די אָנגעשטרענגטקייט און די צערעמאָניע פֿון אַ רבישן הויף, מיט זיינע גבאים, שמשים, טישזוכערס

און שירים־כאַפּערס — דאָס איז געווען אַ צוזאַמענקום פון משפחה און נאָענט צוזאַמענגעלעבטע פריינד, וואָס זענען געקומען פאַרברענגען יום־טוב אין אַ היימישער שטוב.

ווען נאָך דער פּטירה פון דעם ישמח ישׂראל, האָבן אַ טייל חסידים זיך צוריקגעצויגן פון אַלעקסאַנדער און האָבן אָנגעהויבן פאָרן קיין סטריקאָוו, האָבן אין גאַנץ פּוילן זיך געשאַפן באַזונדערע סטריקאָווער שטיבלעך. אָבער נישט אין מלאַווע. דאָ האָט דער זיידע נישט דערלאָזט צו קיין שפּאַלטונג. ער האָט געהאַלטן, אַז כאָטש מען פאָרט צו באַזונדערע רבים קען מען פון דעסטוועגן דאַוונען אין איין געמיינזאַמען שטיבל.

אין מלאַווע האָט אין יענער צייט געוווינט דער ברודער פון דעם סטריקאָווער רבין, ר׳ איטשע לאַנדוי. איז דער ייד אַליין געווען אַ שטיק רבי, וואָס האָט געפירט אין מלאַווע סטריקעווער חסידות ביד רמה. ער האָט געוואָלט די אַלעקסאַנדער חסידים און זיי שווער געמאַכט זייער צוזאַמענזיין אין דעם אַלעקסאַנדער שטיבל — דער זיידע האָט אָבער נישט געלאָזן די אַלעקסאַנדער אַוועקגיין פונעם שטיבל. ער פלעגט זאָגן, אַז וואָס פאַר אַ קונץ איז עס צו זיין אַ חסיד מתוך רחבות — מען דאַרף אויפנעמען די רדיפות ווי יסורים של אהבה.

דעמאָלט איז עס איינגעפירט געוואָרן דער מנהג איינצוטיילן די יום־טוב־צוזאַמענקונפטן צווישן סטריקאָווער און אַלעקסאַנדער: אויף פּורים פלעגן אַלע סטריקאָווער און אַלעקסאַנדער חסידים זיך צוזאַמענקומען ביים זיידן אין שטוב און שׂמחת־תורה האָט מען געפייערט ביי ר׳ איטשע לאַנדוי.

נישט בלויז מיט זיין חכמה האָט דער זיידע צוגעצויגן צו זיך מענטשן. מער נאָך האָט ער געווירקט מיט זיין אויסערגעוויינלעכער גוטסקייט און צוגעלאָזנקייט. דאָס איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט ממש געלעבט מיטן לעבן פון זיינע נאָענטע. זיין גרעסטער פאַרגעניגן איז געווען ווען ער האָט געקענט עמעצן מיט עפּעס אַרויסהעלפן אין אַן עת־צרה. פאַר זיך אַליין האָט ער נישט געהאַט קיין שום פאַרלאַנגען. איך געדענק אַז ער האָט געקענט זיך אָפּגעבן גאַנצע טעג, אַ מאָל אויך וואָכן מיט אַ בוררות צווישן צוויי יידן, און צום סוף, ווען דער ענין איז אויסגעגליכן געוואָרן און די באַבע האָט אים אַ פרעג געטאָן וויפל ער האָט פאַרדינט פאַר זיין טירחה, האָט ער געענטפערט: ווי האָב איך געקאָנט פון זיי נעמען געלט, אַז איך וויים, אַז זיי האָבן ביידע געמאַכט אַ שלעכט געשעפט...

אין משך פון דעם האַלבן יאָרהונדערט וואָס דער זיידע איז געווען דיין אין מלאָווע, האָט ער קיין איין גט נישט דורכגעפירט. מערסטנס האָט אים געראָטן איבערצוצייגן דאָס צעקריגטע פּאָרפאָלק, אַז עס וועט ביידן זיין בעסער ווען זיי וועלן זיך נישט גטן. אויף מסביר צו זיין אַן ענין איז ער געווען אַן אמתער מאדים. אין אַנדערע פאַלן אָבער, ווען די צדדים זענען געווען איינגעשפּאַרט, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוגעבן אַ גט און האָט דאָס פּאָרל איבערגעשיקט צום רב אָדער צום צווייטן מלאָווער דיין.

צוליב זיין זעלטענער גוטסקייט איז ער אויך געווען זייער טאָלעראַנט צו די אַרומיקע און צו מענטשן בכלל. עס איז געווען קעגן זיין נאַטור צו זיין אַ קנאי. איך געדענק אַ פאַל, שוין פון די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען איך בין געקומען צו פאָרן קיין מלאָווע זיך שטעלן צום פּריזיוו. איך האָב שוין דאַן געטראָגן איראָפּעיִשע קליידער און האָב געשמט ווי דער איינציקער „דייטש" אין דער משפחה. האָב איך נישט געוואָגט צו פאַרפאָרן צום זיידן און איך האָב זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ פעטער מיינעם. איז ווי נאָר דער זיידע איז וועגן דעם געוואויר געוואָרן, האָט ער געשיקט מיינעם אַ שוועסטערקינד ער זאָל מיך ברענגען צו אים אין הויז. דער זיידע האָט מיך דאַן אויפגענומען מיט אַזוי פיל וואַרעמקייט, אַז איך האָב געפילט ווי די טרערן שטיקן מיך פון חרטה וואָס איך האָב אים געקאָנט חושד זיין, אַז ער וועט מיך נישט גוט אויפנעמען. איך האָב זיך געפילט זייער געפאַלן ביי זיך. דער זיידע האָט מיך אָבער נישט געלאָזט זיין אומעטיק, ער האָט געפילט וואָס איך לעב דורך און ער האָט אָנגעווענדט אַלע מיטלען מיך אַריינצופירן אין אַ הייטערער שטימונג, אַזוי ווי אין מיינע קינדער־יאָרן ביי אים אין שטוב.

שפּעטער, ווען מיר זענען אַלע געזעסן ביים טיש און גערעדט וועגן דער משפחה, האָט די באָבע אַרויסגעפירט דעם געשפּרעך אויף ייִדישקייט און אַזוי „אומשולדיקערהייט" מיך אַ פרעג געטאָן: נו, און ציצית טראָגסטו? — תוך כדי דיבור האָב איך געענטפערט: זיכער, אַוודאי... די באָבע האָט אָבער נישט אָפּגעלאָזן און האָט פאַרלאַנגט אַז איך זאָל באַווייזן אַז איך טראָג טאַקע אויף אַן אמת ציצית. האָב איך זיך אָנגעהויבן פּאָרען, כלומרשט עס איז גאָר נאַטירלעך אַז איך טראָג אַן אַרבע־כנפות, און איך האָב געפילט ווי טראָפּנס שווייס טרעטן מיר אַרויס אויפן שטערן... דער זיידע האָט אָבער דערפילט מיין פאַרלעגנהייט און געאיילט מיר צו הילף. ער האָט זיך אָנגערופן צו דער באָבע: וואָס איז, רויזע, אַ ייִד זאָגט ער טראָגט ציצית, גלויבסטו אים נישט?

ער מוז עס דיר באַווייזן אַז ער זאָגט נישט קיין ליגן, נישט שיין! און ווענדנ־דיק זיך צו מיר האָט ער באַפוילן: ווייז נישט!..

אַזאַ איז געווען מיין זיידע: די פאַרקערפּערונג פון חכמה און גוטסקייט. אַ זעלטענער מענטש, אַ זעלטענער ייִד. איז ער טאַקע געווען געליבט און געאַכטעט פון ייִדן אַזוי ווי פון גויים. אונטער דער רוסישער, און שפּעטער אונטער דער פּוילישער מלוכהשאַפט האָט ער געניאָסן פון גרויס אָנזען ביי די אָפיציעלע מושלים. עס איז געווען געווען גענוג ער זאָל אינטערווענירן וועגן אַן ענין כדי עס זאָל אַלץ דערליידיקט ווערן על הצד היותר טוב. איך געדענק, ווי ער פלעגט דערציילן זיינע אייניקלעך, אַז אים האָט נאָך קיינער קיין מאָל גאָרנישט אָפּגעזאָגט, און ער האָט צוגעגעבן: איר ווייסט פאַר וואָס? — ווייל טאָמער האָב איך נאָר געהאַט דעם מינדסטן ספק, אַז מען קאָן מיר אָפּזאָגן, האָב איך נישט געבעטן...

דער זיידע איז געשטאָרבן בשיבה טובה און האָט איבערגעלאָזן אַ ברייט פאַרצווייגטע משפחה, פון וועלכער בלויז אַ זייער קליינער טייל האָט באַוויזן איבערצולעבן דעם חורבן פון דעם אייראָפּעיִשן ייִדנטום. גאַנץ מלאַווע און די חסידישע וועלט האָט אויפריכטיק געטרויערט אויף זיין טויט.

זאָלן די דאָזיקע פאַר ווערטער פון זיינעם אַן אייניקל זיין אַ באַשיידענע מצבה פאַר דעם אָנדענק פון דעם זעלטענעם מענטשן, וואָס האָט פאַרדינט אַז ער זאָל פאַראייביקט ווערן ווי אַ מוסטער פון אַ מנהיג און מורה־הוראה ביי ייִדן.

פיקסקיל — אַ וואָרענונג!

די געשעעענישן אין פיקסקיל, ווען אַ המון פון כוליגאַנעס האָט גע־ווילדעוועט קעגן די אַנטייל־נעמערס אין אַ קאָנצערט פון דעם קאָמוניסטיש געשטימטן זינגער פאָול ראָבסאָן, האָבן אַרויסגערופן אַן אומהיימלעכן אומרו אין די דעמאָקראַטישע קרייזן פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אַז אַזעלכע אָפן פאַשיסטישע אַרויסטרעטונגען זאָלן קאָנען פאָרקומען אין ניו־יאָרקער שטאַט, וואָס האָט געגאָלטן אַלס דער פּראָגרעסיווסטער אין אַמעריקע איז געווען אַ ביטערע אַנטוישונג פאַר אַלע די, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז „דאָ קאָן עס נישט געשען", אַז די פרייע, דעמאָקראַטישע אַמעריקע איז באַשיצט קעגן די באַצילן פון פאַשיזם, וואָס האָבן צעפרעסן די דעמאָקראַטיעס פון אַ גאַנצער ריי אייראָפּעישע לענדער. פיקסקיל האָט באַוויזן, אַז די פאַ־שיסטישע מגפה קאָן, אויב מען זאָל באַצייטנס נישט אָננעמען די געהעריקע קעגן־מיטלען, אויך אַריבערשפּרייזן דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן און פאַרפּעסטן די אַמעריקאַנער לופט מיט ראַסנהאַס, טעראָר און קאָרופּציע.

ווייל וואָס איז פאָרגעקומען אין פיקסקיל? — עס זענען זיך צונויפ־געקומען עטלעכע טויזנט לינקע סימפּאַטיקערס פון דעם באַרימטן נעגערשן באַריטאָן, כדי צו דעמאָנסטרירן, אַז טראָץ דעם, וואָס ער איז אַ דעקלאַרירטער קאָמוניסטישער טוער, האָט ער פון דעסטוועגן אַ רעכט אויפצוטרעטן מיט זיינע קאָנצערטן אין דעם לאַנד, ווו ער איז אַ בירגער. דאָס איז דאָך אַזוי עלעמענטאַר און אין הסכם מיט דעם „אַמעריקאַנער לעבנס־שטייגער". מיר זענען זיכער, אַז צווישן די אַנטייל־נעמערס אין דעם קאָנצערט זענען געווען ניט ווייניק, וואָס זענען אין זייערע פּאָליטישע אָנשויונגען זייער ווייט פון קאָמוניזם, אָבער ווען דער דעמאָקראַטישער אינסטינקט האָט אונטער־געזאָגט, אַז ביי דער אונטערנעמונג אין פיקסקיל האַנדלט זיך עס נישט וועגן קאָמוניזם, נאָר גיכער וועגן דעמאָקראַטיע אין אַמעריקע, וועגן אונ־טערשטרייכן, אַז אין אונדזער לאַנד ווערט אָפּגעהיטן דאָס רעכט פון יעדן בירגער צו זיין אַנדערש, צו טראַכטן אַנדערש און צו רעדן אַנדערש ווי עס

וויל די מערהייט. אויף דעם איז דאָך באַזירט דער גאַנצער בנין פון אונדזער דעמאָקראַטיע! דער פאַקט, וואָס דער קאָנצערט איז אָרגאַניזירט געוואָרן פון די קאָמוניסטן איז אין דעם פאַל נישט וועזנטלעך, סוף כּל סוף איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי דערוויל נישט קיין אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציע און זי האָט דאָס זעלבע רעכט ווי אַלע אַנדערע פּאָליטישע גרופּן אויפן שוץ פון דער אַדמיניסטראַציע פאַר אירע אונטערנעמונגען. דאָ קאָן אויך נישט גילטן דער תירוץ, אַז די קאָמוניסטן באַהאַנדלען זייערע קעגנערס נישט בעסער דאָרט, ווו זיי, די קאָמוניסטן, האָבן די מאַכט. דאָס קאָן זיך זיין אמת, אָבער דאָ האַנדלט זיך עס נישט אין אָפּהיטן די קאָמוניסטן, נאָר אין פאַר־שטעלן דעם וועג די פאַשיסטישע באַנדעס, וועלכע נוצן אויס די אַנטי־קאָמוניסטישע היסטעריע, וואָס האָט זיך צעפלאַקערט אין לאַנד, פאַר זייערע אייגענע, פאַשיסטישע צילן.

אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן אין די אייראָפּעישע לענדער: צוערשט קאָמוניסטן, דאַן יידן און צום סוף די פאַרניכטונג פון יעדן פרייען געדאַנק און דער איינשטעל פון פאַשיסטישער רעאַקציע.

אַזוי איז עס געווען אין איטאַליע, ווו דער רעזשים האָט דערלויבט מוסאָליניס שוואַרצע העמדלעך בושעווען אויף די גאַסן פון רוים, אַזוי איז עס געווען אין דייטשלאַנד, ווו דער ברינינג־רעזשים האָט געלאָזן די נאַצישע באַנדעס בושעווען קעגן קאָמוניסטן און יידן, אַזוי איז עס אויך געווען אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן און אין רומעניע.

ליידער האָבן די דעמאָקראַטישע עלעמענטן גאָרנישט געלערנט פון דער נאָענטער, טרויעריקער פאַרגאַנגענהייט. אין זייער שנאה צו קאָמוניזם זעען זיי נישט די גרויסע געפאַר, וואָס דראָט דער געזעלשאַפט מצד די פאַ־שיסטישע כּוחות, וואָס וואַרטן נאָר אויף אַ גינסטיקער געלעגנהייט כּדי צו פאַרניכטן יעדן שפּור פון פרייהייט אין לאַנד.

אין דער אַמעריקאַנער „גרויסער" פּרעסע ווערט דער פּיקסקיל־אינצי־דענט באַדויערט פון דעם שטאַנדפּונקט, וואָס דאָס וועט געבן דער מאָסקווער ראַדיאָ פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל צו אַגיטירן קעגן אַמעריקע. עס באַקומט זיך דער איינדרוק ווי מען וואָלט געהאַט טענות צו די צעיושעטע כוליגאַנעס נישט פאַר זייער פאַשיסטישער האַנדלונג, נאָר דערפאַר וואָס זיי זענען נישט קיין גוטע אַמעריקאַנער פּאַטריאָטן און פאַרשוואַרצן דעם נאָמען פון אַמעריקע אין אויסלאַנד. די דאָזיקע באַציונג מצד דער פּרעסע און ראַדיאָ מוז פירן

צו טרויעריקע משחבות וועגן דער צוקונפט פון בירגערלעכער פרייהייט ביי אונדז אין לאַנד. אַוודאי זענען מיר נאָך ווייט פון פאַשיזם אין אַמעריקע, און אין קיין פּאַניק דאַרף מען צוליב פּיקסקיל נישט אַריינפאַלן. צו לייכט טאָר מען אָבער דעם פּיקסקילער אינצידענט אויך נישט נעמען. די דעמאָקראַטישע און פּראָגרעסיווע אַמעריקאַנער עפנטלעכקייט טאָר נישט לאָזן דעם דאָזיקן פאַל אַדורכגיין גלאַטיק. זי מוז ענערגיש פאָדערן דין־וחשבון פון די, וועלכע זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער עפנטלעכער זיכערקייט, און שטראָף פאַר די שולדיקע.

די זיכערקייט־אָרגאַנען האָבן געהאַט גענוג צייט זיך צוצוגרייטן און אָנצונעמען די געהעריקע שוצמיטלען קעגן די כוליגאַנישע אַרויסטרעטונגען. אַדרבא, זיי האָבן פאַרזיכערט, אַז זיי זענען גרייט פאַר יעדן בויטפאַל. זיי מוזן דעריבער געשטעלט ווערן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זייער דורכפאַל. עס וואַרפט זיך צו שטאַרק אין די אויגן, וואָס גאָווערנאָר דיואי האָט אָנגעשפּאַרט די זיכערקייט פון דער אונטערנעמונג דווקא די זעלבע פּאָליציי־אָנפירערס, וואָס האָבן נישט באַוויזן אָפּצוהאַלטן דעם המון, מיט אַ וואָך פריער, צו שטערן ראָבסאָנען אַדורכצופירן זיין קאָנצערט. עס איז אויך פאַרדעכטיקט, וואָס די פּאָליציי, אין אַ צאָל פון קנאַפּע טויזנט, האָט נישט „באַוויזן״ צו צעטרייבן די כוליגאַנעס, וועמענס צאָל איז אויך נישט געווען גרעסער. אַ געהיימע האַנט האָט דאָ געקירעוועט מיט דער „אַקציע״, וואָס האָט פריי געמאַכט די אַמעריקאַנער גאַסן פאַר אַ צעווילדעוועטן, פאַשיסטישן המון. דער דאָזיקער געהיימער כוח מוז דעמאַסקירט ווערן און געשטעלט ווערן צום משפט, אויב מען וויל באמת פאַרהיטן פון אַן איבערחזרונג פון די פּיקסקילער געשעענישן.

סעפּטעמבער 1949.

קאַמף פאַר ירושלים

דער וואַטיקאַן איז דער גרויסער זיגער אין דעם דראַמאַטישן קאַמף וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף דער אַרענע פון די פאַראייניקטע פעלקער אַרום דעם סטאַטוס פון דער ייִדישער הויפּטשטאָט. דער וואַטיקאַן איז קיין מאָל נישט געווען צו פיל איבערקלייבעריש אין דעם אויסוואַל פון פאַר־בינדעטע, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט פאַר אים אין אויספירן זיינע פּאָליטישע צילן. אויך דאָס מאָל האָט ער געשאַפן אַן אומנאַטירלעכע קאָאַ־ליציע פון כוחות, וואָס די קעגנערשאַפט צו אַ ייִדיש ירושלים איז דער איינציקער פאַקטאָר וואָס האָט זיי צוזאַמענגעבראַכט.

די שאַרפסטע אַרויסטרעטונגען קעגן סאָוויעט־רוסלאַנד, קעגן איר רע־זשים און קעגן יעדן פּלאַן אירן, אויף וועלכן געביט ס׳זאָל נישט זיין, זענען געקומען מצד די פאַרטרעטערס פון די דרום־אַמעריקאַנער מלוכות אין דער יו־ען. דאָס האָבן די דאָזיקע לענדער אַזוי אַרום געפירט דעם קאַמף פון דער קאַטוילישער קירך קעגן דעם געפערלעכסטן שונא פון דעם וואַטי־קאַן, וואָס רייסט אַרויס איין פּאָזיציע נאָך דער צווייטער פון די הענט פון דעם קאַטוילישן קלער און קעגן וועמען עס פירט זיך ממש אַ הייליקער קריג מצד רוים.

סך־הכל מיט עטלעכע טעג צוריק איז אָנגעקומען די ידיעה פון פּראָג, אַז די אָרטיקע טשעכישע קאַטוילישע היעראַרכיע האָט דערקלערט אַ קאַמף דער טשעכישער רעגירונג און אירע דעקרעטן, וואָס באַגרענעצן די מאַכט פון דער קירך און איר השפּעה אויף דער דערציִונג פון די קינדער.

אין גאַנץ מיזרח־אייראָפּע פאַרשפּילט דער קאַטאָליציזם איין פּאָזיציע נאָך דער צווייטער צו דער קאָמוניסטישער מלוכה. אין צענטראַל־ און מערב־אייראָפּע קעמפט זי פאַר איר לעבן קעגן די שטייגנדיקע כוחות פון דער אַרבעטערשאַפט וואָס זעען אין דעם קעמפנדיקן קאַטאָליציזם אַ געפאַר פאַר זייער פּאָליטישן און עקאָנאָמישן קאַמף.

טראָץ אַלעמען אָבער האָט דער וואַטיקאַן זיך נישט אָפּגעזאָגט צו שאַפן

אַ געמיינזאַמען פּראָנט מיט דעם סאָוויעטישן בלאָק, כּדי אַרויסצורייסן די יידישע הויפּטשטאָט פון דער יידישער מדינה.

וואָס איז ירושלים פאַר דעם קריסטנטום ? — דער אויסערן־מיניסטער פון ישׂראל האָט עס טרעפלעך באַצייכנט אין זיין לעצטער אַרויסטרעטונג פאַר דער אַלגעמיינער אַסעמבלי : עס איז אַ הייליקער פּלאַץ, וואָס האָט זיין אָרט אין די תּפילות פון די גלויביקע, אָבער וואָס נאָר זעלטענע אויס־נאַמען פון די וועמען די שטאָט איז הייליק, קענען חלומען פון ווען עס איז אָנקוקן זי פון דער נאָענט.

וואָלט דעריבער געווען יושרדיק מען זאָל די דאָזיקע הייליקע פּלעצער פון קריסטנטום באַשיצן דורך עפּעס אַן אינטערנאַציאָנאַלן אָפּמאַך וואָס זאָל די הייליקייטן אַרויסנעמען פון יידישער יוריסדיקציע.

ישׂראל איז אָבער געווען גרייט צו געבן די וויטגייענדיקסטע גאַראַנטיעס פאַר דעם שוץ פון די קריסטלעכע הייליקייטן, די יידישע מדינה האָט אַפילו געוואָלט איבערלאָזן דער קריסטלעכער וועלט, זי זאָל אַליין באַשטימען וועלכע מאָסמיטלען עס זענען נויטיק אָנצונעמען, כּדי עס זאָלן באַפרידיקט ווערן די זאָרגן פון די פרומע קריסטן וועגן זייערע הייליקייטן — עס האָט נישט געהאָלפן. דער וואַטיקאַן האָט געוואָלט דאָס גאַנצע פונט פלייש און די קאַטוילישע וועלט צוזאַמען מיט דער פּראַוואָסלאַווער קירך און דעם קעמפנדיקן איסלאַם האָבן עס אים אונטערגעטראָגן אַ מתּנה האַרט פאַר קריסטמעס פון הייליקן יאָר 1950...

מען מוז צוגעבן, אַז דער באַשלוס פון דער יו־ען וועגן ירושלים שטעלט מיט זיך פאַר אַ וויכטיקן זיג פון דעם וואַטיקאַן. ער וועט ווייטער, ווי ביז איצט, קענען פאַרשפּרייטן זיין לערע, אַז די יידן זענען פאַר זייערע זינד קעגן דעם דערלייזער אויף אייביק באַשטראָפט געוואָרן צו זיין פאַרטריבן פון זייער הייליקער שטאָט.

וואָס האָט אָבער געוווּנען דער סאָוויעטן־פאַרבאַנד פון דעם דאָזיקן באַשלוס ? וואָס פאַר אַ פּראַקטישע געווינסן וועט ער קאָנען אַרויסציען פון זיין „זיג" ?

עס איז שווער צו געפינען אַן אויסטייטש צו דער סאָוויעטישער פאַר־ביסנקייט קעגן אַ יידישן ירושלים. אין מאָסקווע ווייס מען גאַנץ גוט, אַז די פּראַקטישע אויספירונג פון דעם באַשלוס וועט זיך אָנטרעפן אויף אַ פאַר־ביסענעם ווידערשטאַנד מצד די יידן. אַפילו ווען די היינטיקע רעגירונג פון

ישׂראל זאָל, צוליב טעמים פון אַלגעמיין מדינישן אינטערעס, מסכּים זיין זיך צו בייגן פאַר דעם באַשלוס פון דעם פעלקער־פאַרבאַנד, אַפילו דאַן וועט זי זיין הילפסלאָז קעגן דעם אויפברויז פון עמפּערונג מצד דער ייִדישער באַפעלקערונג פון דעם גאַנצן לאַנד און קעגן דעם אומבויגזאַמען באַשלוס פון דער ירושלימדיקער באַפעלקערונג נישט אָפּצוגעבן די שטאָט צו פרעמד־דער הערשאַפט. יעדע רעגירונג וואָס זאָל מסכּים זיין צו דער אַנטשיידונג פון דער אַסעמבלי איז פאַראורטיילט צו פאַלן אין משך פון 24 שעה.

אָבער אַפילו ווען מען זאָל אָננעמען, אַז אַזאַ רעגירונג וועט זיך יאָ געפינען און זי וועט מקבל באַהבה זיין דעם גזר, וועט נאָך אַלץ שטיין די פראַגע פון אימפּלימענטאַציע; מיטן מאָמענט ווען עס הערט אויף אין ירושלים די יוריסדיקציע פון דער תּל־אָביבער רעגירונג, פאַלט די שטאָט אַרונטער אונטער דער הערשאַפט פון דער באַפעלקערונג פון דער שטאָט. טאָ ווער צווייפלט עס אַז די באַפעלקערונג פון ירושלים וועט אויפהייבן אַ ביטערן קאַמף קעגן יעדן אויסערלעכן אַריינדרינגער? די מאַניפעסטאַציעס וואָס זענען פאָרגעקומען אין דער לעצטער צייט פון דער ירושלימער באַ־פעלקערונג געהערן נישט צו דעם סאָרט „ספּאָנטאַנע" מאַניפעסטאַציעס צו וועלכע מען ווערט געטריבן דורך זשאַנדאַרמסקע בייטשן. דאָס איז געווען דער ערלעכער אויסדרוק פון דער דעצידירטקייט פון די ירושלימער ייִדן צו קעמפן פאַר זייער שטאָט מיט אַלע מעגלעכע מיטלען. עס וועט דערי־בער נויטיק זיין מער, אַ סך מער, ווי די עטלעכע הונדערט יו־ען־זעלנער כּדי צו האַלטן אין צוים אָדער אונטערדריקן די אויפגעשטורעמטע ירושלימער בירגערס.

אין מאָסקווע ווייס מען דאָס זייער גוט און מען שאַצט זיכער אָפּ די סיטואַציע זייער ניכטער. אויב אָבער דער סאָוועטישער בלאָק האָט פון דעסטוועגן געאַרבעט אַזעלכע מעשׂים אַדורכצוזעצן די אויסטראַלישע רע־זאָלוציע, איז עס טאָקע דערפאַר ווייל זי וויל, אַז עס זאָלן זיך אין ירושלים אָנפאַנגען אומרוען וועלכע זאָלן צושמידן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער וועלט. מאָסקווע איז פאַראינטערעסירט, אַז אין דער וועלט אויסער איר איינפלוס־ספערע זאָל נישט זיין רויִק, פונקט אַזוי ווי אירע קעגנערס זענען פאַראינטערעסירט, אַז אין דער סאָוועטישער ספערע זאָלן דער־מוטיקט ווערן די כּוחות וואָס זענען אומצופרידן מיט דעם איינגעשטעלטן פּאָליטישן סדר. עס איז אַ טאָטאַלע קאַלטע מלחמה וואָס שפּרייט זיך אויס

איבער דעם גאַנצן ערדקיילעך און דאָס מאָל זענען די ישׂראלדיקע ייִדן געפאַלן אַ קרבן פון אַט דער קעגנזייטיקער אינטערנאַציאָנאַלער אינטריגע.

מדינת־ישׂראל גייט איצט אַנטקעגן זייער שווערע טעג. עס איז לייכט צו מאַכן דערקלערונגען, וואָס זאָלן באַרויִקן די אייגענע באַפעלקערונג, אַז מען וועט נישט דערלאָזן צו דער אַנווענדונג פון דער יו־ען־רעזאָלוציע. עס איז שווערער די דאָזיקע דערקלערונגען צו פאַרוואַנדלען אין מעשׂים.

ישׂראל איז אַ מיטגליד פון דער פעלקער־אָרגאַניזאַציע, און זי האָט ביז איצט געהאַט אַ ריינעם רעקאָרד פון אויספירן די באַשלוסן פון די אינ־סטאַנצן פון דעם פעלקער־פאַרבאַנד. אַפילו אין די שווערסטע מאָמענטן פון דער מלחמה אין ארץ־ישׂראל, ווען דער גורל פון דעם לאַנד איז געלעגן אויף דער וואָגשאָל, האָט די ישׂראל־רעגירונג זיך אונטערגעוואָרפן די פאַראָרדענונגען פון דעם זיכערהייט־ראַט. טייל מאָל האָבן די דערמאָנטע פאַראָרדענונגען פשוט אַרויסגעריסן דעצידירנדיקע מיליטערישע זיגן פון די הענט פון דער ישׂראלדיקער אַרמיי — ישׂראל האָט אויף אַלץ מוותּר געווען כּדי צו זיין אין איינקלאַנג מיטן ווילן פון דער יו־ען.

איצט ווערט די ייִדישע מדינה געשטעלט פאַר דעם אויסוואַל פון צוויי שלעכטסן: אָדער זיך איינרייסן מיט דער וועלטס געזעלשאַפטלעכער מיינונג, אָדער אויפגעבן איר הויפּטשטאָט. עס וועט זיך פאָדערן זייער אַ גרויסע מאָס פון שטאַטסמענישקייט אַרויסצוגיין בשלום פון אַט דער דילעמע.

עס איז דאָס ערשטע מאָל ווען דעם ייִדישן צד קומט אויס אַרויסצוגיין אין אַ קאַמף קעגן דעם סאָוויעטישן בלאָק אין דער יו־ען. ביז איצט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין ענינים פון ישׂראלס מלוכהשאַפט, זענען די סאָוויעטן שטענדיק געווען אויף אונדזער זייט. היינט זענען די יוצרות איבערגעדרייט. די אַנגלאָזאַקסישע וועלט, אין איר איבערוועגנדיקן רוב, איז געווען מיט אונדז און די גאַנצע געוויכט פון דער קאָמוניסטישער וועלט איז געוואָרפן געוואָרן קעגן אַ ייִדיש ירושלים.

אין דעם פּרט איז אויך די לאַגע פון ישׂראל שווערער ווי פריִער: קעגן אַ שטעלונג פון די מערב־מלוכות איז געווען מעגלעך אַפּעלירן צו דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג פון די דאָזיקע לענדער. נישט איין מאָל, אין משך פון די לעצטע צוויי יאָר איז אונדז אויסגעקומען צו באַנוצן זיך מיט אַט דעם מיטל פון אַפּיל צו דער דעמאָקראַטישער עפנטלעכקייט, און נישט אין

מאָל האָט די אויפגעשטורעמטע עפנטלעכע מיינונג פון אַמעריקע אויסגע־ווירקט אַ ווענדונג פון דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק לטובת אונדז.

אין היינטיקן פאַל איז די־אַ מעגלעכקייט נישט פאַראַן. אין דער וועלט פון דעם קאָמוניסטישן מיזרח פאַרטראָגט מען נישט קיין אָפּאָזיציע קעגן אַ שטעלונג פון דער אייגענער רעגירונג. פאַרקערט: די גאַנצע קאָמוניסטישע פּרעסע וועט אין איין כאָר זינגען הלל צו דעם זיג וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין דער יו־ען קעגן דער „קאַפּיטאַליסטישער רעגירונג” פון ישראל. דער באַשלוס פון דער יו־ען ווערט שוין היינט פאַרגעשטעלט אין דער גאַנ־צער קאָמוניסטישער פּרעסע ווי אַ דערגרייכונג „אין די בעסטע אינטערעסן פון דער יידישער מדינה”. דאָ איז נישט שייך קיין דיסקוסיע און קיין איבערצייגונג. עס איז אַ דעקרעט פון וואַטיקאַן, אין וועלכן קיין גלויביקער טאָר נישט צווייפלען, און עס איז אַ שטעלונג פון קרעמל וואָס קיין קאָמוניסט טאָר נישט אָפּפרעגן.

קיין טובה וועט פון אַט־דעם באַשלוס נישט אַרויסקומען נישט דעם וואַטיקאַן און נישט דעם סאָוויעטישן בלאָק. עס וועט קיין אינטערנאַציאָנאַלער רעזשים אין ירושלים נישט איינגעשטעלט ווערן. אויסער דער קעגנערשאַפט פון ישראל מוז מען אויך בעמען אין אַכט די אַנטשלאָסנקייט פון עבר־הירדן נישט אָפּצוטרעטן פון ירושלים. די דאָזיקע מלוכה איז נישט קיין מיטגליד פון דער יו־ען און דער איינציקער אופן איר צו באַאיינפלוסן איז דורך ענגלאַנד. דערווייל זעען זיך אָבער נישט קיין סימנים, אַז ענגלאַנד זאָל זיין גרייט זיך העפטיק קעגנשטעלן דעם באַשלוס וואָס איז אָנגענומען געוואָרן קעגן איר ווילן.

אין די סאָוויעטישע קרייזן איז מען זיכער נישט אַזוי באַזוו צו מיינען, אַז דער נאמנות־ראַט פון דער יו־ען וועט זיך לאָזן אויפן וועג פון אימ־פּלעמענטירן דעם באַשלוס מיט מיליטערישער גוואַלד.

דעצעמבער 1949

דער נאַציאָנאַלער אונטערגאַנג פון מיזרח־אייראָפּעישן יידנטום

די דאַטע פון 31־טן דעצעמבער 1949 וועט פאַרשריבן ווערן מיט שוואַרצע אותיות אין דער געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק. אין דעם דאָזיקן טאָג איז ענדגילטיק פאַרחתמעט געוואָרן דער אונטערגאַנג פון דעם ישוב־פוילן, פון דעם דאָזיקן יידישן קיבוץ, וועלכער איז אין משך פון לאַנגע דורות געווען דער קוואַל וואָס האָט גענערט און געזעטיקט די שאַפערישע נאַציאָנאַלע כוחות אין דער גאַנצער וועלט. דער ישוב פון וועמענס ברונעם עס האָבן געטרונקען אַלע אַנדערע יידישע ישובים אין לויף פון אַ האַלבן יאָרטויזנט און וועלכער איז צו ערשט פאַרטיליקט געוואָרן פונעם היטלעריסטישן שונא מיט כּלערליי מיתות משונות, אין קרעמאַטאָריעס און אין גאַזקאַמערן, און וועמענס שארית הפליטה, די לעצטע, מיזערנע עטלעכע צענדליק טויזנט יידן, וואָס האָבן איבערגעלעבט דעם בלוטיקן נאַצישן מבול, זענען שפּעטער פאַראורטיילט געוואָרן צו נאַציאָנאַלן אומקום מצד די וועלכע דערקלערן זיך אין פריינדשאַפט צום יידישן פאָלק.

דער 31־טער דעצעמבער 1949 איז געווען דער לעצטער טאָג פון דער עקסיסטענץ פון פאַרבליבענעם בלאַסן איבערבלייב פון יידיש־נאַציאָנאַלער געזעלשאַפטלעכקייט אין פוילן. אין דעם אַ פינצטערן טאָג איז ליקווידירט געוואָרן דאָס לעצטע רעשטל פון נאַציאָנאַל־קאָלעקטיוון יידישן לעבן אין פוילן, וואָס האָט נאָך געזשיפּעט טראָץ אַלע גזירות און פאַרפאָלגונגען וואָס האָבן זיך געשאָטן אויף זיין קאָפּ זייט דעם סוף פון דער מלחמה.

אַ קורצע ידיעה אין די צייטונגען האָט איבערגעגעבן, אַז די פאַראייניקטע יידישע אַרבעטער־פּאַרטיי מפ״ם האָט געקראָגן אַ פאַראָרדענונג מצד דער פּוילישער מאַכט, אַז זי מוז ליקווידירן איר טעטיקייט בישט שפּעטער ווי די דערמאָנטע דאַטע. גלייכצייטיק איז אויך ליקווידירט געוואָרן דער דזשאָינט און אַנדערע יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

אין משך פונעם פאַרגאַנגענעם יאָר זענען כּסדר אָנגעקומען ידיעות

וועגן דער סיסטעמאַטישער ליקווידאַציע פון דעם נאַציאָנאַלן יידישן לעבן אין פוילן: עס איז איינציקווייז אויפגעשטעלט געוואָרן די ממשלה פון דער יעווסעקציע איבער די פוילישע יידן; אַלע אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס זענען באַזייטיקט געוואָרן פון יעדן איינפלוס אין דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די פוילישע יידן, פּאַרטייען און אינסטיטוציעס זענען איינע נאָך דער אַנדערער ליקווידירט געוואָרן, עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ טייוולשע העץ־קאַמפּאַניע קעגן יעדן אויסדרוק פון יידיש־נאַציאָנאַלער טרייהייט אין די שולן, און מיט אַ באַזונדערער אייפעריקער שנאה האָבן די קאָמוניסטן זיך געוואָרפן אויף יעדן סימן פון ציוניסטישער סימפּאַטיע ביי די פוילישע יידן.

אָבער טראָץ אַלעם, האָט זיך געוואָלט האָפן, אַז די קאָמוניסטן וועלן פון דעסטוועגן נישט וואַגן פולשטענדיק אָפּצומעקן דעם נאַציאָנאַלן פּנים פון פוילישן יידנטום, אַז עפּעס וואָס פון דער אַמאָליקער יידישער גלאָריע אין פוילן וועט דאָך אָפּגעראַטעוועט ווערן פון דעם יעווסעקישן חורבן. האָט די יידישע וועלט אונטערגעדריקט איר צער און צאָרן קעגן די ווילדקייטן פון דער פוילישער יעווסעקציע און האָט געשוויגן, אין דער האָפענונג, אַז די וואַנדאַלן וועלן זיך ערגעץ ווו אָפּשטעלן. עס איז געווען אַ ביטערער טעות! דער 31־טער דעצעמבער 1949 האָט פאַרענדיקט, פול־שטענדיק און ענדגילטיק אָפּגעשלאָסן דעם קאַפּיטל יידיש פוילן.

די יעווסעקישע פּרעסע אין דער וועלט האָט, ווי אַלע מאָל אין אַזעלכע פאַלן, אויפגענומען די ידיעה מיט אַ הוראַ־געשריי, מיט אַ ניצחון־רוף און מיט אַ מעלדונג צו דער יידישער וועלט, אַז ענדלעך איז געקומען די ישועה אויך פאַרן פוילישן יידנטום. די קאָמוניסטישע פּרעסע אומעטום באַצייכנט די ליקווידאַציע פונעם פוילישן יידנטום ווי אַ גרויסע נאַציאָנאַלע דער־גרייכונג, וועלכע וועט דערפירן די פוילישע יידן צו דעם „מצב פון דעם סאָוויעטישן יידנטום".

עס איז שווער צו שרייבן רויק וועגן אָט דעם וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט דער טראַגישער שארית הפליטה פון דעם פוילישן ישוב. ווי לאַנג איז עס דען, ווען די אויגן פון דער גאַנצער יידישער וועלט זענען געווען געריכטעט קיין פוילן, ווו עס איז אָנגעגאַנגען אַזאַ פיבערהאַפטע יידיש־נאַציאָנאַלע רענעסאַנס־באַוועגונג. סך־הכל מיט אַ 10–12 יאָר צוריק איז דאָס יידישע פוילן נאָך געווען דער סאַמע צענטער פון אונדזער נאַציאָנאַלן קיום פון אונדזער פאָלקישער שעפערישקייט. אַלע יידישע געזעלשאַפטלעכע

באַוועגונגען האָבן געשעפּט כּוח און מוט פון דעם ברוויזנדיקן יידישן לעבן דאָרט. עס האָט זיך געקאָנט אויסדוכטן, אַז נאָך דער מלחמה אַפילו, ווען ס'איז געבליבן נישט מער ווי אַ שאָטן פון דעם אַמאָליקן ישוב, וועט פון דעסטוועגן מעגלעך זיין אויף די חורבות פונעם אַמאָליקן גלאָררייכן יידישן קיבוץ אויפצובויען כאָטש אַן אָפּשפּליטער פון דעם אַמאָליקן קיבוץ פוילן.

די געשוואָרענע פריינד פון די קאָמוניסטן האָבן געהאַלטן אין איין פאַרזיכערן, אַז דאָס פוילישע יידנטום וועט אויסמיידן דעם גורל פון דעם רוסישן ישוב, אַז דאָרט וועט געפלעגט ווערן די יידישע קולטור און עס וועט בהדרגה צוריק אויפגעבויט ווערן, הגם אין אַ קליינעם פאַרנעם, די טראַדיציע פון דעם יידישן שאַפערישן פוילן אויף נייע, „פאָלקס־דעמאָקראַטישע" יסודות.

די וואָס קענען די קאָמוניסטן האָבן זיך נישט געמאַכט קיין איבעריקע אילוזיעס וועגן דעם. די וואָס קענען די יידישע קאָמוניסטן האָבן געוווסט, אַז דער דאָזיקער פאַררעטערישער עלעמענט ביי יידן איז אָרגאַניש נישט פעיק עפּעס וואָס צו בויען אין דעם יידישן לעבן. זייער ראָלע איז פון די מהרסים און מחריבים, זייער אויפגאַבע איז עוקר מן השורש צו זיין יעטווידן סימן פון יידישקייט, אין וועלכער פאָרעם עס זאָל נישט זיין.

נישט בלויז איז געשטאַנען פאַר די אויגן דער טרויעריקער ביישפּיל פון סאָוויעט־רוסלאַנד גופא וווּ עס ווערט אָפּגעמעקט יעדער שפּור פון יידישן קאָלעקטיוון לעבן און שאַפן, וווּ עס איז די קאָמוניסטן געלונגען אין בלויז דרייסיק יאָר צו פאַרוואַנדלען אַ בליענדיקן יידישן ישוב אין אַ בית־הקברות — עס איז אויך אויפגעשווומען די גאַנצע טרויעריקע געשיכטע פון יעווסעקישן פאַראַט אין משך פון די לעצטע דרייסיק יאָר, זייער משוגענע ליידנשאַפט צו באַשפּייען אַלץ וואָס איז געווען שאַפעריש און פּאָזיטיוו אינעם יידישן לעבן אומעטום. זייער צעבערעכערישע אַרבעט אין אַלע יידישע אינסטיטוציעס, זייער דעגענערירטע פרייד מיט די אַראַבישע פּאָגראָמען אין ארץ־ישראל אונטער דער מאַנדאַטן־מאַכט, זייער סאַדיסטישע שׂנאה צו אַלץ וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געשאַפן.

ביי די וואָס האָבן געקענט די מענטאַליטעט פון אָט די נייע נוצרים אין אונדזער געשיכטע, איז לכתחילה נישט געווען קיין ספק, אַז זיי וועלן נישט דערלאָזן צו וועלכער ס'איז אויפלעבונג פון יידיש־נאַציאָנאַלער אַקטיוויטעט אין פוילן.

עס האָבן זיך אָבער געפונען געגוג נאַיווע מענטשן אין דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט וועלכע זענען מיטגעריסן געוואָרן מיט די טרייהייט־שבועות פון די קאָמוניסטן נאָך גראָמיקאָס דעקלאַראַציע וועגן אַ ייִדישער ארץ־ישׂראל, און זיי האָבן אָנגעהויבן טראַכטן אַז אפשר זענען זיי חוזר בתשובה. און, דעם אמת געזאָגט, האָט זיך עס אַזוי געוואָלט גלויבן, אַז דער גאָלגאָטאַ־וועג פון דעם מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום האָט זיך סוף־כּל־סוף פאַרענדיקט!

ווי ביטער אַלע זענען אָפּגענאַרט געוואָרן! ביי קאָמוניסטן איז נישטאָ קיין האַלבע אַרבעט. איין מאָל, מיט פערציק יאָר צוריק איז נגזר געוואָרן אַז עס איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי אַ ייִדיש פאָלק, און דאָס איז גילטיק לעולם־וָעֶד!

איז אַרויסגעקומען איליאַ ערענבורג דער ערשטער מיט זיין באַרימטער תורה אין וועלכער ער חוזקט אָפּ פון אַ ייִדישן וועלטפאָלק און נאָך דעם איז עס שוין ביי זיי געגאַנגען ווי געשמירט. די „פּראָפעסאָרן" אַ לאַ לוצקי פון דער מאָסקווער אַקאַדעמיע און די פּראָפעסיאָנעלע יעווסעקעס פון דער „פרייהייט" האָבן נאָכגעזאָגט אמן און האָבן זיך גענומען פאַר אַן אויפגאַבע צו פאַרשרייען די ייִדישע וועלט און פאַרצושטעלן דעם חורבן פון דעם מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום ווי די אמתע דערלייזונג.

דער קאַנאַדער קאָמוניסט, ליפשיץ, פאַרכּליניעט זיך פשוט אויף די שפּאַלטן פון דער „פרייהייט" וועגן די ישועות ונחמות וואָס דאָס פּוילישע ייִדנטום האָט דערגרייכט אַ דאַנק דעם וואָס אַלע אינסטיטוציעס זענען איבער־געגאַנגען צו דער רעגירונג. ער פרייט זיך גאָר שטאַרק מיט דעם ייִדישן טעאַטער אין פּוילן, וואָס גייט איבער אין רעגירונגס־זאַלן און ווערט אויס־געהאַלט מצד דער רעגירונג.

דערמאָנט עס גאָר שטאַרק אין דעם מאָסקווער ייִדישן טעאַטער מיט וועלכן די קאָמוניסטן שטעכן די אויגן פון אַלע די וועלכע וואַגן צו רעדן אַ שלעכט וואָרט וועגן דעם ביטערן גורל פון דעם ייִדישן ישוב אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. ווי נאָר מען באַקלאָגט די דאַליע פונעם רוסישן ייִדנטום הייבט זיך אויף אַ געשריי אַז מען מאַכט נעבעך אַ בילבול אויף די סאָוויעטן, והא ראיה, אין מאָסקווע שפּילט דאָך דאָס ייִדישע טעאַטער!...

לעצטנס האָבן זיך גענומען מערן די איוב־ידיעות פון דעם רומענישן פראָנט. עס הערט זיך ממש אַ ווייגעשריי פון דעם רומענישן ייִדנטום איבער דעם פּאָגראָם וואָס ווערט אויסגעפירט איבער דעם נאַציאָנאַלן לעבן

פון דעם אָרטיקן ישוב: געשלאָסן אַלע יידישע אינסטיטוציעס, געלייגט אין חרם אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס, געוואָרפן אין תּפיסה די ציוניסטישע טוערס, פאַרמאַכט די יידישע שולן און אויסגערוימט יעדן סימן פון נאַציאָנאַלער דערציִונג.

האָבן די קאָמוניסטן אין אָנהויב געפּרוּווט לייקענען, לא דובים ולא יער. אָבער ווען די נייעס האָט זיך באַשטעטיקט און ס'איז נישט געווען מעגלעך מער צו לייקענען האָבן זיי אַרויסגענומען דעם שם המפורש פון יידישן טעאַטער און געוואַלדעוועט, אַז אין רומעניע ווערט דאָס יידישע טעאַטער אויסגעהאַלטן פון דער מלוכה און „ליבכען וואָס ווילסטו נאָך" ?

דאָס זעלבע פּרוּוון איצט די קאָמוניסטן טאָן בנוגע דעם פּוילישן יידנטום. דעם קאַלטן פּאָגראָם אויף דעם יידישן נאַציאָנאַלן לעבן פאַרשרייט מען מיט דעם פאַרמלוכישטן טעאַטער.

פאַראַן אַזעלכע וואָס ווילן געפינען אַ זכות אויף דעם נייעם פּוילן: באשר די פּוילישע רעגירונג איז גאָט די נשמה שולדיק, זי פירט אַ ליבעראַלע פּאָליטיק לגבי אירע יידן, ניט מער, די יעווסעקעס בושעווען דאָרט און די רעגירונג איז מאַכטלאָז קעגן זייערע עקסצעסן.

איז דאָס אַ פּוילער תּירוץ. קאָמוניסטישע רעגירונגען זענען נישט אַזעלכע נעבעכלעך, אַז זיי זאָלן לאָזן עפּעס אַ פּאָר יעווסעקעס קרייצן זייערע פּלענער אין אַזעלכע וויכטיקע פראַגעס ווי עס איז באַציִונגען צו זייערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. ניין! דאָס איז די קאָמוניסטישע אַלגעמיינע ליניע, וועלכע ווערט קאָנסעקווענט דורכגעפירט אין אַלע לענדער ווו זיי זענען ביי דער מאַכט.

די ידיעות וואָס קומען אָן פון פּוילן דערציילן, אַז די יידן, וואָס עס ווערט זיי דערלויבט אַרויסצופאָרן קיין ישראל ווערן פון דאָרט אַרויסגעלאָזט בעירום ובחוסר כל. מען נעמט ביי זיי צו זייערע לעצטע קלייניקייטן ווי שטוב־חפצים, קליידער, אַרבעטס־מכשירים און דאָס גלייכן. דאָס קאָן שוין זיכער נישט זיין די אַרבעט פון בלויז יידישע קאָמוניסטן. דאָס זענען שוין ענינים וואָס געהערן צו מלוכה־אָרגאַנען. וואָס פאַר אַ תּירוץ וועלן די קאָמוניסטישע פריינד געבן דערויף ?

עס איז צייט, אַז די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט זאָל זיך דערוויסן פון די מעשׂי־תּעתּועים לגבי דעם האַלבן מיליאָן לעבנגעבליבענע יידן נאָכן חורבן־איראָפּע.

מען רעדט אַ סך וועגן דער שווידערלעכער לאַגע פון די ייִדן אין די אַראַבישע לענדער. עס ווערט דערציילט וועגן די דיסקרימינאַציעס און איבערפאַלן קעגן די ייִדן אין איראַק און אין אַנדערע אַראַבישע לענדער.

איז טאַקע אמת, אַז אין די מיזרח־אייראָפּעיִשע לענדער איז דער פיזישער קיום פון ייִדן נישט באַדראָט. אַדרבא, אַנטיסעמיטיזם ווערט באַטראַכט ווי קרימינעלער פאַרברעכן און שאַרף באַשטראָפט — וואָס שייך אָבער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אַנטוויקלונג געפינען זיך די מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן אין אַ זייער גרויסער געפאַר. עס דראָט זיי די סכּנה אָפּגעווישט צו ווערן אַזוי ווי עס איז שוין כּמעט פאַרשוואונדן דער רוסישער ישוב.

קעגן דער דאָזיקער סכּנה מוז מען אַלאַרמירן די ייִדישע געזעלשאַפט און עס מוז אונטערגענומען ווערן אַן אַנטשיידענער קאַמף פאַר אָפּראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך אָפּראַטעווען פון אָט דער נאַציאָנאַלער שׂרפה.

אַוודאי איז אַ גרויסער ספק צי, ביי די איצטיקע פאַרהעלטענישן אין דער וועלט, ווען עס גילט דער כּלל פון כּל דאלים גבר, ווו יעדער מאָראַלישער באַגריף ווערט אויסגעחוזקט ווי בטלנות, אַז אין אָט דער סיטואַציע וועט מעגלעך זיין אויפצוטאָן עפּעס ממשותדיקעס לטובת דעם אומגליקלעכן האַלבן מיליאָן אונדזערן אין מזרח־אייראָפּע. מיר וואָלטן אָבער נישט געקאָנט זיך ריינוואַשן פאַר דער געשיכטע אויב מיר זאָלן שווייגנדיק אַריבערגיין צום טאָג־אָרדענונג איבער דעם דאָזיקן טרויעריקן קאַפּיטל און נישט אויפהויבן אונדזער שטימע אין ביטערן פּראָטעסט.

קיבוץ־גלויות

זינט מיר האָבן זיך אויף ס'ניי קאָנסטיטויִרט ווי אַ זעלבסטשטענדיק פאָלק אויף אייגענעם באָדן איז פאָרגעקומען אַזאַ גרינטלעכע טראַנספאָר־מאַציע פון אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן, אַז יעדע טווּנג אונדזערע אין דער גאַנצער וועלט, אין יעדן יידישן ישוב, איז אָדער אַ דירעקטער רעזולטאַט פון דעם גרויסן באַפרייונגס־אַקט, אָדער איז אויסגערעכנט צו זיין אין איינקלאַנג, אין האַרמאָניע מיט דעם רענעסאַנס־פּראָצעס, וואָס וויקלט זיך דאָרט פונאַנדער.

איידער די יידישע וועלט האָט נאָך באַוויזן זיך אַרומצוקוקן און אָפּצו־כאַפּן דעם אָטעם, האָט אָט דאָס קליינע לענדעלע ביי די ברעגעס פונעם מיטללענדישן ים אונדז אַריינגעצויגן אין איר ווירקונגס־ספערע, האָט אויס־געשפּרייט איר השפעה אויף אַלע אונדזערע טעטיקייטס־געביטן און אונדז אַלעמען אַוועקגעשטעלט מיט די בליקן צום מיזרח, ווו עס ווערט טאָג נאָך טאָג אויסגעהאַמערט דער פאָלקס־גורל.

גרויסע יידישע קיבוצים אין חוץ־לארץ גייען ווייטער אָן מיט זייער אַרבעט און בוי. דאָס יידישע לעבן אין אַ טייל פון אָט די לענדער האָט נישט פאַרלוירן גאָרנישט פון דער וויטאַליטעט, מיט וועלכער עס האָט זיך אויסגעצייכנט אין משך פון לאַנגע דורות. גרויסע נאַציאָנאַלע שאַפונגען ווערן נאָך אַלץ אַרויסגעפּישופּט פון די טיפעניש פון די פאָלקסמאַסן — אַלע די דאָזיקע דערגרייכונגען אָבער בילדן בלויז באַזונדערע שטראָמען און שטראָמעלעך, וואָס פליסן אין דער ריכטונג פון דעם גרויסן נאַציאָנאַלן קוואַל, פון דעם גרויסן ים, ווו עס זאַמלען זיך די פאָלקס־אוצרות פון בוי און שאַפערישן אויפשטייג און ווערן צוזאַמענגעשמאָלצן אין איין מעכטיקן אינסטרומענט פון אַלנאַציאָנאַלן ווידערגעבורט. מדינת־ישראל האָט זיך אַריינגעוואַקסן אין אונדזער לעבן מיט אַ נאַטורקראַפט וואָס האָט באַצוווּנגען אונדזער גאַנץ וועזן, ווייל זי האָט געגעבן אַ נייעם זין אונדזער עקסיסטענץ.

עס איז שווער צו ציִען סך־הכלען פון גאַנצע יאָרן קיום פון דער יידישער

מדינה. אַז יעדער טאָג דאָרטן איז אָנגעפּילט מיט אַזוי פיל נאַציאָנאַלער גבורה און בראשיתדיקן פּאַטאָס!

דאָך וועלן די יאָרן פון דער יידישער מדינה קאַטאַלאָגירט ווערן אין אונדזער געשיכטע לויט די וויכטיקסטע דערגרייכונגען זייערע.

דאָס ערשטע יאָר איז אַריין אין דער אייביקייט מיט דעם צייכן פון נאַציאָנאַלע, זיגרייכע מלחמות. נישט בלויז אין די יידישע אַנאַלן וועט פאַרשריבן ווערן די גבורה פון אונדזערע העלדן וואָס האָבן באַזיגט אַ וועלט פון רשעים, אויך אַנדערע וועלן פאַרגאַפּטע לייענען די לעגענדע פון אונדזערע קינדער־גיבורים, וואָס האָבן מיט נאַקעטע הענט געקעמפט קעגן די מאָדערנסטע כלי־זין און זיי בייגעקומען.

דאָס צווייטע יאָר קריצט זיך איין אין אונדזער געשיכטלעכן גאַנג מיט נישט קיין קלענערער גבורה. עס איז דאָס יאָר פון קיבוץ־גלויות.

מיט ניסים איז אַנטשטאַנען די מדינה — מיט נישט קיין קלענערע ניסים ווערט זי געבויט און אַנטוויקלט.

לאַנגע יאָרן האָבן מיר זיך געמאַטערט איבערן פּראָבלעם פון אַ פאָלק אָן אַ לאַנד. צענדליקער יאָרן האָט אונדזער יוגנט, מיט אומגעהערטער מסירת־נפש געבויט פּאָזיציע נאָך פּאָזיציע אינעם לאַנד. פאַר יעדן שפּאַן ערד איז באַצאָלט געוואָרן מיט אוצרות גאַנצע צו די פרעמדע באַזיצערס און מיט ימים פון ענערגיע פון אונדזערע קינדער. אָבער ווען עס איז געקומען די צייט ווען דאָס לאַנד איז שוין ווי עס איז געווען גרייט צו ענטפערן אויף דער נויט פון דעם פאָלק, וואָס האָט זיך געריסן אַהיים, געיאָגט און פאַרפאָלגט פון אַכזריותדיקע שכנים, ווען הונדערטער טויזנטער יידן פון פוילן און פון דייטשלאַנד און פון אַלע אַנדערע לענדער פון מיזרח־אייראָפּע האָבן זיך געצויגן צום אויסגעחלומטן לאַנד וואָס זייערע קינדער האָבן פאַר זיי צוגעגרייט — האָט דער האַרצלאָזער אָקופּאַנט אָפּגעשלאָסן די טויערן פון דעם מקום־מיקלט און מיט טייוולאָנישער רציחה געשטערט דער באַהעפטונג פון פאָלק מיט זיין אייגן לאַנד. דאָרט, אין דער אַלטער וועלט, איז דאָס פאָלק אָפּגעגאַנגען אין טייכן בלוט און דאָ אינעם לאַנד זענען זיינע בעסטע זין און טעכטער געשטאַנען הילפלאָזע און פאַרצווייפלטע און האָבן מיט אומצאָליקע קרבנות באַצאָלט פאַר דעם עפענען פון יעדער קליינער שפּאַרונקע כדי אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט אַדורכצושלייכן זיך דורך דער בריטישער בלאָקאַדע און אויפצונעמען וויפל עס האָט זיך נאָר

געלאָזן פון די פאַרצווייפלטע קרבנות פון די כוואַליעס פון גיפטיקער שׂנאה וואָס האָבן זיך געטראָגן איבערן אייראָפּעישן קאָנטינענט. אַ פאָלק אַ גאַנצס, אַ פאָלק פון מיליאָנען האָט זיך געריסן צו זיין לאַנד און דאָס לאַנד איז נישט געווען פריי, געווען פאַרצוימט מיט שטעכיקן דראָט, אַרומגערינגלט מיט אַ קייט פון בלוטיקע שׂונאים וואָס האָבן געוואַרט אויף דער ערשטער געלעגנהייט אויך דאָס לאַנד צו פאַרוויסטן אַזוי ווי דאָס פאָלק איז פאַרוויסט געוואָרן אין גלות.

דאָס פאָלק איז געווען — דאָס לאַנד האָט געפעלט.

און דאָס ראָד פון דער אַלטער יידישער געשיכטע האָט זיך ווייטער געדרייט און האָט, ווי דער שטייגער זיינער, געשאַפן נייע סיטואַציעס און נייע, פונקט קאַפּויערדיקע פּראָבלעמען.

דער אָקופּאַנט איז מיט חרפּה פאַרטריבן געוואָרן, די שכנים פון אַרום און די שכנים פון אינעווייניק זענען געשלאָגן געוואָרן פון יידישע גיבורים און דאָס לאַנד איז פריי געוואָרן. אויפגעפּראַלט זענען געוואָרן די טויערן פונעם לאַנד פאַר אַלע וואָס ווילן און קאָנען קומען און אַפילו פאַר די וואָס קאָנען שוין אַליין נישט קומען נאָר מען מוז זיי קומען נעמען.

צו שפּעט!

דאָס פאָלק איז שוין געלעגן אַ פאַרברענטס, אַ פאַרמוטשעטס אין די טויטלאַגערן פון אָשוויענטשים און מאַידאַנעק. זעקס מיליאָן, דאָס האַרץ פונעם פאָלק, האָבן זיך נישט דערוואַרט אויף דער גאולה. די טויערן פונעם לאַנד האָבן ליידיק געגלאָצט אין דעם חלל, געוואַרט אויף די גרויסע שטראָמען וואָס זאָלן זיך אַריבערגיסן איבער די ברעגעס פונעם מיטללענדישן ים, און אָנגעקומען זענען ריטשקעלעך, קליינע גרופּעס פון שארית־הפליטה, אַ זכר לחורבן.

דאָס לאַנד איז אויסגעוואַקסן. שוין נישט פון דן ביז באר־שבע, נאָר פון דן ביז אילת! טויזנטער פון די בעסטע קינדער האָבן מיט זייערע לייבער באַשיצט און געהיט דעם נגב, דעם גאַנצן נגב. כדי עס זאָל זיין פּלאַץ פאַר דעם פאָלק וואָס וועט קומען. דער נגב מוז זיין יידיש — מען מוז אים באַפרוכפּערן און באַוווינען.

און דאָס לאַנד וואַרט אויף זיינע קינדער וואָס זאָלן קומען און עס באַצווינגען, און עס באַוווינען, און עס פאַרטיידיקן.

אַ לאַנד אָן אַ פאָלק!

האָט זיך אָבער די תּקופה פון ניסים פאַר אונדז נישט געשלאָסן. עס זענען נאָך ווייט נישט אויסגערונען די רעזערוועס פון אונדזער פאָלקס־כּוח. עס זענען אויפגעשטאַנען צום לעבן אויך נייע ייִדן. פון די טיפענישן פון דער שוואַרצער אַפריקע און פון די הייסע וויסטענישן פון דעם אַראַבישן מידבר זענען זיי אָנגעפלויגן מיט רעש און מיט גאולה־שטורעם.

ייִדן וואָס האָבן געלעבט אין משך פון הונדערטער דורות אויפן ראַנד פון נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג, ייִדן וואָס זענען געגאַנגען זייער לאַנגן גע־שיכטלעכן גאַנג ביי דער זייט פון דעם גרויסן היסטאָרישן שליאַך און וואָס האָבן זיך איצטער גענומען פאַרזעצן דעם איבערגעריסענעם וועג פון אייראָ־פעיִשן ייִדנטום.

פון אַלזשיר און פון תּימן, פון מאַראָקאָ און פון טוניס, פון די פאַר־וואָרפנסטע ווינקלען שטראָמען זיי, אַזוי ווי עס וואָלטן אויף אַן אמת אויפ־געשטאַנען די פאַרלאָרענע עשׂרת־השבטים און זיך געשטעלט צום רוף פון דער ייִדישער געשיכטע!

און עס ציִען זיך די מחנות פון דער גאַנצער וועלט צו די ברעגעס פונעם הימלאַנד. טויזנט אַ טאָג, צענדליקער טויזנטער אַ חודש. מיט שיפן און מיט עראָפּלאַנען קומען זיי אָן, אַלטע און יונגע, קראַנקע און געזונטע, קינדער און דערוואַקסענע, קיבוץ־גלויות!

און אַזוי ווי דאָס לאַנד בויט זיך, אַזוי שפּרייט עס אויס זיינע פליגלען איבער דער גאַנצע ייִדישער וועלט. עס איז שוין דאָ ווער עס זאָל מאָנען פאַר ייִדישע עוולות, עס איז שוין אויפגעשטאַנען אַ גואל פאַר ייִדיש בלוט. און וואָס מער עס קומען אַריין אין לאַנד, אַלץ מער דורשט עס נאָך נייע עולים, און ווי איין גלות ווערט אויסגעליידיקט, אַזוי הייבט מען אָן צו שעפּן פון אַ צווייטן, אַ דריטן, ביז עס וועט אויפהערן גלות ביי ייִדן.

נעכטן תּימן, היינט בבל און און מאַרגן?

דער מאַרש פון קיבוץ־גלויות האָט זיך אָנגעפאַנגען, ער פאַרפלייצט ישובים גאַנצע, ער טרייסלט אויף מדינות, נישטאָ פאַר אים קיין אָפּהאַלט. פאַרמאַכטע גרענעצן עפענען זיך בעל כּרחם. גייען עליה־שטראָמלעך פון רומעניע, און עס רייסן זיך ייִדן טראָפּנוייז פון אונגאַרן, און פוילן, די מדינה, וואָס פאַרענדיקט שוין אין גאַנצן דעם קאַפּיטל טויזנט יאָר ייִדן. פון זיבעציק אומות און לשונות גייען זיי אויף אין לאַנד פון זייערע עלטערן, אין דער מדינה פון זייערע קינדער. און דאָרט ווערן זיי איבערגעשמידט אין דער

קוזשניע פון נאַציאָנאַלן ווידערגעבורט און זיי ווערן מעור אחד, פון איין גוס, פון איין נאַציאָנאַלן אָטעם.

אַ רומרייך יאָר איז עס געווען, וואָס אַלע אַנדערע יאָרן פון אונדזער לאַנגער געשיכטע וועלן אַרויפקוקן צו אים מיט שטאָלץ, מיט פרייד און גלײַכגילטיקער האָפענונג.

1950.

דאָס יידן־פּראָבלעם אין מיזרח־אייראָפּע

בלויז מיט עטלעכע יאָר צוריק וואָלטן אַפילו קעגנערס פון קאָמוניזם געהאַלטן אַז אַזאַ קעפּל איבער אַן אַרטיקל שמעקט מיט פאָראורטייל קעגן די לענדער פון מיזרח־אייראָפּע. האָבן דען די קאָמוניסטישע לענדער נישט איינגעפירט פולע גלייכבאַרעכטיקונג פון ראַסן און פעלקער אין זייערע קאָנסטיטוציעס? זענען דען אין זייערע שטראָף־קאָדעקסן נישט פאַראַן קיין שאַרפע שטראָפן פאַר אויסדרוקן פון אַנטיסעמיטישער דיסקרימינאַציע אויף וועלכן ס׳איז געבויט פון מלוכישן לעבן? זענען דען נישט פאַראַן יידן אויף הויכע אַמטן אין יעדן פעלד פון געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט?

דאָס אַלץ איז טאַקע אמת. אין די פּאַפּירן און מלוכה־דאָקומענטן זענען יידן פולשטענדיק גלייכבאַרעכטיקטע בירגערס פון די לענדער, וווּ זיי וווינען. נאָך מער, פאַראַן פאַלן ווען די וואָס שטייען ביים רודער פון אַ געגעבענער קאָמוניסטישער מדינה, באַמיִען זיך בפירוש צו באַשיצן די יידישע בירגערס קעגן אַנטיסעמיטישע אויסברוכן.

פון דעסטוועגן האָט די לעצטע צייט געבראַכט אַזעלכע טרויעריקע ידיעות וועגן דעם לעבן פון די יידן אין די סאָוויעטישע לענדער, אַז די וועלט־אָרגאַניזאַציעס פון יידישן פאָלק זענען געצוווּנגען געוואָרן אויפֿצושטעלן די פראַגע פון אַנטיסעמיטיזם אין די סאָוויעטישע לענדער ווי אַ ברענענדיקן פּראָבלעם פון דער היינטצייטיקער יידישער ווירקלעכקייט.

כרושטשעווס אַנטי־סטאַלין־רעדע אויפן 20־טן קאָמוניסטישן קאָנגרעס האָט טאַקע נישט באַרירט די יידן־פראַגע דירעקט, אָבער זיינע אַלוזיעס צו דעם אַרעסט פון די דאָקטוירים האָט אַ ביסל אויפגעהויבן דעם שלייער, אין וועלכן עס איז דורך לאַנגע יאָרן געווען איינגעהילט די פּאָזיציע פון דעם סאָוויעטישן יידנטום און די צרות וואָס די יידן דאָרט האָבן געהאַט אויס־צושטיין אונטער סטאַלינען. ווען עס האָבן זיך אָבער שפּעטער, אַ דאַנק דער דעסטאַליניזאַציע־פּאָליטיק, געעפנט אַ ביסל די טויערן פון די סאָוויעטישע גרענעצן און עס איז געוואָרן מעגלעך פאַר אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן

אַריינצוקוקן אַ ביסל טיפער אין דעם וואָס עס קומט פאָר אין דער סאָוויע־טישער אימפּעריע, האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אַ שוידערלעך בילד פונעם חורבן פון רוסישן יידנטום.

אַפילו די געטרייע, געשווירענע רוסישע קאָמוניסטן האָבן מער נישט געקענט אָפּלייקענען די פאַקטן פון אָפענעם ווילדן אַנטיסעמיטיזם וואָס איז פּראַקטיצירט געוואָרן אין רוסלאַנד אין משך פון לאַנגע יאָרן, און וועמענס רעזולטאַטן פאַר דעם אָרטיקן יידישן ישוב שטייגן איבער יעדע שוואַרצע פאַנטאַזיע.

זיי, בעיקר די יידישע קאָמוניסטן, האָבן אָנגעהויבן ליאַרעמען וועגן „אונדזער וויטיק און אונדזער טרייסט". עס האָט ביי זיי געהייסן, אַז נאָך דעם ווי דער קולט פון יחיד איז באַזייטיקט געוואָרן, וועט מען אָנהייבן פאַרריכטן די עוולות קעגן די סאָוויעטישע יידן און מען וועט צוריק אָנהייבן אויפבויען דאָס יידישע לעבן.

נו, האַלטן מיר שוין אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר נאָך כרושטשעווס רעדע און נישט נאָר איז נאָך גאָרנישט געטאָן געוואָרן כדי אויסצובעסערן די לאַגע, נאָר עס גייט גאָר אויף אַ וועג פון פאַרשטאַרקטע דיסקרימינאַציעס. כרוש־טשעוו האָט גאָרנישט בדעה צו פאַרריכטן די סטאַלין־ליניע בנוגע יידן. ער איז גרייט אָדער (גרייט געווען) צו מילדערן די געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספערע אין רוסלאַנד און לויזער צו מאַכן די קייטן, אין וועלכע עס האָבן זיך געשטיקט די צענדליקער נאַציאָנאַליטעטן אין דער סאָוויעטישער רעפּובליק. אָבער בנוגע יידן האָט ער אָנגענומען אַ פול מויל מיט וואַסער אין זיין דעסטאַליני־זאַציע־רעדע. אויף דעם געביט בלייבט נאָך אַלץ ביים אַלטן: „קראָמיע יעווריעוו" !

דעלעגאַציעס פון פאַרשיידענע לענדער, קאָמוניסטישע, נישט־קאָמוניס־טישע און אַנטי־קאָמוניסטישע זענען, אין משך פון פאַרגאַנגענעם יאָר, געווען די געסט פון דער סאָוויעטן־רעגירונג; כמעט אַלע האָבן אויפגענומען די פראַגע פונעם סטאַטוס פון דער יידישער מינדערהייט מיט די וואָרט־זאָגערס פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און רעגירונג. — דער רעזולטאַט פון די אַלע געשפּרעכן רעדוצירט זיך צו איין אויספיר: אין רוסלאַנד ווערט אָפיציעל פּראַקטיצירט אַנטי־יידישע דיסקרימינאַציע !

ניקיטאַ כרושטשעוו האַלט, אַז יידן זענען נישט פּאַטריאָטיש גענוג אַז זיי זאָלן קאָנען, אין קאָמפּאַקטע מאַסן, וווינען אין באַשטימטע רוסישע

טעריטאָריעס (דערמאָנט עס נישט אין דעם גירוש פון יידן פון די פוילישע גרענעץ־געביטן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה?). מאַדאַם פורצעוואַ, אַן־געזעענער מיטגליד פון פּאָליטביוראָ, דערקלערט אַז יידן ווערן באַזייטיקט פון הויכע פּאָזיציעס אין דער רעגירונג ווייל זיי פאַרנעמען אַזעלכע אַמטן מער ווי עס קומט זיי לויט זייער פּראָפּאָרץ אין דער באַפעלקערונג און בכלל ווערט נישט דערלויבט קיין שום אויסדרוק פון יידיש־געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט.

פון אַלע באַריכטן ווערט אויך קלאָר, אַז די יידישע באַפעלקערונג אין רוסלאַנד לעבט אין אומזיכערקייט וועגן איר גורל און איז רעדוצירט געוואָרן צו אַ סטאַטוס פון צווייט־קלאַסיקע בירגערס.

די דאָזיקע לאַגע שטעלט אַוועק פאַר דער יידישער געזעלשאַפט אַ זייער שווערן פּראָבלעם: וואָס קאָן געטאָן ווערן כדי צו פאַרבעסערן די יידישע לאַגע אין רוסלאַנד? און ווי אַזוי קאָן מען ווירקן אויף די קאָמוניסטישע מאַכטהאָבערס אַז זיי זאָלן, צום ווינציקסטן, דערלויבן אַ טייל פון די רוסישע יידן אַרויסצופאָרן, אויסצוואַנדערן אין אַנדערע לענדער, וווּ זיי זאָלן קאָנען פון דאָס ניי בויען זייער אייגן לעבן אויף יסודות וואָס אַנטשפּרעכן זייערע טראַדיציעס און זייערע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס.

דאָס איז נישט קיין פראַגע פון ציוניזם און מדינת־ישראל. אַלע אַזוי גערופענע אידעאָלאָגן פון „קאַמף אויפן אָרט”, אַלע מינים קאָמוניסטן און בונדיסטן וואָס ווערן אויפגעציטערט ווען מען דערמאָנט די פראַגע פון עמיגראַציע פון וועלכן עס איז לאַנד, באַגייען דאָ פשוט אַ פאַרברעכן קעגן די מיליאָנען יידן פון סאָוויעט־רוסלאַנד. אויב מען זאָל אַפילו אָננעמען אַז קאַמף פאַר גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן קען באַווייזן אָפּצושאַפן דיסקרי־מינאַציעס אין לענדער ווו עס איז פאַראַן אַן אומאָפּהענגיקע געזעלשאַפטלעכע מיינונג, מיט וועלכער עס מוז זיך רעכענען די רעגירונג פון אַ דעמאָקראַטיש לאַנד, איז דער דאָזיקער מאָטיוו בפירוש אומגילטיק בנוגע טאָטאַליטאַרע רעזשימען, ווו דער ווילן פון דער רעגירונג איז געזעץ, חוק בל יעבור.

אַזוי ווי די לאַגע איז איצט, זענען נישט פאַראַן קיין שום אויסזיכטן אַז די סאָוויעט־רעגירונג באַטראַכט די מעגלעכקייט פון פרייער אויס־וואַנדערונג פון די רוסישע יידן אין לענדער וואָס זיי, די יידן וועלן אויס־ווילן. אַזאַ פּאָליטיק וואָלט פון דער רוסישער געזעלשאַפט באַטראַכט געוואָרן ווי פּריווילעגירן די יידן קעגן אַנדערע טיילן פון דער באַפעלקערונג, וואָס

וואָלטן זיכער אויך זיך אָנגעכאַפּט אין אַ געלעגנהייט אויסצוואַנדערן פון זייער היימלאַנד. דער איינציקער אויסוועג וואָלט געווען פרייע אויסוואַנדערונג קיין מדינת־ישׂראל.

אַנדערע קאָמוניסטישע לענדער האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין דעם אויסוועג און האָבן אין באַשטימטע צייטן דערלויבט זייערע יידן אויסצוואַנדערן אין דער יידישער מדינה. אַזוי האָט, מיט יאָרן צוריק, די טשעכישע רעגירונג דערלויבט אַ גאַנץ ברייטע עמיגראַציע פון טשעכישע יידן קיין ישׂראל. רומעניע האָט אויך דערלויבט אַ קליינע אויסוואַנדערונג, און לעצטנס האָט די פוילישע רעגירונג אָנגענומען אַ פּאָליטיק פון כמעט פרייער אויסוואַנדערונג פון פוילישע יידן קיין ישׂראל.

עס איז אַ זייער שווער פּראָבלעם. אויף אַלע געביטן פירט זיך רוסלאַנד אַנדערש ווי די לענדער וואָס געפינען זיך אין איר איינפלוס־ספערע. עס זענען דעריבער דערוויַיל נישט פאַראַן קיין גוטע אויסזיכטן, אַז דער קרעמל זאָל צופּאַסן זיין יידן־פּאָליטיק צו דער ליניע פון די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס. די דאָזיקע פראַגע טאָר אָבער נישט אַראָפּ פון דער טאָג־אָרדענונג פון יידישן לעבן. מיר קאָנען זיך נישט דערלויבן מקריב צו זיין די צוויי־דריי מיליאָן רוסישע יידן און לאָזן זיי אויף הפקר צו די כימערעס פון די קרעמל־אויטאָקראַטן. די יידישע און נישט־יידישע געזעלשאַפטלעכקייט מוז בסדר מאָביליזירט ווערן און עס מוז אויסגעאַיבט ווערן דער שטאַרקסטער דרוק דורך אַלע מעגלעכע פאָרומס אויף די רוסישע פאָרשטייערס אין אַלע דעמאָקראַטישע לענדער, אַז זיי זאָלן ענדערן זייער איינשטעל אין דער יידן־פראַגע. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אין דער לעצטער צייט, אַז רוסלאַנד איז גאָרנישט אַזוי גלייכגילטיק צו דער מיינונג פון אויסלאַנד ווי די רוסישע פאָרשטייערס מאַכן דעם אָנשטעל.

עס איז טרויעריק, אַז נאָך 40 יאָר רעוואָלוציע זאָל גאָר אויף ס׳ניי אויפשווימען די פראַגע פון אַנטיסעמיטיזם אין די לענדער פון „פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור". עס האָט אָבער נישט קיין זין צו פאַרמאַכן די אויגן אויף פאַקטן, ווי אומאַנגענעם זיי זאָלן נישט זיין.

ווען דאָס פאַרמלחמהדיקע פּוילן האָט פּראַקטיצירט אַ „נומערוס קלאַוזוס" קעגן יידישע סטודענטן, אָדער קעגן יידישע האַנטווערקערס, האָבן יידן אין דער גאַנצער וועלט דאָס באַקעמפט ווי אַן אויסדרוק פון מיאוסן אַנטיסעמיטיזם און די פוילישע יידן אַליין האָבן אָנגעפירט אַ פאַרביסענעם קאַמף קעגן

אַט דער דיסקרימינאַציע. ווען די פּוילישע רעגירונג האָט געהאַלטן ביי פאַרבאָטן די יידישע שחיטה, האָבן נישט בלויז רעליגיעזע יידן, נאָר די גאַנצע יידישע אַרבעטער־און סאָציאַליסטישע באַוועגונג, אַנגעפירט אַ פאַר־ביסענעם קאַמף קעגן דעם, ווייל דער שריט איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ רינגעלע אין דער קייט פון אַנטי־יידישע דיסקרימינאַציעס. די אַרבעטער־באַוועגונג האָט אַפילו דערקלערט אַן אַלגעמיינעם שטרייק קעגן דעם שחיטה־פאַרבאָט.

עס איז דעריבער נישטאָ קיין שום סיבה זיך צו באַציִען מילדער צו די אַנטי־יידישע דיסקרימינאַציעס פון די היינטיקע רוסישע הערשערס. אַדרבא, אַ מילדערע באַציִונג צו די פאַרפאָלגונגען אין רוסלאַנד וואָלט אַריינגעשפּילט אין די הענט פון כּלערליי אַנטיסעמיטן אין פאַרשיידענע לענדער. זיי וואָלטן אונדז פאַרגעוואָרפן, אַז מיר באַציִען זיך סימפּאַטיש צו קאָמוניזם און דערי־בער פאַרשווייגן מיר אַפילו אַנטי־יידישע שריט פון אַ קאָמוניסטישן רעזשים.

אין דער פראַגע איז נישט גילטיק קיין שום קלאַסן־צעטיילונג אין יידישן לעבן. די דאָזיקע פראַגע רירט אָן די סאַמע עקזיסטענץ אונדזערע ווי אַ מינדערהייט אין פאַרשיידענע לענדער און עס איז נויטיק, אַז דער קאַמף קעגן דעם זאָל זיין אַ ריקזיכטלאָזער.

די סאָוויעטישע מנהיגים באַנוגענען זיך נישט מיט פאַרפאָלגן די אייגענע יידן, זיי פאַרפעלן נישט קיין געלעגנהייט אַריינצוברענגען דעם אַנטיסעמי־טישן סם אויך אין אַנדערע לענדער פון זייער ספערע. „עס זענען ביי אייך פאַראַן צו פיל אַבראַמאָוויטשעס", דערקלערט כרושטשעוו אויף זיינס אַ באַזוך אין פּוילן. וואָס אַזאַ „זאָג" באַטייט אין אַ פּוילן וואָס איז נאָך פון פריִער געווען פאַרפעסטעט פון אַנטיסעמיטיזם קאָן מען זיך פאַרשטעלן. גענוג פּוילישע אַנטיסעמיטן געפינען זיך צווישן די קאָמוניסטן דאָרט וואָס וואַרטן נאָר אויף אַ ווונק פון אויבן כּדי אָנצוהייבן אַן אויסראָטונג־קאַמפּיין קעגן דעם רעשטל יידן, וואָס זענען נאָך געבליבן אין דעם לאַנד וואָס איז אָנגעזאַפּט מיטן בלוט פון מיליאָנען יידן. אָבער וואָס אַרט דאָס דען דעם פויפּסט פון רוסישן קרעמל?

מען דאַרף דעריבער זיין דאַנקבאַר דער איצטיקער פּוילישער רעגירונג, וואָס זעט די לייזונג פון איר יידן־פראַגע אין אויסוואַנדערונג קיין ישׂראל; מיר מוזן זיין דאַנקבאַר פאַר קליינע „טובות". עס האָט געקאָנט זיין ערגער. הלוואַי האַלטן מיר שוין אַזוי מיט די אַנדערע קאָמוניסטישע לענדער...

נאָך 40 יאָר קאָמוניזם אין רוסלאַנד און נאָך 12 יאָר קאָמוניזם אין מיזרח־איראָפּע שטייט די ייִדן־פראַגע אין דאָזיקן וועלטטייל נאָך אַזוי שאַרף, אויב נישט נאָך שאַרפער, ווי זי איז געשטאַנען פריִער. עס ווייזט אויס אַז די סלאַווישע פעלקער און זייערע רעגירערס זענען אַנטשלאָסן צו מאַכן זייערע לענדער ייִדן־ריין. עס איז אַ לאַנגער פּראָצעס, מיליאָנען ייִדן קאָנען נישט אויסוואַנדערן איבער נאַכט. עס איז אָבער אויגנשיינלעך, אַז דאָס איז די ריכטונג אין וועלכער עס וועט גיין די לייזונג פון דער ייִדן־פראַגע אין מיזרח־איראָפּע. וואָס ווינציקער אילוזיעס מען וועט זיך מאַכן וועגן דער צוקונפט פון די מיזרח־איראָפּעיִשע ייִדן, אַלץ ווייניקער ווייטיקלעך וועט דער פּראָצעס קאָנען אָנגיין. עס איז בעסער צו זיין צוגעגרייט דערצו.

עס וואָלט געווען אַן אומבאַשרייבלעכע טראַגעדיע אויב דער פּראָצעס פון יציאת מיזרח־איראָפּע וואָלט פאָרגעקומען אין אַ צייט ווען עס וואָלט נישט געווען קיין אימיגראַציע־לאַנד וואָס איז וויליק אויפצונעמען דעם שטראָם פון עמיגראַנטן. מיר וואָלטן דאַן ווידער אַ מאָל געשטאַנען פאַר דער מעגלעכקייט פון קאָנצענטראַציע־לאַגערס, מיט דער גאַנצער גרויל וואָס זיי שטעלן מיט זיך פאָר פאַר אונדזער געפּלאָגט פאָלק.

די עקסיסטענץ פון מדינת־ישׂראל איז די איינציקע געבענטשטע דערשיינונג אין דער היינטיקער פינצטערער עפּאָכע און די איינציקע האָפענונג פאַר מיליאָנען ייִדן אין די מיזרח־איראָפּעיִשע לענדער. עס איז אויך די איינציקע לייזונג פאַר דעם פּראָבלעם „ייִדן אין מיזרח־איראָפּע".

.1957

מיטן בליק אין די ווייטקייטן

„איך הויב זיך אויף ווידער און שפּאַן אַוועק ווייטער״ —
(ה. לייוויק — „אייביק״)

עס האָט אונדזער פאָלק שטענדיק זיך אויסגעצייכנט מיט זיין וויזיע פון באחרית־הימים. אין די שקלאַפן־געשפּאַנען פון פּיתום און רעמסס, אַזוי ווי אין די גאַזקאַמערן פון אוישוויץ און בוכענוואַלד, אין די פינצטערע טעג פון כמיעלניצקיס רציחות און אין די אויסוועגלאָזע קאַמפּן פון דער וואַרשעווער געטאָ, אין די קעלערן פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע און אויף די צעלעכערטע שיפן פון דער אַכזריותדיקער מאַנדאַט־תקופה — האָט אויף קיין איין רגע זיך נישט אָפּגעשטעלט דעם פאָלקס גלויבן אין דער שעה פון נאַציאָנאַלער גאולה וואָס וועט, וואָס מוז קומען.

אין אַלע דורות, אין אַלע צייטן זענען מיר געשטעלט געוואָרן צום סאַמע ראַנד פון אָפּגרונט, און ערשט ווען עס האָט אויסגעזען אַז עס האָבן זיך שוין אויסגעלאָשן אַלע האָפענונגען, ווען מיר האָבן שוין אָנגעהויבן פאַרזינקען אין די טונקעלע כוואַליעס פון געשיכטלעכער פאַרגעסנקייט, ווען פריינד און שונאים האָבן שוין געמאַכט הכנות זיך איינצואָרדענען אין אַ יידן־ריינער וועלט — ערשט דאַן, אויף דער שוועל צווישן לעבן און טויט, האָט אונדזער פאָלקס־גורל אָנגעהויבן אויף ס׳ניי אויפגיין מיט ליכטיקע אויסלייז־פונקען און וואַרעמען אונדז מיט גאולה־שטראַלן.

די דאָזיקע געפילן באַהערשן דאָס יידישע געמיט אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר, אָבער באַזונדערש שטאַרק באַוועלטיקן זיי אונדז אין די פאַרכטיקע און פריידיקע טעג פון אונדזער אומאָפּהענגיקייט־יום־טוב, אין יום העצמאות.

איינס, צוויי, דריי... ניין! אונדזער נייע צייט־רעכענונג. אַזוי ווי מיר וואָלטן געוואָלט פאַרגעסן דעם גאַנצן גלות, די ביטערנישן און די פּיינען, און די אַנטוישונגען — און אַפילו דאָס ביסעלע פרייד פון די פאַרגאַנגענע דורות, מיט אַ גבורה וואָס איז שטאַרקער פון אונדזערע פיזישע דימענסיעס

ווילן מיר אָנהויבן פון דאָס ניי, ווידער אַ מאָל פון בראשית. אָבער פּונקט אַזוי ווי די יוצאי מצרים האָבן זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון זייער עבדות־געשיכטע, פּונקט אַזוי ווי זיי האָבן מיטגענומען מיט זיך דעם „וזכרת כי גר היית בארץ מצרים״, אַזוי ווערן מיר אויך געצוואונגען צו פאַרפלעכטן אונדזער עָבר אין אָט דער נייער אויסלייזונג, ווייל באַפרייונג איז גאָרנישט געמאָלט אָן דער פאַרקנעכטונג, מחמת נאָר דעמאָלט ווען אַ פאָלק לעבט אינערלעך פריי און נשמהדיק געלייטערט אַפילו אין די פינצטערסטע צייטן פון פיזי־שער פאַרשקלאַפטקייט, נאָר דאַן קען די באַפרייונג זיין גאַנץ און שלימותדיק. און ווייל מיר האָבן קיין מאָל נישט שלום געמאַכט מיט דעם צושטאַנד אונ־דזערן ווי אַ מינדערווערטיק פאָלק צווישן די גוישע פעלקער, ווייל מיר האָבן שטענדיק געקוקט אויף אונדזערע באַדריקערס ווי אויף נידעריקערע באַשעפענישן, ווייל מיר האָבן אין אונדזערע גלותן נישט געלאָזן זיך אויסמישן מיט די קולטורן פון דעם הערשנדיקן אַרום און מיר האָבן אָפּגעהיט און אַנטוויקלט אונדזער אייגענע נאַציאָנאַלע אייגנאַרט, ווייל מיר האָבן אויפ־געהיט די גאולה־וויזיע אויך אין שעהען פון שוואַרצן יאוש און באַטריבטקייט — האָבן מיר דעריבער זוכה געווען צו געלייטערטער גאולה. דעריבער איז אונדזער באַפרייונג אַזוי אינטים פאַרבונדן מיט אונדזער אומעטיקן נעכטן, ווייל ביידע וואַרצלען זיי אין דעם זעלבן מקור, אין דער וויזיע פון אַ פרייער וועלט.

גלייך אין די ערשטע טעג פון אונדזער אויפטריט ווי אַ פאָלק, האָבן מיר אַרויסגעוויזן פאַראַכטונג צו שקלאַפעריי. נישט בלויז האָבן מיר רע־וואָלטירט קעגן די פאַרקנעכטערס, נאָר אויך קעגן יחידים וואָס האָבן שלום געמאַכט מיט זייער לאַגע אַלס שקלאַפן. דער געזעץ פון צונאָגלען דעם שקלאַף וואָס האָט זיך איינגעלעבט אין זיין סביבה איז אַ קלאַסישער מוסטער פון בונט קעגן דער עצם אינסטיטוציע פון עבדות. דאָס באַטראַכטן אונטער־דריקונג פון מענטשן ווי אַן אומווירדיקייט ליגט אין סאַמע יסוד פון אונדזער אייביקער עקסיסטענץ ווי אַ פריי פאָלק, אַפילו אין גלות. דער יום־העצמאות קומט אונדז דערמאָנען אַז נישט ווי קנעכט זענען מיר באַפרייט געוואָרן נאָר ווי אַ פריי פאָלק וואָס האָט דערגרייכט אַ העכערע מדרגה פון אויסלייזונג.

דער היי־יאָריקער יום העצמאות טרעפט מדינת ישראל אין אַ שטורעמ־דיקער צייט. אַזוי ווי ביי יציאת־מצרים, איז היינט דאָס יידישע פאָלק דער שטורעם־צענטער פון דער וועלט. ווער האָט עס געהאַט אַן אינטערעס אין

כנען איידער די בני־ישראל האָבן אָנגעהויבן וואַנדערן אין מדבר־סיני? פאַר וואָס האָבן עמלק און מדין און אַנדערע פריִער נישט באַטראַכט די פעלקער פון כנען פאַר זייערע פאַרבינדעטע? פאַר וואָס האָבן די עמלקים זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרקויפן אַ לעפל וואַסער צו די דורשטיקע עברים־וואַנדערערס, וואָס האָבן געוואָלט לעבן בשלום מיט זיי? — מישט אויף דעם קאַפּיטל געשיכטע פון די לעצטע יאָרן און פּרווט צו געפינען אַן ענטפער: ווער האָט זיך אינטערעסירט מיט די אַראַבישע פעלקער אין משך פון הונדערטער יאָרן? ווער האָט עס אַ שטייגער געפּרווט מיט אַ פינגער אַ ריר צו טאָן אויפצולעבן די וויסטענישן פון פּאַלעסטינע? און ווי אַזוי איז עס געשען, אַז פון דער גאַנצער גרויסער וועלט איז דער מיטל־מיזרח פּלוצעם אויפגעקומען ווי דער ברען־פּונקט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק?

עס איז דער אייביקער דראַנג פון אונדזער פאָלק צו פרייהייט וואָס רופט אַרויס חשד און מורא ביי דעם אַרום. נישט דאָס לאַנד כנען האָט אינטערעסירט די עמלקים, נאָר די מורא פאַר דעם נייעם לעבנס־שטייגער וואָס די באַפרייטע עברים האָבן געבראַכט מיט זיך און וואָס האָט געשראָקן די הערשערס פון מדבר. און נישט די אָרעמע מדינת ישׂראל לאָקט די עגיפּטערס און די סיריערס, נאָר די מורא פאַר דעם נייעם סדר וואָס מדינת־ישׂראל פירט איין אין יענעם טייל פון דער וועלט.

ווי מאָדנע עס האָבן זיך צונויפגעלייגט די באַדינגונגען וואָס האָבן דערפירט צו דער איזאָלאַציע פון מדינת־ישׂראל אין דער וועלט! נישט פאַראַן קיין איין פּונקט אויף דער וועלט־מאַפּע וווּ די אינטערעסן פון אַמעריקע און רוסלאַנד זאָלן זיך נישט קרייצן, אָבער ווען עס קומט צו דער ייִדישער מדינה געפינען זיי שוין ווי עס איז אַ געמיינזאַמען צוגאַנג. די אַראַבישע און די מאַכמעדאַנישע פעלקער לעבן, זייט הונדערטער יאָרן, אין כסדרדיקן קאָנפליקט איינע מיט די אַנדערע, אָבער ווען עס קומט צו מדינת־ישׂראל זענען זיי פאַראייניקט שיער ביז צום פאַרגעסן זייערע אייגענע אינטערעסן. די מדינה פון איראַן האָט בפירוש נישט קיין אינטערעסן־געמיינשאַפט מיט די אַראַבישע לענדער, אָבער ווען ישׂראל וויל קויפן ביי איר אויל, איז זי געצוווּנגען דאָס אָפּצוזאָגן — ממש ווי בעת יציאת מצרים.

די אַנאַלאָגיעס צווישן דעם אַמאָל און דעם היינט ברענגען קלאָר אַרויס די טיפע היסטאָרישע גערעכטיקייט פון אונדזער זאַך. זיי באַווייזן אַז די שׂנאה צו אונדז שטאַמט נישט פון וועלכער עס איז מורא פאַר אונדזער מיליטע־

רישער קראַפט, אָדער פאַר כלומרשטע פאַרכאַפּונגס־פּלענער פון דער נייער מדינה, נאָר פון דעם מיסטישן פחד פאַר דעם נייעם וועג וואָס מדינת־ישׂראל וויל וויזן דער וועלט.

דער דאָזיקער געפיל גיט אונדז כוח און אויסדויער אין דעם געראַנגל קעגן די כוחות פונעם נעכטן. מיר האַלטן די הענט אויפן פּולס פון דער געשיכטע און מיר וואַרפן מיט צוטרוי אונדזערע בליקן צו די לויטערע, היסטאָרישע וויטקייטן.

.1957

כרושטשעוס באַזוך אין אַמעריקע

אַלע זענען מודה, אַז דער צוויי־וואָכיקער באַזוך פון ניקיטאַ ס. כרושטשעוו אין אַמעריקע איז געווען אַ גרויסער פּאָליטישער נצחון פאַר סאָוויעט־רוסלאַנד. אומאָפּהענגיק דערפון צי עס וועט זיך עפּעס ממשותדיק ענדערן אין די באַציִונגען צווישן די צוויי וועלטבלאָקן, צי עס וועט יאָ אָדער נישט עפּעס אויפגעטאָן ווערן אויפן געביט פון קאָנקרעטע אַנטוואָפענונג — דער פאַקט וואָס אַמעריקע האָט נאָך זייער לאַנגע וואַקלענישן, ענדלעך איינגעלאַדן דעם סאָוויעטישן פירער אַלס איר גאַסט און די אויפנאַמע וואָס ער האָט געקראָגן אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט אָפיציעל פאַרפיקסירט אַ סיטואַציע, וואָס האָט פאַקטיש עקסיסטירט זינט דער צווייטער וועלט־מלחמה, אָבער פאַר וועלכער די סאָוויעטן האָבן געוואָלט באַקומען די פאָר־מעלע סאַנקציע פון דער נישט קאָמוניסטישער וועלט. הויפּטזעכלעך פון די פאַראייניקטע שטאַטן אַז דער גורל פון דער וועלט ליגט אין די הענט פון די צוויי הויפּט־כּוחות — אַמעריקע און סאָוויעטן־פאַרבאַנד. די דאָזיקע צוויי מאַכטן דאַרפן עס — אויף שפּיצן־קאָנפערענצן — צווישן זיך באַשטימען אַלע פּראָבלעמען וואָס שווימען אויף אין צווישנפעלקערלעכע באַציִונגען.

דאָס איז געווען די שטרעבונג פון דער רוסישער דיפּלאָמאַטיע פאַר זייער אַ לאַנגער צייט און אַלע אירע האַנדלונגען אין די לעצטע יאָרן, סיי אינערהאַלב דער יו־ען און אויך אויסער אירע ראַמען, האָבן געהאַט פאַר אַ ציל צו באַקרעפטיקן אָט דעם פּאָליטישן וועלט־אויסבליק. רוסלאַנד האָט נישט געקאָנט, און נישט געוואָלט, שלום מאַכן מיט אַ סיטואַציע אין דעם זיכערהייט־ראַט פון דער יו־ען, ווו איר פּאָזיציע איז געווען איינע פון פינף גלייכבאַרעכטיקטע גרויסמאַכטן (בפרט ווען איינע פון די דאָזיקע פּריווי־לעגירטע פינף איז די נאַציאָנאַליסטישע כינע, וואָס איז פאַקטיש נישט מער ווי אַ פיקציע פון אַ גרויסמאַכט), ווען דער אמתער כּוחות־באַלאַנס פון דער וועלט איז אין שרייענדיקן ווידערשפּרוך צו דער דאָזיקער פאַרטיילונג. די דאָזיקע אומרעאַלע כּוחות־פאַרטיילונג אין דער יו־ען האָט געבראַכט מיט זיך

אַ מבול פון סאָוויעטישע וועטאָס, וואָס האָבן פּאַקטיש פּאַראַליזירט דעם זיכערקייט־ראַט און אים פאַרוואַנדלט אין אַן אימפּאָטענטן פּאָליטישן אינ־סטרומענט. די אַלגעמיינע אַסעמבלי פון די פאַראייניקטע פעלקער שפּיגלט שוין גיכער אָפּ די רעאַלע כּוחות־פאַרהעלטעניש אויף דער וועלט, זי גיט שוין די סאָוויעטן מער געלעגנהייטן אויסצואיבן איר איינפלוס אַלס גרויס־מאַכט, אָבער אויך דאָרטן זענען פאַרפיקסירט געוואָרן געוויסע כּוחות־באַציִונגען, וואָס דערלאָזן נישט, אַז סאָוויעט־רוסלאַנד זאָל שפּילן די ראָל, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן איר פּאַקטישן פּאָליטישן, מיליטערישן אוןווירט־שאַפטלעכן כּוח ווי אַ גלייכע, לכל הפּחות ווי די צווייטע וועלטמאַכט נאָך די פאַראייניקטע שטאַטן.

די דאָזיקע סאָוויעטישע אַמביציע האָט, מיט כרושטשעווס וויזיט אין אַמעריקע, געקראָגן די אָפיציעלע סאַנקציע פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג און פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק. גראָד ווייל די ערשטע אויפנאַמע מצד פּרעזידענט אייזענהאַוער אויפן לופטפעלד איז געווען אַזאַ קאַלטע, און דווקא ווייל די אַמעריקאַנער פאָלקסמאַסן האָבן זיך באַצויגן אַזוי צוריקגעהאַלטן די גאַנצע צייט פון כרושטשעווס באַזוך אין לאַנד — האָט דאָס נאָך מער אונטערגעשטראָכן דעם פאַקט, אַז דאָ האָט מען אויפגענומען נישט אַ פריינד, נאָר אַ פאָרשטייער פון אַן אָנערקענטן וועלט־כּוח. די אַמעריקאַנער רעגירונג און דאָס אַמעריקאַנער פאָלק האָבן געוואָלט אונטערשטרייכן אַז כרושטשעוו איז דער אַמעריקאַנער גאַסט נישט ווייל מען האָט געוואָלט אים האָבן דאָ אין לאַנד, נאָר ווייל מען האָט אים געמוזט איינלאַדן.

די דאָזיקע אַמעריקאַנער באַהאַנדלונג האָט, אין געוויסע מאָמענטן, געקאָנט זיין זייער אומאָנגענעם פאַר כרושטשעוון, טייל מאָל האָט ער געפילט אַזאַ פיינטלעכע אַטמאָספער אַרום זיך, אַז ער האָט געסטראַשעט צוריק אַהיים צו פאָרן אַ ברוגזער, אָבער פאַר דער פּאָזיציע פון רוסלאַנד אין דער וועלט האָט דווקא די דאָזיקע באַציִונג נאָך שטאַרקער אונטערגעשטראָכן די נייע ווענדונג אין די אינטערנאַציאָנאַלע באַציִונגען. מען האָט נישט ליב דאָס קאָמוניסטישע רוסלאַנד, אָבער מען האָט מורא פאַר איר.

אַ דערנענטערונג צווישן אַמעריקע און רוסלאַנד איז עלול צו ברענגען גרויסע ענדערונגען אין דער וועלטס פּאָליטישער קאָנסטעלאַציע. עס איז אומוואַרשיינלעך, אַז די צוויי גרויסע זאָלן גלייך נאָך זייערע קעגנזייטיקע באַזוכן צוריקפאַלן צו די זעלבע, אומדערטרעגלעכע קאַלטע־מלחמה־פּאָזיציעס,

וואָס האָבן אָנגעהאַלטן ביז די לעצטע חדשים. אַפילו אין אַ לאַנד פון דיקטאַטור קאָן מען זיך נישט דערלויבן פּלוצעם איבערצוגיין צו ביטערער שינאה, נאָך דעם ווי מען האָט אין משך פון אַ לענגערער צייט, גערייצט די געוואָגסטע שלום־האָפענונגען פון דער באַפעלקערונג. עס איז דעריבער די מיינונג פון דער איבערוועגנדיקער מערהייט פון פּאָליטישע קאָמענטאַטאָרן, אַז אין רוסלאַנד האָט געזיגט אַ ריכטונג, וואָס ווערט פאַרטראָטן פון דעם דריילינג כרושטשעוו, מיקאָיאַן, קאָזלאָוו, וואָס שטרעבט אויפריכטיק צו אַ פאַרשטענדיקונג מיט דער נישט־קאָמוניסטישער וועלט אויף דער באַזע פון סטאַטוס־קוואָ. די דאָזיקע מיינונג שטיצט זיך אויך אויף דעם פאַקט, וואָס כרושטשעוו לאָזט נישט אַדורך קיין שום געלעגנהייט צו באַטאָנען, אַז די קאַפּיטאַליסטישע וועלט דאַרף זיך אָפּזאָגן פון דעם געדאַנק, צוריקצושטופן די סאָוויעטן צו זייערע אייגענע, רוסישע גרענעצן, ד.ה. צוריקצוגעבן די ראַנדלענדער ווי פּוילן, אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיע, רומעניע און אַנדערע, זייער נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקייט און זיי אַרויסנעמען פון דער רוסישער השפּעה.

געוויסע פּאָליטישע באַאָבאַכטערס ווילן דערפון דרינגען, אַז רוסלאַנד וואָלט געווען גרייט אויף הנחות לטובת דעם וועלט־שלום, אויב די מערב־מדינות זאָלן איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָנערקענען דעם געאָגראַפישן סטאַטוס־קוואָ, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן אין רעזולטאַט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. די דאָזיקע השערה לייגט זיך אויך אויפן שׂכל צוליב די נויטן פון די סאָוויעטן גופא. זייער לאַנד איז פאַרוויקלט אין אַ גראַנדיעזן אינדוסטריעלן פּלאַן, וואָס פאַרכאַפּט די פאַנטאַזיע פון זיינע איינוווינערס, די אויסזיכט אויף אַ שפע פון געברויכס־אַרטיקלען פאַר דער באַפעלקערונג שטייט פאַר דער טיר און לאָקט די רוסישע מאַסן, וואָס וואַרטן שוין אויף דעם דאָזיקן מאָמענט אַ קנאַפּן האַלבן יאָרהונדערט. די ספּוטניקס און די לוניקס האָבן בפירוש דעמאָנסטרירט דעם אומגעהויערן אינדוסטריעלן פּאָטענציאַל פון דער מדינה — דער איינציקער שטער פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון אָט דעם טרוים איז דאָס געשפּענסט פון מלחמה וואָס פאַרשלינגט צענדליקער ביליאָנען פון דער נאַציאָנאַלער הכנסה אויף מיליטערישע אויסגאַבעס און האַלט צוריק די עקספּאַנסיע פון דער פאַרברויך־אינדוסטריע.

כרושטשעוו האָט טאַקע אין אַמעריקע געהאַלטן אין איין אונטערשטרייכן, אַז רוסלאַנד פאַרלאַנגט גאָרנישט פון אַמעריקע אַחוץ אַ פאַרשטענדיקונג

וועגן קאָ־עקסיסטענץ. אין אַלע זיינע רעדעס און אין זיינע ענטפערס אויף פראַגעס האָט ער געהאַלטן אין איין באַטאָנען, אַז אויב רוסלאַנד האָט געקענט שיקן אירע סאַטעליטן צו דער לבנה און אין אינטערפּלאַנעטאַרן רוים, קאָן זי ויכער אויך באַווייזן צו פּראָדוצירן שאָקאָלאַד און שיך, און טעלעוויזיעס און אַנדערע זאַכן פאַר מענטשלעכער באַקוועמלעכקייט. ער האָט דערמיט געוואָלט באַווייזן דעם אַמעריקאַנער עולם, אַז דער איינציקער שטער פאַר אַ פרידלעכער רוסלאַנד איז די מורא פאַר אַן אַנגריף פון דער אויסערלעכער וועלט און דעריבער דאַרף די מורא באַזייטיקט ווערן דורך אַ פאַרשטענדיקונג צווישן די צוויי גרויסע.

דאָס איז די זעלבע ליניע וואָס די רוסן פירן אַדורך אין זייער אינער־לעכער פּראָפּאַגאַנדע פאַרן אייגענעם פאָלק. די האָפענונג פאַר אַ מער באַ־קוועמען לעבן ווערט געהאַלטן פאַר די אויגן פון דער באַפעלקערונג ווי אַ זאַך וואָס איז דערגרייכבאַר אין דער סאַמע נאָענטסטער צוקונפט, אָבער גלייכ־צייטיק ווערט די דאָזיקע זיסע האָפענונג פאַרטונקלט צוליב די „מלחמה־העצערס פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט". די רוסן, זייענדיק באַקאַנט בלויז מיט דער קאָמוניסטישער אַרגומענטאַציע, האָבן אַנגענומען די דאָזיקע ליניע און זייערע האָפענונגען אויף אַ נייער ווענדונג נאָך דעם כרושטשעוו־אייזנ־האָוער וויזיטן־אויסטויש, נאָך דעם פּרעמיערס פּאָזיטיוון באַריכט פון זיין אַמעריקאַנער נסיעה, זענען געשטיגן זייער הויך. די אַמעריקאַנער זענען אַ ביסל מער סקעפּטיש, אָבער מען קען נישט לייקענען, אַז אויך זיי זענען אין אַ גרויסער מאָס באַווירקט געוואָרן פון די כסדרדיקע וואַרעמע אַפּילס פון כרושטשעוון פאַר שלום.

דער אַמעריקאַנער איז בטבע אַ פּאָליטיש נאַיווער און לייכט גלויביקער מענטש. פּאָליטיק איז בכלל פאַר אים אַ פרעמדער ענין, מיט וועלכן עס דאַרפן זיך פאַרנעמען פּראָפעסיאָנעלע מענטשן; ער אַליין איז צוגעשמידט מיט אַלע זיינע חושים צו זיינע אייגענע, טאָג־טעגלעכע אינטערעסן און ער האָט פיינט ווען עמעצער שטערט אים אָפּצוגעבן זיי זיין גאַנצע אויפ־מערקזאַמקייט. ווען עס געשעט עפּעס אויף דער וועלט, וואָס צווינגט אים אַרויסצוגיין פון זיין רוטין, מאַכט ער שלום מיט דער נויטווענדיקייט פון פאַרטיידיקן זיין לאַנד, גייט אין מלחמה, איז גרייט אַ סך מקריב צו זיין פאַר זיין לאַנד, וואָס ער האָט אויסערגעוויינטלעך ליב און — געענדיקט די מלחמה — וויל ער אין איר פאַרגעסן און צוריקגיין צו זיינע אייגענע ענינים.

ווען עס קומט דעריבער אַזאַ כרושטשעוו קיין אַמעריקע און ער שווערט זיך, אַז ער איז געקומען „מיט אַן אָפן האַרץ און אַן אָפענעם מוח”, כדי צו דערגרייכן אינטערנאַציאָנאַלע אַנטוואָפענונג און צווישנפעלקערלעכע פריינד־שאַפט, אַפּעלירט דאָס צו די אַמעריקאַנער מאַסן און זיי זענען גרייט אים צו געבן „די בענעפיט אָף דאַוט”. זיי זענען גרייט צו פאַרהאַנדלען, אָפּוואַרטן און אויספּרוּוון צי די פאַרשלאָגן זענען טאַקע געמיינט ערנסט און אחריותדיק. אַז כרושטשעוון איז געלונגען אַרויסצורופן אַזאַ געפיל אין אַמעריקע איז אויסער יעדן ספק, און דאָס איז זיין גרויסער פאַרדינסט וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך צוריק קיין רוסלאַנד.

דער באַזוך פון דעם סאָוויעטישן מנהיג אין אַמעריקע איז אָבער נישט געווען כולו שמייכל און קאָמפּלימענט. דער פאַקט וואָס מען האָט אים געמוזט היטן אַזוי ווי מען האָט נאָך קיין מאָל קיינעם נישט געהיטן אין אַמעריקע, איז, פאַר זיך גופא, שוין געווען אַ באַווייז פון דער פאַרביטערונג וואָס הערשט צווישן גרויסע טיילן פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג קעגן די הערשערס פונעם קרעמל. געווען אַפילו מאָמענטן ווען דער רוסישער דיק־טאַטאָר האָט זיך געפילט ווי „אין אַ שטייג” און ער האָט פּראָטעסטירט, אַז מען לאָזט אים נישט צו צו די אַמעריקאַנער פאָלקסמאַסן. ער האָט קעגן דעם אַ סך מאָל שטאַרק פּראָטעסטירט, ער האָט אָבער פאַרגעסן, אַז די דאָזיקע אומגעווײנלעכע וואַך אַרום אים איז אויסגעפּלאַנט געוואָרן מצד די פאַר־טרעטערס פון זיין אייגענער רוסישער זיכערהייט־פּאָליציי, וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע וואַכן פאַר זיין באַזוך און אָנגענומען מיטלען, אַז עס זאָל אים חלילה קיין שלעכטס נישט געשען.

אַוודאי וועט די רוסישע פּאָליציי אויך אָנגעמען זיכערהייט־מיטלען בעת פּרעזידענט אייזענהאַוער וועט אָפּצאָלן דעם העפלעכקייט־באַזוך אין רוס־לאַנד. עס איז אָבער זיכער, אַז קיין באַזונדערע מורא פאַר דעם פּרעזידענטס זיכערקייט אין רוסלאַנד איז נישט פאַראַן. דער היסטאָרישער אונטערשייד צווישן אַמעריקע און רוסלאַנד באַשטייט אין דעם, וואָס אַמעריקע איז פון אייביקע צייטן געווען אַ לאַנד פון פּאָליטישער איינוואַנדערונג, און רוסלאַנד איז שטענדיק געווען אַ לאַנד פון פּאָליטישער אויסוואַנדערונג. קיין אַמעריקע האָט זיך שטענדיק געצויגן אַ שטראָם פון פּאָליטיש פאַרפאָלגטע פון אייראָ־פּעיִשע לענדער, ספּעציעל פון רוסלאַנד, אויך פון סאָוויעטישן רוסלאַנד — רוסלאַנד איז אָבער אין איר גאַנצער געשיכטע נישט געווען קיין מקלט־לאַנד

פאַר פּאָליטישע פאַרפאָלגטע, אַדרבא, אין אַלע צייטן, אין אַלע דורות, האָט זי צוגעשטעלט פּאָליטיש פאַרפאָלגטע צו דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט. עס איז נישט לייכט צו פאַרגעסן וואָס עס איז אין סאָוויעט־רוסלאַנד געוואָרן פון די פאַרפאָלגטע קאָמוניסטישע קעמפערס פון אַנדערע לענדער, וואָס האָבן געהאָפט צו געפינען רו אין זייער קאָמוניסטיש פאָטערלאַנד. עס שטייען נאָך פאַר די אויגן די צעשיסונגען פון די אַנטלאָפענע קאָמוניסטן פון פּוילן, אונגאַרן, שפּאַניע און אַנדערע לענדער פון וואַנען זיי זענען אַנטלאָפן פון פאַשיסטישן טעראָר, בלויז כּדי צו פאַלן פון קאָמוניסטישע קוילן אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

אויף אייזענהאַוערן וועלן דעריבער אין רוסלאַנד נישט לויערן קיין באַהאַלטענע שׂונאים פון אַמעריקע, אוודאי נישט קיין קרבנות פון אַמעריקאַנער טעראָר. עס איז אָבער בפירוש געווען אַ סכּנה, אַז צווישן די קרבנות פון סטאַליניסטישן טעראָר וואָס האָבן זיך געראַטעוועט קיין אַמעריקע זאָל זיך יאָ געפינען עמעצער וואָס זאָל וועלן זיין פאַרביטערונג אויסלאָדן אין אַ זינלאָזן אַקט פון פערזענלעכער נקמה.

איך ברענג אָט די אַנאַלאָגיע צווישן די ביידע לענדער נישט כּדי צו דערמאָנען די קאָמוניסטן זייערע אַמאָליקע חטאים, נאָר כּדי אָנצוווייזן אויף רעאַליטעט פון דעם היסטאָריש־פּאָליטישן אונטערשייד צווישן אַמעריקע און רוסלאַנד. עס איז שווער צו געפינען אַ מאָדוס־וויווענדי צווישן צוויי אַזעלכע קעגנגעזעצטע פּאָליטישע פּאָליוסן.

אין אַמעריקע און אין דער מערב־וועלט בכלל האָט מען נאָך אויך נישט פאַרגעסן די צייטן פון דעם „פאַראייניקטן פראָנט" און „פאָלקספראָנט" פון די דרייסיקער יאָרן. עס איז די קאָמוניסטן אויף דער אָנווייזונג פון מאָסקווע דעמאָלט געלונגען אַריינצוצי̇ען אין די דאָזיקע פראָנטן מיליאָנען גלויביקע אַנטי־קאָמוניסטן מיט דעם לאָזונג, אַז מען קען קאָעקסיסטירן, הגם מען האָט פאַרשיידענע פּאָליטישע איינשטעלונגען. עס איז די קאָמוניסטן דאַן געלונגען אַריינצודרינגען אין זייער ברייטע קרייזן פון דער אַרבעטער־שאַפט, אַפילו אַזוי ווייט ווי אין קאַטוילישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס; דער לאָזונג איז דאַן געווען „קאַמף קעגן פאַשיזם", דער רעזולטאַט — גרויסער חורבן פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג און זיג פון פאַשיזם אין אַ ריי לענדער. היינט איז דער לאָזונג „קאַמף קעגן מלחמה", אָבער פּונקט ווי דעמאָלט איז דער אַפּיל געווען געווענדט צו דער אַרבעטער־

באַוועגונג קעגן די באַזיצנדיקע קלאַסן, איז היינט דער אַפּילו געוועגדט צו די בירגערלעכע רעגירונגען, ביי דער אויסשליסונג פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג. מיט די פּאַרטרעטערס פון דעם אַמעריקאַנער גרויס־קאַפּיטאַל און פון דער געשעפטסוועלט איז כרושטשעוו געווען די איידלקייט אַליין, מיט זיי האָט ער זיך געהאַלטן ווי אַ גלייכער מיט גלייכע, אַדרבא, ער האָט נאָר פאַרלאַנגט אַז מען זאָל אויף אים נישט קוקן פון אויבן אַראָפּ, ווייל ער פאַרטרעט אַ גרויסע אינדוסטריעלע מאַכט; אָבער מיט די פאָר־שטייערס פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג, מיט די וועלכע פאַרטרעטן מיליאָנען אַרבעטער, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער קאַמף קעגן קאַפּיטאַל, מיט זיי האָט כרושטשעוו זיך אויפגעפירט ווי אַ פּרא אדם, מיט חוצפּה און פאַראַכטונג, גערופן זיי קאַפּיטאַליסטישע לאַקייען וכדומה. דאָס זעלבע איז געווען מיט די פאַרטרעטערס פון דער ענגלישער אַרבעטער־באַוועגונג. אויך מיט זיי האָט כרושטשעוו גערעדט האַרטע דיבו־רים, בעת יו געיטסקיל און אַנייורין בעוואַן זענען געווען אויף זייער באַזוך אין מאָסקווע. זיי זענען צוריקגעקומען דערשלאָגענע פון זייער נסיעה. אַנדערש איז אָבער געווען מאַסקוועס באַציִונג צו דעם בירגערלעכן פּרעמיער מיניס־טער פון ענגלאַנד, וואָס איז אויפגענומען געוואָרן ווי אַן אייגענער מענטש און וואָס האָט צוליב דער דאָזיקער אויפנאַמע אין מאָסקווע פאַרשטאַרקט די אויסזיכטן פון דער טאָרי־פּאַרטיי צו זיגן אין די פּאַרלאַמענט־וואַלן פון היינטיקן חודש.

נישט ווילנדיק קומט אויפן געדאַנק אַ פאַרגלייך מיט דער פאַלקספּראָנט־עפּאָכע און פון זיך אַליין שווימט אויף די פראַגע וועגן דער אויפריכטיקייט פון דער איצטיקער שלום־אָפּענסיווע מצד מאָסקווע.

צו די אַרגומענטן, וואָס די סקעפּטיקערס באַנוצן אין זייער אָפּשאַצונג פון דעם כרושטשעוו־באַזוך האָט אויך בייגעטראָגן כרושטשעוו גופא מיט זיין האַלטונג אויף געוויסע צוזאַמענקונפטן: דערדריקנדיק איז געווען דער איינדרוק וואָס ער האָט געמאַכט אויף מיליאָנען אַמעריקאַנער וואָס האָבן זיך צוגעקוקט צו דער טעלעוויזיע בעת ער האָט געענטפערט אויף די פראַגעס פון די פּרעסע־פאַרשטייערס וועגן דעם אונטערדריקטן אויפשטאַנד אין אונגאַרן. עס איז פאַר פרייע מענטשן נישט גענוג דער פאַקט וואָס ער, כרושטשעוו, איז „שטאָלץ״ אויף זיין ראָל אין דעם אונטערדריקן דעם אונ־גאַרישן רעוואָלט — זיי, די מיליאָנען צוקוקערס האָבן, צוזאַמען מיט די

פרעסע־פאַרטרעטערס געוואָלט אַן ענטפער אויף דער פראַגע: פאַר וואָס האָט מען מיט רוסישן מיליטער און מיט רוסישע טאַנקען אין בלוט דער־טרונקען אַן אויפשטאַנד פון אַ קאָמוניסטישן לאַנד, פון אַ קאָמוניסטישער רעגירונג קעגן רוסישער איבערהערשאַפט? פאַר וואָס האָט מען, אויף אַ שענדלעכן אופן פאַרנאַרט אַ קאָמוניסטישן פרעמיער־מיניסטער מיט פאַלשע צוזאָגן פון זיכערקייט און אים שפּעטער דערשאָסן אָן דין און אָן משפּט? דער ענטפער פון כרושטשעוון אויף דער דאָזיקער פראַגע איז נישט געווען אומשטאַנד צו פאַרשטאַרקן דעם גלויבן פון אַמעריקאַנער פאָלק אין דער אויפריכטיקייט פון די רוסישע כוונות בנוגע אַ פרידלעכן צוזאַמענלעבן פון פאַרשיידענע פעלקער, נישט געקוקט אויף זייערע פאַרשיידענע סאָציאַלע סיסטעמען. אַ ביטערן נאָכטעם האָבן אויך איבערגעלאָזן כרושטשעווס ענטפערס אויף די פראַגעס וועגן דעם סטאַטוס פון דער ייִדישער מינדערהייט אין דעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד. מען קען נישט אָפּנאַרן אַ גאַנצע וועלט מיט אַ שאַבלאָנעם ענטפער, אַז „אין סאָוויעט־רוסלאַנד עקסיסטירט נישט מער קיין נאַציאָנאַלע פראַגע, אַלע פעלקער געניסן פון גלייכע רעכט און לעבן גליקלעך צוזאַמען". דער ברייטער עולם פאַרשטייט, אַז עס איז פאַראַן אַ שייכות צווישן דער ביטערער דאָליע פון די מיליאָנען רוסישע ייִדן און דער סאָוויעטישער אויסלענדישער פּאָליטיק לגבי דער ייִדישער מדינה. אויף דעם האָט וואָלטער רוטער אויפמערקזאַם געמאַכט דעם רוסישן גאַסט און ער האָט פון אים געקראָגן אַזאַ אָפּשניט וואָס האָט די אַמעריקאַנער אַרבעטער־פאַר־שטייערס פּשוט דערשטוינט. זיי האָבן זיך געמוזט שטעלן די פראַגע וואָס עס איז געקומען פריִער: איז די דיסקרימינאַציע־פּאָליטיק קעגן די רוסישע ייִדן אַ רעזולטאַט פון דער אויסערן־פּאָליטישער ליניע כלפּי מדינת־ישׂראל, אָדער איז די שינאה צו דער ייִדישער מדינה אַ רעזולטאַט פון די פײַנטלעכע געפילן צו די רוסישע ייִדן?

די דאָזיקע מאָמענטן האָבן שטאַרק פאַרטונקלט די האָפענונגען וואָס האָבן זיך געוועקט ביי פיל אַמעריקאַנער אין פאַרבינדונג מיט כרושטשעווס דעקלאַראַציע וועגן שלום, וועגן אַנטוואָפענונג און וועגן קאָ־עקסיסטענץ. דערביי מוז מען אָבער צוגעבן, אַז זיין אַרגומענטאַציע לטובת שלום און אַנטוואָפענונג איז געווען אַ גלענצנדיקע און האָט אַפּעלירט מיט פאַרכאַפּנ־דיקער מאַכט: זיין אַנאַליז פון דער וועלט־סיטואַציע איז געווען לאָגיש און איבערצייגנדיק, זיין שילדערונג פון דעם וועלט־חורבן אין פאַל פון אַן אַטאָ־

מישער מלחמה האָט געמוזט אָפּנעמען דעם חשק צו אַ מיליטערישן פּאַרמעסט ביי די גרעסטע ענטוזיאַסטן פון אַן איבערברוך פון באַציִונגען צווישן מיזרח און מערב. אין אַלגעמיין מוז מען צוגעבן, אַז זיין באַזוך האָט געשאַפן אַ געוויסע פּאָליטישע אָנטשפּאַנונג אין דער וועלט און אַמייסטן האָט זיך דאָס געלאָזט פילן אין אַמעריקע.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז דער טאָן פון דער אַמעריקאַנער פּרעסע האָט זיך באַדייטנדיק געענדערט. אַפילו די רעאַקציאָנערסטע צייטונגען און זשורנאַלן האָבן אָנגעשלאָגן אַ מער אָפּטימיסטישן טאָן. עס קען זיין, אַז דאָס איז אַ צייטווייליקע דערשיינונג וואָס קומט נאָך דער שטימונג פון דער באַפעלקערונג, וועלכע דערוואַרט, אַז עפּעס וועט דאָך אַרויסקומען פון די דאָזיקע קעגנזייטיקע וויזיטן צווישן אַמעריקע און רוסלאַנד.

אַ דאַנק דער אייזענהאַוער־כרושטשעוו באַגעגעניש רעדט מען היינט און מען שרייבט אין אַמעריקע וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ גרויסער אינדוסטריעלער עקספּאַנסיע אָן דער וואָפן־פּראָדוקציע, וועגן אַ ריזיקן בויפּראָגראַם, וואָס וועט אָפּשאַפן סלאָמס אין לאַנד און וואָס זאָל פאַרפילפאַכן דעם בוי פון אויטאָמאָביל־וועגן; עס מערן זיך פּלענער פאַר דער אויסברייטערונג פון סאָציאַלער געזעצגעבונג און דער פאַרבעסערונג פון דערציִונגס־ און שול־סיסטעמען; עס שטאַרקן זיך די אויסזיכטן אויף אַ פרידלעכער אַנטוויקלונג פון דער אַמעריקאַנער ווירטשאַפט.

כרושטשעווס באַזוך האָט נישט וויניק צוגעטראָגן צו אַ געוויסער באַרויִקונג אויף די גרענעצן פון אַזיע און אַפריקע. עס זענען דערווייל אָפּגעטעמפּט געוואָרן די שפּיצן פון די קאָנפליקטן אין לאַאָס, אויף דער אינדיש־כינעזישער גרענעץ און אַפילו דע גאָלס פּלאַן פאַר אַלזשיר איז אויך, אין אַ געוויסער מאָס, באַווירקט געוואָרן פון דער רויִקערער אַטמאָספערע וואָס איז געשאַפן געוואָרן בעת כרושטשעווס באַזוך איז באַקאַנט געוואָרן.

דאָס זענען אַלץ פּאָזיטיווע דערגרייכונגען, וואָס זייער ריכטיקער ווערט וועט ערשט קאָנען אָפּגעשאַצט ווערן אין אַ צייט אַרום, ווען די ריכטונג פון דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג וועט קלאָרער ווערן. דערווייל זענען עס בלויז סימפּטאָמען וואָס טייטלען אין אַ געוויסער ריכטונג. די סימפּטאָמען זענען דערמוטיקנדיקע און פאַר דעם קאָסירט רוסלאַנד איין די באַדינגטע דאַנקבאַרקייט פון דער וועלט.

ישוב אַמעריקע און מדינת־ישׂראל

דער קאַמף פאַר אַן אייגענער מדינה און שפּעטער די הילף פאַר דער אויפגעקומענער מדינת־ישׂראל האָבן צעמענטירט און צוזאַמענגעשלאָסן די ייִדישע ישובים אין צענדליקער לענדער, ווי עס האָט עס נישט באַוויזן צו טאָן אין משך פון לאַנגע יאָרהונדערטער קיין שום אַנדערע באַוועגונג ביים ייִדישן פאָלק! מיט דער אַנטשטייונג פון מדינת־ישׂראל איז געשאַפן געוואָרן נישט בלויז אַ פיזישער צענטער פאַר דעם צעשפּרייטן ייִדישן פאָלק — עס איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ צענטראַלער, גייסטיקער זאַמלפּונקט, צו וועלכן עס ציִען זיך די פעדעם פון ייִדישער שאַפונג אין דער גאַנצער וועלט און וועלכער איז היסטאָריש אַנגעצילט צו פאַרשמעלצן אַלע ייִדישע גייסטיקע ענערגיעס אין איין גרויסער אַלוועלטלעכער ייִדיש־נאַציאָנאַלער יצירה!

די סך־הכּלען פון די דערגרייכונגען פון מדינת־ישׂראל אין איר ערשטער דעקאַדע, לייענען זיך ווי קאַפּיטלען פון אַן אַטעם־פאַרכאַפּנדיקער עפּאָפּעע. די אָפּשניטן פון עליה און קליטה, פון בוי און פון קאַמף מאַכן בלאַס די עפּיק פון די תּנ״כישע דערציילונגען. ייִדן אין אַלע לענדער האָבן גענוג סיבות צו זיין שטאָלץ אויף די אויפטוען פון דער מדינה און זיך צו פרייען מיט דער הילף וואָס זיי אַליין האָבן אַזוי פרייוויליק און פרייגיביק צוגעטראָגן צו די דאָזיקע געבענטשטע היסטאָרישע דערגרייכונגען.

ווי אַזוי זשע האָבן די דאָזיקע אַלע וווּנדערלעכע דערגרייכונגען זיך אויסגעווירקט אויפן לעבן פון די ייִדן אין אַמעריקע? ווי אַזוי שפּיגלט זיך אָפּ דער עשׂור אויף דעם היסטאָרישן גאַנג פון די געשעענישן אין אַ לאַנד, וווּ ייִדן לעבן אין גרויסע מאַסן צווישן אַנדערע פעלקער?

אייגנאַרטיק און איינציקאַרטיק איז דער אַמעריקאַנער ייִדישער ישוב. ער איז פאַרהעלטנישמעסיק יונג (אויב מען זאָל רעכענען פון דער צייט, ווען ער האָט אָנגענומען אַ כאַראַקטער פון אַ מ אַ ס ן ־ישוב, איז ער אין גאַנצן אַלט בערך הונדערט יאָר). זיין געזעלשאַפטלעכער און סאָציאַלער בוי איז אַנדערש פון אַלע ייִדישע ישובים וואָס מיר קענען פון דער געשיכטע.

ער איז אפשר דער איינציקער ייִדישער ישוב, וואָס האָט זיין געזעלשאַפט־לעכן בוי נישט אָנגעפאַנגען מיט אַ רעליגיעזער קהילה, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט אַנדערע ייִדישע געמיינדעס, וואָס האָבן זיך אויסגעבילדעט אין לויף פון אונדזער גלות־געשיכטע. דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום געפינט זיך, געזעלשאַפטלעך, נאָך אין דעם צושטאַנד פון ווערן. ער זוכט נאָך די פאָרמען אין וועלכע אויסצוגיסן זיין נאַציאָנאַלן אינהאַלט.

און נאָך עפּעס: אין דער צייט ווען די ייִדישע געזעלשאַפט אין אייראָפּע האָט זיך אויסקריסטאַליזירט סאָציאַל, גייסטיק, אידעאָלאָגיש און פּאַרטייִש, איז דאָס ייִדישע אַמעריקע פון אַלעמען, פון אַלע ייִדישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס אין אייראָפּע, באַטראַכט געוואָרן בלויז ווי אַ פינאַנסיעלער אינ־סטרומענט צו העלפן אַנטוויקלען די אייראָפּעיִשע אינסטיטוציעס; אויך די ציוניסטן האָבן געקוקט צום אַמעריקאַנער ייִדישן ישוב, ווי צום פינאַנסיעלן אָרעם פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג. דער דאָזיקער צוגאַנג איז געווען גענוג פאַרשטענדלעך פאַר יענער צייט: דער אויפבוי פון ארץ־ישׂראל האָט זיך געשטיצט אויף צוויי עלעמענטן: חלוצישע בויערס — אַזאַ האָט זיך געפונען לרוב אין דעם גרויסן נײַן־מיליאָניקן ייִדישן מאַסיוו פון מיזרח־אייראָפּע. דער דאָזיקער קוואַל פון פיאָנערישער ענערגיע האָט איבערגעשווו־מען זיינע אייגענע ברעגעס און געמוזט אָנקומען צו אומלעגאַלער עליה, כדי כאָטש טיילווייז צו באַפרידיקן דעם דראַנג פון דער אייראָפּעיִשער יוגנט עולה צו זיין קיין ארץ־ישׂראל. עס איז דעריבער נישט געווען קיין בויטווענדיקייט און אויך נישט קיין כּוחות אויף צו אַנטוויקלען אַ ציוניסטישע הגשמה־באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

האָט זיך אַזוי אַרום געשאַפן אַ ספּעציפישער אַמעריקאַנער ציוניזם, וואָס האָט געהאַט פאַר זיך אַלס איינציקע הויפט־אויפגאַבע דעם צווייטן עלעמענט: דינען ווי אַ קוואַל פון מאַטעריעלער שטיצע פאַר דער חלוצישער אויפבוי־אַרבעט אין ארץ־ישׂראל.

די דאָזיקע אויפגאַבע האָט דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום דערפילט בשלי־מות. עס איז שווער צו געפינען נאָך אַ געשיכטלעכןביישפיל פון אַזוי פיל וואַרעמער איבערגעגעבנקייט פון אַ ייִדישן ישוב. אָבער ווען צוליב דעם חורבן האָט אויסגעטריקנט דער מענטשנקוואַל פאַר דעם אויפבוי פון דער מדינה, האָט זיך ערשט אַרויסגעשטעלט, וואָס פאַר אַ טראַגישער פעלער עס איז געמאַכט געוואָרן דערמיט, וואָס דער אַמעריקאַנער ציוניזם האָט דערצויגן

אַ דור פון פילאַנטראָפּישע ציוניסטן, אָבער נישט קיין דור פון חלוצים. דער אויפקום פון מדינת־ישראל האָט קיין סך נישט געקאָנט ענדערן אויפן מאָמענט. דערציִען אַ פאָלק צו חלוצישער טאַט קאָן מען נישט לויט אַ באַפעל; דאָס איז אַ לאַנגער היסטאָרישער פּראָצעס, וואָס הייבט זיך אָן מיטן קינד אין שול און לייגט אַרויף זיין שטעמפּל אויף דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פונעם פאָלק, אין אַלע זיינע סאָציאַלע און קולטורעלע פאָרמען. אין דאָזיקן דורכרייס פון דעם אַמעריקאַנער ציוניזם איז, אָביעקטיוו גענומען, און פון היסטאָרישן רעטראָספּעקט, נישטאָ קיין איינצלנער שולדיקער. עס איז דעריבער זינלאָז זיך אַריינצולאָזן אין קעגנזייטיקע באַשולדיקונגען. עס איז גלייכער צו כאַפּן אַ בליק אויף דעם, ווי אַזוי עס האָבן געווירקט די ערשטע צען יאָר פון מדינת־ישראל אויף דעם אַמעריקאַנער פּראַנט און אפשר אויך אַרויסציִען מסקנות פאַר ווייטערדיקע אויסזיכטן.

פאַר דעם אויפקום פון דער מדינה איז דאָס ייִדישע לעבן אין אַמעריקע געווען צעפּיצלט און צעשפּאָלטן, און הגם עס האָט זיך פון צייט צו צייט אַרויסגעשיילט אַ נאַציאָנאַלער ייִדישער פּראַנט אין מאָמענטן פון נאַציאָנאַלער נויט (עמוירדזשענסי בלע״ז), זענען דאָס אָבער געווען פאַראיינצלטע פאַלן. און אַפילו דאַן זענען געווען גאַנץ באַדייטנדיקע טיילן פון דער ייִדישער געזעלשאַפט, וואָס האָבן זיך נישט געפילט פאַרפליכטעט אונטערצוואַרפן זיך דער אַלגעמיינער דיסציפּלין. עס איז אין דעם אַמעריקאַנער ייִדישן לעבן נישט געווען קיין צענטראַלע נאַציאָנאַלע אידעע וואָס זאָל שטיין אויסער די ראַמען פון אידעיִשער, פּאַרטייִשער און גרופּן־מחלוקת.

דאָס איז יאָ דערגרייכט געוואָרן מיטן אַנטשטיין פון מדינת ישראל.

עס זענען דאָ פאַראַן אָן אַ שיעור אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, גרופּעס און פּאַרטייען, רעליגיעזע אָרדנס און פריידענקערישע גרופּירונגען, סינאַגאָגעס און קלובן, יוניאָנס און פאַבריקאַנטן־אַסאָציאַציעס; סאָציאַל און אידעיִש איז דאָס ייִדישע לעבן אין אַמעריקע אַזוי פאַרשיידנאַרטיק און אַזוי צעבּרעקלט, ווי עס איז נישט געווען קיין אַנדערער ייִדישער ישוב — אָבער מען קאָן מיט זיכערקייט פעסטשטעלן, אַז אַלע, בוכשטעבלעך אַלע (מיטן אויסנאַם פון שפּליטער־קלייזלעך, וואָס קאָנען נישט גענומען ווערן אין חשבון סיי לויט זייער צאָל און אויך נישט לויט זייער איכותדיקער וואָג) האָבן פרייוויליק גענומען אויף זיך די נאַציאָנאַלע דיסציפּלין בנוגע צו מדינת־ישראל.

די דאָזיקע נאַציאָנאַלע דיסציפּלין ווייס נישט פון קיין גרענעצן: זי שפּרייזט אַריבער רעליגיעזע צוימען, זי פאַרטושט סאָציאַלע אינטערעסן, זי ווישט אָפּ פּאַרטיי־גרענעצן, זי פליסט אַרויס פון דער טיפסטער ליבשאַפט, וואָס אַ פאָלק קאָן אויסהאָדעווען אין זיך פאַר אַן אויסגעחלומטער אידעע.

זיכער באַמיִען זיך פאַרשיידענע עלעמענטן אינעם פאָלק צו באַווירקן דעם גאַנג פון דער אַנטוויקלונג אין דער ייִדישער מדינה אין הסכּם מיט זייערע אייגענע גלוסטונגען. יעדער שיכט שטרעבט (און מיט רעכט) צו באַאיינפלוסן די פאָרמען פון דער געשטאַלטונג פון דער מדינה; יעדער גרופּע וויל זען די אויסבילדונג פון דער מדינה אין איר אייגענער פאָרעם. קומט אַרום דעם פאַר אַ נאָרמאַלער אידעיִשער געפעכט. זאָל אָבער וועלכע עס איז גרופּע אָדער אידעיִשע מחנה פּרוּוון אויפהייבן אַ קאַמף קעגן דער מדינה, וועט זי גלייך געשטעלט ווערן מחוץ למחנה פון דער ייִדישער געזעלשאַפט!

דאָס איז אָנווענדבאַר סיי צו די (ווי עס זענען די אַמעריקאַנער נטורי קרתא) וואָס פּרוּוון אַפּעלירן אין נאָמען פון רעליגיעזע פּרינציפּן, אַזוי ווי צו אַנדערע, וואָס זענען מוציא דיבה אויפן לאַנד צוליב די אָדער אַנדערע סאָציאַלע איינפירונגען.

דער יצר־הרע פון אויסאיבן פּאָליטישן איינפלוס אויף דער ישׂראל־רעגירונג, און אַפילו פּאָליטישן דרוק, האָט נישט איין מאָל געקלאַפּט אין די טירן פון ייִדישע אָרגאַניזאַציעס. עס האָבן געפּרוּווט אָנווענדן פּאָליטישן דרוק די ציונים כּלליים (זיי זענען פאַר דעם אויפקום פון דער מדינה געווען די איינפלוסרייכסטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין לאַנד מיט איבער דריי הונדערט טויזנט מיטגלידער), זיי האָבן זייער שנעל אויסגעפונען אַז די ייִדישע מאַסן וועלן נישט טאָלערירן אַזאַ ליניע. צענדליקער טויזנטער אַלגעמיינע ציוניסטן זענען אַרויסגעטראָטן פון דער אָרגאַניזאַציע. די ציוניסטישע מאַסן האָבן „געשטימט מיט זייערע פיס” און האָבן געצווּנגען זייערע פירערס, טיילווייז, זיך צוריקצוציִען פון זייער דרך.

גרויסע אוצרות פון צערטלעכער ליבשאַפט און אינטימער וואַרעמקייט פאַר דער ייִדישער מדינה ליגט באַהאַלטן אין שויס פון דעם ייִדישן פאָלק אין די פאַראייניקטע שטאַטן. זיי קומען צום בעסטן צום אויסדרוק אין זיין גרייטקייט זיך צו שטעלן אין שוץ פון דער מדינה ביי אַלע געלעגנהייטן. ווער עס האָט נישט געזען, צו ערשט די זאָרג און דעם ציטער, און דאַן דעם

שטאָלץ און די פרייד פון די אַמעריקאַנער ייִדן בעת דער סיני־אַקציע, דער וועט קיין מאָל נישט קאָנען זיך דערגרונטעווען צו דעם פאַרבאַהאַלטענעם אוצר פון מסירת־נפש פאַר דער מדינה וואָס דרימלט אין די טיפענישן פון דעם אַמעריקאַנער ייִדישן ישוב.

זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן דער פינאַנסיעלער בײַשטייער פון די אַמע־ריקאַנער ייִדן צו דער אויסברייטערונג און פאַרפעסטיקונג פון ישׂראלס ווירטשאַפטלעכע האַריזאָנטן. דער פּלאַץ וואָס אַן אַמעריקאַנער ייִד זאָל פאַרנעמען אין דעם געזעלשאַפטלעכן קרייז, אין וועלכן ער פאַרקערט, איז, אין אַ סך, זייער אַ סך פאַלן אָפּהענגיק פון זיין באַציִונג צו די פאָנדן, וואָס באַדינען די ייִדישע מדינה! צו אַזאַ מדרגה פון נאַציאָנאַלער דיסציפּלין האָט זייער זעלטן דערגרייכט וועלכער ס׳איז אַנדערער ייִדישער ישוב.

אין סך־הכל האָבן די צען יאָר ייִדישע מדינה כּמעט פולשטענדיק געענדערט דעם געזעלשאַפטלעכן פּרצוף פון דעם אַמעריקאַנער ישוב. אָרגאַ־ניזאַציעס, וואָס האָבן אין משך פון צענדליקער יאָרן באַגרינדעט זייער באַזונדערע עקסיסטענץ מיט זייער אַקטיוון און טייל מאָל פאַרסמעגדיקן אַנטי־ציוניזם, זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין וואַרעמע פריינד פון דער מדינה. עס גילט אין כּלל אין דעם ייִדישן אַמעריקע נאָך צען יאָר עקסיסטענץ פון מדינת־ישׂראל: ווער עס טרעט אַרויס קעגן דער ייִדישער מדינה, האָט נישט קיין אָרט אין ייִדישן לעבן. אַזוי זענען געשטעלט געוואָרן מחוץ למחנה די ייִדישע קאָמוניסטן, און אַזוי אויך די אָפּטריניקעס פון דעם „קאָונסיל פאַר דזשודאַיִזם“. די באַציִונג צו ביידע גרופּעס איז ווי צו פאַררעטערס און מצורעים.

פון וואַנען נעמט זיך צו דעם ייִדישן אַמעריקע אַזאַ טיף פאַרוואָרצלטער געפיל פאַר דער ייִדישער מדינה? סוף־סוף לעבן דאָך די אַמעריקאַנער ייִדן אין פאַרהעלטנישמעסיק גוטע עקאָנאָמישע באַדינגונגען און, כּידוע, איז אַ גוטער עקאָנאָמישער קלימאַט ביי ייִדן קיין מאָל נישט געווען קיין סגולה פאַר דער עקספּאַנסיע פון זייער נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין; אויך געזעלשאַפטלעך לעבט זיך די אַמעריקאַנער ייִדן נישט שלעכט; זיי ליידן נישט צו פיל פון קיין דיסקרימינאַציעס, און די אַנטיסעמיטישע אויסשרייטונגען האָבן יעדנ־פאַלס, ביז היינט, נישט אָנגענומען קיין ערנסטע פּראָפּאָרציעס; ווו זשע פאַרט ליגט דער סוד פון זייער גרויסער איבערגעגעבנקייט צו דער ייִדישער

מדינה און זייער גרייטקייט איר צו באַשיצן און העלפן איר בייקומען אַלע שוועריקייטן ?

מען דאַרף זוכן דעם ענטפער אויף דער דאָזיקער וויכטיקער פראַגע דווקא אין דער אייגנאַרטיקייט פון דעם אַמעריקאַנער יידישן ישוב, אין די פּראָצעסן, וואָס האָבן אים געגעבן זיין היינטיקן אויסזען, און אין די פּראָבלעמען, וואָס זיין אייגנאַרטיקייט שטעלן פאַר אים אַוועק: צוליב אַ גאַנצער ריי סיבות, האָט דאָס יידישע לעבן זיך ייִדיש נישט פאַרוואָרצלט אין אַמעריקע, אַ סך פון די רעליגיעזע ווערטן זענען אין דעם שטורעם פון עמיגראַציע און רעוואָלוציע בשעתו פאַרלוירן געגאַנגען, דער אַמעריקאַנער שמעלצטאָפּ האָט אויך צעשמעטערט אויף שטיקלעך דאָס לעצטע ביסל טראַדיציע, וואָס דער אימיגראַנט האָט מיט זיך געבראַכט פון זיין אַלטער היים.

מיט דעם גרויסן שטראָם פון אימיגראַציע אין דעם נייעם לאַנד זענען אָנגעקומען אויך אַ באַדייטנדיקע צאָל אינטעליגענטן, וואָס זענען פאַרכלינעט געוואָרן פון די פרייהייטן וואָס האָבן זיך אויסגעשפּרייט פאַר זיי און, ווי אַ רעאַקציע צו דער געצוווּנגענער אָפּגעזונדערטקייט אין דער אַלטער היים, האָבן זיי זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם אַמעריקאַנער שמעלצטאָפּ און האָבן געזוכט מיט זיך מיטצושלעפן אין דער אַסימילאַציע אויך די ברייטע יידישע מאַסן. דאָס איז זיי אויך געלונגען אין אַ גאָר גרויסער מאָס. מיט קליינע אויסנאַמען, האָבן די יידישע אימיגראַנטן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם גאַנצן באַגאַזש פון יידישקייט און געפּרוווט פאַרווישן דעם יידיש־נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, זייער איינציקע לאָיאַליטעט אין דער יידישער סביבה האָט זיך באַגרענעצט צו הילפסאַרבעט לטובת זייערע קרובים אין דער אַלטער היים.

די צוגעבונדנקייט צו דער אַלטער, אייראָפּעיִשער היים איז אָבער געווען אַ צעמענטירנדיקער פאַקטאָר בלויז פאַר דעם ערשטן דור איינוואַנדערערס, ער האָט אָנגעהויבן שוואַכער צו ווערן מיט דער צייט; דער צווייטער דור, און אוודאי דער דריטער, האָבן שוין געהאַט אַ זייער שוואַכן אינטערעס אין לענדער, וועלכע זיי האָבן קיין מאָל נישט געזען, און צו וועלכע זיי האָבן נישט געפילט קיין שום צוגעבונדנקייט. אויף דעם יונגן דור האָבן אויך געהאַט אַ שלעכטע ווירקונג די אָפּקלאַנגען פון די פאַרפאָלגונגען אויף יידן אין די מיזרח־אייראָפּעיִשע לענדער, ווי פרייע מענטשן, דערצויגענע אין דעם דעמאָקראַטישן אַמעריקע, האָבן זיי געפילט פאַראַכטונג נישט בלויז

צו די אונטערדריקערס נאָר אויך צו די ייִדן, וואָס זענען געווען קרבנות פון אַט די פאַרפאָלגונגען און הילפלאָז זיך אַנטקעגנצושטעלן די פאַרפאָלגערס.

אַזוי זענען פאַרביי צוויי, דריי דורות און עס איז אויסגעוואַקסן אַ ייִדישער דור אשר לא ידע את יוסף; ער האָט נישט געהאַט עפּעס פון די טראַדיציעס פון די ערשטע אימיגראַנטן און אויך נישט קיין אייגענע ייִדישע, נאַציאָנאַלע דערציִונג.

ווען דער אַמעריקאַנער ישוב האָט זיך אַרומגעקוקט, ווו ער האַלט אין פּרט פון ייִדישקייט, האָט ער געזען אַרום זיך אַ שרעקלעכן חלל, אַ וואַקום וועלכן עס איז נישטאָ מיט וואָס אויסצופילן; דער ישוב האָט הילפלאָז זיך צוגעקוקט, ווי זיינע זין און טעכטער ווערן פאַרכאַפּט פון אידעען און באַוועגונגען, וואָס האָבן נישט קיין שום פאַרבינדונג מיט היסטאָרישער ייִדישקייט אין וועלכער ס'איז פאַרעם, און ווי אין אַ סך פאַלן ווערן זיי אַוועקגערויבט דורך באַוועגונגען, וואָס זענען אויסגעשפּראָכן פיינטלעך צו ייִדישע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס. עס איז געבליבן איין איינציקע האָפענונג אויף צוריקצוגעווינען די ייִדישע קינדער פאַר נאַציאָנאַלן המשך: באַגייסטערן זיי מיט אַזאַ ייִדיש־נאַציאָנאַלער אידעע, וואָס זאָל אַפּעלירן צו זייער פאַנטאַזיע, זאָל אָנצינדן זייער יוגנטלעכע ענערגיע און זאָל געבן אַ מעגלעכקייט אויסצונוצן זייער יוגנטלעכע באַגייסטערונג — דאָס האָט זיי געקאָנט געבן בלויז דער דראַמאַטישער קאַמף ערב דער מדינה און דער געראַנגל פון דער מדינה פאַר איר קיום און אויסברייטערונג אין משך פון די לעצטע צען יאָר!

דער קאַמף פאַר דער נשמה פון דער אַמעריקאַנער ייִדישער יוגנט פירט זיך נאָך אין זיין גאַנצער שאַרפקייט. עס זענען פאַראַן גענוג אָביעקטיווע און אויך סוביעקטיווע כּוחות, וואָס צילן אָפּצופרעמדן די יוגנט פון איר נאַציאָנאַלן שורש. אויף עקסטרעם רעכטס און אויף עקסטרעם לינקס אין דעם אַמעריקאַנער ישוב זענען פאַראַן לאַגערן, וואָס פּרידיקן טעאָריעס פון פולשטענדיקן אויסמיש פון דער ייִדישער מינדערהייט, ביז עס זאָל קיין זכר נישט בלייבן פון ייִדישן פאָלק. ייִדישע קאָמוניסטן פון איין זייט און די מולטי־מיליאָנערישע „דזשודאַיִסטן" פון דער אַנדערער, טרעפן זיך צוזאַמען אויף דעם פעלד פון אַסימילאַציע. עס איז נישט קיין בייע דערשיינונג אין דער ייִדישער געשיכטע, אָבער זי נעמט אָן דראַענדיקע פאַרמען אין אַמעריקע.

דערפאַר איז אַזוי שטאַרק דער דראַנג פון די ייִדישע פאַראַנטוואָרטלעכע עסקנים זיך צו דערנעענטערן און וואָס ענגער פאַרבינדן מיט מדינת־ישראל;

דערפאַר דער טיפער אינטערעס אין דעם נאָרמאַלן בוי פון דער מדינה, דערפאַר אויך, פיל מאָל, די פולע אידענטיפיקאַציע מיט ישׂראלס אינטערעסן, אַפילו ווען די אָפיציעלע אַמעריקאַנער מלוכה־קרייזן זענען טייל מאָל פיינט־לעך צו ישׂראל. עס איז דער פאַרלאַנג צו געפינען אַן אָנהאַלט פאַר זייערע קינדער אינעם יידישן לעבן.

די דאָזיקע לאַגע רופט אַרויס אַ גאַנצע ריי פּראָבלעמען און לייגט אַרויף גרויסע אַחריותן אויף די פירערס פונעם אַמעריקאַנער יידנטום און אויך אויף די געזעלשאַפטלעכע קרייזן פון מדינת־ישׂראל; מען קאָן נישט צוגיין צו דער אַמעריקאַנער יוגנט מיטן מאָסשטאַב, וועלכן מען האָט באַנוצט אין די אייראָפּעישע לענדער פאַר דער מלחמה; דאָס זענען אַנדערע מענטשן, אַן אַנדערער היסטאָרישער פאָן, אַן אַנדערע דערציִונג.

אַ גרויסצוזיקער פּלאַן דאַרף אויסגעאַרבעט ווערן, וואָס זאָל דערמעגלעכן אַזעלכע קעגנזייטיקע באַציִונגען צווישן ישׂראל און אַמעריקע, אַז ביידע יידי־שע צענטערן זאָלן דערפון געניסן. נישט אַריינגייענדיק אין פּרטים פון אַזאַ פּלאַן, זאָל אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז הויפּטזעכלעך דאַרף דער פּלאַן ווערן צוגעפּאַסט צו דער שטודירנדיקער יוגנט, וואָס מאַכט היינט אין אַמעריקע אויס דעם רוב מנין פון די יוגנטלעכע. די מדינה האָט אין אַמעריקע אַנטוויקלט גרויסע און עפעקטיווע קאַמפּאַניעס פאַר מאַטעריעלע מיטלען און זיי ברענגען וווּנדערלעכע רעזולטאַטן. איז דאָס טאַקע זייער גוט.

איצטער מוז אויפגעשטעלט ווערן אַן אימפּאָזאַנטער קאַמפּיין פאַר דער נשמה פון דער אַמעריקאַנער יוגנט. אַלע מיטלען וואָס זענען, מצד פאַרשיי־דענע ציוניסטישע, אַפילו חלוצישע באַוועגונגען אָנגענומען געוואָרן צו גע־ווינען די יוגנט, זענען נישט געלונגען. דער קאָנטאַקט צווישן אַמעריקע און ישׂראל ווערט אויפגעהאַלטן דורך טוריסטן פון אַלטן דור, וואָס קומען זיך קוויקן מיט די הייליקע ערטער, אָדער מיט די נייע מיליטערישע מכשירים פון צה״ל. דאָס איז נישט גענוג, נישט פאַר דער מדינה און אויך נישט פאַר פאַרזעצונג פון יידישן נאַציאָנאַלן המשך אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

עס איז נויטיק אַ נייער צוגאַנג. מיט וויזיע, מיט פאַרנעם! עס דאַרף אויפגעשטעלט ווערן אַ גרויסער, פילמיליאָניקער קאַמפּיין צווישן די יידישע עלטערן, זיי זאָלן שיקן זייערע זין און טעכטער אויף איין יאָר שטודיום קיין מדינת־ישׂראל. דער לאָזונג פון דוד בן־גוריון, מיט עטלעכע יאָר צוריק: „מיר וועלן ביי אייך צונעמען אייערע קינדער״, האָט נישט געווירקט. נישט

די עלטערן זענען געווען גרייט „אָװעקצוגעבן" די קינדער און בישט די קינדער זענען געווען גרייט איבערצורייסן מיט אַמעריקע און ווערן בירגערס פון ישׂראל.

אַנדערש וועט עס זיין, ווען דער לאָזונג וועט געוואָרפן ווערן צו די עלטערן: „באָרגט אונדז אויס אייערע קינדער אויף איין יאָר!" עס קאָנען זיין טויזנטער יונגע מענטשן וואָס וואָלטן געשטראָמט צו די ברעגעס פון דעם לאַנד, וועגן וועלכן זיי הערן אַזוי פיל און וואָס אינטריגירט און רייצט זייער פאַנטאַזיע. אַ טייל פון זיי, אין אָנפאַנג אַ קלייִנער טייל, וואָלט זיך באַהאַפטן מיטן לאַנד, אַנדערע וואָלטן צוריקגעפאָרן אַהיים נאָך אַ געוויסן לערן־פעריאָד און וואָלטן מיט זיך געבראַכט קיין אַמעריקע די „אַווירא דארץ ישׂראל". סוף־סוף זענען עס דאָך די קומענדיקע פירערס און אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם אַמעריקאַנער ישוב!

אַוודאי זענען פאַראַן אַזעלכע אינסטיטוציעס, וואָס דאָס איז זייער פּראָ־גראַם — דאָס זענען אָבער אינסטיטוציעס מיט קליינע השׂגות. אין אַמעריקע מוז מען אַרבעטן מיט גרויס פאַרנעם, כּדי צוצוקומען צו מאַסן!

די אַמעריקאַנער יידישע יוגנט וועט געווונען ווערן פאַר נאַציאָנאַלע אויפגאַבעס דורך גרויסצוגיקע פּלענער, אָדער זי וועט אין גאַנצן אָפּגעפרעמדט ווערן פון יידישע אינטערעסן.

מאַי, 1958

חורבן און גבורה

(צום 17־טן יאָרטאָג פונעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ)

ווען עס צינדן זיך אָן די יאָרצייט־ליכט אין אָנדענק פון די מיליאָנען קרבנות אונדזערע פון דעם היטלעריסטישן חורבן, ווען יידיש פאָלק אין דער גאָרער וועלט איז זיך מתיחד מיט די נשמות פון די פאַרשניטענע לעבנס פון אונדזערע קדושים, ווען אויגן ווערן פאַרטרערט און הערצער ווערן פאַרקלעמט אין הילפלאָזן צער און צאָרן — שטייט אויף דאָס בילד פון דעם קאַמף אין דעם וואַרשעווער געטאָ מיט דעם גאַנצן טראַגישן העראָיזם זיינעם, מיט דעם ווונדערלעכן לאָזונג פון די געטאָ־קעמפערס „פאַר אונדזער און אייער פרייהייט", און דאָס דאָזיקע בילד פון די רעשטלעך פון אונדזער פאָלק וואָס האָט געקעמפט אַן אויסזיכטלאָזן קאַמף קעגן אַן אַכזריותדיקן שונא, בלויז און אויסשליסלעך מיטן ציל צו ראַטעווען דעם כבוד פון פאָלק, פאַר־לייכטערט אַ ביסל דאָס באַטריבטע געמיט און מאַכט פאַר אונדז מעגלעך ווייטער אָנצוגיין מיט דער אויפגאַבע ווידעראויפצובויען די נאַציאָנאַלע פאָזיציעס.

עס איז גוט, וואָס דער אויפשטאַנד איז אויסגעקליבן געוואָרן ווי דער נאַציאָנאַלער געדענקטאָג פונעם חורבן אייראָפּע; דער דאָזיקער פאַקט מינערט נישט אויף קיין האָר פון דעם כבוד פון די מיליאָנען יידן וואָס זענען, אָן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, אומגעקומען אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און גאַזקאַמערן פאַר און נאָך דעם געטאָ־אויפשטאַנד.

אַנדערע גרעסערע אייראָפּעישע פעלקער, פעלקער וואָס זענען געזעסן אויף אייגענעם באָדן, פעלקער וואָס האָבן געהאַט אומפאַרגלייכלעך מער און בעסערע מאַטעריאַלן און מיליטערישע מיטלען מיט וועלכע זיך אַנטקעגנצו־שטעלן די אַכזריות פון דעם אָקופּאַנט, האָבן נישט געוואַגט אויפצוהויבן די פאָן פון מרידה קעגן די נאַציס און זיי זענען, אין הונדערטער טויזנטער, אויסגעגאַנגען אין די לאַגערן און גאַזקאַמערן. קיינער אין דער פרייער וועלט האָט גאָרנישט דערוואַרט פון אָקופּירטע באַפעלקערונגען קיין באַוואָפנטן

אויפשטאַנד נאָך דעם ווי די רעגולערע אַרמייען פון די דאָזיקע לענדער זענען, אויף אַ בליץ־שנעלן אופן, באַזיגט געוואָרן דורך דער נאַצישער מיליטערישער מאַשין.

דאָס איז אויך געווען די אָפיציעלע איינשטעלונג פון די רעגירונגען פון די מערב־מלוכות, ווען יידישע פאָרשטייערס זענען געקומען צו זיי מיט דער פאָדערונג צוצושטעלן קאַמפגעווער צו די יידן הינטער די נאַצישע ליניעס: דאָס איז נישט קיין יידישע מלחמה, האָבן זיי געענטפערט. די יידן וועלן באַפרייט ווערן צוזאַמען מיט גאַנץ אייראָפּע, ווען דער טאָג פון נצחון וועט קומען. וועגן דעם אַז דער טאָג פון נצחון וועט פאַר אונדז קומען ווען עס וועט שוין נישט זיין וועמען צו באַפרייען, וועגן דעם האָבן זיי נישט געוואָלט הערן.

אין די דאָזיקע באַדינגונגען פון פולשטענדיקער איזאָלאַציע פון דער וועלט, מיט דער שרעקלעכער פּאָזיציע, אין וועלכער זיי האָבן זיך געפונען, צו זיין דער הויפּט צילברעט פון דייטשישער רציחה, האָבן די רעשטלעך פון פוילישן יידנטום אויפגענומען אַ מיליטערישן בונט קעגן דעם אָקופּאַנט!

מיט דער אָ טאַט האָבן זיי פאַרזיכערט נישט בלויז אַ ווערדיקן טויט פאַר זיך אַליין, נאָר זיי האָבן אויך מעגלעך געמאַכט פאַר אונדז צו לעבן ווערדיק!

עס איז ממש נישט מעגלעך זיך פאָרצושטעלן ווי אַזוי מיר וואָלטן געקאָנט ווייטער אָנגיין מיט אונדזער לעבן ווען עס וואָלט נישט געווען דער וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. וואָס וואָלטן מיר דערציילט אונדזערע קינדער, אויף זייער פראַגע: פאַר וואָס האָט איר נישט געקעמפט? פאַר וואָס זייט איר געגאַנגען ווי שאָף צו דער שחיטה? אַפילו דער שפּעטערדיקער אויפקום פון מדינת־ישראל וואָלט נישט געהאַט, אין די אויגן פון די שפּע־טערדיקע דורות, דעם גלאַנץ און די קרוין פון העלדישקייט ווען עס וואָלט פריִער נישט געווען דער וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. אַ פאָלק, אַ ווערטיק פאָלק, קאָן נישט לעבן אויסשליסלעך מיט מאַרטירערטום. אַ פאָלק וואָס קעמפט נישט מיט וואָפן אין האַנט קעגן שונאים קאָן נישט האָבן קיין רעספּעקט פון דער דרויסנדיקער וועלט.

דאָס האָבן פאַרשטאַנען און געפילט די גיבורים פון וואַרשע, טשענ־סטאָכאָוו, ווילנע, בענדין און די אומציילִיקע אַנדערע שטעט פון פוילן און ליטע ווען זיי האָבן, מיט נעבעכדיקן וואָפן, ממש מיט הוילע הענט, אויפגע־נומען דעם קאַמף קעגן דער היטלעריסטישער חיה רעה.

זיי זענען דעריבער אויסגעוויילט געוואָרן פונעם פאָלק צו סימבאָליזירן די עפּאָכע. זיי האָבן, אין דעם באַוווסטזיין פון פאָלק איינגעפלאַנצט דעם געפיל פון שטאָלץ מיט זייער גבורה. מיר קאָנען אונדזערע קינדער דערציילן וועגן אַ הייפעלע אויסגעמוטשעטע יידישע גיבורים, וואָס האָבן אויסגעהאַלטן דעם פאַרמעסט מיט דער גרעסטער מיליטערישער מאַשין און אים אויסגע־האַלטן אין משך פון לאַנגע וואָכן. מיר קאָנען זיי דערציילן וועגן איבער־מענטשלעכער גבורה פון יידישע יונגע־לייט, וואָס האָבן, מיט דער נאַציאָ־נאַלער פאָן אין די הענט, אויסגעקליבן צו פאַלן אין קאַמף איידער זיך אונ־טערצוגעבן דעם זיגער; מיר קאָנען שטאָלצירן מיט דעם געשיכטלעכן פאַקט וואָס די יידן זענען געווען די ערשטע אין איראָפּע וואָס האָבן געשאַפן אַן אונטערערדישע באַוועגונג אויפן אָקופּירטן קאָנטינענט.

פאַר אָט דער נאַציאָנאַלער טאַט האָבן זיי זיך אויף אייביקע צייטן איינגעקריצט אין דעם האַרץ פונעם פאָלק, וואָס בענטשט זייער הייליקן אָנדענק דערמיט, וואָס יאָר־איין, יאָר־אויס ווערן זיי דערמאָנט ווי דער סימבאָל פון אונדזער ליידנדיקן און קעמפנדיקן פאָלק.

אַפּריל, 1960

אַ וואָרט אין דער דיסקוסיע

לכתּחילה איז די פראַגע געשטעלט געוואָרן: וואָס זאָל ווערן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דוד בן־גוריון האָט דערקלערט, אַז ער זעט נישט אײן צו וואָס עס זאָל ווייטער עקסיסטירן אַן אָרגאַניזאַציע פון ציוניסטן וואָס שיידן זיך, אין זייער טעטיקייט און אין זייערע צילן, וועזנטלעך נישט אונטער פון אַנדערע ייִדן אין גלות, וואָס האָבן אויך ליב די מדינה און זענען אויך גרייט פאַר אָט דער מדינה אָפּצוגעבן און מקריב צו זיין אַזוי פיל ווי די וואָס געהערן אָרגאַניזאַציאָנעל צו דער ציוניסטישער באַוועגונג.

עס איז דעמאָלט געוועזן אַן אָרגאַניזאַציאָנעלער וויכּוח: וועלכע אַנדערע אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַמען זאָלן אויפגעשטעלט ווערן פאַר די צילן פון העלפן דער מדינה אויף אַלע געביטן: עליה, אַבסאָרבציע, עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג, וויסנשאַפטלעכע עקספּאַנסיע, פּאָליטישע פאַרבינדונגען אאַז״וו.

די פראַגע איז געווען, צי די ראַמען פון דער עקסיסטירנדיקער ציוניס־טישער באַוועגונג זענען נישט צו ענג צו געבן שווונג און פאַרנעם דעם דראַנג פון גרויסע טיילן פון ייִדישן פאָלק זיך צו באַטייליקן אין דער הילף פאַר דער מדינה אויף די אַלע דערמאָנטע געביטן.

עס זענען געווען אַזעלכע אין בן־גוריונס לאַגער וואָס האָבן געטענהט, אַז נישט בלויז קען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אַליין נישט נעמען אויף זיך די דאָזיקע אויפגאַבעס, נאָר אַז מיט איר בלויזער עקסיסטענץ שטערט זי אַנדערע, נישט־ציוניסטישע ייִדן, זיך ווי געהעריק צו באַטייליקן אין גרויסצוגיקער הילף פאַר דער מדינה.

אַנדערע, וואָס זענען מחולק מיט בן־גוריונען (און זייער וויכטיקסטער פאָנען־טרעגער איז ד״ר נחום גאָלדמאַן), האָבן פאַקטיש אָנגענומען אין פּרינציפּ בן־גוריונס צוגאַנג — זיי זענען זיך אָבער פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט אים אין דער לייזונג פון דעם פּראָבלעם: בן־גוריון האַלט, אַז עס איז נויטיק פאַנאַנדערצולאָזן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, פּשוט זי אויפלייזן, און איבער־לאָזן דער ייִדישער מדינה און איר רעגירונג די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן

דאָס ייִדנטום אין די תּפוצות לטובת מדינת־ישׂראל — און ד״ר גאָלדמאַן שטעלט זיך איין דערפֿאַר אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע זאָל טאָן די אָרגאַ־ניזירונג־אַרבעט, אָבער זי זאָל אויסברייטערן אירע ראַמען און אַרייננעמען אַלע די וואָס ווילן עפּעס טאָן פֿאַר מדינת־ישׂראל. ביידע צדדים זענען אָבער מסכּים, אַז די היינטיקע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע ווי זי איז מוז ענדיקן איר אָרגאַניזאַציאָנעלן לעבן.

איך ווייס, אַז אַזוי אַוועקשטעלן די פֿראַגע איז אַ ביסל איבערסימפּליצירט, אַז ביידע צדדים וועלן פּראָטעסטירן, אַז עס איז נישט אַזוי פּשוט. אָבער ווען מען וואַרפֿט אָפּ אַלע פֿליטערלעך פֿון דער דיסקוסיע און מען וויל אַרויס־נעמען דעם סאַמע עיקר פֿון די חילוקי דעות, רעדוצירט זיך די דעבאַטע טאַקע דערצו: ווער זאָל אָרגאַניזאַציאָנעל אָנפֿירן מיט דער אַרבעט אין דער ייִדישער סביבה לטובת מדינת־ישׂראל? — זאָל עס זיין די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, אָדער די ישׂראל־רעגירונג.

קלאָר, אַז אויב אַפֿילו די אויפֿגאַבע זאָל אין גאַנצן צופֿאַלן דער ישׂראל־רעגירונג, וועלן אויך אין די תּפוצות אויפֿגעשטעלט ווערן ספּעציעלע קער־פּערשאַפֿטן פֿון די גלות־ייִדן גופֿא, וואָס זאָלן זיך פֿאַרנעמען מיט דורכפֿירן די דאָזיקע אַרבעטן — די אָנפֿירונג אָבער פֿון דער גאַנצער פֿאַרצווייגטער טעטיקייט וועט ליגן אין די הענט פֿון ישׂראלים, וואָס וועלן אַרבעטן לויט פּלענער, אויסגעאַרבעטע אין מדינת־ישׂראל.

ווען די פֿראַגע איז אַזוי געשטאַנען, און ווייל זי איז לכתּחילה אַזוי געשטעלט געוואָרן, האָט זי אַרויסגערופֿן אַ זייער שלעכטן אָפּקלאַנג אין ייִדישן לעבן. דער ישׂראלדיקער פּרעמיער־מיניסטער האָט אַזוי אַוועקגע־שטעלט די פֿראַגע, אַז עס האָט זיך באַקומען דער איינדרוק, אַז דאָ קומט פֿאַר אַ קאַמף פֿאַר מאַכט אין ייִדישן לעבן, אַז מען רייסט זיך איבער בענקלעך אין דער ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכקייט און אַז די צדדים קאָנען זיך נישט צעטיילן מיט די טראָפֿייען פֿון דעם פֿאַרווירקלעכטן ציוניזם.

דאָס איז די אומפֿאַרגעבלעכע זינד פֿון ישׂראל־פּרעמיער, ווייל די רע־זולטאַטן פֿון אָט דעם פֿעלער קאָנען מער נישט אויסגעבעסערט ווערן. דער שאָדן איז אָפּגעטאָן און קיין שום „שילומים" קאָנען מער נישט גוטמאַכן דעם פֿאַרלוסט. דער פּרעסטיזש און אָנזען פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע אין דער צייט פֿון אויפֿקום פֿון דער מדינה האָט געקראָגן אַ טויטלעכן קלאַפּ.

אין משך פון עטלעכע דורות האָבן ציוניסטן געבראַכט קרבנות פאַר ארץ־ישׂראל. פון אייראָפּע זענען געגאַנגען חלוצים, פון אַמעריקע איז מען געגאַנגען אין יידישן לעגיאָן, אין פּוילן האָט מען געשאַפן חלוצישע הכשרה־פּונקטן און אָרגאַניזירט אומלעגאַלע עליות, אין ענגלאַנד האָט מען געקעמפט קעגן דער אייגענער ענגלישער רעגירונג און קעגן אירע „ווייסע ביכער״ — די אַנטי־ציוניסטן האָבן געלייגט שטיינער אויפן וועג, געשיקט מסירות צו די גוים, אַרויס מיט עפנטלעכע דעמאָנסטראַציעס קעגן דעם ציל פון אייגן לאַנד פאַר יידן אין ארץ־ישׂראל. — היינט זענען זיי גרייט צו העלפן דער עטאַבלירטער יידישער מדינה מיט געלט און מיט עצות. פאַר דעם איז בן־גוריון גרייט צו געבן אַ גלייכן סטאַטוס מיט די ציוניסטן. איז עס טאַקע דאָס וואָס זיי ווילן? איך האָב מורא אַז בן־גוריון מאַכט דאָ דעם זעלבן טעות ווי, כביכול, דער רבונו־של־עולם ווען ער האָט זיך אַרומגעטראָגן צווישן די פעלקער מיט דער תורה: יעדער פון די פעלקער האָט מסכים געווען מקבל צו זיין די תורה אַזוי לאַנג ווי ער האָט נישט אַריינגעקוקט אין איר און זיך נישט באַקאַנט מיט דעם עול וואָס זי לייגט אַרויף אויף דעם וועלכער נעמט זי אָן. די איינציקע וואָס האָבן געזאָגט נעשׂה ונשמע זענען געווען די יידן און הגם אויך זיי האָבן פיל מאָל שטאַרק אונטערגעזינדיקט קעגן אירע געבאָטן, זענען זיי פון דעסטוועגן די איינציקע וואָס האַלטן זיך מיט איר איבער אַלע צייטן.

די נישט־ציוניסטן זענען טאַקע גרייט אַריינצוקוקן אין דער תורת־המדינה און מקיים צו זיין טייל פון אירע געבאָטן. זיי וועלן אָבער שטיין פון דער ווייטנס, ווען די מדינה וועט שטאַרקער אָנרירן זייערע אָרטיקע אינטערעסן און געוווינהייטן — אַרומטראָגן זיך מיט דער תורה פון מדינת־ישׂראל און אַלע אירע געבאָטן, פאַר אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר, וועט בלויז דאָס ציוניסטישע פאָלק, ווייל עס האָט שוין לאַנג געזאָגט נעשׂה ונשמע!

דאָ אָדער דאָרט, אין איין צייט אָדער אַן אַנדערער קאָנען טאַקע ציוניסטן אויך אונטערזינדיקן קעגן ציוניזם: נישט עולה זיין פון רייכע לענדער, נישט דערציִען זייערע קינדער צו דעם עול פון ציוניזם און עליה, נישט דינען ווי גוטע ביישפּילן פאַר אַנדערע יידן אין פראַגעס פון ברייטהאַרציקער הילף פאַר דער מדינה — דאָס זענען אַלץ שווערע זינד. אָבער נאָר זינדיקע קאָנען תשובה טאָן. די פאַר וועלכע די אַלע זאַכן זענען אַפילו נישט קיין עבירה, קאָנסטו דאָך אַפילו נישט מחזיר למוטב זיין!

פאַר די נישט־ציוניסטן איז דער ענין זייער פשוט און לייכט: זיי גיבן פאַר דעם פאַראייניקטן אַפּיל, זיי קויפן באָנדס און — זיי האָבן יוצא געווען זייער נאַציאָנאַלן חוב. ס'איז ווי דער גוי וואָס איז געקומען צו הלל הצדיק וועגן דער „גאַנצער תורה אויף איין פוס". הלל הצדיק האָט עס אים טאַקע זייער לייכט און צוגענגלעך געמאַכט, אָבער איז דאָס טאַקע געווען די גאַנצע ייִדישקייט וואָס האָט אויסגעטיילט ייִדן ווי ייִדן?

✶

ווען עס איז ענדלעך, אין דער דיסקוסיע, קלאָר געוואָרן, אַז מען קאָן זי נישט באַגרענעצן צו די ריין אָרגאַניזאַציאָנעלע מאָמענטן פון דער פראַגע, נאָר אַז מען מוז זיך איינשפּאַנען און לערנען די גאַנצע פּרשה ציוניזם און וואָס זי מיינט אינעם און פאַרן ייִדישן לעבן: אַז מען מוז זיך פאַרטיפן אין דער גאַנצער ייִדישער פּראָבלעמאַטיק און אַריינקוקן אין די טיפענישן פון פּראָצעסן וואָס ווירקן אינעם ייִדישן לעבן און דאָן ערשט, אויפן סמך פון די דאָזיקע פאָרשונגען, קומען צו מסקנות וואָס זאָלן אָנרירן די ווייטערדיקע עקסיסטענץ און אַנטוויקלונג פון די ייִדישע ישובים ווי טיילן פון איין צע־שפּרייט פאָלק — האָבן זיך פאַנאַנדערגעוויקלט די אידעיִשע ראַנגלענישן אין ייִדישן לעבן און עס זענען פון דאָס ניי אויפגעשוואומען די פּילקאָליריקע מיינונגס־פאַרשיידנקייטן וואָס האָבן פון אייביקע צייטן צעטיילט די ייִדישע געזעלשאַפטלעכקייט און וואָס האָבן אין פאַרשיידענע צייטן, אין פאַרשיידענע באַדינגונגען אָנגענומען כּלערליי אידעאָלאָגישע פאָרמען:

די נישט־ציוניסטישע וועלט איז, מיטן אויפקום פון מדינת־ישראל, נישט געוואָרן ציוניסטיש; די וואָס האָבן פריִער פאַרלייקנט די איינהייט־לעכקייט פון אַ ייִדישן וועלטפאָלק, זענען נישט פּלוצעם געוואָרן זיינע אָנ־הענגערס, די אַסימילאַציאָניסטן זענען נישט מיט אַ מאָל געוואָרן נאַציאָנאַלע ייִדן.

די דאָזיקע עלעמענטן וועלן אויפנעמען די מדינה נאָר ווען דאָס וועט פאַר זיי נישט באַדייטן מער ווי דאָס איבערטראָגן זייער פילאַנטראָפּישע אַקטיוויטעט פון אַנדערע טיילן פון דער ייִדישער וועלט צום ישׂראלדיקן ישוב — קיין התחייבות לגבי זיך אַליין, לגבי זייער אייגענעם לעבן וועלן זיי נישט נעמען. אַנדערש איז עס מיט ציוניסטן: ציוניזם איז פאַר זיי אַ לעבנסגאַנג, אַ שטייגער, דער אויסדרוק פון זייער פאַרבינדונג מיטן גאַנצן

ייִדישן פֿאָלק און באַזונדערש מיט דער ייִדישער מדינה — זיי קאָנען דאָ אָדער דאָרט, היינט אָדער מאָרגן, אָפּווייכן פֿון די מיצוות־מעשׂיות פֿון ציוניזם, אָבער זיי ווייסן און פֿילן אַז דערמיט זינדיקן זיי קעגן זיך אַליין.

פֿאַר דעם 25־טן ציוניסטישן קאָנגרעס וועט דעריבער די פֿראַגע פֿון וויטערדיקן קיום פֿון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע שטיין מער אַ פּראָבלעם פֿון אינהאַלט פֿון דער באַוועגונג איידער פֿון אירע פֿאָרמען.

נאָך אַלע פֿריִערדיקע פּרוּוון פֿון רעדעפֿיניצירן דעם ציוניזם, וועט מען זיך ווידער אַ מאָל מוזן פֿאַרטיפֿן אין דער פֿראַגע און אָנצייכענען וואָס מען מיינט אַזוינס מיט „ציוניזם״:

ציוניסטן וועלן נישט קאָנען יוצא זיין מיט די זעלבע מצוות ווי סתּם ייִדן — זיי וועלן מוזן אויף זיך נעמען אַ סך גרעסערע פֿליכטן.

דאָס קאָן אַ מאָל רעדוצירן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע צאָלמעסיק, עס וועט אָבער צוריקגעבן דער ציוניסטישער באַוועגונג דעם אָנזען און חשיבות ווי דאָס איז געווען אין גאַנג צו דער מדינה.

וואָס זאָלן זיין אָט די אויפֿגאַבעס? — זיי וועלן מוזן באַהערשן דאָס לעבן פֿונעם ציוניסט אין און אויסער דער מדינה, אין זיין טאָג־טעגלעך לעבן: זיי וועלן משפּיע זיין די אַטמאָספֿערע אין זיין שטוב, זיי וועלן זיין אַ וויכטיקער גורם אין דער דערציִונג פֿון זיינע קינדער, זיי וועלן באַשטימען די מאָס פֿון זיין אידענטיפֿיקאַציע מיטן גאַנצן פֿאָלק, אין אַלע זיינע צע־שפּרייטקייטן און — ועל כּולם — זיי וועלן שטענדיק האַלטן פֿאַר זייערע אויגן די פֿליכט פֿון אייגענער עליה און דער עליה פֿון זיינע קינדער!

מיר לעבן אין אַ צייט ווען די אויפֿלייזונג פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַ־ניזאַציע איז געוואָרן אומדערנקבאַר: עס איז פּשוט נישטאָ דער עלעמענט מיט וועלכן צו בויען אַן אַנדערן בנין אויף איר אָרט. דער איינציקער אויסוועג פֿון דער דילעמע איז אַ רעדעפֿיניציע פֿון ציוניזם מיט אַ בליק צו מצוות וואָס זאָלן פֿאַרפֿליכטן יעדן ציוניסט.

אָקטאָבער, 1960

החודש הזה

און געשען איז עס אין חודש ניסן! דער חודש וואָס הייבט אָן אויף ס'ביי מעשה בראשית יעדעס יאָר. דער חודש אין וועלכן די כמורבע הימלען פון לעצטע ווינטערדיקע טעג ווערן איינציקווייז, לאַנגזאַם און מיפּול פאַרטריבן פונעם האָריזאָנט און פריידיקע, זוניקע מאָרגנס ברענגען וווּנדער־לעגענדעס פון ווייטע לענדערייען, מיט אייביקער וואַרעמקייט און שטענדיקער, גרינער האָפענונג; דער חודש וואָס באַנייט די ערד און דעם מענטשן; וואָס סטימו־לירט ווידער די שאַפונג־גלוסט פון פאַרוועלקטע צמחים און פון גלייכגיל־טיקע מענטשן־קינדער; פרילינגצייט! גאָט און שטן ראַנגלען זיך דאַן פאַר דעם באַזיץ פון וועלט און מענטש.

עס איז דער חודש אין וועלכן די שקלאַפן פון פרעה האָבן אָנגעהויבן זייער מדבר־מאַרש צו סיני. אין פיין און אין בלוט האָבן זיי געבויט און פאַרניכטעט, אויף זייער באַפרייונגס־וועג, גאָלדענע קעלבער און קורחדיקע נשמות. שיער נישט פאַרשפּילט דעם גלאָררייכן אויפשטייג צו די עשׂרת־הדיברות און דאָך זיך אַרויסגעוויקלט ווי דער עם־הספר פאַר אַלע קומענדיקע דורות.

דער חודש ווען דער „והיא שעמדה" איז פאַרשטומט געוואָרן אויף די ליפּן פון די גלויביקע אין דער נאַכט פון פּסח אין דער שטאָט וואַרשע, וואָס אין דעם לאַנד פון פּוילן.

✶

ווער קאָן אונדז אויסלייזן פון דער פּיין פון צוריקוואַרפן די בליקן אונדזערע צו דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט? לייענען מיר דאָך שוין אַזוי לאַנג קינות פון אומקום און חורבן! דערציילן מיר דאָך שוין אַפילו אונדזערע קליינע קינדער וועגן דער ייִדישער מאַמע, וואָס האָט איינציקווייז געלאָזט אויסשעכטן אירע זיבן קינדער, כדי צו הייליקן דעם נאָמען פון איר גאָט און גרויסן דעם אָנדענק פון איר פאָלק וואָס איז דאַן אויסגעגאַנגען אין אומבאַשרייבלעכן מאַרטירערטום.

צי זענען דען די טויטן פון די עשׂרה הרוגי מלכות געווען ווינציקער שוידערלעך ווי דער אומקום פון אונדזערע לערערס אין די געטאָס פון מיזרח־אייראָפּע? צי זענען דען די טויטן־מאַרשן פון די גיבורים פון יהודה אויף די וועגן פון רוים ווייניקער גרויזאַם ווי די טויטן־צוגן צו די לאַגערס פון אָשוויענטשים און מאַידאַנעק?

נישט בלויז דער צייט־מרחק, דער אונטערשייד אין די דאַטעס שפּילט דאָ די גרעסטע ראָל. עס איז אויך דער חילוק גדול אין די באַציִונגען צווישן רוצח און קרבן, צווישן באַצווינגער און באַזיגטע: דאָרט האָט אַ באַרבאַרישער שונא זיך נוקם געווען אין אַ פֿאָלק וואָס האָט מיט געווער אין האַנט ביטער געקעמפט קעגן זיינע לעגיאָנען, עס איז טאַקע אויך געווען אַ מלחמה פון אַ סך קעגן ווייניק, אָבער דאָך אַ מלחמה וואָס וואָלט געקאָנט אויסגעמיטן ווערן, ווען יהודה זאָל איינגיין אויף געוויסע פאָדערונגען פון רוים.

אַ פאַרשפּילטע מלחמה אין יענער צייט האָט אויטאָמאַטיש געבראַכט די רעזולטאַטן וואָס זענען אויך געווען די קאָנסעקווענצן וואָס דאָס לאַנד און דאָס פאָלק פון יהודה האָבן געמוזט ליידן.

דאָ איז אונדזער פאָלק פאַרניכטעט געוואָרן אָן אַ פאַרוואָס. קוקט זיך צו צו ייִדיש־דייטשישע באַציִונגען אין אַלע צייטן און איר וועט נישט געפינען קיין איין סיבה פאַר דער פאַרשאָלטענער דייטשישער שׂנאה צו אונדז. טאָ פאַר וואָס?

דער פרומער אין זיין גלויבן, דער פרייער אין זיין שׂכל קאָן נישט געפינען דעם ענטפער. און צווישן דער פראַגע וואָס שפּאַלט די הימלען און דעם ענטפער, וואָס קומט נישט, ליגן פאַרברענטע צען מאָל הונדערט טויזנט קערפּערלעך פון אונדזערע תינוקות של בית רבן!

וואָס אַ יאָר ווערט ליידיקער אין דער נשמה, עס ווערט אומעטיקער צו לעבן אָן זיי, און עס ווערט ברענענדיקער דער פאַרוואָס. און עס בלייבט בלויז דער **זכור**!

אַפּריל, 1961

היינטצייטיקע יידישע פּראָבלעמאַטיק

אויב עס איז פאַראַן אין אַלגעמיינער קענצייכן, וואָס כאַראַקטעריזירט די היינטיקע עפּאָכע, איז עס דער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייונג און נאַציאָנאַלער קאָנסאָלידאַציע. מער ווי ווען עס איז פריִער אין דער געשיכטע פון דער מאָדערנער צייט, פאַרנעמט אָט דער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט דעם אויבן־אָן אין דעם וועלט־געראַנגל.

פאַר אונדזערע אויגן, אין אונדזערע טעג, זענען אַ דאַנק אָט דעם אויפגעוואַכטן געפיל פון נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט אויפגעקומען צענטליקער נייע מדינות אויף דעם אַזיאַטישן און אַפריקאַנישן קאָנטינענט און יעדע איינע פון זיי פירט אַ פאַרביטערטן געראַנגל פאַר איינהאַלטן די געווונענע זעלבשטענדיקייט און קעגן דער סכנה פון צעברעקלונג, וואָס לויערט נאָך אויף זיי פון דרויסן און טייל מאָל אויך פון אינעווייניק.

דאָס יידישע פאָלק איז, אין זיין נאַציאָנאַלער סטרוקטור, אַנדערש ווי אַלע אַנדערע פעלקער. זיין אויפבוי און זיין קאָנסאָלידירונג קומען פאַר אין גרינגלטעך אַנדערע באַדינגונגען און בויטיקן זיך אין אַנדערע מעטאָדן, ווי די מיט וועלכע עס באַנוצן זיך אַנדערע ניי־אַנטשטאַנענע מדינות. דער פּראָצעס פון נאַציאָנאַלן רענעסאַנס איז דעריבער ביי אונדז אַ פיל לאַנגזאַמער און אַ פיל שווערערער.

אין קורצן קאָן מען עס אַזוי פאָרמולירן: ביי אַלע פעלקער פירט דאָס פאָלק דעם באַפרייונג־קאַמף אויף דעם באָדן פון זיין לאַנד און מיטן מאָמענט ווען דער קאַמף ווערט געווונען ווערן פאָלק און לאַנד גלייכצייטיק באַפרייט — דאָס יידישע פאָלק האָט באַפרייט דאָס לאַנד, אָבער די גרויסע מערהייט פונעם פאָלק געפינט זיך מחוץ די גרענעצן פון דער באַפרייטער מדינה.

בעת אַנדערע פעלקער קאָנען, נאָך דעם ווי זיי געווינען פּאָליטישע סוווערעניטעט, זיך אין גאַנצן ווידמען די פּראָבלעמען פון ווירטשאַפט און קולטור, מוז דאָס יידישע פאָלק און אין דער ערשטער ריי די אומאָפּהענגיקע מדינה, גאָר אויף אַ לאַנגער צייט שטעלן די פראַגעס פון קבוץ־גלויות און

קליטה ווי די וויכטיקסטע און דרינגענדיקסטע אויפגאַבעס זייערע. זענען דאָס פראַגעס וואָס באַשעפטיקן די ייִדישע געזעלשאַפטלעכקייט פון דער ערשטער מינוט זינט דעם אויפקום פון דער מדינה. די פראַגע איז ווי אַזוי מאַכט מען דאָס?

איז דאָס קליטה־פּראָבלעם דער עיקר אַ מאַטעריעל־פינאַנציעלער ענין (הגם עס זענען דערמיט פאַרבונדן אויך אַנדערע פראַגעס, למשל, דער פּראָבלעם פון מיזוג, פון קולטורעלער צופּאַסונג און אַנדערע שוועריקייטן), וואָס דאָס גאַנצע פאָלק באַטייליקט זיך אין דעם. סיי די מדינה און סיי די תפוצות נעמען דאָס אויף ווי אַ נאַציאָנאַלע נויטווענדיקייט פון ערשטראַנגיקער וויכטיקייט און באַטייליקן זיך אין זיין ליזונג.

אַנדערש, אין גאַנצן אַנדערש, איז דאָס פּראָבלעם פון קבוץ־גלויות!

שוין 14 יאָר ראַנגלט זיך דאָס פאָלק דערמיט און מען זעט נאָך אַלץ נישט דעם סוף פונעם וועג. ווייל בעצם ווערט אַלץ צוגעשפּיצט צו דעם אַמעריקאַנער ייִדישן ישוב. פון אַט דעם גרעסטן ייִדישן קבוץ אין דער וועלט ווערט דערוואַרט די תשובה אויף דער אַנגעווייטיקטער פראַגע. אַלע אַנדערע תפוצות זענען מער ווייניקער אַריינגעצויגן געוואָרן פיזיש אין דעם נאַציאָנאַלן רענעסאַנס־פּראָצעס. די ייִדן אין די איסלאַמישע לענדער זענען געצוואונגען, ווער פריִער, ווער שפּעטער, אַריינצופאַלן אין דער קבוץ־גלויות־פּראָצעסיע וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1948 און האַלט אָן ביזן היינטיקן טאָג. און אויב אַ טייל פון די יוצאי־איסלאַם לענדער שטעלן זיך אויף אַ ווייל אָפּ אין אַנדערע לענדער, ווי עס איז היינט דער פאַל מיט טיילן פון אַלזשירער ייִדנטום, איז עס בלויז אַ דירת ארעי, אַ צייטווייליקער אָפּשטעל וואָס וועט זיך ענדיקן מיטן מאָמענט ווען די דאָזיקע פליטים וועלן קומען צו דער איבער־ציִונג, אַז אָנהויבן אַ ניי לעבן אויף נייע געזונטע יסודות איז מעגלעך נאָר אין דער אייגענער מדינה. אויך פאַר די קליינע ייִדישע געמיינדעס אויפן אייראָפּעיִשן קאָנטינענט ווערט יעדן טאָג קלאָרער, אַז אייראָפּע האָט אויף שטענדיק אויפגעהערט צו זיין אַ געזיכערטער באָדן פאַר ייִדן. אַפילו די ייִדן פון די לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער זענען שוין געצוואונגען צו ווענדן זייערע בליקן צום ייִדישן לאַנד אין אַנבליק פון די גרויסע פּאָליטישע און סאָציאַלע שטורעמס, וואָס טראָגן זיך מיט אַזאַ אימפּעט אויף דעם דאָזיקן קאָנטינענט און וואָס שטעלן אין סכנה אַלץ וואָס די ייִדן האָבן באַוויזן צו דערגרייכן אין די דאָזיקע לענדער.

אָבער דאָס זענען אַלץ בלויז קליינע שפּליטערן פון דעם גרויסן ייִדישן נאַציאָנאַלן גוף. די איבערוועגנדיקע מערהייט פון פאָלק, בערך ניין מיליאָן נפשות זענען קאָנצענטרירט אין די צוויי גרעסטע לענדער: רוסלאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

זענען די דריי מיליאָן רוסישע ייִדן דערוויַיל אַרויסגעפאַלן פון שפּיל. דער פּראָצעס פון פאָרסירטער אַסימילאַציע גייט דאָרט אָן מיט אַ מוראדיקער קראַפט. עס איז נאָר צו באַוווּנדערן וואָס די רוסישע ייִדן זענען נאָך נישט אין גאַנצן אונטערגעגאַנגען. אויב עס איז נאָך געווען וועלכע עס איז האָפע-נונג, אַז רעליגיעזע צוגעבונדנקייט זאָל ווי עס איז דינען ווי אַ שטיקל אָנהאַלטפּונקט פאַר די וואָס ווילן נישט אין גאַנצן אָפּגעריסן ווערן פון דער ייִדישער וועלט-נאַציע, זענען די גרויזאַמע גזירות קעגן די סינאַגאָגעס דער לעצטער קלאַפּ פאַר אָט דעם אַמאָל שאַפערישן ייִדישן קבוץ.

דער פּראָצעס פון קבוץ-גלויות וועט דעריבער נאָך אויף אַ לאַנגע צייט זיין אויסגעשטעלט אויף די דאָזיקע שוואַכע ישובים וואָס שטעלן צו קליינע עמיגראַציע-שטראָמען דער מדינה. אַ מאָל איז דער פּראָצעס אַ שנעלערער, אַ מאָל אַ שוואַכער, אָבער ער גייט אָן אומאויפהערלעך און ער שטעלט מיט זיך פאַר אַ פּאָזיטיוון פאַקטאָר אין דער אַנטוויקלונג פון דער מדינה און אין דער רעטונג פון ייִדן, וואָס וואָלטן אָן דער מדינה זיך געפונען אין ווייסטער פאַרצווייפלונג, אָן אַ קרוב און אָן אַ גואל אויף דער גאַנצער וועלט.

דער נאַציאָנאַלער באַפרייונג-אידעאַל איז אָבער געווען ווייט פון דעם געדאַנק פון אַ מדינה בלויז פאַר פאַרפאָלגטע ייִדן. דער ציל איז געווען, און איז געבליבן ביזן היינטיקן טאָג, די קאָנצענטראַציע פון דער גרויסער מערהייט פון ייִדישן פאָלק אויפן אייגענעם באָדן. דער דאָזיקער ציל קאָן נישט דערגרייכט ווערן בלויז מיט דער היינטיקער עמיגראַציע. דערצו איז נויטיק די אַקטיווע באַטייליקונג פון דער גרויסער אַמעריקאַנער ייִדישער געמיינדע!

צו דעם שטרעבט די מדינה. אויף דעם קוקט אויס די ציוניסטישע באַוועגונג און ביז איצט איז נישט געלונגען אַפילו צו שאַפן דעם אָנהויב פון אַ באַוועגונג אין אַמעריקע פאַר עמיגראַציע קיין ישראל.

דער דאָזיקער דורכפאַל פון שיבת-ציון אין די פאַראייניקטע שטאַטן קען דערקלערט ווערן מיט פאַרשיידענע „לאָגישע" מאָטיוון. אָבער די אַלע אורזאַכן וואָס ווערן אָנגעגעבן פון פאַרשיידענע ספּעציאַליסטן און „פאַכ-

קענערס״ ענדערן אָבער נישט דעם פאַקט, אַז די אַמעריקאַנער יידן וויזן אַרויס בלויז אַ מאַטעריעל־פילאַנטראָפּישן אינטערעס אין דער מדינה, אָבער ווייזן נישט אַרויס קיין סימנים פון וועלן זיך פערזענלעך אידענטיפיצירן מיט איר.

מיר מיינען דערמיט בשום אופן נישט צו זאָגן, אַז די אַמעריקאַנער יידן פילן זיך פרעמד צו מדינת־ישראל, אַז זיי פאַראינטערעסירן זיך נישט מיט אירע פּראָבלעמען, פרייען זיך נישט מיט אירע דערפאָלגן און זענען זיך נישט מצער איבער אירע דורכפאַלן — אדרבה, עס איז נאָך קיין מאָל, אין דער געשיכטע פונעם אַמעריקאַנער יידנטום, נישט געווען אַזאַ צייט ווען איין אידעע זאָל אַזוי פאַראייניקן אַלע טיילן זיינע און אַזוי צעמענטירן דעם גאַנצן יידישן ישוב, ווי עס איז דער פאַל מיט דער יידישער מדינה. די אַמעריקאַנער יידן זענען גרייט אַ סך, זייער אַ סך מקריב צו זיין לטובת מדינת־ישראל. זיי זענען אַפילו גרייט אונטערצונעמען פּאָליטישע אַקציעס פאַר דער מדינה אויב זיי פילן אַז זייער אייגענע אַמעריקאַנער רעגירונג באַגייט אַן עוולה קעגן מדינת־ישראל. מיר זענען אויך זיכער, אַז פונקט ווי עס איז געשען אין 1948, און אפשר נאָך אין אַ גרעסערן מאָסשטאַב, וואָלטן טויזנטער אַמעריקאַנער יידישע יונגע־לייט וואָלונטירט און געקומען צו הילף דער מדינה אויב זי זאָל, חלילה, פאַרוויקלט ווערן אין אַ מילטערישן קאַמף קעגן אויסער־לעכע שונאים. אַלץ יאָ — אָבער נישט עמיגראַציע פון אַמעריקע און באַזעצן זיך אין ישראל!

אין מדינת־ישראל האָט זיך צוליב דער דאָזיקער האַלטונג פון די אַמעריקאַנער יידן אַנטוויקלט אַ שטאַרקער געפיל פון פאַרדרוס קעגן די אַמעריקאַנער יידן און באַזונדערש קעגן די ציוניסטן. באַזונדערש בולט איז דער דאָזיקער געפיל אייניקע מאָל געקומען צום אויסדרוק אין דערקלערונגען פונעם פרעמיער־מיניסטער דוד בן־גוריון, וועלכער האָט נישט ליב זיך צו שפּילן אין דיפּלאָמאַטישער באַהעלטעניש און ער זאָגט שטענדיק אַרויס זיינע מיינונגען אין שאַרפער פאָרעם. מען דאַרף אָבער זאָגן דעם אמת, אַז בן־גוריון איז נישט דער איינציקער ציוניסטישער מנהיג, וואָס טראָגט זיך אַרום מיטן געפיל פון פאַרדרוס קעגן די אַמעריקנער יידן. אין דער פראַגע איז פאַקטיש נישט פאַראַן קיין גרויסער חילוק צווישן אים און אַנדערע ציוניסטישע פירערס, אַפילו פון צווישן זיינע שטאַרקסטע פּאָליטישע קעג־נערס. עס איז אַפילו שוין געווען אַ צייט ווען דער פרעמיער האָט געסטראַ־

שעט די אַמעריקאַנער ייִדן און האָט זיי געוואָרנט, אַז אויב זיי וועלן פּריוויליק דאָס נישט טאָן „וועלן מיר צונעמען אייערע קינדער". עס איז אָבער געבליבן אַ קול קורא במדבר. אַמעריקאַנער ייִדן זענען אין משך פון די פערצן יאָר פון ישׂראלדיקער אומאָפּהענגיקייט, געבליבן זיצן אין די שטאַטן, טראָץ דעם וואָס זיי ווייזן אַרויס אַ וועלט מיט ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט צו דער מדינה.

איז עס דעריבער צייט זיך ערנסט צו פאַרטראַכטן וועגן דעם פּראָבלעם פון אַמעריקאַנער ייִדנטום און באַטראַכטן עס נישט בלויז ווי אַ פראַגע פון אייַנוואַנדערונג קיין מדינת־ישׂראל נאָר דורך דער פּריזמע פון ייִדישן נאַציאָנאַלן קיום און אין היסטאָרישער פּערספּעקטיוו.

אין אַלע צייטן זענען ביי אונדז געווען מענטשן און באַוועגונגען וואָס האָבן געוואָלט דוחק זיין דעם קץ. אַ סך מאָל האָט אַזאַ דחיקת הקץ־באַוועגונג געבראַכט גרויסע נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפעס פאַרן פאָלק און האָט געשטעלט אין סכנה דעם עצם וויטערדיקן קיום זיינעם. עס האָבן זיך אָבער שטענדיק געפונען גרויסע גייסטער ביי ייִדן, וואָס האָבן, אין צייטן פון סכנה, זיך אַריינגעוואָרפן מיטן גאַנצן אייפער אין דער אַרבעט פון פאַרזיכערן די נאַציאָנאַלע עקסיסטענץ אונטער אַלע באַדינגונגען, האָבנדיק אין זינען, אַז דער ערשטער באַדינג פאַר עווענטועלער נאַציאָנאַלער גאולה איז דאָס אויפהאַלטן די פיזישע און גייסטיקע כוחות פון פאָלק, כדי ביי בעסערע געלעגנהייטן זאָל זיין וועמען אויסצולייזן.

אין רוסלאַנד דראָט די ייִדן נאַציאָנאַלער אונטערגאַנג צוליב פאַרפאָלגונגען און גזירות. קיין סך קען נישט געטאָן ווערן זיי צו העלפן פּרעזערווירן זייער נאַציאָנאַלע אייגנאַרט אונטער דעם רעזשים פון קאָמוניסטישער דיקטאַטור. אָבער אַפילו איבערצייגטע אַטעיִסטן־ייִדן וואָס פאָרן אויף אַ באַזוך קיין רוסלאַנד נעמען מיט זיך מיט תשמישי־קדושה ווי אַ סידור, אַ טלית און אַפילו אַ לוח און לאָזן זיי דאָרטן איבער און זיי האָבן נישט די מינדעסטע געוויסנס־ספיקות וועגן דער ריכטיקייט פון זייער טאַט. עס איז דער נאַטירלעכער דראַנג פון יעדן ייִדן צו העלפן זיינע סאָוויעטישע ברידער אויפהאַלטן זייער געפיל פון געמיינזאַמקייט מיט דער ברייטער ייִדישער וועלט. יעדער מענטש פאַרשטייט אויך, אַז ווען טויזנטער ייִדישע יונגע־לייט טאַנצן אום שמחת־תורה אויף די לענינגראַדער גאַסן מיט ספרי־תורות אין די אָרעמס נעבן דער סינאַגאָגע, טוען זיי דאָס נישט צוליב רעליגיעזער איבערגעגעבנ־

קייט נאָר כּדי זיך משתּתּף צו זיין אין אַ יום־טוב וואָס ווערט געפּייערט בכל תּפוצות־ישׂראל. עס איז דער אַטאַוויסטישער געפיל פון אָנגעהעריקייט וואָס קומט צום אויסדרוק אין די דאָזיקע אַלע יידישע מאַניפעסטאַציעס, דער פאַרלאַנג אויסצוהאַלטן און איבערצולעבן.

אין אַמעריקע איז חלילה קיין דיסקרימינאַציע קעגן יידן ווי אַ פאָלק נישטאָ. נאָך קיין מאָל אין אונדזער געשיכטע האָבן מיר נישט געהאַט אַזאַ גוטן גלות... אָבער די סכּנה פון נאַציאָנאַלער אויפלייזונג, פון מאַסן־אַסימי־לאַציע קוקט פון דעסטוועגן אַרויס פון אַלע שפּאַרונעס און נאָר די וואָס זענען בלינד זעען נישט די האַנט, וואָס צייכנט אויף דער וואַנט דעם מנא, מנא תּקל ופרסין.

עס איז נאָך קיין מאָל נישט געווען אין אַמעריקע אַזאַ משוגע ווילדער אַסימילאַציע־געלויף. מיר האָבן נישט קיין גענויע סטאַטיסטיק אונטער דער האַנט, אָבער דער פּראָצענט פון געמישטע חתונות נעמט אָן גרויסע (מיר האַלטן זיך נאָך צוריק פון זאָגן קאַלאָסאַלע) פּראָפּאָרציעס. זיי פאַרשטייען אַפילו נישט, די דאָזיקע קינדער, אַז זיי טוען אָפּ עפּעס אויסטערלישעס. און וואָלט דאָ נישט געווירקט דער איזאָלאַציע־פּראָצעס, וואָס איז דער שטענדיקער באַגלייטער פון דעם יידישן דראַנג צו אַסימילאַציע, ווער ווייס ווי ווייט מיר וואָלטן שוין געהאַלטן מיט דער אַמעריקאַנער יידישע יוגנט. זיי, די דאָזיקע אַמעריקאַנער יידישע קינדער, פילן אַפילו נישט אַז מיט זייער טאַט רייסן זיי זיך אָפּ פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן גוף. זיי באַטראַכטן זיך ווייטער פאַר יידן.

כאַראַקטעריסטיש פאַר דער דאָזיקער אַטמאָספערע איז דער פאַל וואָס איז לעצטנס געשען אויפן קעמפּוס פון אַן אוניווערסיטעט אין קאַליפאָרניע: דאָרט האָט געהאַלטן אַ רעדע דער פירער פון דער אַמעריקאַנער נאַצי־פּאַרטיי, ראָקוועל. האָט אַ יידישער סטודענט זיך נישט געקענט באַהערשן און פאַרפאָרן דעם נאַצי אין מאָרדע אַריין. וואָלט דאָס געווען אַ גאַנץ נאַטירלעכע דער־שיינונג. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז דער דאָזיקער יידישער יונגערמאַן האָט ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק חתונה געהאַט מיט אַ קאַ־טוילישע מיידל... דאָס זענען תּינוקות שנישבו, קינדער וואָס ווייסן אַפילו נישט אַז זיי רייסן זיך אָפּ פון פאָלק.

אַוודאי זענען דאָ טיפע סאָציאַלע סיבות פאַר אָט דער אַסימילאַציע־דערשיינונג. די יידישע סאָציאַלע סטרוקטור אין אַמעריקע האָט זיך גרינטלעך

געענדערט אין משך פון די לעצטע צוויי דורות. עס איז שוין כמעט פאַרשוווּנדן דער טיפּ יידישער אַרבעטער, וואָס איז געווען אַזוי אָנזעעוודיק אין לאַנד ביים אָנהויב פון היינטיקן יאָרהונדערט. דער יידישער ישוב איז איבערגעגאַנגען צום מיטלשטאַנד, אין אַ גרויסער מאָס, צום העכערן מיטל־שטאַנד. יידישע קינדער גייען כמעט אַלע אין די הויכשולן און אוניווערסי־טעטן. מען שאַצט די צאָל יידישע סטודענטן אין אַמעריקע אויף 300,000. דאָס איז אַ געוואַלטיק הויכער פּראָצענט, ווייט איבער דער פּראָפּאָרץ פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנד. די אַטמאָספערע פון אוניווערסיטעט איז אַ פרוכטבאַרער באָדן פאַר אויסמישונג און אַסימילאַציע. די וויכטיקסטע סיבה אָבער איז די גרויסע דעמאָקראַטישע פרייהייט וואָס הערשט אין לאַנד און די טאָלעראַנץ וואָס ווערט אַנטוויקלט ביי די קינדער פון די יינגסטע יאָרן זייערע אין די עלעמענטאַר־שולן.

די פּרעכטיקע אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע, וואָס ברענגט אַזוי פיל ברכות פאַר אַלע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און בתוכם פאַר די יידן, טראָגט אויך מיט זיך גרויסע געפאַרן פאַר דער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג פונעם דאָזיקן גרעסטן יידישן קבוץ אין דער וועלט.

אָט דאָס איז די לאַגע פון אַמעריקאַנער יידנטום און די וואָס קענען דעם יידישן גורל מוזן קוקן אויף דער לאַגע מיט אָפענע אויגן.

טאָ אויף וועמען פאַלט די גרויסע אחריות פון פאַרהיטן דאָס אַמעריקאַ־נער יידנטום פון אַ מיתת־נשיקה, פון אַ פרייוויליקן נאַציאָנאַלן אונטערגאַנג ?

עס זענען היינט פאַראַן צוויי גרויסע כוחות אין פאָלק, וואָס צוזאַמען מוזן זיי טראָגן דעם עול און די אחריות פאַר ווייטערדיקן נאַציאָנאַלן קיום. די דאָזיקע כוחות זענען אַמעריקע און מדינת־ישראל.

מיר ווילן דאָ אַרויסזאָגן אַ געדאַנק, וואָס וועט זיכער נישט זיין פּאָפּולער אין מדינת־ישראל און עס טוט אונדז אַליין אויך זייער וויי אים אַרויסצו־ברענגען אויפן פּאַפּיר: אויב מען קאָן נישט דערגרייכן אין דער איצטיקער צייט די אַמעריקאַנער יוגנט און זי באַוועגן צו עליה, מוז מען זי אַקצעפּטירן אַזוי ווי זי איז און זיך אָנוועקלאָזן אויף דעם שווערן און זייער לאַנגזאַמען וועג פון איינהאַלטן די דאָזיקע יוגנט, מיט אַלע מיטלען, אין דער יידישער נאַציאָנאַלער ראַם, מיט דער האָפענונג אַז ווען עס איז שפּעטער, ווער ווייס ווען שפּעטער, וועט זיין אַ בעסערער שעת־הכושר צו באַוועגן זי צו גרעסערער אידענטיפיקאַציע מיט פאָלק און מדינה.

דאָס פאָלק אין דער מדינה איז אומגעדולדיק, ווייל עס נויטיקט זיך אַזוי שטאַרק אין דער פעיקייט און אינטעליגענץ פון דער אַמעריקאַנער יוגנט אין דעם פּראָצעס פון קבוץ־גלויות. די אַמעריקאַנער ייִדן זענען באַזאָרגט און אומרויִק איבער דעם פּראָצעס פון אַסימילאַציע וואָס רייסט אַוועק זייערע קינדער פון ייִדישער סביבה — מוזן דעריבער ביידע כּוחות זיך פאַראייניקן אין אייך גרויסן נאַציאָנאַלן אָנשטרענג אָפּצושטעלן דעם אויסמישונג־פּראָצעס און פאַרזיכערן ווייטערדיקן נאַציאָנאַלן ייִדישן גאַנג.

פיל ווען פרעגן: איז דאָס די אויפגאַבע פון ציוניזם און פון דער מדינה צו פלעגן ייִדישע כּוחות אין גלות? איז דאָס נישט דער פולשטענדיקער היפּוך פון ציוניזם וואָס האָט געפּריידיקט די פּרוכטלאָזיקייט פון גלות? — דער ענטפער איז אַ פּשוטער: קיין שום רעוואָלוציע, סאָציאַלע ווי נאַציאָנאַלע, ווערט נישט פאַרווירקלעכט מיט אַ מאָל און אויף אַ גלייכער ליניע. די פאַרווירקלעכונג קומט אָן שטורמיש בלויז אויפן פּאָליטישן פראָנט — דער אויפבוי פון דער רעוואָלוציע קומט פאָר לאַנגזאַם און דורך פאַרשיידענע אומוועגן. קיין ביישפּילן זענען דאָ נישט נויטיק, מיר לעבן נאָך אין די דאָזיקע פּראָצעסן פון זיך ראַנגלענדיקע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע רעוואָלוציעס.

דער עצם פאַקט פון דער עקסיסטענץ פון מדינת ישׂראל ווירקט פּאָזיטיוו אויף דער אַנטוויקלונג פון דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין און אויף דער זעלבסטווערדע פון דעם אַמעריקאַנער ייִדנטום — מוז די מדינה אויסנוצן אָט די אויסווירקונג אירע פאַרן ציל פון פאַרשטאַרקן די קולטור־פאַרבינדונג מיט דער אַמעריקאַנער יוגנט. עס איז די דרינגענדיקסטע אויפגאַבע פון דער מדינה אין דער היינטיקער עפּאָכע צו שאַפן אין ישׂראל אַזאַ קולטורעלע און גייסטיקע אַטמאָספערע, אַזאַ קולטור־קלימאַט, וואָס זאָל אַרויסרופן ביי דער אַמעריקאַנער יוגנט דרך־ארץ פאַרן לאַנד און פאַרן פאָלק וואָס אַנטוויקלט עס.

ביי געהעריקער פּלאַנירונג, מיט גרויסע געלטמיטלען און מיט אידעיִשער איבערגעגעבנקייט צום געדאַנק פון איינשטעלן אַן אינטימען קאָנטאַקט צווישן אַמעריקע און ישׂראל קען דאָס דערגרייכט ווערן. עס איז געקומען די צייט ווען דאָס געווינען די אַמעריקאַנער ייִדישע יוגנט פאַר דעם געדאַנק פון גאַנצקייט און אומצעטיילבאַרקייט פון דער ייִדישער וועלטנאַציע איז געוואָרן די וויכטיקסטע אויפגאַבע פון דעם היינטיקן היסטאָרישן מאָמענט.

אַפּריל, 1962

אונדזער פריידיקער יום־טוב

פאַראַן אין דער העברעיִשער שפּראַך צוויי אויסדרוקן וואָס קלינגען כּמעט גלייך און מען קען זיי גרינג פאַרטוישן איינעם אויפן צווייטן, אָבער אין זייער באַדייט זענען זיי גאָר פאַרשיידן. די צוויי ווערטער זענען הגדה און אגדה; הגדה מיינט דערציילונג, סיפּור המעשׂה — אגדה באַדייט פאַבל, לעגענדע. ברענגען מיר דאָ די צוויי אויסדרוקן כּדי אונטערצושטרייכן דעם אונטערשייד צווישן די צוויי גאולות וואָס דאָס ייִדישע פאָלק פייערט אין די טעג פון פּסח און אין דעם יום־העצמאות. דער פּסח־יום־טוב איז שוין זייער אַלט, ער איז געקומען אויף אונדזער פאָלקס־אַרענע מיטן מאָמענט ווען דאָס ייִדישע פאָלק איז געבוירן געוואָרן, עס איז אַלזאָ אַזוי אַלט ווי ס׳איז אַלט דאָס פאָלק אונדזערס. אין משך פון דער דאָזיקער צייט האָט דאָס פאָלק דורכגעלעבט אָן אַ שיעור פריידיקע און טרויעריקע מאָמענטן; צוויי מאָל פאַרטריבן געוואָרן פון אייגענעם לאַנד און צוויי מאָל עס צוריק אויפגעבויט; געלעבט קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר אין אַלע מדינות פון דער וועלט, געהאַט המנס און מרדכיס, געלעבט אונטער „מלכי חסד" און דורכגעמאַכט כמיעלניצקי־פּאָגראָמען און היטלעריסטישע פאַרטיליקונג, אַרויסגעגעבן פון זיך בר־כּוכבאס און שבתי צביס, יעדער דור מיט זיינע פריידן און פּיינען האָט זיך געטרייסט מיטן „והיא שעמדה", יעדער דור האָט אַריינגעשריבן אין דער הגדה זיין געשיכטע, זיין האָפענונג אויף אויסלייזונג.

יאָר נאָך יאָר האָבן ייִדעס געענטפערט "עבדים היינו" אויף די קשיות פון זייערע אייניקלעך, ביז עס איז כּמעט פאַרווישט געוואָרן די ליניע צווישן „יציאת מצרים" און „עבדים היינו"... דער ריטואַל איז געבליבן, די זעלבע מצות, די זעלבע חרוסת און — דער זעלבער מרור פון אַ גאַנץ יאָר, די ביטערניש פון כּסדרדיקער קנעכטשאַפט, פון דורות לאַנגן מאַרטירערטום; אונטער טאָרקוועמאַדאַן אין שפּאַניע און אונטער נאַצישער גרויל־הערשאַפט אין אייראָפּע האָבן ייִדן אַלץ געלייענט אין דער הגדה דעם לשנה הבאה בירושלים; עס איז געווען אַ פאַרנעפּלטע האָפענונג אָן שום רעאַליטעט, די גאַנצע הגדה איז פאַקטיש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אגדה, אין אַ ווייטער

לעגענדע; אַ מאָל זענען מיר געווען קנעכט צו פּרעהן אין מצרים און מיר זענען אַרויס פון דאָרטן כּדי צו ווערן אַ זעלבשטענדיק פאָלק — הייגט בויען מיר ווייטער אונדזער פאָלקס הויז אויף יענער לעגענדע, אָן שום שייכות מיט דער טרויעריקער ווירקלעכקייט.

ביז — ביז דאָס פאָלק איז מיד געוואָרן פון כּסדרדיקן לעבן אין אַ וועלט פון לעגענדע, ביז עס האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין טיפסטער דערשלאָגנקייט און עס האָט זיך פאַרמאָסטן קעגן זיין אייגענעם גורל, זיך דערהויבן צו די הייליקסטע הויכן צו וועלכע אַ נאַציאָנאַלער קאָלעקטיוו קען דערגיין און האָט אַרויסמאַרשירט פון די ספערעס פון לעגענדע אין דער אַקטיווער ווירק־לעכקייט אַריין.

מיט אַ מאָל האָט דאָס פאָלק אין זיך אַנטדעקט אומגעאָנטע כּוחות און זיי געשטעלט אין דינסט פון דער אומה. צו ערשט זענען עס געווען די איינצלנע, די אויסדערוויילטע, די חלוצים, די פּיאָנערן וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פונעם סיר־הבשׂר און געגאַנגען אַרומנעמען מיט ליבשאַפט די פאַרוואָרלאָזטע ערד פונעם אַלטן פאָטערלאַנד. קיין עמוד־האש איז זיי נישט פאָרויסגעגאַנגען און קיין מָן פון הימל איז זיי נישט געגעבן געוואָרן; בזיעת אַפּם, מיטן שוויס פון זייערע גופים האָבן זיי באַפּרוכפּערט דעם פאָלקס באָדן און וויזיע פון נאַציאָנאַלער אויסלייזונג איז געווען זייער טעגלעך ברויט; דאָן זענען געקו־מען די טרוימערס. די בעלי־חלומות, די זינגערס און זיי האָבן פאַרזייט קערנער פון האָפענונג אינעם פאָלק וואָס האָט שוין אָנגעהויבן וועגעטירן אונטער דער אייביקער מאָנאָטאָניע פון דער פּסחדיקער הגדה, וועלכע האָט שוין אָפּילו ווי אָן אגדה, ווי אַ לעגענדע אָנגעהויבן פאַרלירן יעדן טעם פון ווירקלעכקייט; די דאָזיקע וויזיאָנערן, די זינגערס, די טרוימערס, די חלוצים האָבן אָנגעהויבן שרייבן די נייע, די אמתע הגדה! נישט מער שפּייזן זיך מיט דעם וואָס איז געווען אַ מאָל, נישט מער זינגען „עבדים היינו״, בעת מען זינקט היינט אין מ״ט שערי טומאה פון עבדות! אויב שוין יאָ געווען קנעכט — טאָ זאָל מען היינט אויפהערן דאָס צו זיין!

און אַ ניי געזאַנג האָט זיך אָנגעהויבן טראָגן איבער יידישע גלותן, אַ נייע האָפענונג איז אויפגעגאַנגען אין יידישע הערצער: ציונה! קיין ציון! צוריק אויפבויען דאָס אייגענע לאַנד, צוריק אָפּנעמען דעם אייגענעם באָדן, צוריק באַנייען די אייגענע פאָן, ווידער פאַרנעמען אונדזער ווינקל אויף גאָטס ערד.

און אַט אַזוי לייענט זיך די נייע הגדה: און עס איז געווען אין דער צייט ווען עס האָבן שוין אָנגעהויבן שפּראָצן די ערשטע בלומען פון ייִדישער נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט, ווען אין ארץ־ישׂראל האָבן זיך שוין געהאַט אויפגעזאַמלט די געוואַקסטסטע און שטאָלצסטע פון אונדזערע זין און טעכטער, ווען אַ טייל פון די חרובֿע בערג פון יהודה און גליל האָבן זיך שוין אָנגעהויבן באַקליידן מיט פרישע גרינסן, און דער קול פון דער פּאַרטריבענער טויב פון כּנסת־ישׂראל האָט זיך שוין אויך געגומען הערן אין דעם פּאַרוואָרלאָזטן לאַנד, און אַ געבענטשטע האָפענונג איז אויפגעגאַנגען אינעם הויז פון ישׂראל — עס איז געווען גראָד דעמאָלט, ווען עס איז אויפגעשטאַנען אויף אונדז אַ נייער פּרעה, מיטן נאָמען היטלער, ימח שמו וזכרו, און ער האָט אויסגערופן אין הונדערט און זיבן און צוואַנציק לענדער פון אייראָפּע אַ פּאַר־טיליקונג־מלחמה קעגן די ייִדן. און ווי עס איז נאָר געווען אַ רשע אויף דער וועלט, און ווי עס האָט זיך געפונען ערגעץ אַ רוצח, און ווי עס איז נאָר געווען אַ ווינקל פון טומאה אויף דער וועלט, איז זיך דאָס אַלץ צוזאַמענ־געפלויגן אין דער סדומישער שטאָט בערלין, און שטאָבן גאַנצע פון געלערנטע רוצחים און אויסוווּרפן זענען געזעסן איבער אומריינע ביכער און געעצהט, און זיך געקליגט ווי אַזוי בעסער אויסצוראָטן און צו פאַרברענען דאָס געצעלט פון יעקבֿ און אויסצורייסן מיטן וואָרצל יעדן סימן פון בית־ישׂראל.

און ווען נישט דער חסד פון ייִדישער אייביקייט, און ווען נישט די גבורה און מסירת־נפשן פון אונדזערע ברידער, וואָלט שוין נישט געבליבן קיין שׂריד ופליט פון דעם פאָלק; נאָר די בראַווע זין און טעכטער פון יהדות אייראָפּע האָבן באַשלאָסן זיך קעגנצושטעלן דעם ניבזהדיקן רוצח, און זיי האָבן אויפגעהויבן די פאָן פון אויפשטאַנד אין וואַרשע הבירה, און זיי האָבן מיט זייערע העלדישע מעשׂים מקדש געווען דעם שם פון דער אומה. זייער העלדישקייט וועט באַזונגען ווערן דורך אַלע דורות, ווייל אַליין, אין גאַנצן אַליין זענען זיי געשטאַנען קעגן דעם מערדערלעכן שׂונא. גרויסע לענדער האָבן זיך אים אונטערגעגעבן כּמעט אָן אַ קאַמף, מיליאָניקע פעלקער האָבן געקרעכצט אונטער זיין יאָך און האָבן נישט געוואַגט זיך צו בונטעווען — בלויז אונדזערע העלדן פונעם וואַרשעווער געטאָ זענען עס געווען די וואָס האָבן דעם רשע געשליידערט אין פּרצוף אַריין זיין אומפאַרמיידלעכן סוף.

און — ויהי, דערציילט ווייטער די מאָדערנע הגדה, ווען עס האָט זיך דערטראָגן דער רוף פון די וואַרשעווער גבורים, און זייער אַרויספאָדערונג

צו דער וועלט אַז מען זאָל זיי דערמעגלעכן אַנצוגיין ווייטער מיט זייער היי־ליקן קאַמף קעגן דעם גרעסטן רוצח פון דער געשיכטע, האָט זייער קול זיך אָנגעשלאָגן אין טויבע אויערן, און די ענגלענדער, און די אַמעריקאַנער, און די רוסן און כלערליי אַנדערע פעלקער וואָס האָבן געפירט מלחמה קעגן דעם געמיינזאַמען שונא, האָבן פאַרשלאָסן זייערע הערצער און מוחות און האָבן געלאָזן אונדזערע קינדער אָפּגיין אין בלוט אין וואַרשעווער געטאָ און זיי האָבן מיט גאָרנישט געהאָלפן.

און די הגדה פאַרצייכנט: זאָל די דאָזיקע האַרט־האַרציקייט פון די קריסטלעכע אומות אויף אייביק פאַרבלייבן פאַר די יידן לזכרון, אַז מיר קאָנען זיך קיין מאָל נישט פאַרלאָזן אויף זיי אין אַן עת־צרה, אַז מיר מוזן זיך אויסלערנען אַליין זיך צו פאַרטיידיקן קעגן רוצחים ווען זיי פאַרמעסטן זיך אונדז אומצוברענגען.

דאָס איז דער ערשטער טייל פון דער נייער הגדה. דאַן קומט דער צוויי־טער טייל וואָס דערציילט די ווונדערלעכע עפּאָפּעע פון יציאת־אייראָפּע: גרויס איז געווען דער חורבן פון דעם אייראָפּעיִשן יידנטום, כמעט אַלץ איז פאַרלענדט געוואָרן, געבליבן זענען בלויז איינצלנע, אחד בעירא ושנים במשפּחה, און גרויס איז געווען דאָס געיאָמער אין יידישע הייזער אין דער גאָרער וועלט. אָבער די יידישע גבורים, די וואָס האָבן איבערגעלעבט דעם חורבן, צוזאַמען מיט די וואָס זענען אַנגעפלויגן פון דעם הימלאַנד, האָבן אָנגעגורט זייערע לענדן און זענען אַרויס אין אַ הייליקער מלחמה קעגן אַלע די וואָס האָבן געהאַלטן דאָס צוגעזאָגטע לאַנד פאַרשלאָסן פאַר אונדזערע ברידער וואָס זענען איבערגעבליבן פון דעם חורבן־אייראָפּע; און די יוצאי־אייראָפּע האָבן זיך געשלאָגן אויף אַ סך פראָנטן, זיי האָבן זיך פאַרמאָסטן קעגן דעם מעכטיקן פלאָט פון די בריטן, זיי האָבן עקשנותדיק זיך קעגנ־געשטעלט אַלע פּרוּוון אַריבערצוּוואַרפן די שארית־הפליטה אין אַנדערע גלותן; און איבער אַלע לענדער פון אייראָפּע האָט זיך געטראָגן דער קול פון די געראַטעוועטע: ציונה, נאָר צום אייגענעם לאַנד ווען מיר גיין — אויס גלות, אויס עבדות!

און עס איז געשען דער נס, די שוואַכע האָבן באַזיגט די שטאַרקע, און די פעלקער פון דער וועלט האָבן זיך אָנגעהויבן שעמען פאַר דעם שלעכטס וואָס זיי האָבן געטאָן אונדזער פאָלק, און זיי האָבן איינגעזען אַז עס וועט זיין אַ לאַנגע און גרויזאַמע מלחמה, אויב זיי וועלן ווייטער פאַרשליסן זייערע

הערצער און נישט דערלאָזן די קינדער פון ישׂראל זיך אויפזאַמלען אין ארץ־ישׂראל; ויהי, און עס איז געשען, אַז אין דעם טאָג פון 29־טן נאָוועמבער 1947, לויט זייער צייט־רעכענונג, איז אַ גורלדיקער באַשלוס געפאַלן אויף דער אסיפה פון די פעלקער, וואָס האָט אויסגערופן די באַנייונג פון מדינת־ישׂראל אין אַ טייל פון דעם היסטאָרישן לאַנד; פיינטלעכע לאַגערן האָבן אויף אַ מינוט שלום געמאַכט איינער מיטן אַנדערן, מיזרח און מערב האָבן זיך די הענט געגעבן, און זיי אַלע צוזאַמען האָבן שלום געמאַכט מיטן אַלטן ייִדישן פאָלק און אים צוגעזאָגט צוריק צו דערלויבן זיינע קינדער זיך צוריקצוקערן אַהיים.

און ויהי, ציט זיך ווייטער די נייע הגדה, און עס איז געווען אין דעם טאָג פון ה׳ אייר פון יאָר תש״ח, ווען די פאָן פון ייִדישער זעלבשטענדיקייט איז אַרויפגעצויגן געוואָרן איבערן אייגענעם לאַנד, האָבן די קינדער פון ישמעאל וואָס האָבן געלויערט אויף אַלע גרענעצן, זיך געלאָזן, מיט גרויס רציחה, אויף דער נייער מדינה און האָבן זי געוואָלט אומברענגען מיט פייער און שווערד; אָבער די קינדער פון ישׂראל, סיי די וואָס האָבן שוין לאַנג באַאַרבעט דאָס לאַנד און אויך די וואָס זענען אַנטרונען פון חורבן, האָבן באַזיגט די אומצייליקע מחנות פון דעם נייעם שונא און זיי האָבן באַפרייט לאַנד און פאָלק צוזאַמען; און דער דאָזיקער טאָג איז פאַרשריבן געוואָרן אין אַלע ספרים לזכר דעם גרויסן נס פון אונדזער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג; און דער דאָזיקער טאָג ווערט געפייערט מיט געזאַנג און פרייד אין אַלע ייִדישע היימען און ער וועט, אויף אייביקע דורות, פאַרבלייבן דער פריי־דיקסטער יום־טוב פון בית־ישׂראל.

מאַי, 1962

צען יאָר נאָך דער הריגה

אונדזער דור איז „געבענטשט“ מיט יאָרצייטן. סיי ווי יחידים און סיי ווי אַ פֿאָלק לעבן מיר נאָך אינעם פּעריאָד פֿון דירעקטער אבילות. די קריעה־ריסן זענען נאָך טיף איינגעשניטן אינעם האַרץ און אין דער נשמה און אַ שמייכל רייסט זיך זייער שווער אַדורך אינעם לעבן אונדזערן. מיט דער נאַציאָנאַלער אויפֿלעבונג וואָס מיר האָבן דערלעבט און מיט דער ליכטיקער פֿרייד פֿון בנין־הארץ אין אונדזערע טעג — קאָנען מיר נאָך אַלץ נישט קומען צו זיך פֿון די שוידערלעכע קלעפּ פֿון דעם לעצטן פֿערטל יאָרהונדערט. די קאָשמאַרן פֿון דער נאָענטער, גרויזאַמער פֿאַרגאַנגענהייט פֿאַרפֿאָלגן אונדז, רויבן די רו פֿון אונדזערע געמיטער.

מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט די ייִדישע וועלט „געפּייערט“ אַ גאַר אייגנאַרטיקן יאָרצייט, אַ יאָרצייט וואָס איז פֿאַרבונדן נישט בלויז מיט אַ פּאָגראָם אויף מענטשן, אָדער גרופּעס מענטשן, נאָר אַ יאָרצייט פֿון אַ פּאָגראָם אויף דער גאַנצער קולטור פֿון אַן אַלטן אויסגעפּרוּווטן פֿאָלק.

פֿאַרגאַנגענעם אויגוסט איז געוואָרן צען יאָר זינט דער גזר פֿון כּרת איז אַדורכגעפֿירט געוואָרן אין סאָוויעט־רוסלאַנד אויף די שאַפֿערס פֿון דער ייִדישער קולטור אין אַלע אירע אויסוווירקונגען, און עס איז אויך פֿאַרטיליקט געוואָרן יעדער אויסדרוק פֿון ייִדישקייט אין אַלע טיילן פֿון דעם גרויסן רוסלאַנד — פֿון דעם טייך בירא וואָס אין ווייטן מיזרח ביזן דניעפּער און דעם בוג אויפֿן מערבדיקן שפּיץ פֿונעם סאָוויעטן־פֿאַרבאַנד.

זינט די צייטן פֿון דער מיטלאַלטערלעכער אינקוויזיציע איז נאָך אַזאַ אַקט פֿון מאָרד און וואַנדאַליזם נישט געשען אין דער ציוויליזירטער וועלט. איין אויסנאַם דאַרף מען דאָ מאַכן: די נאַציס האָבן מיט עטלעכע יאָר פֿריִער שוין אַנגעצונדן שייטערהויפֿנס, אויף וועלכע מען האָט געברענט ספֿרים און ביכער פֿון ייִדישע מחברים — דער צווייטער פּאָגראָם אויף אַ גאַנצער קולטור פֿון אַ פֿאָלק איז אין 1952 אויסגעפֿירט געוואָרן דורך דעם גרויסן לאַנד פֿון אויפֿגייענדיקן סאָציאַליזם.

די ייִדישע שרייבערס, דיכטערס, עסעיִסטן, דערציילערס, ראָמאַניסטן, בינע־קינסטלערס און וויסנשאַפטלערס, וואָס זענען געפאַלן אונטער דער האַק פון סטאַלינס משרתים, זענען אַריינגערעכנט צווישן די אומגעקומענע על קידוש־השם פון אַלע דורות. אַלע חטאים וואָס זיי האָבן, מערסטנס בשוגג, געזינדיקט קעגן דעם פאָלק זענען זיי פאַרגעבן געוואָרן מיטן מאָמענט ווען זיי זענען געוואָרן קרבנות אויפן מזבח פון פאָלק.

אַוודאי דאַרף מען רעדן וועגן פעיִקייטן, גאונות, איבערגעגעבנקייט, טאַלאַנט און גרויסקייט פון די אומגעקומענע ייִדישע שרייבערס און קינסטלערס אין רוסלאַנד, מען דאַרף אָפּשאַצן יעדן איינעם פון זיי לויט זיינע אייגענע, יחידישע מעלות און חסרונות — דאָ ווילן מיר בלויז דערמאָנען און פאַרצייכענען (און מען טאָר דאָס דערמאָנען קיין מאָל נישט אָפּשטעלן), אַז אין דער סאַמע מיט פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווען אַ צוויי הונדערט מיליאָניק פאָלק, וואָס האָט זיך גערופן סאָוויעטן־פאַרבאַנד, האָט זיך פאַרנומען אויפן וועג פון אַ גרויסער סאָציאַלער איבערקערעניש, וואָס האָט געדאַרפט אַרויספירן די גאַנצע וועלט צו אַן עפּאָכע פון ליכטיקע דערגרייכונגען פאַרן גאַנצן מין מענטש — אַז אין אָט דער צייט האָט די פירערשאַפט פון דעם רוסישן פאָלק קאַלטבלוטיק פאַרטיליקט הונדערטער אינטעלעקטואַלן פונעם ייִדישן פאָלק און פאַרניכטעט זיין גאַנצע קולטור, סיי אין ייִדיש, סיי אין העברעיִש, סיי אַפילו אין רוסיש!

מיט דעם דאָזיקן אַקט האָט די רוסישע פירערשאַפט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אַרויסגענומען די רוסישע רעוואָלוציע פון דעם גדר פון פּראָגרעסיווע דערשיינונגען אין דער מענטשלעכער געשיכטע און זי פאַרמשפט אויף אימפּאָטענץ און דעגענעראַציע. ווייל עס איז נישטאָ פאַראַן אויף דער וועלט קיין שום ציל וואָס זאָל הייליקן דעם מיטל פון קולטורעלן גענאָסיד פון אַ גאַנצן פאָלק!

נאָך טונקעלער ווערט די פּאָזיציע פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד אין דעם געשיכטלעכן רעגיסטער צוליב דעם פאַקט, וואָס דער צווייטראַנגיקער פירערשיכט, די כרושטשעווס, קאָזלאָווס א״אַ האָבן נישט געפונען פאַר נויטיק ביזן היינטיקן טאָג צו פאַרריכטן דעם היסטאָרישן שאָדן וואָס די פריִערדיקע טיראַנען האָבן אָנגעטאָן דעם ייִדישן פאָלק און צו געבן די ייִדישע מאַסן אין רוסלאַנד כאָטש אַ קליינע אָטעם־פויזע נאָכן פּאָגראָם. מעגן די רוסן דערגרייכן גרויסע דערפאָלגן אין די איבערערדישע רוימען, מעגן זייערע

אונטערוואַסער־שיפן זיך דערגרונטעוועןָ צו די טיפסטע סודות פון די ימים, מעגן זייערע מעכטיקע וואַסער־דאַמבעס פאַראייניקן אַלע טיילן פון דעם ריזיקן נייעם רוסישן לאַנד — עס איז אַלץ פאַראורטיילט פאַרזונקען צו ווערן אין די טיפסטע געשיכטלעכע תהומען, צוליב דעם וואָס מיט זייער אַנטי־ייִדישן פּאָגראָם האָבן זיי פאַראומרייניקט די נשמה פון דער רעוואָ־לוציע.

עס איז אונדזער טיפער גלויבן, אַז די וועלט וועט ווען עס איז, אפשר אין דער נאָענטער צוקונפט, זיך איינאָרדענען אויף אַ סאָציאַליסטישן אופן. שפּראָצונגען דערפון ווייזן זיך שוין אין פאַרשיידענע פונקטן פונעם כדור־הארץ. דער רוסישער געוויקס אָבער געהער נישט צו דער דאָזיקער איידעלער משפחה פון צמחים. זייערס איז אַן אויסוווּקס, אַ יוצא־דופנדיקער סאָציאַליזם. פון זיי וויל קיינער נישט לערנען, און אויב עמעצער איז געצווונגען עס צו טאָן, פאַלט ער אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון אַנוסים, מאַראַנען.

סיידן עס זאָל אין דעם גרויסן מיזרח־לאַנד פאָרקומען עפּעס אַ גרינט־לעכע גייסטיקע איבערקערעניש, וואָס זאָל דעם פאָלק צוריקגעבן די אַוועק־געראַבטע נשמה זיינע. דעמאָלט וועט אויך ייִדיש פאָלק געדייען אויף דער דאָזיקער ערד און עס וועט, וואָס אַ מאָל ווייטער, בלייכער ווערן די זינד פון די ראשונים, וואָס האָבן פאַרקריפּלט דאָס געשטאַלט פון סאָציאַליסטישער אויסלייזונג.

דער טאָג איז נאָך ווייט, אָבער די האָפענונג גליט נאָך רויט אין די מענטשלעכע הערצער.

אָקטאָבער, 1962

צו דער 20סטער יאָרצייט

די גרויסע טראַגעדיע פון דעם חורבן אונדזערן אין אייראָפּע באַשטייט אויך אין דער שרעקלעכער איזאָלאַציע אין וועלכער אונדזער פאָלק האָט זיך געפונען אין די דאָזיקע שוידערלעכע טעג. וואָלטן עס געווען בלויז די דייטשן וואָס האָבן אונדז דערקלערט אַ פאַרניכטונגס־מלחמה, וואָלט עס מסתמא נישט וועזנטלעך געענדערט דעם אויסגאַנג פון דער קאַטאַסטראָפע. סוף־כּל־סוף האָבן אומבאַשיצטע פרידלעכע מיליאָנען יידן נישט געקאָנט האָפן צו געווינען אין אַ פאַרמעסט קעגן אַ ביז די ציין באַוואָפנטער נאַצישער חיה. אונדזער פּיין שניידט זיך אָבער טיפער אין אין אונדזערע לייבער, אונדזער טרויער ווערט נאָך פיל טראַגישער צוליב דעם וואָס מיר זענען געצוווּנגען צו וואַרפן אַ טייל פון דער שולד פון אונדזער אומקום אויף די אַזוי גערופענע פריינד אונדזערע אין דער וועלט. ווייל אויב מיר זאָלן וועלן קוקן דעם אַכזריותדיקן אמת אין די אויגן אַריין, וואָלטן מיר געדאַרפט זיך אויפהייבן, אַלע צוזאַמען, בנערינו ובזקנינו און אַרויסוואַגלען פון דער דאָזיקער וועלט פון רציחה און גזילה, פון דער וועלט פון צביעות, און מיר וואָלטן איין מאָל פאַר אַלע מאָל געדאַרפט פאַרענדיקן אונדזער משפּחה־דיקע אָנגעהעריקייט מיט דעם מין מענטש. דער נאַקעטער אמת איז, אַז מיר זענען אין דער לעצטער מלחמה געווען קרבנות נישט בלויז פון די דייטשן אָנגעטער היטלערן, ימח שמו — אָן און פאַר זיך וואָלט דאָס אַליין אויך שוין געווען אַ גענוג גרויסע טראַגעדיע פאַר אַ פאָלק וואָס פאַרלירט אין געציילטע עטלעכע מלחמה־יאָרן אַ דריטל פון זיין וועלט־באַפעלקערונג און כּמעט אַלע זיינע איינוווינערס אין די דורותדיקע באַוווינטע לענדער. אַזעלכעס איז אין דער רעקאָרדירטער געשיכטע כּמעט נישט צו געפינען — אָבער ווי שלעכט דאָס זאָל נישט זיין געווען, דערציילט דאָס נאָך ווייט נישט דעם גאַנצן גרויליקן פאַרנעם פון אונדזער חורבן:

ווייל, בעת מיר זענען געשטאַנען איינעם בלוטיקן קאַמף קעגן אַ גע־מיינזאַמען שונא, האָבן אונדז אַפילו אונדזערע אייגענע פאַרביגדעטע, בידים,

איבערגעענטפערט אין די הענט פון די רוצחים זיי זאָלן מיט אונדז טאָן וואָס זייער האַרץ וועט גלוסטן.

אין אַלע מלחמות פירט זיך, אַז ווען איין טייל פון אַ פראָנט וואַקלט זיך, ווערט באַדראָט פונעם שונא, שיקט מען דאָרט צו פאַרשטאַרקונגען, אַפילו ווען עס זענען דאָרט נישט פאַראַן קיין גוטע אויסזיכטן פאַר אַ זיג; אָפּשטעלן, פאַרהאַלטן און פאַרלאַנגזאַמערן דעם מאַרש פונעם שונאס חיילות איז אַן אָנגענומענע טאַקטיק, כּמעט אַ סטראַטעגישע אַקסיאָמע אין דער קריגפירונג פון אַלע לענדער, פון די אַלטע צייטן ביזן היינטיקן טאָג. מען דאַרף זיך בלויז דערמאָנען וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אויף דער וועלט ווען די מערב־פאַרבינדעטע האָבן נישט באַוויזן צו עפענען דעם צווייטן פראָנט בעת רוס־לאַנד האָט געטראַכט אַז מען דאַרף וואַרפן מיליאָנען מערבדיקע סאָלדאָטן אַלס האַרמאַטן־פלייש אין פראַנקרייך, כּדי לויזער צו מאַכן דעם דרוק פון די נאַצישע אַרמייען אויף דעם סאָוויעטישן פראָנט. עס איז נאָך פריש אין זכּרון דער קאַמף אין מיטעלן מיזרח, ווען טאָברוק איז איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. עס איז געווען בלויז איבערצולייענען די מילטערישע פאַר־צייכענונגען פון ווינסטאָן טשערטשיל, פון יענער צייט, כּדי צו באַוואונדערן די ממש איבערמענטשלעכע ענערגיע וואָס דער ענגלישער גענעראַלשטאַב האָט אָנגעווענדט כּדי צו פאַרלאַנגזאַמערן דעם גאַנג פון ראָמעלס אַרמייען. מען האָט געהאָלפן די פראַנצויזן, וועמענס לאַנד האָט זיך שוין געהאַט אונטערגעגעבן, מען האָט אויסגעבילדעט אַ באַזונדערע פּוילישע אַרמיי אויפן באָדן פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד, מען האָט זיך פאַרבונדן מיט די גערילאַ־גרופּעס סיי פון טיטאָ און סיי פון זיינע פּאָליטישע שונאים אין יוגאָסלאַוויע — מען האָט געטאָן אַלץ כּדי צו שטערן די נאַציס, זיי נישט געבן קיין מנוחה, מאַכן זייער לעבן אומזיכער אין די אָקופּירטע לענדער, צעטרייסלען זייער מאָראַל. — אין אויסנאַם איז געמאַכט געוואָרן מיט אַ פאַרבינדעטן, וואָס איז געווען נישט בלויז גרייט געטריי צו קעמפן אויף דער זייט פון די אַליִירטע, נאָר וואָס איז געווען געצוווּנגען דאָס צו טאָן; די ייִדן, כאָטש נישט קיין קליינע צאָל, האָבן זיך געפונען אין פראָנט פון בלוטיקן געראַנגל.

זענען מיליאָנען ייִדן אַריינגעפאַלן אין דער דייטשישער פאַסטקע און זיי האָבן זייערע אויגן געווענדט צו די שונאים פון די דייטשן, אַז יענע זאָלן העלפן אין זייער קאַמף קעגן דעם געמיינזאַמען שונא.

וואָס עס איז פון דער דאָזיקער ווענדונג געוואָרן איז שוין היינט טרויע־

ריקע געשיכטע, אפשר דאָס טרויעריקסטע און געמיינסטע קאַפּיטל געשיכטע פון דער גאַנצער מענטשהייט.

איז דען פאַראַן אַ וועלכע עס איז פאַרענטפערונג פאַר דער שטיינערנער האַרטהאַרציקייט פון די ענגלענדער וואָס האָבן גראָד אין די מלחמה־יאָרן פאַרהאַקט די פּאַלעסטינישע טויערן פאַר די וואַגלענדיקע יידישע פּליטים וואָס האָבן זיך געריסן קיין ארץ־ישראל ? קאָן אַמעריקע היינט, און וועט זי נאָך פאַר אַ לאַנגער צייט קאָנען, מיט אַ ריינעם געוויסן רעדן וועגן אינטער־נאַציאָנאַלער מאָראַל, נאָך דעם ווי זי האָט איר האַרץ און אירע בּרעגעס פאַרהאַמערט פאַר די יידן וואָס האָבן געקלאַפּט אין אירע טירן זוכנדיק שוץ און רעטונג ? און וואָס פאַר אַ טעם האָבן אַלע סאָוויעטישע לאָזונגען וועגן דער באַפרייונג פונעם מענטש, ווען רוסלאַנד האָט אַזוי אַכזריותדיק קאַלט זיך צוגעקוקט צו דער גסיסה פון אַ גאַנץ פאָלק און זיך עקשנותדיק אָפּגעזאָגט צוצושטעלן כאָטש איין רעוואָלווער, איין ביקס, צו די העלדן וואָס האָבן געקעמפט אין דער וואַרשעווער געטאָ ?

מיט טיפן וויטיק מוזן מיר מודה זיין דעם שרעקלעכן אמת אַז עס זענען קיין צען צדיקים אין יענע סדומישע יאָרן אויף דער גאַנצער וועלט נישט געווען. אין דעם טראַגישסטן מאָמענט פון אונדזער געשיכטע, זענען מיר איזאָלירט געוואָרן אויך פון אונדזערע פריינד, און אונדזער פאָלק איז אומ־ברחמנותדיק געוואָרפן געוואָרן צו די היטלעריסטישע וועלף.

עס בלייבט אונדז דעריבער נישט עפּעס אַנדערש ווי אַראָפּצולאָזן אונ־דזערע קעפּ אין טרויער, מאַכן אונדזער נאַציאָנאַלן חשבון, און האָפן אויף אַ מער יושרדיקער וועלט.

אָבער היינט, אין דעם דאָזיקן חודש ניסן, היינט טראָגן מיר זיך אַריבער מיט געדאַנק, האַרץ און נשמה צו יענע טעג וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אין דער וואַרשעווער געטאָ אין דער ערשטער סדר־נאַכט.

עס איז געווען אין דעם חודש ניסן, אין דעם חודש וואָס הייבט אָן אויף ס׳ניי מעשה־בראשית יעדעס יאָר, אין דעם חודש אין וועלכן כמורנע הימלען פון לעצטע ווינטערדיקע טעג ווערן איינציקווייז, לאַנגזאַם פאַרטריבן פון די האָריזאָנטן און פריידיקע, זוניקע מאָרגנס ברענגען ווונדער־לעגענדעס פון וויטע לענדערייען, מיט אייביקער וואַרעמקייט, מיט שטענדיקער גרינער האָפענונג ; עס איז געווען אין חודש ניסן, וואָס באַגייט די ערד און דעם מענטשן, וואָס סטימולירט ווידער די שאַפונגלוסט פון פאַרוועלקטע צמחים

און פון גלייכגילטיקע מענטשן־קינדער; פרילינגצייט! גאָט און שׂטן ראַנג־לען זיך דאָך פאַר דעם באַזיץ פון מענטש און וועלט.

עס איז געשען אין דעם חודש ניסן, ווען ס׳האָבן אַ מאָל די שקלאַפן פון פּרעה אָנגעהויבן זייער מדבר־מאַרש צו סיני; אין פּיין און אין בלוט האָבן זיי, אויף זייער באַפרייונג־וועג, געבויט און פאַרניכטעט גאָלדענע קעל־בער און קורחדיקע נשמות. שיעור נישט פאַרשפּילט דעם גלאָררייכן אויפ־שטייג צו די עשׂרת־הדברות און זיך דאָך אַרויסגעוויקלט ווי דער עם־הספר פאַר אַלע קומענדיקע דורות.

עס איז נישט דער ערשטער חורבן אין אונדזער געשיכטע. מיר האָבן געהאַט די עשׂרה הרוגי מלכות וואָס זענען אומגעקומען מיט נישט קיין לייכטערע מאַטערנישן ווי אונדזערע לערערס און מדריכים אין די פּוילישע געטאָס; און דער מאַרש פון די גבורים פון יהודה אויף די וועגן פון אַמאָליקן רוים איז געווען נישט ווינציקער טראַגיש ווי דער פּיין פון די ייִדן אין די שקלאַפן־לאַגערס פון איראָפּע. דער חלוק איז נאָר אין צייט און אַטמאָספער: אין יענע צייטן איז עס געשען אויך צו אַנדערע פעלקער — ביסטו באַזיגט געוואָרן אין אַ מלחמה, טאָ באַצאָל מיט דיינע זין און טעכטער אויף די שקלאַפן־מערק און מיטן טויט פון דיינע קינדער און זקנים.

אונדזער דור אָבער האָט קיין אייגן לאַנד נישט געהאַט, קיין מלחמות נישט געפירט, קיין מיליטערישער צד נישט געווען — און דאָך זענען מיר טאָטאַל פאַרטיליקט געוואָרן. בעת די נאַציס האָבן זיך אַריינגעריסן קיין רוסלאַנד און אָקופּירט גרויסע טיילן פון לאַנד, האָבן זיי פון דאָרט אַרויס־געפירט אין זייערע שקלאַפן־פאַבריקן הונדערטער טויזנטער יונגע מענטשן פון וועלכע בלויז אַ קליינער טייל האָט באַוויזן איבערצולעבן די מלחמה און צוריקצוקומען אין זייערע היימען. די איבעריקע זענען אומגעקומען פון הונגער, קלעפּ און שקלאַפן־באַהאַנדלונג. דאָס זעלבע איז געשען מיט אַ סך דייטשישע קריגס־געפאַנגענע אין רוסלאַנד. דאָס איז משמעות דער געזעץ פון מלחמה וואָס אַלע פעלקער האָבן אַקצעפּטירט.

טראָץ אַלעמען אָבער זענען די דאָזיקע אַלע פעלקער געבליבן לעבן, זיגער און באַזיגטע צוגלייך. מיר אָבער זענען כמעט אין גאַנצן פאַרלענדט געוואָרן — פאַר וואָס?

וואָס אַ יאָר ווערט לייִדיקער אויף דער נשמה, עס ווערט אומעטיקער צו לעבן אָן אונדזערע נאָענטע, עס ווערט ברענענדיקער דער פאַרוואָס?

דערפאַר האָבן מיר עס איינגעשטעלט אונדזערע מאָדערנע נײַן טעג, טעג פון טרויער, טעג ווען מיר זענען זיך מתיחד מיט די נשמות פון אונדזערע קדושים. די טעג פון כ״ז ניסן ביז ה׳ אייר, די טעג פון חורבן וואָס האָבן ענדלעך דערפירט צו אונדזער נאַציאָנאַלער גאולה, וועלן מיט אונדז פאַר־בלייבן אויף אייביקער געדעכעניש, לזכר עולם!

אַפּריל, 1963

מאפלה...

די אייגשאַפט פון שכחה, די מענטשלעכע נאַטור צו פאַרגעסן דאָס געשעענע, איז איינע פון די וואונדערלעכסטע מתנות מיט וועלכע די נאַטור האָט באַשאַנקען דעם יחיד, אַזוי ווי דעם קאָלעקטיוו. עס וואָלט פשוט געווען אוממעגלעך אָנצוגיין מיטן לעבן, אויב מען וואָלט כסדר געהאַלטן אין זכרון אַלעס שלעכטע וואָס מען איז דורכגעגאַנגען און מען זאָל שטענדיק האָבן פאַר די אויגן די מאָמענטן פון פּיין און רשעות, מיט וועלכע ס'איז אַזוי רייך יעדער מענטשלעכער גאַנג אויף אונדזער זינדיקער ערד. בפרט איז די אייגנשאַפט פון שכחה אַ גליק פאַר גאַנצע פעלקער. בלויז אין זעלטענע אויסנאַמען איז אַ פאָלק פאַרשווירן געוואָרן נישט צו פאַרגעסן די צרות און נגישות וואָס עס האָט געהאַט אויסצושטיין מצד שונאים אין דער פאַרגאַנגענהייט. אין אונדזער לאַנגער געשיכטע ביז דער לעצטער צייט האָבן מיר געהאַט איין איינציקן האַס-געבאָט: זכור את אשר עשה לך עמלק! אַנדערע פעלקער האָבן אויך אין זייער נאַציאָנאַלן געמיט אויפגעהיטן אַ ווידערווילן קעגן זייערע היסטאָרישע בר-פלוגתאס, אָבער קיין שנאה האָבן זיי לאַנג נישט געטראָגן. פראַנקרייך און דייטשלאַנד, כינע און יאַפּאַן, רוסלאַנד און פּוילן האָבן געפירט לאַנג-דורותדיקע שלאַכטן, און אַפילו אין צייטן פון שלום איז צווישן זיי געשטאַנען אַ מויער פון נאַציאָנאַלע ווידערשפּרוכן, — אָבער קיינער פון זיי האָט נישט איבערגעלאָזן פאַר שפּעטערדיקע דורות קיין געבאָט פון זכור! זיי האָבן געפירט מלחמות, אָבער זיי זענען טאָטאַל נישט פאַרניכטעט געוואָרן.

און וויפל האָבן מיר ייִדן געהאַט אויסצושטיין פון פאַרשיידענע פעלקער, מיט וועלכע עס איז אונדז אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען אויף אונדזער היסטאָרישן גאַנג! ווען אַלע וואָסערן פון דער וועלט זאָלן פאַרוואַנדלט ווערן אין טינט, וועט עס נישט זיין גענוג צו באַשרייבן אונדזער שווערן גורל צווישן די אומות-העולם. פון דעסטוועגן איז דער היסטאָרישער „זכור" נישט איבערגעחזרט געוואָרן אין לויף פון טויזנטער יאָרן זינט עמלק. ערשט

אין אונדזער צייט, אין דעם היינטיקן יאָרהונדערט, איז דער דאָזיקער אין בלוט־אויסגעוויקעטער געבאָט ווידער אַרויפגעשווומען אויף דער אויבער־פלאַך פון אונדזער לעבן און ער פירט אונדז צוריק צו דעם באַגין פון אונדזער פאָלקסטום, ווען אַ ווילדער שונא האָט זיך פאַרלייגט אויף דעם עצם קיום אונדזערן ווי אַ פאָלק.

אַלע אַנדערע פעלקער האָבן געפירט בלוטיקע מלחמות, זיי האָבן זיך געשלאָגן פאַר טעריטאָריעס, פאַר נאַטירלעכע אוצרות, וואָס האָבן זיך געפונען ביי די שכנים, פאַר אָפּזאַצמערק וואָס זיי האָבן געוואָלט פאַרכאַפּן אָדער וואָס וואָס מען האָט ביי זיי געוואָלט אויסכאַפּן, פאַר פּרעסטיזש און פאַר טויזנטער אַנדערע סיבות, — האָט מען זיך געשלאָגן אַזוי לאַנג ווי מען האָט געקאָנט און מען האָט דערנאָך געמאַכט שלום — ביז אַ צווייטן אויסבראָך.

עס איז אָבער שווער צו געפינען אין דער געשיכטע — בפרט אין דער מאָדערנער געשיכטע — אַ פאַל ווען אַ פאָלק, אַ רעגירונג זאָל אָפן פּראָקלאַ־מירן, אַז דער צוועק פון דער מלחמה איז די טאָטאַלע פאַרניכטונג פון דעם אַנדערן צד, להשמיד, להרוג, ולאבד.

דערפאַר זאָלן זיך נישט וווּנדערן די אומות העולם אויף אונדזער גלייַכ־גילטיקייט צו דעם פאָלק פון „דיכטער און דענקער״. אויב אַפילו מען געפינט פון צייט צו צייט אויס עפּעס אַ גוטן דייטש, וואָס האָט געטאָן טובות יידן אין נאַצי־צייטן, קאָן דאָס בשום אופן ואופן נישט מכפר זיין אויף דער רשעותדיקער חשבות, אין וועלכער די דייטשן האָבן אונדז אַריינגעוואָרפן. אויב עס איז פאַראַן אַ גוטער דייטש, וואָס זעט באמת איין די מוראדיקייט פון זיין פאָלקס־פאַרברעכן, דאַרף ער זיך אָפּזאָגן פון זיין פאָלק! נאָר אויף אַזאַ אופן קאָן ער זיך באַפרייען פון דער שולד, וואָס וועט נאָך הויערן איבער די דייטשן לאַנגע, לאַנגע דורות.

פיר און צוואַנציק יאָר נאָך דעם עמק הבכא שטייט אונדזער פאָלק נאָך אַלץ אַ פאַרלוירנס, אַ צעטומלטס פון דעם גרויל, וואָס עס האָט דורכגעגאַנגען ביי דער גלייכגילטיקייט פון דער גאַנצער וועלט. 24 יאָר, און דער חלל אין אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן איז נאָך אַלץ אַזוי מוראדיק גרויס, אַזוי תהומיק טיף.

זעקס מיליאָן לעבנס און נאָך אומצייליקע פאַרשניטענע לעבנס וואָס וואָלטן געוועז אַרויסגעקומען פון די קרבנות. וויפל גאונישע שאַפערישקייט ליגט באַגראָבן אין די אַשן פון טרעבלינקע, אין די גריבער פון באַבי יאַר. קיין מלחמה־פירנדיקער צד האָט נישט פאַרלוירן אַזוי פיל פון זיין נאַציאָ־

נאַלער פּאַטענץ! און מיר זענען דאָך אַפילו קיין קריגפירנדיקער צד נישט געווען!

איז טאַקע קיין מצבה אין באַבי יאַר נאָך נישט אויפגעשטעלט געוואָרן, און דער פּוילישער מלוכה־פּרעזידענט דערמאָנט נאָך אַלץ נישט, אַז אין אוישוויץ איז אַ גאַנץ ייִדיש פאָלק פאַרברענט געוואָרן, — אין דעם געדעכעניש פון דעם פאָלק אונדזערן לעבט אויף אייביקע צייטן דער כ״ז ניסן צוזאַמען מיט דער קללה פאַר דעם מאָדערנעם עמלק, וואָס האָט פאַרפּינצטערט אונדזער לעבן.

דער חורבן האָט אויסגעטריקנט אַ סך פון אונדזער לעבנסזאַפט, צעבראָכן אונדז פיזיש און גייסטיק, כמעט איבערגעריסן די לעבנס־ליניע, וואָס האָט זיך געצויגן איבער הונדערט דורות, — אָבער פון דער געדיכטעניש פון דעם חושך, וואָס דער שונא האָט געבראַכט אויף אונדז, פון דעם פּיין און געיאָמער וואָס באַגלייט אונדז אויף אונדזער ווייטערדיקן וועג, האָט דאָס פאָלק אַרויסגעפּישופּט אַ ווונדערלעך ליכט, וואָס באַשיינט אונדז און וואָס ברענגט טרייסט און געגעזונג פאַר די וואָס זענען אַנטרונען פון דעם אומגליק. די זין און טעכטער פון דעם געפּלאָגטן פאָלק האָבן זיך אויפגעהויבן פון דעם אַש, פונעם חורבן און זיי שפּאַנען ווייטער מיט דעם שטענדיקן „אַף־על־פּי־כן״, וואָס האָט אַזוי באַדייטונגספול כאַראַקטעריזירט דעם עם קשה־עורף.

צום צווייטן מאָל אין איבער דריי טויזנט יאָר דערהערן מיר דעם פייערדיקן געבאָט: זכור! און ווי דעמאָלט האָבן מיר גובר געווען די שונאים וואָס זענען אויפגעשטאַנען אויף אונדז לכלותנו, האָבן מיר אויך אין אונדזער צייט נאָך געפונען גענוג כוח צו גיין אין דעם מדבר פון פעלקער, פריינדלעכע, גלייכגילטיקע און פיינטלעכע צו אַ ליכטיקן מאָרגן. ביי די זעלבע ברעגעס פונעם ים־סוף, וואָס ווייסן צו דערציילן „מעשׂיות פון אַמאָל״, די „נסים״ וואָס האָבן אונדז באַגלייט פון דער פינצטערניש, פון שעבוד־מצרים — — —

מאַי, 1967

בוירמינגהעם — אַ וואָרענונג

די געשעעענישן אין בוירמינגהעם האָבן אָפּגעקלונגען מיט אַ מעכטיקער קראַפט איבער דער גאַנצער וועלט. די באָמבעס אין אַ נעגערישער קירכע און די דערשיסונגען פון אומשולדיקע נעגערישע יינגלעך האָבן אויך געמאַכט אויפציטערן דאָס לאַנד. אַמעריקע האָט זיך געטונקען אין אַ ים פון זעלבּ־צופרידנקייט נאָך דעם דערפאָלגרייכן און איינדרוקספולן אויפמאַרש פון צענטליקער טויזנטער בירגערס פון אַלע ראַסן און קאָלירן אין וואַשינגטאָן, די דעמאָנסטראַציע וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר קראַפט און ווערדע האָט געדאַרפט מאָלן פאַר דער וועלט אַ בילד פון דער אמתער פרייער אַמע־ריקע. זי האָט אויך געזאָלט דינען ווי אַ דערמוטיקונג פאַר אַלע קעמפערס פאַר גלייכע ציווילע רעכט ווייטער פאַרצוזעצן דעם קאַמף מיט פרידלעכע מיטלען. בוירמינגהעם איז דעריבער געקומען ווי אַ דערמאָנונג און אַ וואָרע־נונג צו די פירערס פון די נעגערס, אַז פרייהייט פאַר אַ פאָלק ווערט נישט דערוואָרבן מיט רעדעס און פריידיקן אין די קירכעס; אַז דער קאַמף פאַר נעגערישער עמאַנציפּאַציע אין אַמעריקע וועט זיין אַ לאַנגער, אַ פאַרביסענער און אפשר אויך אַ בלוטיקער. די רעדע פון מאַרטין לוטער קינג, זיין וווּנדער־לעכער חלום וועגן דעם באחרית הימים אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט טאַקע איבערגעלאָזן אַן אומפאַרגעסלעכן רושם אויף מיליאָנען צוהערערס איבערן גאַנצן לאַנד, אָבער זי האָט גלייכצייטיק אַרויסגערופן אַ ממש חיהשן פחד אין האַרץ פון דער ראַסיסטישער רעאַקציע און האָט זי סטימולירט צו אַקטן פון פאַרצווייפלונג מיטן ציל זיך אַנטקעגנצושטעלן דער פאַרווירק־לעכונג פון דעם דאָזיקן חלום און, אויב זיי קאָנען אים נישט אַרויסרייסן פון די נשמות פון די צוואַנציק מיליאָן אַמעריקאַנער נעגערס, אים כאָטש אָפּצושטופּן פון דעם היינט, נישט דערלאָזן דעם געגאַרטן טרוים אין דער היינטיקער ווירקלעכקייט.

צענטליקער מיליאָנען אַמעריקאַנער האָבן זיך צוגעקוקט צו דער פרעכ־טיקער דעמאָנסטראַציע אין וואַשינגטאָן און אַ געפיל פון דערלייכטערונג

האָט זיי באַהערשט ווען זי האָט זיך פרידלעך אויפגעלייזט. הייסט עס, האָבן זיי געטראַכט, אַז דאָס לאַנד האָט טאַקע דערוואַכט צו אַ נייער תּקופה, אַז די עקסטרעמע רעאַקציע האָט גאָרנישט אַזאַ כּוח ווי עס האָט זיך אין געוויסע מאָמענטן געקאָנט אויסדוכטן. אָט זענען זיי דאָך אַלע פאַרקראָכן אין זייערע לעכער, כאָטש זיי האָבן געדראָט, אַז זיי וועלן שטערן דעם רויִקן פאַרלויף פון דעם מאַרש. אַזוי האָבן זיכער אויך געפילט אַ סך בירגערס און בתוכם די מענטשן וואָס האַלטן דעם גורל פון פאָלק אין זייערע הענט, דער פּרעזידענט אין דעם ווייסן הויז, זיין ברודער אין דעם יוסטיץ־דעפּאַרטמענט און באַזונדערש די באַרופענע פירערס פון דעם נעגערפאָלק וואָס האָבן אומאויפהערלעך גערופן צו צוריקגעהאַלטנקייט, צו פרידלעכן קאַמף אין די ראַמען פון געזעצלעכקייט — צו הבלגה.

איז געקומען בוירמינגהעם און האָט געמאַכט אַ שטריך איבער אַלע חשבונות, איבער אַלע האָפענונגען. פּונקט ווי אַלע פעלקער וועלן די נעגערס אין אַמעריקע מוזן פירן אַ לאַנגן קאַמף פאַר זייער באַפרייונג.

מען מוז באַגרייפן, אַז דער נעגערישער פּראָבלעם איז נישט קיין פּשוטער. ער איז נישט גלייך צום קאַמף קעגן אימפּעריאַליזם מצד די קאָלאָניאַלע פעלקער. גיכער קאָן מען געפינען אַן אַנאַלאָגיע צו אים אין דעם קאַמף פון דער שוואַרצער באַפעלקערונג פון דרום־אַפריקע קעגן דעם „אַפּאַרטהייד"־סיסטעם פון דער ווייסער מינדערהייט. דאָרט, ווי דאָ, זענען די ווייסע באַהערשט פון אַ פינצטערער מורא טאָמער וועלן די שוואַרצע זיך נוקם זיין אין זיי פאַר אַלע יאָרן פון פאַרשקלאַפונג און אונטערדריקונג; דאָרט, פּונקט ווי אין אונדזערע דרום־שטאַטן, גייט אָן אַ קאַמף פאַר איינהאַלטן די פּריווילעגירטע פּאָזיציעס פון דער מינדערהייט מיט אַלע מעגלעכע מיטלען; דאָרט, פּונקט ווי דאָ, האָבן די ראַסיסטישע רעאַקציאָנערן אויסגעטאָן זיך פון יעדן מאַנטל פון עלעמענטאַרער מענטשלעכקייט און זיי באַנוצן זיך מיט אַלע מיטלען, איינשליסנדיק לינטשונג און קינדערמאָרד.

די אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג האָט אַריינגעוואָרפן מיליאָנען נעגערס אין דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס. די דאָזיקע מאַסן זענען אין משך פון יאָרן געקומען אין נאָענטן, פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט דער ווייסער באַפעלקערונג. דער דאָזיקער פּראָצעס איז אַריינגעדרונגען אויך אין די אָפּגעשטאַנענע, מייסטנס אַגריקולטורעלע שטאַטן פון דעם דרום. פון אַ שטוב־באַדינער איז דער נעגער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַבריק־אַרבעטער, און הגם ער איז

אויך אין דער פאַבריק דיסקרימינירט געוואָרן האָט ער אָבער געוווּנען אַ מאָס פון מענטשלעכער זעלבסטווערדע און אַ באַוווּסטזיניקייט פון אייגענעם כּוח, וואָס האָט אים באַוויזן צו פאָדערן זיינע מענטשלעכע רעכטן מיט מער מוט און געוואָגטקייט ווי ער האָט עס געטאָן ביז דעמאָלט.

אין די גרויסע אינדוסטריעלע צענטערן פון לאַנד, ווו די אַרבעטער־באַוועגונג איז געווען געצוווּנגען צוליב איר אייגענע קלאַסן־אינטערעסן זיך איינצושטעלן פאַר גלייכער באַהאַנדלונג פונעם נעגער אין דער פאַבריק, פאַר גלייכע לוינען, פאַר אַ געוויסער מאָס פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג, איז די נעגערישע עמאַנציפּאַציע פאָרגעקומען באַטירלעכערהייט, כּמעט מיט שווע־ריקייטן. דער קאַמף פון די נעגערס אין צפון און אין מערב איז געצילט צו פאַרפולקומען די נעגערישע עמאַנציפּאַציע און צו דערמעגלעכן דעם נעגער צו דערגרייכן גלייכע פּאָזיציעס אין דעם נאַציאָנאַלן פּראָדוקציע־פּראָצעס. עס איז אַ קאַמף פאַר בעסערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, פאַר בעסערע בילדונג־מעגלעכקייטן, פאַר בעסערע וווינונג־באַדינגונגען.

דער דאָזיקער קאַמף וואָלט אפשר געקאָנט אָנגיין אויף אַ פרידלעכן אופן ווייל עס דראָט דער ווייסער מערהייט נישט קיין געפאַר פון דער פולשטענ־דיקער עמאַנציפּאַציע פון דער נעגערישער מינדערהייט. די טענות פון די ראַסיסטן, אַז גלייכע רעכט פאַר די נעגערס וועט ברענגען מיט זיך אַן אויס־מישונג פון די ראַסן האָט נישט דעם מינדסטן גרונט אין דערווירקלעכקייט. ראַסן מישן זיך נישט אַזוי לייכט אויס. מיט נעגערס איז דער פּראָצעס זיכער פיל שווערער. קלאָר שפּילט דאָ אַ ראָלע. ווי האָט געזאָגט איינער פון די נעגערישע פירערס: „מיר שטרעבן נישט צו ווערן אייערע שוואָגערס — מיר ווילן זיין אייערע ברידער...״

אַנדערש איז די לאַגע אין די דרום־שטאַטן. דאָרט איז דער פּראָצענט פון נעגערס אין דער באַפעלקערונג אַ זייער גרויסער. אין געוויסע שטאַטן דערגרייכט דער פּראָצענט ביז 42. גלייכע רעכט פאַר די נעגערס דאָרטן וואָלט געמיינט אַ פולשטענדיקע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע איבערקערעניש אין דער געגנט און אַפילו אין דער פּאָליטישער קאָנסטעלאַציע פון גאַנצן לאַנד. דער דרום האַלט אָן זיין פּאָליטישע וואָג אינעם לאַנד צוליב דעם וואָס די נעגערישע באַפעלקערונג קאָן נישט קומען צום אויסדרוק ביים שטימ־קאַסטן.

די פאַרשטייערס פונעם דרום אין דעם קאָנגרעס און אַוודאי אינעם

סענאַט רעפּרעזענטירן פּאַקטיש נישט בלויז די באַפעלקערונג פון זייערע געגנטן. זיי רעדן, אין בעסטן פאַל, בלויז פאַר אַ העלפט פון דער באַפעל־קערונג. גלייכע רעכט פאַר די נעגערס וואָלט דעריבער געמיינט אַ סוף צו זייערע פּריווילעגירטע פּאָזיציעס אין לאַנד. דאָס איז די אמתע סיבה פון דער ראַסיסטישער פאַרביסנקייט קעגן ציווילע רעכט.

די געשעענישן אין בוירמינגהעם שפּילן אַריין אין די העגט פון די דאָזיקע עלעמענטן צווישן די נעגערס וואָס פאָדערן אַ מער דרייסטע האַנדלונג פון זייערע פירערס.

ווי לאַנג נאָך וועט עס געלינגען די ראַנדאָלפס און די קינגס זיך צו האַלטן ביי דער פירערשאַפט, אויב עס זאָלן זיך איבערחזרן אַזעלכע געשעענישן ווי די פון אַלאַבאַמאַ? עס מערקן זיך שוין היינט זייער בולטע טענדענצן צווישן די נעגערישע מאַסן צו באַטרעטן אַ מער רעוואָלוציאָנערן וועג. זיי פאַרלאַנגען פולשטענדיקע לאָיאַליטעט צו זייער קאַמף, אָן וועלכע עס איז באַוואָרעניש וועגן נאַציאָנאַלן ווילזיין פון דעם גאַנצן לאַנד. זיי זענען אומ־צופרידן מיט די נייגונגען פון געוויסע טיילן פון דער נעגערישער אינטע־ליגענץ און פון די בעסער סיטויִרטע נעגערס בכלל צו זיין פאַרזיכטיק, ווייל זיי האָבן מורא פאַר זייערע אייגענע פּאָזיציעס אין פאַל דער קאַמף זאָל זיך אויף אַן אמת צעפלאַקערן. די דאָזיקע שיכט פון בעסער סיטויִרטע נעגערס און פון געוויסע אינטעליגענטן קומט אַ סך מאָל צום אויסדרוק אויך עפנטלעך, ווען זיי זאָגן זיך אָפּ צו אידענטיפיצירן מיט די נעגערס ווי אַ נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו.

דער קאַמף פון די נעגערס גייט איצטער דורך זיין ערשטע פאַזע. דער אויפשטאַנד וועט זיך דעריבער נישט אָפּשטעלן. עס וועט זיין אַ פאַרצויגענער געראַנגל וואָס פון זיין אויסגאַנג איז אָפּהענגיק נישט בלויז די באַפרייונג פון די נעגערס, נאָר וואָס וועט אויך גרינטלעך ענדערן דעם פּאָליטישן און סאָציאַלן אויסזען פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

אָקטאָבער, 1963

סאָוויעטישער אַנטיסעמיטיזם

די דיסקרימינאַציעס און פאַרפאָלגונגען אויף ייִדן אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד זענען שוין כמעט אַזוי אַלט ווי דער סאָוויעטישער רעזשים בכלל. שוין אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע איז דאָס ייִדישע לעבן אין רוסלאַנד צעשטערט געוואָרן מיט אַ באַזונדערן אייפער. בעת אַנדערע פעלקערשאַפטן פונעם גרויסן לאַנד האָבן זיך געקאָנט אויף וועלכן עס איז אופן איבערשטעלן און צופאַסן זייער ווירטשאַפט און קולטור צו דעם נייעם סיסטעם, איז אויף דעם ייִדישן פאָלק אויסגעגאָסן געוואָרן די גאַנצע שטראָף פון דער תוכחה. די עקאָנאָמישע פּאָזיציעס וואָס די ייִדן האָבן דאָרט פאַרנומען פאַר דער רעוואָלוציע זענען איבערגעגאַנגען אין נישט־ייִדישע הענט און די גאַנצע ייִדישע באַפעלקערונג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין לומפּן־פּראָלעטאַריאַט פאַר וועמען מען האָט ערשט געדאַרפט אָנהויבן זוכן אַ פּלאַץ אין דעם נייעם ווירטשאַפטלעכן סיסטעם. דאָס זענען געווען שווערע צייטן פאַרן רוסישן ייִדנטום. די דאָזיקע סיטואַציע האָט אַרויסגערופן שווערע געפילן אין דער גאַנצער ייִדישער וועלט. עס איז שוין דעמאָלט געווען זייער פּיינלעך זיך צוצוקוקן צום חורבן פון אַזאַ וואָגיקן און שאַפערישן טייל פון פאָלק. עס איז אָבער קיינעם נישט איינגעפאַלן צו באַשולדיקן די רעוואָלוציע אין צילבאַוווּסטער דיסקרימינאַציע קעגן ייִדן. מען האָט דעמאָלט, מיט רעכט, צוגעשריבן די באַזונדערע טראַגיק פון דער ייִדישער לאַגע צו דער אייגנאַרטיקער סאָציאַלער סטרוקטור פון דער ייִדישער געזעלשאַפט וואָס האָט, נאַטירלעכערהייט, געליטן שטאַרקער פון דעם רעוואָלוציאָנערן איבערשטעל פון דעם סיסטעם. אַפילו ווען די רדיפות אויף דער ייִדישער רעליגיע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט באַזונדערער אַכזריות, ווען דער פאַרבאָט אויף העברעיִש האָט אַרויסגערופן פאַרוווּנדערונג (ווייל וואָס פאַר אַ געפאַר פאַר דער רעוואָלוציע קען מיט זיך פאָרשטעלן אַ שפּראַך פון אַ פאָלק?), אַפילו דאַן האָט מען געזוכט דאָס צו פאַרענטפערן מיט אַזוי גערופענע נויטן פון דער רעוואָלוציע, בפרט ווען, פון דער אַנדערער זייט, איז אָנגעגאַנגען אַ

מעכטיקע באַוועגונג פאַר דער שאַפונג פון אַ נייער יידישער קולטור אויף יידיש. עס האָבן אָנגעהויבן אַנטשטיין יידישע אינסטיטוציעס אויף אַלע געביטן פון יידישן לעבן, אָנהויבנדיק פון אַ יידישער שולנעץ ביז אַ יידישער ליטעראַטור, ביז יידישע געריכטן און יידישע קאַטעדרעס אויף די אוני־ווערסיטעטן.

איבעריק צו דערמאָנען, אַז די יידישע וועלט האָט בדרך־כלל פריינדלעך אויפגענומען די רוסישע רעוואָלוציע. נישט בלויז די יידישע אַרבעטער האָבן באַגריסט דעם אָקטאָבער, נאָר אויך אַנדערע שיכטן פון פאָלק, וועמענס עקאָנאָמישע אינטערעסן זענען געווען צו מאָל אין קאָנפליקט מיט דער איבערקערעניש, האָבן סימפּאַטיזירט מיט איר, ווייל זי האָט געמאַכט אַ סוף צו דער דורות־לאַנגער מאַרטיראָלאָגיע פון רוסישן יידישן ישוב אונטער דער צאַרישער הערשאַפט. בפרט ווען סאָציאַליזם און אַנטיסעמיטיזם זענען פון אייביקע צייטן געווען טויט־שונאים. עס האָבן געקאָנט זיין חלוקי־דעות אין דער מאַרקסיסטישער באַוועגונג וועגן דער לייזונג פון דער יידן־פראַגע; געווען גרויסע מאַרקסיסטישע טעאָרעטיקערס (לעניןאיז געווען איינער פון זיי) וואָס האָבן געפּריידיקט אַסימילאַציע פון יידישן פאָלק ווי דעם איינציקן אויסוועג פון זיין היימלאָזיקייט; די גרויסע מערהייט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג (קאָמוניסטן און סאָציאַל־דעמאָקראַטן צוגלייך) האָבן נישט געוואָלט אָנערקענען קיין שום נאַציאָנאַלע לייזונג פון דעם יידישן פּראָבלעם. נישט בלויז ציוניזם איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ נאַציאָנאַליסטיש־שאָוויניסטישע אידעע, נאָר אַפילו וועלכע עס איז אַנדערע נאַציאָנאַלע לייזונג, נאַציאָנאַלע אָדער קולטורעלע אויטאָנאָמיע אין די ראַמען פון דעם מערהייט־פאָלק, איז אויפן שאַרפסטן אופן באַקעמפט געוואָרן פון דער גרויסער מערהייט פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג.

די דאָזיקע באַציונג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג צו דער יידן־פראַגע האָט אָבער גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט אַנטיסעמיטיזם. אַדרבה, די שאַרפסטע באַקעמפערס פון אָרגאַניזירטן אַנטיסעמיטיזם האָבן זיך רעקרוטירט פון די רייען פון דער אַרבעטערשאַפט, וועלכע האָט באַטראַכט דעם אַנטיסעמיטיזם ווי דעם טיפּישן מיאוסטן שונא נישט בלויז פון די יידן נאָר אויך ווי דעם אויסדרוק פון רעאַקציע און אָפּגעשטאַנענקייט.

דער דאָזיקער כלל איז נאָך גילטיק ביזן היינטיקן טאָג אין דער גאַנצער סאָציאַליסטישער און קאָמוניסטישער וועלט און אויך די סאָוויעטן שטיצן

טעאָרעטיש די דאָזיקע הנחה. יעדעס מאָל ווען מען וואַרפט זיי פאָר אַנטי־סעמיטיזם ווייזן זיי אָן אויף דער סאָוויעטישער קאָנסטיטוציע, לויט וועלכער אַנטיסעמיטיזם ווערט באַטראַכט ווי אַ קרימינעל פאַרברעכן.

עס האָט דעריבער גענומען אַ זייער לאַנגע צייט איידער עס האָבן זיך געלייגט די הענט פון ייִדישע שרייבערס אַרויסצוברענגען דאָס וואָרט אַנטי־סעמיטיזם אין שייכות מיט דער לאַגע פון די ייִדן אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד. ערשט ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די סטאַליניסטישע פאַרפאָלגונגען און די אָפענע פאַרניכטונג פון דער ייִדישער קולטור און פון יעדן אויסדרוק פון ייִדישן נאַציאָנאַלן לעבן איז געבוירן געוואָרן דער חשד, וואָס איז מיט דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ביטערער באַשטעטיקונג, פון אַ טיף פאַרוואָרצלטן אַנטיסעמיטישן מיקראָב וואָס פרעסט דעם סאָוויעטישן מלוכישן אָרגאַניזם.

אויך נאָך היינט ווען די אַנטיסעמיטישע אַקטן פון דער סאָוויעטישער רעגירונג רייסן די אויגן פון דער גאַנצער אויסערלעכער וועלט, ווען אין די פאַרלאַמענטן פון דער וועלט ווערט דער אַנטיסעמיטיזם פון קרעמלין אָפן פאַראורטיילט, ווען עס ווערן שוין אַפילו דורכגעפירט פּאַראַלעלן צווישן דער סאָוויעטישער און צאַרישער ייִדן־שׂנאה — איז עס פאַר ייִדן שווער צו באַנעמען אַז דאָס וואָס עס קומט דאָרט פאָר איז פשוטער ייִדנהאַס, פאַר וועלכן עס איז נישט פאַראַן קיין שום באַרעכטיקונג און אויך נישט קיין שום דערקלערונג. פונקט ווי עס איז נישטאָ קיין ראַציאָנעלע דערקלערונג פאַר אַנטיסעמיטיזם אין אַלגעמיין, אַזוי איז אויך דער סאָוויעטישער אַנטי־סעמיטיזם אַ געזעלשאַפטלעכע מיסטעריע וואָס קאָן נישט דערקלערט ווערן מיט וועלכע ס׳איז לאָגישע אַרגומענטן. באַזונדערש שווער איז עס אין דער היינטיקער צייט, ווען מיר זענען נאָר וואָס דורכגעגאַנגען אַזאַ שרעקלעכן פּעריאָד פון חורבן, ווען מיר זענען מיט ניסים ממש ניצול געוואָרן פון טאָטאַלער פיזישער פאַרניכטונג אין אייראָפּע, צו זיין געצוווּנגען פון דאָס ניי אויפצונעמען אַ ביטערן קאַמף פאַר עקסיסטענץ אַקעגן אַ נייעם, מעכטיקן שׂונא.

איך דערמאָן זיך אין אַ שמועס וואָס איך האָב געהאַט מיט עטלעכע יאָר צוריק מיט אַ חבר מיינעם אין מדינת־ישׂראל וועגן די אַנטי־ייִדישע אַקטן אין רוסלאַנד. מיין חבר איז איינער פון דער שארית־הפליטה וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד און ער איז געווען אַן

עדות פון אַלע שווידערלעכקייטן וואָס די ייִדן האָבן געליטן אונטער די נאַציס. אונדזער דיסקוסיע איז פאַרגעקומען וועגן דער פראַגע ווער עס דאַרף אין דער איצטיקער צייט באַטראַכט ווערן ווי דער וויכטיקסטער שונא פון אונדזער נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ. מיין חבר האָט מיט גרויס ליידנשאַפט פאַרטיידיקט די טעזע אַז דייטשלאַנד און די דייטשן זענען נאָך אַלץ געבליבן דער שונא נומער איינס פון אונדזער קיום. איך האָב מיט אים מסכּים געווען אַז ייִדן דאַרפן שטיין אויף דער וואַך און נישט דערלאָזן, אַז די דייטשן זאָלן ווען עס איז אין דער נאָענטסטער צייט פאַרנעמען אַ פירנדיקע פּאָזיציע אין דער וועלט. אָבער הגם איך האָב זייער גוט פאַרשטאַנען דעם אייפער מיט וועלכן ער האָט גערעדט וועגן דער דייטשישער סכּנה פאַר אונדז, האָב איך געהאַלטן אַז אין דעם איצטיקן מאָמענט זענען די דייטשן נישט בכוח צו פאַרהאַלטן דעם פּראָצעס פון ייִדיש־נאַציאָנאַלער אויפריכטונג און פאַרפעסטיקונג פון אונדזערע נאַציאָנאַלע פּאָזיציעס. איך בין באַשטאַנען דערויף, אַז עס איז לעבנס נויטיק פאַר אונדז צו קאָנצענטרירן אונדזער גאַנצע נאַציאָנאַלע ענערגיע אויף אָפּצושלאָגן די געפאַר וואָס דראָט אונדז מצד דעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד.

איך האָב שפּעטער אַ סך געטראַכט וועגן דעם דאָזיקן וויכּוח. טיף אין מיין געמיט האָב איך געהאָפט אַז מיין חבר זאָל זיין געווען גערעכט מיט זיין אַרגומענטאַציע, וואָס האָט געצילט צו באַווייזן, אַז די פאַרפאָלגונגען אויף ייִדן אין רוסלאַנד זענען אַן איבערגייענדיקע דערשיינונג וואָס איז אין עצם אין קעגנזאַץ צו דעם וועזן פון סאָציאַליזם און רעוואָלוציע, אַ מין אויסקרימונג וואָס קומט פון נישט פאַרשטיין דעם ייִדיש־נאַציאָנאַלן פּראָבלעם, אַ סאָרט פאַרעלטערטער איבערבלייב פון דער אַמאָליקער אַסימילאַציאָניס־טישער איינשטעלונג פון די ערשטע מאַרקסיסטישע דענקערס.

ליידער בין איך געווען גערעכט.

איך נעם זיך נישט אונטער צו באַהויפּטן, אַז דער אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד וואָרצלט אין דעם עצם סיסטעם פון קאָמוניזם. ערשטנס פּריידיקט דאָך דער קאָמוניזם פאָרט נישט קיין אַנטיסעמיטיזם; פאַרקערט, די סאָוויע־טישע פאַרשטייערס לייקענען אַז עס עקסיסטירט אַזעלכעס אין זייער לאַנד. צווייטנס זענען דאָך אויך פאַראַן אַנדערע קאָמוניסטישע לענדער, אַפילו אַזעלכע וואָס געפינען זיך אין דער סאָוויעטישער ספערע, אין וועלכע אַנטי־סעמיטיזם ווערט שאַרף באַקעמפט און פרווון פון ייִדישער נאַציאָנאַלער

עמאַנציפּאַציע ווערן אַפילו דערמוטיקט. מען קאָן אַוודאי נישט אָנווייזן אויף קיין קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין די נישט־קאָמוניסטישע לענדער וואָס זאָלן אַרויסווייזן אַנטיסעמיטישע טענדענצן (סיידן אפשר די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין די אַראַבישע לענדער, אָבער דאָרט זענען די סיבות קלאָרע און די אַנטיסעמיטישע געפילן זענען דאָרט כאַראַקטעריסטיש נישט בלויז פאַר קאָמוניסטן). עס וואָלט דעריבער געווען אומפאַראַנטוואָרטלעך צו אי־דענטיפיצירן קאָמוניזם בכלל מיט אַנטיסעמיטיזם.

אגב, דער דאָזיקער געדאַנקען־גאַנג לינדערט אַ ביסל אונדזער געמיט. דער געפיל אַז די דאָזיקע באַוועגונג וועלכע באַהערשט שוין היינט אַ גרויסן טייל פון דער וועלט מוז נישט נויטווענדיקערהייט זיין געווענדט קעגן אונדזער נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ, גיט אונדז צו מוט אויפצונעמען דעם קאַמף קעגן די אַנטי־ייִדישע דערשיינונגען אין רוסלאַנד מיט מער ענערגיע אין דער האָפענונג, אַז אויך דאָרט קען מען אויסווירקן אַ מילדערונג, און אפשר אַן ענדערונג אין דער באַציִונג צום ייִדישן ישוב.

עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך וואָס געוויסע אָנערקענטע ייִדישע רעפּרעזענטאַנטן זענען געווען אַזוי פאָרזיכטיק אין זייער קריטיק קעגן סאָוויעט־רוסלאַנד. זיי האָבן כסדר באַטאָנט, אַז אונדזערע טענות צו מאָסקווע מוזן אָפּגעטיילט ווערן פון דעם אַלגעמיינעם שטרייט צווישן דער פרייער און קאָמוניסטישער וועלט. ייִדן קאָנען זיין צעטיילט אין זייער שטעלונג צו קאָמוניזם אַזוי ווי עס זענען אַלע אַנדערע פעלקער. עס איז אָבער נישט פאַראַן קיין צעטיילונג אינעם קאַמף קעגן סאָוויעטישן אַנטיסעמיטיזם. עס איז נישט פאַראַן קיין תירוץ פאַר די אַנטי־ייִדישע דיסקרימינאַציעס אין רוסלאַנד. די פאָדערונגען וואָס דאָס ייִדישע פאָלק שטעלט אַרויס צו די סאָוויעטן זענען נישט פאַר וועלכע עס איז פריווילעגיעס פאַר די אָרטיקע ייִדן. אויב די רעגירונג פירט אַ קאַמפּיין קעגן רעליגיע אין רוסלאַנד, קאָן דאָס איינעם געפעלן אָדער נישט, אָבער פאַרפאָלגן די ייִדישע רעליגיע שטאַרקער ווי אַנדערע אמונות איז אַנטיסעמיטיזם. אויב אַלע פעלקער אין רוסלאַנד ווערט געגעבן די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זייער שפּראַך און זייער אייגנאַרטיקע קולטור און די ייִדישע קולטור ווערט אונטערדריקט, איז עס גראָבער אַנטיסעמיטיזם; אויב עס איז פאַראַן אַ ספּעציעלע קוואָטע פאַר ייִדישע סטודענטן אויף די סאָוויעטישע הויכשולן, איז עס אַנטיסעמיטיזם וואָס איז נאָך באַקעמפט געוואָרן אין צאַרישן רוסלאַנד און אין דעם האַלב

פּאַשיסטישן פּוילן; אויב מען איז פאַרביסן קעגן אויפשטעלן אַן אָנדענק־טאָוול אויף באַבי יאַר און מען פאַרפאָלגט אַ סאָוויעטישן פּאָעט פאַר זיין מוט צו פאָדערן אַזאַ מצבה, באַלײדיקט מען די עלעמענטאַרסטע געפילן פון מינדערהייט וואָס האָט געקעמפט אין די סאָוויעטישע מלחמות מיט מער געטריישאַפט ווי אַ טייל אַנדערע פעלקערשאַפטן; אויב מען פאַרלייקנט און דיסקרימינירט די יידישע מדינה אויף אַן אופן וואָס איז נישט אָנגעווענדעט געוואָרן קעגן די אויסגערופנסטע שונאים פון ראַטנפאַרבאַנד, וואַרצלט דאָס אין די פאַרביסענע אַנטיסעמיטישע פאַראורטיילן פון די סאָוויעטישע הער־שערס. און מען קאָן זיך נישט לייכטער מאַכן דאָס האַרץ דערמיט וואָס דערוויל דראָט נישט קיין געפאַר פון פיזישער פאַרניכטונג פון רוסישן יידנטום: אַנטיסעמיטיזם איז אַ מכּה וואָס אַז מען שניידט זי נישט אויס מיטן וואָרצל איז זי עלול צו פאַרסמען דעם גאַנצן גוף.

מען טאָר נישט אויך קיין איין מינוט נישט פאַרגעסן, אַז אונטער סטאַ־לינען איז שוין געווען צוגעגרייט אויך די פיזישע פאַרניכטונג פון די יידן. די וואַגאָנען וואָס זענען געשטאַנען גרייט צו דעפּאָרטירן די יידן קיין סיביר, האָבן געוואָרפן אַ לאַנגן שאָטן אויך אויף דער צוקונפט פון סאָוויעטישן יידנטום אין דער נאָך־סטאַלין צייט.

וואָס אַ מאָל מער ווערן פאַרעפנטלעכט דאָקומענטן וואָס ברענגען אַרויס פאַר דער עפנטלעכקייט דעטאַלן פון די דיסקרימינאַציעס קעגן יידן וואָס זענען אָנגעגאַנגען נאָך לאַנג איידער די וועלט־עפנטלעכקייט האָט זיך דער־וווּסט וועגן זיי. די פאַרצייכענונגען און דאָקומענטאַרע באַשרייבונגען פון אַ ריי פאַרלאָזלעכע מענטשן, וועלכע זענען אַליין דורכגעגאַנגען דעם וויסטן תּהום פון אויספאַרשונגען און פאַרשיקונג, אַנטפּלעקן דעם פינסטערן אָפּ־גרונט פון מענטשלעכע רשעות וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן מיט איר גאַנצער קראַפט איבער יידישע קעפּ אין די ערשטע נאָך־מלחמה יאָרן. שפּעטערדיקע פאַרפאָלגונגען זענען שוין פאַרגעקומען פאַר די אויגן פון דער גאַנצער וועלט און גייען אָן ביזן היינטיקן טאָג.

עס איז דעריבער מער ווי רעכט וואָס די יידישע וועלט האָט זיך סוף־כּל־סוף אַרויסגעריסן פון איר אַפּאַטיע אויף דעם געביט. עס איז גוט וואָס פּראָפ. העשעל האָט געמאַכט זיין עפנטלעכן דראַמאַטישן אַפּיל צו די ראַבייס לטובת דעם רוסישן יידנטום, עס איז גוט וואָס דער אַמעריקאַנער פּאַרלאַ־מענט האָלט דעם דאָזיקן פּונקט כּסדר אויפן סדר־היום — עס איז אָבער

נויטיק אַ גרעסערע אָנשטרענגונג. פאַראייניצלטע ייִדישע אַרויסטרעטונגען און רעזאָלוציעס זענען טאַקע אַ נויטווענדיקייט, עס פאָדערט זיך אָבער אַ קאָנצענטרירטע אַקציע פון דעם גאַנצן ייִדישן פאָלק. היינט איז נאָך אפשר צייט, הגם עס איז שוין זייער שפּעט. צו פאַרלירן איז שוין נישטאָ קיין סך, דאָס רוסישע ייִדנטום שטייט ממש ביים ראַנד פון אונטערגאַנג און מען קאָן גאָרנישט איבערטרייבן די סכּנה וואָס לויערט אויף זיי. דער לאָזונג דאַרף געוואָרפן ווערן: „פרייהייט און גלייכע געלעגנהייטן שוין"!

אָקטאָבער, 1963

„רעפאָרם“ ביי קאַטאָליקן און ביי יידן

לאַנגע יאָרהונדערטער האָבן די קאַטאָליקן געלעבט אַז וועלכע ס'איז רעפאָרמען אין זייער קירכע און ס'איז זיי געווען גוט ווי די וועלט. די וועלט אַרום זיי, די וועלטלעכע מאַכטהאָבערס, זענען געווען נישט ווייניקער צוריקגע־שטאַנען און קאָנסערוואַטיוו ווי די קירכע, און די צוויי מאַכט־פאַקטאָרן האָבן איינע די אַנדערע דערגאַנצט: דאָס וואָס דער פריץ אָדער מיניסטער האָט נישט געקאָנט דערגרייכן מיט גוואַלד, האָט פאַר אים דער גלח אָדער בישאָף באַקומען מיטן כוח פון דער קירכע, און פאַרקערט: ווען דאָס פאָלק האָט זיך געבונטעוועט קעגן דער מלוכה פון גאָט אויף דער ערד, האָט דער זשאַנדאַרם שוין באַוויזן איינצופלאַנצן אין זייערע הערצער גאָטס לערע. אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען מקדמונים און עס איז געווען „שלום ושלוה“ אויף דער וועלט.

אָבער אין די לעצטע הונדערט יאָר איז עפּעס קאַליע געוואָרן אין דער קירכלעכער מאַשין. עס זענען אַנטשטאַנען נייע צייטן וואָס האָבן אַרויסגע־בראַכט נייע מענטשן. מענטשן וואָס האָבן גענומען אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם עול סיי פון דעם ערדישן אַזוי גוט ווי פון דעם הימלישן קעניגרייך. די קירכע האָט מיט אַ מאָל איינגעזען אַז קיין שום שייטערהויפן און קיין שום חרם קאָנען נישט אָפּשטעלן דעם רעוואָלט קעגן גוואַלד און פאַרדאַרבנ־קייט און אַז מען קען דאָך נישט אָפּשטעלן די „ערד פון דרייען זיך אַרום דער זון“...

רעוואָלוציעס זענען אויסגעבראָכן, וועלכע האָבן אין גאַנצן, אָדער כמעט אין גאַנצן, אָפּגעווישט די קירכע, אויף אַ גאַנצן קאָנטינענט; דאָרט ווו די קירכע עקסיסטירט יאָ און אַפילו אונטערשטיצט פונעם שטאַט, טאָר זי זיך אָבער נישט מישן אין קיין מלוכישע ענינים; די יוגנט גייט וואָס אַ מאָל מער אַוועק פון די קירכלעכע לערעס; יעדע נייע דערפינדונג אויפן געביט פון כעמיע און פיזיק רייסט אַלץ מער פונאַנדער דאָס געוועב פון טעאָלאָגי־שער קאָנסטרוקציע.

האָט דער וואַטיקאַן באַשלאָסן, אַז עס איז צייט איבערצושטעלן די פּאָזיציעס פון דער קירכע אויף אַנדערע יסודות, אַרויסצושטעלן פאַר דער וועלט אַן אַנדער פּנים, אַ פּנים פון קולטור און פּראָגרעס.

די צוויי סעסיעס פונעם קריסטלעכן עקומענישן ראַט, וואָס זענען אָנגעהויבן געוואָרן ביים לעבן פון דעם פריערדיקן פּויפּס זשאַן און וואָס וואַרטן נאָך אויף דער דריטער סעסיע וואָס דאַרף זיך עפענען דעם קומענדיקן סעפּטעמבער, האָבן זיך אָנגעצייכנט אויפגאַבעס וואָס זענען מסוגל צו רעוואָלוציאָניזירן דעם טויזנט-יאָריקן איינשטעל פון דער קאַטוילישער קירכע: אין אַ פּרווו צו פאַרבעסערן די מערכה פון דער קירך צווישן די מאַסן דאַרפן די קירכן איינפירן תּפילות אויף דער שפּראַך פונעם פאָלק וואָס באַנוצט זיך מיט זיי. לאַטיין, די אַלטע שפּראַך אויף וועלכער מען האָט ביז היינט געמוזט בעטן צום קריסטלעכן גאָט אויף דער גאַנצער וועלט, וועט דאַרפן אָפּטרעטן איר אָרט צו די מאָדערנע שפּראַכן און די הימלישע פמליה וועט זיך מוזן אַוועקזעצן קנעלן אַלע שבעים לשונות פון דער וועלט אויב זי וועט וועלן אויפנעמען און באַפרידיקן די פאַרלאַנגען פון דער גאַנצער מענטשהייט. אַזוי ווי זי האָט עס געטאָן ביז היינט...

פון וואַטיקאַן הויבט עס אָן צו פלייצן מיט ענציקליקעס וועגן יושרדיקע באַציונגען צווישן מענטש און מענטש און צווישן פאָלק און פאָלק... נישט מער וועגן דאָגמעס רעדט די קירכע היינט צו דער מענטשהייט, נישט קאַנאָניזאַציע פון נייע הייליקע איז היינט די הויפּטעמע פונעם וואַטיקאַן, נאָר די זאָרג פון דער הייליקער קירכע פאַרן שלום פון דער וועלט.

אָבער די גרעסטע רעוואָלוציע וואָס רוים גייט אַדורכפירן אין איר קאַטוילישער וועלט איז דער פאַרמעסט אויף אפשר דער וויכטיקסטער דאָגמע אירער: דאָס ריינוואַשן דאָס יידישע פאָלק פון דער באַשולדיקונג אין הרגענען יעזוסן. ווען דאָס זאָל טאַקע געשען (און עס איז נאָך דערוויל אַ ספק צי דער פאָרשלאָג וועט טאַקע אַדורכגיין אין זיין היינטיקער פאָרעם), וואָלט עס אפשר נישט געבראַכט מיט זיך קיין גרויסע ישועות פאַר יידן (ווייל אַנטיסעמיטן וועלן שוין געפינען אַנדערע „עבירות" קעגן יידן), אָבער עס וואָלט געצווונגען די קאַטאָליקן צו נעמען אויף זיך אַליין אַ טייל פון דער שולד פאַר די שוואַכקייטן פון אונדזער זינדיק וועלטל... עס האָט זיך קאַטאָליקן געלעבט ווי גאָט אין פראַנקרייך: אַלע צרות און פּורעניות פון דער מענטשהייט זענען צוגעשריבן געוואָרן דעם „חטא הקדמון", דאָס וואָס די יידן האָבן געטויט

גאָטס זון. זענען זיי אַליין, די קאַטאָליקן, פריי פון יעדער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און זיי קאָנען, אַפילו מיט פאַרבלוטיקטע הענט פון יידן־פאַגראָמען און יידן־מאָרד, גלייך אַריינקומען אין גן־עדן. האָט מען, אין משך פון יאָרהונדערטער געפייניקט און זיך געפילט געזעכט, געראַבירט און געדאַוונט, געשענדט און זיך געפילט רעליגיעז דערהויבן.

זיי וועלן עס אפשר ווייטער אויך טאָן (עס איז נישט אַזוי לייכט זיך באַפרייען פון אַזאַ „געוווינהייט"...) אָבער אָן גאָטס ברכה און אָן דעם שטעמפּל פון דער קירכע. איז דעריבער דער קאַמף אין רום אַ פאַרביסענער און דער אויסגאַנג פון דעם געפעכט אַן אומזיכערער. עס זעט אויס אַז דווקא די קאַרדינאַלן און בישאָפן וואָס קומען פון נישט־קאַטוילישע לענדער זענען די פאַרקעמפערס פאַר „פּראָגרעס". דאַקעגן די אַלטע, איינגעפונדעוועטע קאַטוילישע דיגניטאַרן פון די לאַטייניש מלוכות קעמפן מיט ציין און נעגל קעגן יעדער ענדערונג. נו, קיין וווּנדער איז עס נישט: דער פרום־געהויבענער טעם פון די אויטאָ דאַ פעס ליגט נאָך אין די מיילער פון די שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע אינקוויזיטאָרן...

אין רום וויל מען אַ ביסל לייכטער מאַכן דעם געוויסן פון דער קריסט־לעכער וועלט לגבי יידן. עס איז אַ שוואַכער פּרווו צו פאַרענטפערן דעם אַנטייל פון מאַסן גלויביקע קריסטן אין דער פאַרניכטונג פון אַ גאַנץ יידיש פאָלק אין איראָפּע. עס איז אפשר אויך אַ פּרווו צו מילדערן די זינד פון דעם דאָזיקן פויפּס וואָס האָט געלעבט אין דער צייט פונעם קאַטאַקליזם און זיינע ליפּן האָבן כסדר געפּרעפּלט תּפילות צו גאָט, אָבער קיין איין וואָרט פון מיטליד צו די מיליאָנען קרבנות, קיין איין געשריי פון פּראָטעסט האָט ער איבער זיך נישט געקענט פועלן אַרויסצוברענגען. איז, זאָלן די גלחים זיך דאַרטן רייסן איבער דעם אָדער יענעם אויסדרוק אין דער „פּראָ־יידישער" רעזאָלוציע. קיין גרויסע ישועות קאָנען מיר פון זיי סיי ווי נישט דערוואַרטן.

אָבער וואָס האָבן זיך עס אונדזערע אייגענע רעפאָרמערס אַזוי צוגעאײַלט מיט זייער רעאַקציע אויף די פויפּסלעכע כּוונות? — צי האָבן זיי געטראַכט אַז די נייע ווענדונג אין וואַטיקאַן גיט זיי די געלעגנהייט זיך ענדגילטיק „איבערצורעפאָרמירן" אויף יענער זייט פון דער מחיצה? זינט די רעפאָרם־ראַבינערס אין אַמאַליקן דייטשלאַנד האָבן אָנגעהויבן איינצופירן נייעסן אין דעם נוסח און אינעם אינהאַלט פון די יידישע רעליגיעזע פאָרמען און תּפילות,

זענען אַדורך נאָך נישט קיין גאַנצע הונדערט יאָר — אָבער די רעפאָרם איז געגאַנגען מיט אַזעלכע ריזנשריט, אַז עס איז שוין כמעט קיין ענלעכקייט נישט געבליבן ביי איר צו וועלכער עס איז יידישקייט. אַ פרעמדער באַזוכער וואָס זאָל אַראָפּקומען צו אונדזער פּלאַנעט, וואָלט אָסור נישט געקענט אויסמאַכן דעם אונטערשייד צווישן אַ רעפאָרם-טעמפּל און אַ פּראָטעסטאַנטישער קירך... (זיי הויבן טאַקע שוין אויך אָן צו אינטעגרירן איינע אין דער אַנדערער).

אין דער קאַטוילישער וועלט — אַ זייער באַשיידענער פּרוּוו פון רעפאָרם, ביי די יידישע רעפאָרמערס — אַ בענקשאַפט צום „גרויסן שפּרונג" אַריבער דעם פּאַרקן.

ראַביי איזנדראַט האָט שוין אָנגעמאָלדן אַ רעוויזיע פון יידישער באַציִונג צו יעזוסן. וואָס אַ שטייגער דאַרפן דאָס יידן רעווידירן? אים אָנערקענען פאַר גאָטס זון וואָס אין זיין נאָמען האָט מען טייכן יידיש בלוט פאַרגאָסן? יידן זענען יעזוסן גאָרנישט שולדיק — יעזוסעס אָנהענגערס און פאַרגעטערערס זענען אַלע שולדיק מיליאָנען אומשולדיקע פאַרשניטענע לעבנס אין אַלע דורות, אַזוי ביז היינט!

יאַנואַר, 1964

מיטן חלוצישן פנים פון דער מדינה

ס׳איז קיין ספק נישט אַז מיר מוזן געפינען וועגן און מיטלען אַנטקעגנצווירקן די גרויסע סכנות, וואָס שטעלן אונטער אַ פראַגע־צייכן דעם סאַמע וויכטיקסטן יסוד פון אונדזער נאַציאָנאַלן גאַנג צווישן די פעלקער. עס זעט אויס, אַז דער פּרינציפּ פון אַלוועלטלעכקייט פון יידישן פאָלק, די אָנערקענונג פון דער גורל־געמיינשאַפט פון יידן איבער דער גאַנצער וועלט — אַן אמת, פאַר וועלכן די ציוניסטישע באַוועגונג האָט זיך געראַנגלט אין יידישן לעבן — אַז דער דאָזיקער פּרינציפּ ווערט געשטורעמט פון מעכטיקע כוחות, סיי אינערלעך, סיי פון דעם נישט־יידישן אַרום.

מיר לעבן אין אַן עפּאָכע, ווען דער גאַנצער געבוי פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן איז אַנדערש ווי דער, וואָס מיר האָבן געקענט אין לויף פון אומצייליקע דורות. די יידישע קהילה־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געהאַט אויטאָריטעט ביים פאָלק, איז אָפּגעשאַפט געוואָרן אין ישובים, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר 75 פּראָצענט פון אונדזער פאָלק. אין די לענדער פון שפע איז די דאָזיקע אינסטיטוציע פרייוויליק אָפּגעשאַפט געוואָרן; אין אַנדערע לענדער קאָן בכלל נישט קומען צום אויסדרוק קיין שום סימן פון יידישער אַליין־טעטיקייט; דאָס גאַנצע יידישע לעבן איז צעשטויבט געוואָרן און שטעלט מיט זיך פאָר אַ מין דור הפלגה, וואָס האָט נישט זיינס גלייכן אין אונדזער גאַנצער געשיכטע.

בלויז דער וווּנדערלעכער בנין פון מדינת־ישראל באַשיינט אונדזערע תפוצות פון היינט און איז בכוח זיי ווידער אַ מאָל צו צעמענטירן, זיי צו זאַמלען צו נאַציאָנאַלע אויפגאַבעס אַרום דער מדינה און אויך צו סטימולירן זיי פאַר דער שאַפונג פון גרויסע אַלוועלטלעך־נאַציאָנאַלע ווערטן.

איך קאָן נישט מסכים זיין מיט דער הערשנדיקער שוואַרץ־פּעסימיסטישער הנחה, אַז אָט אָט און עס גייען שוין אונטער די יידישע ישובים אין דער גולה, אַז די אַסימילאַציע־כוואַליעס וועלן זיי פולשטענדיק פאַרשלינגען. אַוודאי זענען די סכנות גרויסע, אָבער מען טאָר נישט מאָלן דאָס בילד

שוואַרצער ווי עס איז: ווייל ראשית האָט אין אונדזער גאַנצער געשיכטע געווירקט דער איזאָלירנדיקער מאָמענט פּאַראַלעל מיטן אַסימילירנדיקן פּראָצעס. עס איז נישט אין גאַנצן אָפּהענגיק פון די ייִדן אַליין צי זיי זאָלן זיך אויסמישן מיטן נישט ייִדישן אַרום. די גויים האָבן אויך נאָך עפּעס צו זאָגן וועגן דעם און עס זענען פאַראַן מעכטיקע כּוחות, וואָס וואַרפן צוריק די ייִדישע מאַסן צו זייער אייגענער סביבה. בפרט ווען בעצם האָט זיך די אומבאַרמהאַרציקע ייִדישע סאָציאַלע סטרוקטור נישט געענדערט. מען מוז נישט דווקא זיין אַן אָנהענגער פון דעם אַזוי גערופענעם „קאַטאַסטראָפאַלן ציוניזם" כּדי צו אָנערקענען, אַז עס ווירקן אויך היינט אין אונדזער לעבן פּראָצעסן, וואָס דערלאָזן נישט צו פולשטענדיקער אָפּגעפרעמדקייט. מען טאָר אויך נישט פאַרגעסן, אַז אין די טיפענישן פון אונדזערע פאָלקסמאַסן שלומערן נאָך גוואַלדיקע אוצרות פון אידעאַליזם, וואָס מען דאַרף נאָר געפינען דעם געהעריקן אינסטרומענט זיי צו סטימולירן און דאַן וועלן זיי זיין גרייט אויף גרויסע מענטשלעכע און ממילא נאַציאָנאַלע אַקטן.

אונדזער פאָלק איז אין דער לעצטער תּקופה אַרויס פון פאַבריק און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער שולבאַנק. אונדזער יוגנט פילט אָן די אוניווער־סיטעטן פון דער וועלט, אין מערב פונקט אַזוי ווי אין מזרח. בלויז אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַליין געפינען זיך דריי הונדערט און פופציק טויזנט ייִדישע בחורים און מיידלעך אין די העכערע לערן־אַנשטאַלטן פון לאַנד. פינף און זיבעציק פּראָצענט פון די ייִדישע קינדער, וואָס מאַכן אַדורך אַ מיטלשול, גייען פון דאָרט ווייטער אין אוניווערסיטעט, בעת ביי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג איז דער פּראָצענט אין גאַנצן צווישן צוואַנציק און פינף און צוואַנציק. דאָס קאָן זיין אַ קוואַל פאַר דעם בוי פון אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן.

מען דאַרף אָבער קאָנען קומען צו זיי מיט אידעאַלן, וואָס זאָלן אַפּעלירן צו זייערע יונגע נשמות, צו זייער דורשט נאָך גרויסע מעשׂים, צו זייער דראַנג צו בויען אַ נייע געזעלשאַפט. יוגנט קאָן אַרבעטן בלויז מיט פאַנטאַזיע, מיט וויזיע. אויך אונדזער יוגנט איז אַזאַ און אפשר אין נאָך אַ גרעסערער מאָס, ווי אַנדערע. מיר האָבן געהאַט גענוג ביישפּילן פון דער מסירת־נפש פון אונדזער יוגנט אין דער לעצטער תּקופה. מיר מוזן בלויז קאָנען קאַנאַלי־זירן אָט די אוצרות פון אידעאַליזם פון אונדזער יוגנט. עס איז כאַראַקטע־ריסטיש, אַז אין אַמעריקע שטייען הונדערטער (און אפשר טויזנטער ייִדישע

יוגנטלעכע אין דער ריי ביים שלום־קאַרפּוס, כּדי צו דינען אין די פאַר־וואָרפנסטע לענדער פון אַזיע און אַפריקע. עס איז דאָרט ממש אַן אינוואַזיע פון יידישער יוגנט. עס אַפּעלירט צו זיי די וויזיע פון אויסבויען אַ נייע וועלט אויף בעסערע יסודות.

אַזוי איז אַ מאָל אונדזער יוגנט געגאַנגען אין עין־חרוד און אין יגור, מיט דער וויזיע פון אויסבויען אַן אור לגויים. נישט בלויז סתם אַ יידישע מדינה, נאָר אַ לאַנד וואָס איז געבויט אויף יושר און צדק, אַ סאָציאַליסטישע מדינה.

דער ציוניזם, דער גאַנצער ציוניזם האָט שטאָלצירט מיט אָט דער חלוצישער יוגנט. זי האָט ער אַרויסגעשטעלט ווי דעם ביישפּיל פאַר קיום און המשך האומה.

מדינת־ישראל דינט היינט ווי אַ וווּנדערלעכער כּוח פאַר יידישע מאַסן אין גלות, זיי טוליען זיך צו איר, זיי זענען גרייט זי צו פאַרטיידיקן קעגן אירע שונאים — זיי ווייסן אָבער נישט אַלע מאָל ווי אַזוי עס צו טאָן. מען מוז זיי ווייזן דעם וועג, מען דאַרף זיי געבן דאָס געשטאַלט פון דער מדינה, אויך שאַפן פאַר זיי דעם אימאַזש, וואָס זאָל אַוועקשטעלן די מדינה ווי אַ פּיאָנער צווישן די נייע פעלקער, מיט איין וואָרט — אַ מדינה פון פּיאָנערנטום אויף אַלע געביטן פון לעבן.

דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך געווענדט הויפּטזעכלעך אין דער מדינה אַליין און אין דעם פּרט בין איך מסכּים מיט די וואָס האַלטן, אַז די מדינה מוז אין דער איצטיקער תּקופה ראַטעווען די גולה. מיט אַזאַ געשטאַלט פון דער מדינה וועט מען אפשר קאָנען מאָביליזירן די יידישע יוגנט נישט בלויז פאַר עליה, נאָר אויך פאַר שאַפערישער אַרבעט אין די גלות־ישובים גופא.

עס איז גוט, אַז מען האָט געוואָרפן דעם לאָזונג „מיטן פּנים צום גלות" — אָבער מען דאַרף דעם דאָזיקן לאָזונג מפרש זיין: עס דאַרף זיין „מיטן חלוצישן פּנים פון דער מדינה", כּדי צו ווענדן די גולה מיטן פּנים צו מדינת־ישראל און ממילא צום יידישן פאָלק בכלל.

פעברואַר, 1965

און די וועלט האָט געשוויגן

(צום 21־טן יאָרטאָג פונעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד)

לפנים איז גאָר נישט געווען אַזוי רויִק אין דער וועלט אין יענעם גורלדיקן יאָר פון 1943. אַדרבא: עס איז אָנגעגאַנגען אַ פיבערהאַפטע אַקטי־וויטעט אין אַלע לענדער. סיי די וואָס זענען געווען דירעקט פאַרוויקלט אין דער מלחמה און אויך ביי די אַזוי־גערופענע „נייטראַלע" פעלקער. אַחוץ די צוגרייטונגען צו דער לעצטער, דעצידירנדיקער שלאַכט מיט די נאַציס, אַחוץ דער אָנזאַמלונג פון ריזיקע מיליטערישע כוחות אויף די בריטישע אינדזלען און דער קאָלאָסאַלער פּראָדוקציע פון כלערליי קריגס־מכשירים, זענען אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן דעקלאַראַציעס וועגן די קריגסצילן פון די פאַרבינדעטע; דייטשלאַנד איז געוואָרנט געוואָרן, אַז זי וועט טייער באַצאָלן פאַר אַרויסרופן די מלחמה און פאַר די גרויזאַמקייטן וואָס אירע אַרמייען באַגייען אין די אָקופּירטע לענדער. עס איז שוין אַפילו געווען צוגעגרייט אַ פּלאַן צו פאַרוואַנדלען דייטשלאַנד אין אַן אַגראַר־מדינה, כדי זי זאָל אין דער צוקונפט זיין אומפעיִק צו פירן מלחמות; די ראַדיאָס פון די אַליִירטע מדינות האָבן פאַרהילכט די לופט מיט מאַניפעסטן צו די אייראָפּעיִשע פעל־קער, וואָס זענען געלעגן אונטער דעם נאַצישן שטיוול, מיט אַ רוף צו אָרגאַ־ניזירן סאַבאָטאַזש־בריגאַדעס הינטער די נאַצישע ליניעס, צו שאַפן אונטער־גרונט־באַוועגונגען, וועלכע וועלן, אויף אַלערליי וועגן, געשטיצט ווערן פון קריגס־עראָפּלאַנען און ספּעציעלע קאָמאַנדאָס וואָס וועלן אַראָפּגעוואָרפן ווערן ווי פאַראַשוטיסטן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט — אָבער אייראָפּע האָט נאָך דאַן נישט געענטפערט. צו שטאַרק איז געווען די גע־פאַנצערטע דייטשישע פויסט און צו ווייט איז געווען די אויסזיכט אויף אַ נצחון, אַז די אַנטי־פאַשיסטן זאָלן וואַגן צו אָרגאַניזירן אַ וועלכן ס'איז ווידערשטאַנד.

איין פאָלק בלויז האָט געוואָגט צו וואַרפן אַן אַרויסרוף די נאַצישע הערשערס. אַ פאָלק אָן אַן אייגן שטיקל לאַנד, אָן וועלכער ס'איז באַוואָפענונג,

אָן אַפילו איין איינציקן פריינד צווישן די שכנים זיינע. דאָס זענען געווען די רעשטלעך פון דער וואַרשעווער געטאָ. דאָס גאַנצע אייראָפּעיִשע ייִדנטום איז שוין געלעגן אַ פאַרברענטס אין די גאַזאויוונס פון פוילן און דייטשלאַנד, דער באָדן פון גאַנץ מיזרח־אייראָפּע איז שוין געווען דורכגעזאַפּט מיט בלוט פון מיליאָנען ייִדישע מענער, פרויען און קינדער און די טייכן פון דעם קאָנטינענט האָבן געפלאָסן רויט — אָבער אין דער דאָזיקער נאַצישער חשכות האָט מיט אַ מאָל אויפגעבליצט די גבורה פון ייִדישן פאָלק און זי האָט באַלויכטן די אייראָפּעיִשע הימלען מיט אַ ווונדערלעך ליכט פון האָפענונג. די העלדן פון דער וואַרשעווער געטאָ האָבן געוווּסט, אַז זייער קאַמף איז מיליטעריש פאַרשפּילט, אַז עס קאָן גאָר נישט זיין קיין אַנדערער אויסגאַנג ווי פולשטענדיקער אונטערגאַנג. זיי האָבן אָבער געהאַט דעם היילִיקן גלויבן, אַז זייער קרבן וועט אויף אייביקע צייטן באַשטראַלן דעם וועג פון דער מענטשהייט אין איר כסדרדיקן קאַמף קעגן דעם שׂטן, אַז זייער קאַמף וועט שטענדיק לעבן אין די אַנאַלן פון דער מענטשלעכער געשיכטע און באַדעקן מיט רום דעם נאָמען ייִד אויף אַלע אייביקייטן.

פון דעסטוועגן האָבן די וואַרשעווער אויפשטענדלערס געשטרעבט צו פאַרציִען זייער מלחמה קעגן די נאַציס אַזוי לאַנג ווי מעגלעך, זייער ציל איז געווען צו לאָזן די דייטשישע רוצחים באַצאָלן אַ טייערן פרייז פאַר יעדן ייִדישן לעבן. האָבן זיי דעריבער זיך געוואָנדן מיט אַ דראַמאַטישן רוף צו די קריג־פירנדיקע מלוכות נאָך אַ ביסל וואָפן. זייער רוף האָט דורכגעשניטן די לופט און ער האָט דערגרייכט צו די אויערן פון די הערשערס אין וואַשינגטאָן, מאָסקווע און לאָנדאָן, ער האָט דערגרייכט צו די ראַדיאָ־סטאַציעס און די גרויסע צייטונגען, ער איז דערגאַנגען צו די אויערן פון דער מעכטיקער קאַטוילישער קירך — אָבער די וועלט איז מיט אַ מאָל אַנטשוויגן געוואָרן מיט אַן אומהיימלעכער שטילקייט. די גאַנצע וועלט איז מיט אַ מאָל פאַרשטומט געוואָרן און עס איז געוואָרן אַזוי מוראדיק שטיל, אַז מען האָט קיין שאָרך נישט געהערט. פון די ברעגעס פונעם טיבער ביז דעם טייך מאָסקווע וואָס ביים קרעמל, פון וואַשינגטאָן, איבער לאָנדאָן ביז דער וואָלגע האָט מען קיין קרעכץ נישט געהערט — אין חלל פון דער וועלט האָט אָפּגעקלונגען בלויז, איין און איינציק, דער געבראַזג פון די מאָלאָטאָוו־קאָקטיילס פון די וואַרשעווער אויפשטענדלערס און דער רוצחישער געברום פון די נאַצישע מערדערס וואָס האָבן געברענט, געקוילעט און פאַגראָמירט.

היינט וואָלט די וועלט געוואָלט פאַרגעסן. זי וויל פאַרגעסן נישט בלויז די זעקס מיליאָן אונדזערע — זי וויל אַפילו פאַרגעסן אירע אייגענע קרבנות.

איין־און־צוואַנציק יאָר נאָך חורבן־וואַרשע זענען די פעלקער ווידער אַ מאָל גרייט צו אַ נייער שחיטה. דאָס בילד פון דער לעצטער וועלט־מלחמה ווערט ביסלעכווייז פאַרבלאַסט אין דעם געמיט פון דער מענטשהייט, די ברוטאַליטעטן ווערן פאַרווישט און אַ גאַנצער דור ווערט צוגעגרייט צו דער נייער פאַרוויסטקייט. די דייטשן זענען שוין ווידער געוואָרן „סאַלאָן־פעיִק", זייערע וויסנשאַפטלערס שאַרפן שוין ווידער די צייך פאַר אַ מלחמה, וואָס זאָל איין מאָל פאַר אַלע מאָל איינשטעלן "דייטשלאַנד איבער אַלעס אין דער וועלט" און זייערע אַרמייען מאַרשירן שוין ווידער מיט דעם „געזונדן־שריט" איבער די פרידלעכע פעלדער פון פראַנקרייך ווי רעספּעקטירטע שותפים פון די מערבדיקע לענדער. אַנדערע דייטשן ווערן אַריינגענומען אין דעם לאַגער פון „סאָציאַליסטישן" וואַרשע־פּאַקט, וווּ זיי דאַרפן העלפן אויפשטעלן אַ נייע, אַ בעסערע געזעלשאַפט.

די וועלט האָט פאַרגעסן!

אָבער מיר קאָנען נישט, מיר ווען נישט פאַרגעסן!

איז עס דערפאַר וואָס מיר זענען מער ראַכע גיריק ווי אַנדערע? איז עס דערפאַר וואָס מיר זענען מער נקמה דורשטיק ווי אַנדערע? — שונאים ווילן דאָס איינרעדן זיך און אונדז. זיי וואָלטן געוואָלט אַז אויך מיר זאָלן פאַרגעסן, אַז אונדזער פאַרגאָסן בלוט זאָל זיך אויסמישן מיטן בלוט פון די מיליאָנען אַנדערע, וואָס זענען געפאַלן אין דער מלחמה, זיי ווילן ציִען אַ פאַרגלייך־צייכן צווישן אונדזערע און זייערע קרבנות. אָבער דאָס קאָן נישט געשען! נישט דערפאַר וואָס ייִדיש בלוט איז טייערער איידער דאָס בלוט פון אַנדערע מענטשן, אויך נישט דערפאַר וואָס אונדזערע קרבנות זענען געווען אומ־פאַרגלייכלעך גרעסערע איידער די פון וועלכן ס'איז אַנדערן פאָלק. נאָר וויל מיר זענען די קרבנות פון אַלעמען! די דייטשן זענען געווען די וואָס האָבן בפועל ממש אונדז געמאָרדעט — און דאָס וועט בלייבן זייער שאַנדפלעק לדור־דורות — אָבער די אַנדערע זענען מיטשולדיק, ווייל זיי האָבן קאַלט־בלוטיק זיך צוגעקוקט ווי אַ גאַנץ פאָלק ווערט אויסגעקוילעט לעיני כל און זיי האָבן געשוויגן. זיגערס און באַזיגטע צוגלייך האָבן געשוויגן; עס האָט, אין זיין „הייליקייט" געשוויגן פאַרביסן דער פויפּס אינעם וואַטיקאַן, עס איז געווען פאַרשטומט די צונג פון דעם אַלמעכטיקן הערשער פונעם קרעמל,

עס האָט געשוויגן מיט אייזיקער קעלט דער שטאָלצער ענגלענדער, אויך וואַשינגטאָן האָט רויִק געשוויגן. און אין דער דאָזיקער רישעותדיקער שווייגעניש האָבן די דייטשן געוואָרפן יידישע פרויען און קינדער אין גאַז־אויוונס. דאָס געוויין פון יעדן יידישן קינד טראָגט זיך ביז היינט איבער די הימלען און עס לעכערט דורך אונדזער האַרץ, און אַזעלכע קינדערישע אַנגסטן זענען געווען אַ מיליאָן!

ניין! מיר קאָנען נישט פאַרגעסן! אַ טייל פון די נאַצישע פאַרברעכערס ווערן געמשפּט — ווער וועט משפּטן די גרויזאַמע שוויגערס?

אַפּריל, 1964

אַן אייביקע ווונד

דאָס פאָלק האָט פאַראייביקט, אין משך פון אומצייליקע דורות, דעם נאַציאָנאַלן חורבן פון מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק. דער פאַרלוסט פון מלוכישער זעלבשטענדיקייט אין דער צייט פון טיטוס הרשע האָט איבערגעלאָזן אַזאַ טיפע ווונד אין דעם געמיט פון יידישן פאָלק, אַז עס האָט געטראָגן דעם ווייטיק מיט זיך איבער אַלע זיינע וואַנדערונגען, און קיין שום „גוטער" גלות, אַפילו נישט געוויסע קולטורעלע אויטאָנאָמיעס אין פאַרשיידענע צייטן, האָט נישט באַוויזן אַרויסצורייסן פון דער פאָלקס-נשמה דעם אָנדענק פון חורבן-ירושלים. דור נאָך דור האָט צוגעגעבן קינות וואָס האָבן געמאָלן די גרוילן פונעם אומקום און געהאַלטן לעבעדיק סיי דעם אומקום, סיי די גבורה און דעם געראַנגל פון דעם קעמפנדיקן פאָלק. קיין איין שטריך פון דעם כאַראַקטער פון דעם אומגעקומענעם פאָלק, פון זיינע שאַפונגען און זיינע מעלות, פון זיינע מאָראַלישע קולטור-ווערטן איז נישט פאַרלוירן געגאַנגען פאַר די שפּעטערדיקע דורות. אַלע יידישע ימים-טובים, אַלע נאַציאָנאַלע און פערזענלעכע שמחות ביי יידן זענען דורכגעווייקט מיט טרערן אויף דעם גרויזאַמען פאַרלוסט און אויך מיט שטאָלץ און מיט האָפענונג אויף גאולה וואָס וועט און מוזן קומען.

אַזוי דור נאָך דור, יאָרהונדערט נאָך יאָרהונדערט, זענען אַלע אומגליקן וואָס האָבן אונדז באַגלייט צווישן די פעלקער צוגעשפּיצט געוואָרן צו דעם עיקרדיקן חורבן פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט און זיי זענען אויסגעזונגען געוואָרן און אויסגעטרויערט געוואָרן אין אומצייליקע תפילות און פּיוטים וואָס האָבן אונדז באַגלייט אויף דעם לאַנגן, טויזנט-יאָריקן נאַציאָנאַלן וועג. פּאָגראָמען אין אַלע לענדער פון איירָאָפּע, גירוש-שפּאַניע, גזירות-ת״ח ות״ט, עלילות-דם — אַלע האָבן געפונען אַן אויסדרוק אין די ליטורגיעס פון דעם עם-הספר.

ווער האָט זיך עס געקאָנט פאָרשטעלן, ווער האָט עס אַפילו אין דער שוואַרצסטער פאַנטאַזיע געקאָנט חלומען וועגן אַ חורבן וואָס איז אין זיין

אומפאַנג איבערגעשטיגן דעם חורבן־ירושלים? — די רוימער האָבן חרוב געמאַכט די מדינה, מאַסן פון דעם באַזיגטן פאָלק זענען אומגעקומען אין שלאַכטן מיטן שונא, אַנדערע זענען אומגעקומען אומשולדיקערהייט פון דער שווערד פון דער צעווילדעוועטער סאָלדאַטעסקאַ, פיל זענען אַוועקגעפירט געוואָרן אויף די רוימישע שקלאַפנמערק — אָבער דאָס פאָלק איז געבליבן לעבן, אַ סך בלוט איז אָפּגעצאַפּט געוואָרן, אָבער דער רוב איז געבליבן לעבן און האָט געקאָנט אָנהייבן היילן זיינע וווּנדן אין לאַנד און אין גלות.

דאָס פרום קאַטוילישע שפּאַניע האָט פאַרברענט טויזנטער אויף די שייטער־הויפנס פון דער אינקוויזיציע, האָט הונדערטער טויזנטער אויף אַן אַכזריותדיקן אופן פאַרטריבן פון לאַנד, האָט מיט גוואַלד אָפּגעטויפט מאַסן יידישע קינדער, האָט אַנדערע געטריבן אין רעליגיעזן אונטערגרונט — אָבער טאָטאַלע פיזישע פאַרניכטונג האָט אונטערגענומען בלויז איין אייב־ציקער רוצח, דער דייטש־עמלק פון אונדזער צייט.

מען מוז עס כּסדר אונטערשטרייכן און שטענדיק דערמאָנען, אַז די דייטשן האָבן בוכשטעבלעך פאַרברענט אונדזער פאָלק לעבעדיקערהייט! דער דייטש, און נישט בלויז דער נאַצי! אַ גאַנץ פאָלק וואָס האָט געמאַכט זיין נאָרע אין סאַמע מיטן פון אייראָפּע האָט געמאָרדעט, געברענט און געשאָכטן פאַר די אויגן פון דער גאַנצער וועלט און האָט נאָך דעם קופּערנעם שטערן, די טעמפּע חוצפּה צו קומען שוין היינט, ווען דאָס בלוט פון די קרבנות טריפט נאָך וואַרעם, פאָדערן פאַרגעבונג און פאַרגעסנהייט.

לאָמיר דערביי אויך געדענקען אַז אַלע פּורעניות וואָס זענען באַפאַלן אונדזער פאָלק אין משך פון זיין גלות־געשיכטע זענען פאַרגעקומען אין צייטן ווען די מענטשהייט איז געלעגן פאַרזונקען אין אַ תהום פון אָפּגע־שטאַנענקייט, אומוויסן און קולטורלאָזיקייט, ווען די קירך האָט מיט אַן אייזערנער האַנט געדריקט און דערשטיקט יעדן סימן פון מענטשלעכקייט און פאָרשריט. ווען וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען זענען דערקלערט געוואָרן פאַר אַפּיקורסות און די פאָרשערס גופא זענען געברענט און געמאַטערט געוואָרן אין די קעלערן פון די טונקעלע קאַטעדראַלעס!

אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אָבער, ווען די ווייסע ראַסע האָט זיך געגרויסט מיט איר ציוויליזאַציע, מיט איר פרייהייטלעכקייט, מיט דעם קולט פאַרן מענטשן וועלכן מען האָט אַרויסגעהויבן ווי דעם אמתן בחיר־היצירה, ווען ליטעראַטור און בילדונג, קונסט און וויסנשאַפט האָבן זיך געגרייט

איינצונעמען פאַרן מענטשן נישט בלויז אונדזער וועלט נאָר האָבן אויך אויס־געשטרעקט זייערע פאַרלאַנגען צו דעם קאָסמאָס — דווקא דאָן האָט „דאָס פאָלק פון דיכטערס און דענקערס" געטאָן צו אונדז וואָס קיינער ביז אים האָט נישט געוואָגט.

*

מען מוז אויך שטענדיק געדענקען אַז דאָס צוואַנציקסטע יאָרהונדערט איז געוועזן אַן עדות פון אומבאַשרייבלעכער גרויזאַמקייט לגבי אונדז מצד אַנדערע פעלקער. אייראָפּעיִשע און אַזיאַטישע מדינות האָבן אויפגענומען מאַסן פליטי־ספרד, אַמעריקע האָט אַריינגענומען הונדערטער טויזנטער ייִדן וואָס זענען געלאָפן פון די צאַרישע פּאָגראָמען, אָבער פאַר די אייראָפּעיִשע ייִדן פון היטלערס אייראָפּע זענען אַלע טויערן געווען פאַרשלאָסן, אַלע לענדער פאַרהאַקט אויף זיבן ריגלען. די וועלט האָט געוווּסט אַז אין טרע־בלינקע ברענען די גאַזאויוונס מיט ייִדישע קרבנות, אַז מיליאָנען מענער, פרויען און קינדער ווערן געמאַטערט מיט כלערליי מיתות משונות, אַז אומ־צייליקע דייטשישע פּראָפעסאָרן זיצן איבער זייערע ביכער און פאָרשן, און קליגלען זיך אויסצוגעפינען וואָס ווירקזאַמערע און גרויזאַמערע מאָרד מיט־לען קעגן אַ גאַנץ פילמיליאָניק פאָלק — די וועלט האָט דאָס אַלץ געוווּסט און געשוויגן.

דערפאַר איז דער ווייטיק נאָך טיפער, ווייל ער וואַרפט אַן אומהיימלעך ליכט אויף דעם פּנים פון דער הייַנטיקער מענטשהייט, ער קאָן דערפירן צו פאַרצווייפלונג און אַנטוישונג אין דעם מין מענטש בכלל.

דער יאָרצייט פון דעם געטאָ־אויפשטאַנד איז דעריבער אַ יום הזיכרון. ער פאַרטראָגט אונדז צו דער אַזוי נאָענטער טרויעריקער פאַרגאַנגענהייט און ער שניידט זיך נאָך טיפער איין אין דער בלוטנדיקער ווונד וואָס מיר וועלן אייביק טראָגן מיט זיך, אַזוי לאַנג ווי עס וועט לעבן אונדזער פאָלק, עד סוף כל הדורות — — —

עס איז אפשר נויטווענדיק, אָבער גלייכצייטיק איז עס אויך זייער טראַגיש וואָס די נויטן פון אונדזער ווייטערדיקן נאַציאָנאַלן קיום צווינגען די ייִדישע מדינה צו האָבן קאָנטאַקט מיטן מערדערפאָלק, אָבער אויב עס איז אַ געשיכטלעכער גזר, טאָ זאָל ער כאָטש געמילדערט ווערן דורך באַגרע־נעצן די דאָזיקע קאָנטאַקטן צום סאַמע עקסטרעמען מינימום, אין אונדזער

געשיכטע האָבן מיר געהאַט פֿיל אַזעלכע מאָמענטן וואָס האָבן אַרויפגעצוווּנגען מעשים וואָס מיר האָבן געטאָן מיט ווידערווילן, ווייל ס'איז קיין אַנדער ברירה נישט געווען.

עס איז אָבער בפירוש אין ווידערשפּרוך צום פֿאָלקס געפיל צו רעדן בקול רם וועגן דעם „נייעם" דייטשישן פֿאָלק! אַ פֿאָלק צווישן וועלכן עס לעבן און געדייען נאָך טויזנטער גרויסע און קליינע רוצחים און סאַדיסטן איז נאָך ווייט נישט ניי. עס איז שווער פֿאָראויסצוזען ווען און ווי אַזוי די דייטשן וועלן זיך אַ מאָל קאָנען רייניקן פֿון דעם מאָנסטערהאַפטן פֿאַרברעכן וואָס זיי זענען באַגאַנגען לעיני כל. אָבער דאָס איז זייער ענין — מיר וועלן וויכן פֿון זיי אַזוי לאַנג ווי מיר וועלן טראָגן די ווונד מיט זיך.

אַפּריל, 1965

דער ליכטיקער צוקונפט אַנטקעגן

ווען די וועלט האָט, אַ פאַרחלשטע, געעפנט אירע אויגן און געכאַפּט אַ בליק און זיך געזען אַ פאַרבלוטיקטע, אַ גייסטיק אויסגעהוילטע, איינגע־טונקען אין מ"ט שערי טומאה פון פעלקערמאָרד און טעמפּער, ברודיקער ברידער־שׂנאה — האָט זי זיך מיט גוואַלד אַ כּוח אָנגעטאָן און אויפגעהויבן אירע אויגן צו דער זון און זיי גלייך צוריק אַראָפּגעלאָזן: אויגן פון אַ זינדיקן (יחיד צי כּלל) קאָנען נישט לייכט פאַרטראָגן די ליכטיקייט און די פרישקייט פון זונשטראַלן. די גאַנצע מענטשהייט איז געווען אויסגעשמירט אין טונקעלער בלוטיקער בלאָטע וואָס האָט געשווערט אויף איר גוף און אויף איר נשמה.

און אַ טיפער אינערלעכער דראַנג האָט דאַן באַהערשט די פאַראומריי־ניקטע, זינדיקע וועלט: אָפּרייניקן זיך! אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם אָנגעזאַמלטן שמוץ, פּרוּוון פאַרריכטן עפּעס פון דעם וואָס איז געווען די שרעקלעכע מעשׂה־נבלה, תּשובה טאָן בציבור אויף דעם קאָלעקטיוון חטא און אָנשטרענ־גען זיך צוריק אַרויפצוציִען אויף זיך דעם לבוש פון דעם „בחיר היצירה".

אַזעלכע קאַטאַקליזמען אָבער לאָזן זיך נישט אַזוי לייכט פאַרגעסן. גרויסע זינד פאָדערן גרויס תּשובה — איז ווו זאָל מען זי זוכן און ווי אַזוי זאָל מען געפינען אַ געמיינזאַמען ספר פון וועלכן אַלע פאַרבלוטיקטע צדדים זאָלן קאָנען לערנען מתקן צו זיין די וועלט געאייניקטערהייט?

האָבן אַלע פעלקער זיך צוזאַמענגענומען און אויסגעבויט אַ געביידע, וואָס זאָל זיין געווידמעט צו פאַרריכטן די עוולות און די חטאים פון נעכטן און גלייכצייטיק זאָל זי זוכן און געפינען דעם וועג און דעם אופן פון קאָ־לעקטיווער תּשובה.

אין סאַן פראַנציסקאָ האָבן די זיגערס זיך נאָך געפילט אַ ביסל שעמעוו־דיק; זיי האָבן געוווּסט, אַז כאָטש זיי האָבן באַזיגט דעם שרעקלעכסטן מענטש־טיווּל אין דער גאַנצער געשיכטע, האָבן זיי אָבער פאַרפעלט צו ראַטעווען די סאַמע אומשולדיקסטע, די סאַמע שוצלאָזסטע מענטשן אין אייראָפּע.

זיי האָבן אויך מיט אַ געוויסן שולדגעפיל באַטראַכט דעם אַטאָמשטויב וואָס איז נאָך געלעגן אויף זייערע מלבושים פון דער צייט פון היראָשימאַ און נאַגאַסאַקי.

איז דאָס געוויסן געווען דערדריקט און דער וועג צו זעלבסטאַויסקויף — זייער, זייער שווער.

אָבער שפּעטער, אין לייק סוקסעס, האָט די האָפענונג אויף זעלבסט־רייניקונג צוריק אָנגעהויבן צו שיינען. עס האָט אויפגעבליצט אַ געדאַנק, וואָס האָט ווי אַ ליכטשטראַל באַלויכטן דעם קאָלעקטיוון מוח פון דער מענטשהייט: עס איז טאַקע נישט פאַראַן קיין סליחה פאַר דעם מאָרד פון אַ יחיד, ווייל מען קאָן קיין מענטש נישט צוריקברענגען צום לעבן — עס איז אָבער יאָ פאַראַן אַ וועג צו בעטן מחילה ביי אַ גאַנץ פאָלק, וועמענס זין און טעכטער זענען פאַרשניטן געוואָרן דורך דער קאָלעקטיווער שולד פון דער גאַנצער מענטשהייט, אָבער וועמענס שארית־הפליטה קאָן צוזאַמענ־נעמען די צעשפּרייטע ביינער און פון זיי צוריק אויפבויען דעם פאָלקס־בנין.

און אין נאָוועמבער 1947 איז אַ גרויס געזאַנג אויפגעגאַנגען אין דעם הויפּטגעצעלט פון די פעלקער, אַ שירה פון באַפרייונג, אַ געזאַנג פון דער־לייכטערונג, אַ לויב פאַר דער געלעגנהייט זיך צו באַפרייען פון דער שרעק־לעכער קין־משא וואָס האָט אַזוי שרעקלעך שווער געדריקט אויף דער נשמה און וואָס האָט ממש נישט דערלאָזט צו מאַכן קיין איין שריט ווייטער אַזוי לאַנג ווי דער פאַרברעכן איז געבליבן נישט באַשטראָפט און דער געליטענער אומבאַפרידיקט.

אַ יידישע מדינה איז געווען דער ענטפער פון דער זינדיקער, פאַר־בלוטיקטער וועלט אויף אירע אייגענע זוכענישן!

און אינעם זכות פון דעם דאָזיקן באַשלוס איז די וועלט ווייטער געבליבן שטיין און איז נישט אומגעקומען פון דעם אַטאָם־גולם; און אַזוי לאַנג ווי דער ענטפער אויף דער וועלטס גרויסן חטא פון טרעבלינקע, אוישוויץ, דאַכאַו, בירקענוי און אַנדערע וועט שטיין און באַשיצט ווערן; אַזוי לאַנג ווי מדינת־ישראל וועט קאָנען אָנגיין אומגעשטערט מיט איר בוי און מיט איר קאַמף, אַזוי לאַנג ווי קוואַליקע וואַסערן וועלן דורכשניידן אירע פעלדער און אָנ־טרינקען אירע וויסטענישן — אַזוי לאַנג וועט די וועלט האָבן אַ קיום.

זיבעצן יאָר שוין ווי עס שטייט און געדייעט די פעסטונג פון דעם יידנפאָלק, זיבעצן יאָר ווי די אומות העולם זענען עולה־רגל קיין ציון און

באַוווּנדערן דאָס ליכט וואָס גייט אויף פון ירושלים; זיבעצן יאָר ווי די שׂנאה־כוואַליעס פון נישט־פאַרגינערישע שכנים און ווייט־מיזרחדיקע שׂונאים ווערן אָפּגעשלאָגן מצד די העלדישע זין פון ישׂראל מיט דער הילף פון אַ פריי־היטלעכער וועלט, וואָס פילט אַז עס איז נאָך ווייט נישט אָפּגעוואַשן געוואָרן דער בלוטיקער פלעק פון די גאַזאָויוונס וואָס האָבן געברענט אין די לאַגערן פאַר די אויגן פון דער גאַנצער וועלט.

די וואָס ווילן שוין אַזוי שנעל פאַרגעסן, די דאָזיקע וואָס מיינען אַז זייערע הענט האָבן דאָס דאָזיקע בלוט נישט פאַרגאָסן, וועלן נאָך אַ מאָל געשטעלט ווערן פאַרן משפּט פון דער אייביקייט. קיין שום צוקונפט־אידעאַלן און צוזאָגן אויף אַ בעסערן וועלטמאָרגן, קאָנען נישט מכפּר זיין אויף דעם גוואַלדזאַמען טויט פון אַ מיליאָן קינדער!

זאָלן דאָס געדענקען די מאַנדאַרינען אין מאָסקווע און אין פּעקין! באַזונדערש פּעקין!

ייִדן זענען אין זייער לאַנגער געשיכטע געקומען אין אַ זייער שוואַכן קאָנטאַקט מיט די פעלקער פונעם ווייטן מיזרח. דאָ און דאָרט האָבן מיר זיך געריבן ביי די גרענעצן פון כינע און מאָנגאָליע, זעלטן אָנגעשפּאַרט אין יאַפּאַן אָדער אין די אינדזלען פון אינדאָנעזיע — אַפילו אין די צייטן פון אַמאָליקן מלכות־ישׂראל זענען אונדזערע קאָנטאַקטן מיט יענער ווייטער וועלט געווען בלויז קאַראַוואַן־פאַרבינדונגען. די פיינטלעכע פיילן, וואָס ווערן געשליידערט קעגן דער מדינה פון דאָרטן, האָבן נישט קיין שום באַרעכטיקונג, נישט אינעם היינט און אַוודאי נישט אינעם נעכטן פון אונדזער עקסיסטענץ ווי אַ פאָלק. אַזעלכע שׂנאת־חינמדיקע אַטאַקעס ווערן קיין מאָל נישט פאַרגעסן אין דער וועלט־געשיכטע. ערגעץ ווו, און ערגעץ ווען נעמען זיי נקמה אין די וואָס באַגייען אַזעלכע מעשׂים. דערויף איז אַפילו אַ „בייע רויטע, קאָמוניסטישע וועלט" נישט מכפּר.

אונדזער מדינה וועט זיך ווי עס איז אַן עצה געבן מיט אירע שׂונאים. אין משך פון אירע געבענטשטע 17 יאָר האָט זי באַוויזן זיך איינצושאַפן אויך אַ סך גוטע, איבערגעגעבענע פריינד אין דער וועלט; פריינד, וואָס וועלן אפשר נישט דערלאָזן צו קיין ערנסטן אָנגריף אויף איר און, ווער ווייס, אפשר אויך קומען איר צו הילף אין אַן עת־צרה.

זיבעצן יאָר וואָס האָבן איינגעזאַפּט אין זיך מער ייִדישע האָפע־נונגען ווי עס האָבן באַוויזן גאַנצע לאַנגע דורות; זיבעצן יאָר וואָס האָבן

געלינדערט מער יידישע נויט איידער עס האָבן עס געטאָן פיל יאָרהונדער־
טער; זיבעצן יאָר וואָס האָבן געמאַכט די זון ווידער אַ מאָל שיינען אין די
יידישע געצעלטן און וואָס באַשטראַלן די תפוצות מיט אַ באַזונדער וואַרעמען
ליכט; זיבעצן יאָר וואָס האָבן פאַרפעסטיקט דעם בונד פון אַלע יידן אויף
דער וועלט און זיי פאַראייניקט אין איין גרויסער מחנה וואָס שפּאַנט מיט
אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ דער ליכטיקער צוקונפט אַנטקעגן.

מאַי 1965

מהרסיך ומחריביך...

(וועגן די נעגערישע אויסבראָכן אין קאַליפאָרניע)

ס'האָט גענומען גאַנצע הונדערט יאָר פון דעם אָפיציעלן באַפרייונגס־אַקט פאַר דער נעגער־באַפעלקערונג, וואָס איבראַהאַם לינקאָלן האָט דורכגעזעצט, ביז לינדאָן דזשאָנסאָן האָט דאָס פאַרפיקסירט ווי דאָס געזעץ פון לאַנד. יאָרן פון בלוטיקן בירגערקריג און פון מאַסן־לינטשינגס, גאַנצע דורות פון ווייסע און שוואַרצע מאַרטירערס אינעם קאַמף פאַר דער אָפשאַפונג פון אַמעריקעס נאַציאָנאַלער שאַנד: דאָס האַלטן אין פאָליטישער, עקאָנאָמישער און מאָראַלישער אונטערדריקונג אַ באַדייטנדיקן טייל פון איר אייגענער באַפעלקערונג בלויז צוליבן חטא פון זייער אַנדערשדיקער הויטקאָליר. אומצייליקע מאָל אין משך פון אַ גאַנצן יאָרהונדערט זענען די אונטערדריקטע נעגערס אויפגעשטאַנען אין ספּאָנטאַנעם אינדיווידועלן, אָדער גרופּן־רעוואָלט קעגן זייערע באַצווינגערס, מיטן רעזולטאַט פון נאָך מער פאַרשקלאַפונג, שאַרפערער „אַפּאַרטהייד", ענגערע געטאָס און פאַרשטאַרקטער קולטורעלער דעגראַדאַציע. די ווייסע אונטערדריקערס האָבן געהאַט צו זייער דיספּאָזיציע אַלע פיזישע קאַמפמיטלען און אין זייער רשות די גרעסטע געווער־אַרסענאַלן און מלוכישע מאַכט־פּאָזיציעס. זיי האָבן געהאַט די פּאָליציי, דאָס געריכט, דאָס מיליטער, אַלע דריי צווייגן פון מלוכה־אַפּאַראַט וואָס האָט נישט בלויז דורכגעפירט די פאַרשקלאַפונג, נאָר האָט אויך, היפּאָקריטיש, געגעבן די דאָזיקע פינצטערע מעשים אַ שיין פון אָפיציעלער „גערעכטיקייט".

דאָס אַלץ איז אַזוי אַלט ווי ס'איז אַלט די געשיכטע פון די נעגער אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווי ס'איז אַלט אַמעריקע אַליין. די קאַפּיטאַנען פון די שקלאַפן־שיפן און די קאַפּיטאַנען פון די לינטש־המונים האָבן געהערט צו דעם זעלבן מין איבערפאַלערס און ים־־פּיראַטן,ביידע האָבן פאַרשוואַרצט אַמעריקעס נאָמען און גורם געווען אומבאַשרייבלעכע, גרויליקע יסורים מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן.

און די עוולות האָבן דערגרייכט צו די אויערן פון דער גאַנצער מענטש־

היט, און די רציחות האָבן אויפגערודערט דאָס געוויסן פון דעם בעסערן אַמעריקע, און זיי האָבן נישט געלאָזן רויק שלאָפן די וואָס האָבן געהאַט אַ גאָט אין האַרצן און אַ גרויסע ליבשאַפט צו דעם דאָזיקן לאַנד פון זייערע עלטערן וואָס איז פאַראומרייניקט געוואָרן און וועמענס נאָמען איז פאַראומווערדיקט געוואָרן אין די אויגן פון דער גאַנצער וועלט.

און דאָן האָט זיך עס אָנגעהויבן! פון די צייטן פון דער אונטערגרונט־ליניע וואָס האָט געפירט אַנטלאָפענע נעגער פון דעם שקלאַפערישן דרום צו די גרויסע שטעט וואָס אין צפון פון לאַנד, ביים ברעג פון אַטלאַנטיק, פון מיסיסיפּי און די קאַראָליינאַס ביז די פאַרטשטעט וואָס אויף דעם פּאַסיפיק — מחנות גאַנצע פון געוועזענע שקלאַפן וואָס זענען „אומלעגאַל" געגנבעט געוואָרן דורך אַלע שטאַט־גרענעצן דורך ווייסע אַמעריקאַנער בירגערס מיטן איינציקן ציל זיי זאָלן אויפהערן זיין שקלאַפן. דאָס איז געווען אַ הערלעך קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דעם „אַנדערן" אַמעריקע, פון דעם אַמעריקע וואָס האָט אַרויסגעגעבן פון זיך די ערשטע פּיאָנערן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, פון דעם אַמעריקע אין וועלכן עס זענען אויפגעקומען די לינקאָלנס, די ווודראָ ווילסאָנס, די רוזוועלטס, די דזשאָן פ. קענעדיס — און די לינדאָן דזשאָנסאָנס!

זיי און זייערע חברים און מיטצייטלערס האָבן דורך צענדליקער יאָרן פון לייַדנשאַפטלעכן פּאָליטישן קאַמף, דורך געוואַגטע געזעץ־פּראָיעקטן, ווו זיי האָבן טייל מאָל מיט געוואַלד, אַרויפגעצוווּנגען אויף די געזעצגעבע־רישע אינסטאַנצן, באַוויזן נישט נאָר צו לינדערן די לאַגע פון די נעגערישע מאַסן — נאָר — און דאָס איז אפשר די וויכטיקסטע דערגרייכונג — אַרויס־צורופן ביי דער נעגערישער באַפעלקערונג דעם ווילן אַליין אויפצונעמען דעם קאַמף פאַר זייערע לעגיטימע בירגערלעכע רעכט.

אין צווישן איז אויפגעשטאַנען אַ נעגערישע אינטעליגענץ צווישן וועל־כער עס געפינען זיך יחידים־פירערס, וואָס שאַצן ווי געהעריק אָפּ דעם כּוח פון אָט דעם מינאָריטעט־בלאָק פון צוואַנציק מיליאָן און פאַרשטייען די גוואַלדיקע פּאָטענצן פון אַן אָרגאַניזירטן קאַמף פון און פאַר דער נעגער־באַפעלקערונג — זיי פאַרשטייען אָבער אויך די פליכטן וואָס אַזאַ קאַמף לייגט אַרויף אויף דעם גאַנצן נעגערישן קאָלעקטיוו און זיי שאַצן זייער הויך אָפּ די אונטערשטיצונג וואָס זיי באַקומען צווישן די ווייסע בירגערס פון דעם „אַנדערן" אַמעריקע. די דאָזיקע פירערס באַגרייפן אַז כּדי דער קאַמף

פון דער שוואַרצער באַפעלקערונג אין אַמעריקע זאָל געקרוינט ווערן מיט אַן ענדגילטיקן דערפאָלג איז אומבאַדינגט נויטיק, אַז די ליבעראַלע עלע־מענטן אין לאַנד זאָלן וועלן און, דער עיקר, זיי זאָלן זיין בכוח אָפּצושטויסן די אַטאַקעס פון דער רעאַקציע סיי אויפן שטח פון דער פיזיש־פּאָליטישער אַרענע און סיי אויפן מאָראַליש־עטישן באָדן.

די הייגטצייטיקע פּירערס פון די נעגער זענען גוט באַהאַוונט אין דער געשיכטע פון סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע און ראַסנקאַמפן פון די אַנטיקע צייטן ביז הייגט. און ווייל זיי טראָגן אַזאַ טיף געפיל פון זאָרג פאַר זייער פאָלק, און ווייל זיי זענען אַזוי טיף דורכגענומען מיט זייער נאַציאָנאַלער און סאָ־ציאַלער מיסיע, ווייסן זיי אויך די גרענעצן פון זייערע מעגלעכקייטן. זיי איז באַקאַנט דער כּלל וואָס גילט שטענדיק אין דעם היסטאָרישן מאַרש פון דער מענטשהייט, אַז רעוואָלוציעס פון אַן אָרגאַניזירטער מינדערהייט אין אַ וועלכער ס'איז מדינה קאָנען דאָן זיין דערפאָלגרייך ווען די צילן וואָס זיי פּראָקלאַמירן אַנטשפּרעכן פולשטענדיק די אינטערעסן פון דער גרויסער מערהייט פונעם פאָלק!

דער אויפשטאַנד פון די ספּאַרטאַקוס־מחנות אין אַנטיקן רוים האָט זיך אויסגעצייכנט מיטן גרויסן פּאַרנעם פון די רעוואָלוציאָנערן, מיט אַ גוואַלדיק הויכער מדרגה פון אידעאַליזם און מיט וווּנדערלעכע לאָזונגען פון הומאַניזם וואָס מען קאָן נאָך הייגט שעפּן פון זיי באַגייסטערונג — ער איז אָבער דורכ־געפאַלן, ווי ער האָט געמוזט דורכפאַלן, ווייל רוים איז באַשטאַנען פון אַ ריזיקער מערהייט איינוווינערס וואָס זענען נישט געווען נישט קיין שקלאַפן און נישט קיין גלאַדיאַטאָרן.

דאַקעגן די רוסישע רעוואָלוציע וואָס איז אָנגעהויבן געוואָרן אין אָק־טאָבער 1917 מצד אַ הייפל באָלשעוויקעס, איז אַרויס זיגרייך, ווייל די לאָזונגען וואָס זי האָט פּראָקלאַמירט זענען געווען אין איינקלאַנג מיט די סאַמע וויטאַלסטע אינטערעסן פון דער גרויסער מערהייט פונעם רוסישן פאָלק. (מיר גייען דאָ נישט אַריין אין אַן אָפּשאַצונג פון די געווינסן וואָס דאָס רוסישע פאָלק האָט באמת אַרויסגעקראָגן פון דער אָקטאָבער־רעוואָ־לוציע. דאָס איז אַ טעמע פאַר זיך.)

אין אונדזער צייט האָבן טויזנטער פון די בעסטע זין פון אַמעריקאַנער פאָלק זיך געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון דער אַזוי גערופענער „נעגער־רעוואָלוציע". געווען צייטן ווען די אָנפירונג פונעם קאַמף פאַר דער פול־

שטענדיקער עמאַנציפּאַציע פון דעם נעגער אויף אַלע שטחים פון מדינה־לעבן: פּאָליטיש, עקאָנאָמיש, מאָראַליש; אין מלוכה־אַמטן און אין קאָמונאַלע אינסטיטוציעס, אין די שולן, אוניווערסיטעטן און פאַבריקן, אין דער אַרמיי און אין דער אַדמיניסטראַציע, אין עפנטלעכע אינסטיטוציעס און אין וווינונג־פּראָיעקטן, אין סאָציאַלע באַדינונגען און אין פּאָליטישער רעפּרעזענטאַנץ אין אויסלאַנד — דער דאָזיקער פילפאַך־פאַרצווייגטער און דראַמאַטישער קאַמף איז געלעגן אין אַ גרויסער מאָס אין די הענט פון אידעאַליסטישע מענטשן פון צווישן דער ווייסער באַפעלקערונג. אין דעם היסטאָרישן „מאַרש אויף וואַשינגטאָן" מיט צוויי יאָר צוריק האָבן זיך באַטייליקט צענדליקער טויזנטער ווייסע אַרבעטער און פאָלקסמענטשן, ראַביים און קאַטוילישע און פּראָטעסטאַנטישע גלחים. דער קאַמף פון די נעגערס פאַר פולשטענדיקער גלייכשטעלונג אין לאַנד קאָן נאָר דעמאָלט ברענגען פּרוכטן ווען ער האָט די שטיצע און סימפּאַטיע פון דעם ליבעראַלן, פאָרגעשריטענעם אַמעריקע. טאָמער נישט, וועט דער דאָזיקער געראַנגל זיין אַ דורכפאַל.

דערפאַר איז אַזוי וויכטיק, אַז די נעגערישע אינטעליגענץ זאָל קאָנען געווינען די אויבערהאַנט איבער אַלע צווייפלהאַפטע עלעמענטן וואָס באַווירקן לידער באַדייטנדיקע טיילן פון דעם אַמעריקאַנער נעגערטום.

עס ווילט זיך גלויבן, אַז די פאַראַנטוואָרטלעכע פירערס פון די נעגערס פאַרשטייען די לאַגע און דערפאַר הערשט אַזאַ אומרו היינט אין די נעגערישע אינטעליגענטע קרייזן צוליב דעם „אויפשטאַנד" אין קאַליפאָרניע אין פאַר־גאַנגענעם חודש. דאָס איז נישט געווען קיין רעוואָלוציאָנערער אויפברויז געפּלאַנט אָדער ספּאָנטאַן, פון אַ פאָלק וואָס ברענגט צום אויסדרוק אויף אַן עמאָציאָנעלן אופן זיין רעוואָלט קעגן אומדערטרעגלעכע לעבנס־באַדינ־גונגען — דאָס איז געווען אַ היסטאָרישער אויסברוך פון אַ ווילדן המון וואָס האָט געזען, אין אַ געוויסער קאָניונקטור, אַ געלעגנהייט צו ראַבירן, ברענען און שיכורן, ווייל די פּאָליציי איז אויף אַ מאָמענט געווען שוואַכער פון דעם צערייצטן המון.

אַזעלכע אויסגעלאַסענע סצענעס ווי די וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אויף די גאַסן פון לאָס אַנדזשעלעס אין משך פון גאַנצע פיר טעג און נעכט, קאָנען נישט באַרעכטיקט ווערן מיט קיין שום אַרגומענטן וועגן הונדערט־יאָריקער אונטערדריקונג פאַר וועלכער אַמעריקע מוז היינט באַצאָלן. גוט, יאָ באַצאָלן! אָבער מיט וואָס?! מיט אויסראַבירטע קראָמען פון בראָנפן און

ביקסן?! מיט ווילדע הוליאַנקעס אויף די גאַסן אין וועלכע עלטערע יונגען און מוידן שלעפן אַריין מינדעריאָריקע קינדער?! און ווען איז דער דאָזיקער „אויפשטאַנד" אויסגעבראָכן? דווקא אין די טעג ווען דאָס ליבעראַלע אַמע־ריקע האָט געפייערט דעם גרויסן קאָנסטיטוציאָנעלן נצחון מיטן אונטער־שרייבן מצד דעם פּרעזידענט דזשאָנסאָן דאָס געזעץ פון ציווילע רעכט וואָס גיט ענדלעך דער נעגערישער מינדערהייט אַ וויכטיקן פּאָליטישן אינסטרו־מענט פאַרצושטצן דעם קאַמף מיט מער ענערגיע און מער אויסזיכטן!

יאָ! דאָס ווייסע אַמעריקע מוז באַצאָלן! — דאָס פאַרגעשריטענע ווייסע אַמעריקע איז וויליק צו באַצאָלן! אָבער ניט מיט צושטעלן פעסער בראָנפן פאַר צעווילדעוועטע יונגען, וועמען מען קאָן ניט אָנטרויען דעם גורל, ניט בלויז פון דער פרידלעכער ווייסער באַפעלקערונג, נאָר וועלכע ברענגען שאַנד און שמאַך אויך דער אייגענער טונקל־הויטיקער געזעלשאַפט און וואָס שוואַכן אָפּ די ענערגיע און די אויסזיכטן פון זייערע אמתע פריינד צווישן דעם אַמעריקאַנער פאָלק!

אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג זענען געווען אומ־צייליקע פאַלן פון ספּאָנטאַנע רעוואָלוציאָנערע אויסבראָכן אַלס פּראָטעסט קעגן אונטערדריקונג, קעגן אָרעמקייט און נויט אָן אַ גרענעץ, קעגן פּאָלי־טישער קאָרופּציע און אוממענטשלעכער עקספּלואַטאַציע — אָבער יעדעס מאָל ווען די אונטערוועלט איז אין אַ באַשטימטן אָרט האָט געמאַכט אַ פּרוּוו אויסצונוצן דעם פאָלקסצאָרן פאַר צוועקן פון רויב און מאָרד איז זי גלייך אָפּגעשטעלט געוואָרן פון די רעוואָלטירנדיקע אַרבעטער גופא. די אַרבעטער־באַוועגונג איז געווען אייפעריק און אָפּגעהיט וואָס שייך דער ריינקייט פון איר קאַמף. זי האָט ניט דערלאָזט דערצו אַז איר קאַמף זאָל באַפלעקט ווערן מיט רויב און אומזיניקע שריפות.

אַוודאי וועלן די פרייהייט־כּוחות אין אַמעריקע ניט אָפּשטעלן זייער קאַמף פאַר דער פולער נעגער־עמאַנציפּאַציע צוליב די געשעענישן אין לאָס אַנדזשעלעס; עס וועט אויך קיינעם ניט איינפאַלן צו באַשולדיקן דאָס גאַנצע נעגערפאָלק אין דעם וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען — אָבער ווי אַ לעקציע צו דער נעגערישער אָנפירונג דאַרף לאָס אַנדזשעלעס זיכער דינען. צו פיל אומפאַראַנטוואָרטלעכע עלעמענטן האָבן זיך לעצטנס דאָרט אָנגע־פלאָדיעט, וואָס שעדיקן בלויז דעם אייגנטלעכן קאַמף פאַר באַפרייונג. די שוואַרצע „מוסלימס" און אַנדערע העצגרופּעס וואָס ברענגען אַריין אַפילו

אַנטיסעמיטיזם אין זייער „קאַמף" און וועלכע אַפּעלירן בלויז צו די סאַמע נידעריקסטע אינסטינקטן פון דער מאַסע, מוזן געצוימט ווערן און עס וועט זיין בעסער אַז זיי זאָלן געצוימט ווערן פון זייערע אייגענע פירערס איידער פון דער פּאָליציי, וואָס וועט זיכער קריגן די באַגייסטערטע שטיצע פון אַלע געשווירענע שונאים פון די נעגערס וואָס לאָס אַנדזשעלעס האָט אַריינגע־שפּילט אין זייערע הענט.

אויגוסט, 1965

סנה און סיני

(צום ח״י־יובל פון מדינת־ישׂראל)

אויף די פליגלען פון צאַרטער לעגענדע טראָגט זיך מיין פאָלק איבער דורות אומצאָליקע, איבער וועלטן בישט געאַנטע, פון אָפּגרונטן פינצטער־פאַרצווייפלטע ביז הימלען מילד־בלויע, מיט איביקער האָפענונג באַזוימטע — טראָגט זיך מיין פאָלק איבער שוואַרצע תהומות צו ליכטיקע האָריזאָנטן — אייביקייט פון עבר שוין הינטער זיך געלאָזן, און דעם שטראַלנדיקן אין־סוף אַנטקעגן.

דער סנה איינעם מדבר האָט נאָך אויף קיין איין רגע נישט אויסגעלאָשן זיך. ער ברענט און ער פלאַקערט כסדר, קליין געוויקסיק ווי ער, איז ער אָבער פאַרעקשנט אין זיין באַשטענדיקייט. און ווען פאַרצערט עס איז שוין דער גאַנצער דאָרן כמעט, נעמט ער מיט פרישן כּוח זיך ווידער אָן און צינדט זיינע צווייגן העליש אויף דאָס ניי.

דאָך קעגן איבער דעם סנה הויבט זיך דער סיני. נישט הויך איבער דער ערד, אָבער מאַיעסטעטיש מיט זיין הימלישן באַריר, און אין זיין שויס דאָס פייער פון לוחות צעבראָכענע.

און יעדער מאָל ווען דער דאָרן אין דער וויסטעניש דעם קיום פון משהס קינדער אין סכּנה שטעלט, שטילט דער סיני דעם דראָענדיקן פלאַקער איין און פון די שערבלעך פון לוחות צעבראָכענע מאַכט ער דעם לא תרצח אויף ס׳ניי שיינען, כּדי פון זיינע קינדער זאָל שטענדיק אַ שארית־הפליטה בלייבן און די וועלט זאָל ווייטער אַ קיום האָבן.

איינס קעגן אַנדערן שטייען זיי לאַנג שוין אַזוי — דער סנה און דער סיני. און ווען די משהס פון אַלע צייטן הייבן זייערע הענט צו הימל אויף אין געבעט פאַרן בחיר־היצירה, אַז דער מענטש זאָל אין אומווערדיקער, גשמיותדיקער חשכות נישט פאַרזינקען, אַז ער זאָל דעם צלם־אלוהים מיט מסירת נפש קולטיווירן און אָפּהיטן — דעמאָלט צעשטראַלט זיך סיני איבער דער וועלט און פול ווערט די ערד מיט חכמה און אמת. אָבער אין טריבע

צייטן, ווען די הענט פונעם נביא לאָזן זיך הילפלאָז אַראָפּ, נעמט דער קליינטשיקער סנה זיך מיט פרישע כוחות אָן און ער פאַרברענט אָן רחמנות אַלץ אין זיין שליטה. זיינע גרעסטע פלאַמען פון כּעס אָבער, רעזערווירט ער פאַר דעם פאָלק פון משהן, ווייל דאָס דאָזיקע פאָלק האָט ביי סיני נעשׂה ונשמע געזאָגט.

דורות גייען און דורות קומען און בּידע אַלץ געדויערן — דער סנה און סיני. טויזנטער יאָרן האָט דער קליינער דאָרן חורבן אויף דעם עם־הספר געבראַכט, געשטיקט דאָס פאָלק און דעם ספר געברענט; און סיני האָט בלויז די וווּנדן פון די ניצול־געוואָרענע געגלעט און דעם סנה ווייטער טליִען געלאָזט: עלילות־דם, מכשפה־געיעג, קירכן־נגישות און פריצישע באַליי־דיקונג — ביז מסע־הצלב און שפּאַניע פון טאָרקוועמאַדאָ און ת״ח ות״ט — צעבראַכן מיין פאָלק און פאַראומווערדיקט די וועלט.

אָבער דער ספר איז די פלאַמען בייגעקומען. אַ מאָל שוואַכער, אַ מאָל שטאַרקער האָבן פון די אומענדלעכע רוימען פונעם חלל אָפּגעשיינט די וויזיעס פון רבי עקיבא און די ווונדערלעכע קדושה פון ביתר, ירושלים און מסדה. ווי די כוואַליעס ביים ברעג איז דער גורל פון מיין פאָלק אין דעם אייביקן לויף פון צייט — אויף און אָפּ: ביים אויסגעחלומטן ברעג איז יהודה הלוי פון דעם צאָרנדיקן סנה פאַרצערט געוואָרן אָבער „לבי במיזרח ואני במערב״ איז פון סיני פאַר ווייטערדיקע דורות אויפגעהאַלטן געוואָרן, כּדי די בענקשאַפט נאָך גאולה זאָל שטענדיק מונטערן, וועקן און צו גרויסע מעשׂים אָנרעגן.

און אַזוי פון מאַינץ, וואָרמס, טולטשין איבער אוישוויץ, טרעבלינקע און געטאָ־וואַרשע ביז יציאת־אייראָפּע — מיין פאָלק האָט אָנגעהויבן צו שליסן דעם געשיכטלעכן רינג: פון מצרים און פון פלישתים, און פון עמלקים—דייטשן — פון רוצחים פאַליאַקן און גלייכגילטיקע בריטן, האָבן אויסגעפּרוּווטע העלדן פון דעם פאָלק מיינעם מיט שטאָלצע, געמאָסטענע טריט, געהייליקטע אין שלאַכט מיט דעם היסטאָרישן שונא, דעם מצרי, זיך דערנענטערט צום געבוירן־פּלאַץ פון פאָלק ישׂראל: ווייס־בלוי געוואַנט אין זייערע הענט און דעם פלאַטער פון מיליאָנען נשמות פון קדושים אין זייערע הערצער. אַרויף, אַרויף צום סיני — העכער, העכער צו דער אייביקייט פון פאָלק ישׂראל. און אויפן סאַמע שפּיץ די ווייס־בלויע פאָן פאַרפלאַנצט, דעם סימבאָל פון לא תרצח!

דער קרייז איז פאַרענדיקט. סיני טורעמט שוין ווידער און רייסט זיך צו די הימלען. דעם קליינעם סנה האָבן אונדזערע העלדן אין מדבר גישט אַנטדעקט — פאַרשווונדן אפשר? אָדער פאַרהוילן?

אַזוי לאַנג ווי עס וועט דער וויס־בלוי פון סיני זיך אָפּשלאָגן אין די הימלען פון מדבר, אַזוי לאַנג ווי עס וועט לעבן אין די קינדער פון פאָלק ישׂראל די דורות־לאַנגע תשוקה צו זיין אַן אור־לגויים; ווי לאַנג די אויגן פון תפוצות־ישׂראל וועלן זיין געווענדט מיט ליבשאַפט צו דער מדינה, ווען מען מיסיע עס איז צו פאַרענדיקן גלות אויף אייביקע צייטן — אַזוי לאַנג וועט סיני דאָמינירן איבער אונדזער גורל און מיר וועלן זיין בכוח פון דאָס ניי אָנצוהייבן אונדזער גאַנג אין דער אייביקייט, מיטן מילדן חסד פון סיני איבער אונדזערע קעפּ.

נאָך דעם יון־מצולה פון גלות־אייראָפּע האָבן מיר דערלעבט דעם ח״י פון דער באַנייטער מדינת־ישׂראל.

דאָס איז אַ גרויסע מינוט אין דער אומענדלעכקייט פון צייט — ווייל אייביק איז דאָס פאָלק.

מאַי, 1966

...לאור גדול

— — — צו די מאָראַלישע הויכן פון מעמד הר־סיני ווינקען זיך הײַנט איבער מיט דער ניינצן־יאָר אַלטער הגדה פון אונדזער צײַט, און אויף די גלעטנדיקע זאַמדן, וואָס אויף דעם ברעג פון חיפה אין צפון, קומט אונדזער אַלט פאָלק צוריק צו דעם דרום־ברעג פון אילת, וואָס האָט אפשר געדינט ווי דער ערשטער אָנשפּאַר פאַר דעם פאָלק אין די צײַטן פון יציאת־מצרים.

פאַרשײדענע צײַט־חשבונות זענען פאַראַן אין דער וועלט: יעדע פעל־קער־גרופּע האָט זיך איר אײגענעם צוריקבליק אויף דעם לויף פון צײַט און דעם אָנהייב פון דעם באַשאַף: די כינעזער באַזונדער, און די קריסטן באַזונדער, און די הינדוסן, און אַנדערע — וואָס זאָלן מיר באַטראַכטן ווי דעם צענטראַלפּונקט פון וועלכן מיר גייען אַרויס אין דער צײַט? — אַוודאי האָט דער עכאָ פון „אָנכי״, וואָס האָט אָפּגעקלונגען אין דעם חלל פון מדבר קײן מאָל נישט אויפגעהערט צו באַשײנען דעם קאָפּ פון אונדזער אומה; דאָס ערשטמאָליקע אַקצעפּטירן די געבאָטן פון דער העברעער מאָראַל, איבער אַלע געצן און מיטאָלאָגיעס פון די פעלקער אין אַלע צײַטן, האָט אונדז אויסגעצייכנט און אויסגעטײלט פון די אומות־העולם. — אָבער מיר זענען גלײַכצײַטיק פאַראורטײלט געוואָרן אַלע מאָל פון דאָס נײַ אונטערצוגײן און ווידערגעבוירן ווערן כּדי יעדעס מאָל ווידער צו דינען ווי אַ בײַשפּיל פאַר אַנדערע.

אַזוי זענען מיר געווען ווי אַ דאָרן אין אויג די אַנטיקע רוימער מיט אונדזערע סאָציאַלע אײַנפירונגען, וואָס זענען געווען אומפאַרשטענדלעך אַפילו פאַר די אינטעליגענטסטע צווישן זיי. דאָס באַפרײַען שקלאַפן און די באַציִונג צו זיי מצד זייערע אייגנטימערס האָט אַרויסגערופן שפּאָט און אויך שׂנאה צו דעם מענטשן פון יהודה, וואָס האָט נאָך דערצו באַפרײַט אַלע זײַנע געדונגענע אָדער געקויפטע קנעכט פון יעדער אַרבעט יעדן זיבעטן טאָג. אויך די געבילדעטע און ספּאָרטיווע גריכן האָבן נישט געקאָנט תּופס זײַן דעם מהות פון אַ פאָלק, וואָס נויטיקט זיך נישט אין קײן שום פּסל,

קיין שום קונסטווערק כדי אויסצודריקן די טיפסטע געפילן פון פאַרערונג צו דעם איבערנאַטירלעכן, צו דעם נישט־דערגרייכלעכן.

האָט רוים געשלעפּט יידישע העלדן־שקלאַפן איבער די גאַסן און וועגן פון דער אימפּעריע, און אַטען האָט פילאָסאָפיש געפּרוווט פּאַרטיליקן דעם לעבנס־שטייגער, וואָס האָט זיך געשטיצט אויף די עשׂרת־הדברות, און אַלעקסאַנדריע של מצרים האָט, ווי דער שטייגער פון די פּרעהס, פּשוט געשאָכטן יידן אין די גאַסן און זיי פיזיש אויסגעמאָרדעט.

און אַזוי פון עמלק ביז היטלער, איבער שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, איבער רוסישע צאַרן און פּוילישע פּאַנעס, איבער מאָסקווער „פּרומע" קאָמוניסטן און געצנדינערישע פאַשיסטן. אַזוי קליין, שטענדיק, אונדזער פאָלק — און אַזוי גרויס אין די אויגן!

איז אפשר זאָלן מיר טאַקע אָנהויבן ציילן פון דאָס ניי? אפשר האַלטן מיר טאַקע ערשט ביי דער ציפער ניינצן?

— אַז אויסגעמאָרדעט זענען מיר דאָך שוין אויף אַן אמת געוועזן: מער ווי אין ביידע חורבנות פון אַ מאָל האָבן מיר זיך שוין געקנוילט אין די רויכן פון אוישוויץ און דאַכאַו און קיין שום אומה ולשון האָט זיך נישט געוואָלט מטמא זיין מיט אונדזערע פּליטי־חרב און זיי האָבן פאַרהאַקט זייערע טויערן פאַר אונדזערע אַנטרונענע גאונים, פילאָסאָפן, טעאָרעטיקערס, גייסטמענטשן, און אַוודאי שוין פאַר אונדזער פּשוט פאָלק.

ביי דער רשעותדיקער גלייכגילטיקייט פון דער „בעסערער" וועלט, אַן וועלכער ס׳איז הילף פון די „פריינד", טראָגט בלוטיקער מלחמה מצד די בני־ישמעאל! און די דברי־הימים פון די ניינצן יאָר לייענען זיך ווי אַ צויבער־מעשׂה פון אַ מאָל, אַ מאָל: רוסלאַנד האָט אונדז פיינט געהאַט בתכלית השׂנאה, אין דעם קרעמל האָט מען שוין געהאַט גוזר געווען כרת נישט בלויז אויפן יידישן דת נאָר אויך אויף דער יידישער כּפירה, אויב זי האָט נאָר געהאַט אַפילו אַ ווייטן שייכות מיטן יידישן מהות, מיט דער עצם אידענטיפיקאַציע מיטן שם־הכולל ייד, — פון דעסטוועגן איז דאָס זעלבע רוסלאַנד געווען אינסטרומענטאַל אין דערגרייכן דעם באַשלוס פון דער פעלקער־פאַרזאַמלונג אויפצושטעלן אַן אומאָפּהענגיקע יידישע מדינה.

דאָס „סאָציאַליסטישע" ענגלאַנד אונטער בעווינען האָט ממש געשיפּעט מיט גיפטיקער פיינטשאַפט צו די ארץ־ישׂראלדיקע יידן, פּונקט ווי פּרעה

זיך פֿאַרעקשנט נישט נאָכצוגעבן אַמעריקעס פֿאָדערונג אַריינצולאָזן אין לאַנד אַפֿילו בלויז הונדערט טויזנט ייִדן פֿון די קאָנצענטראַציע־לאַגערס פֿון אייראָפּע, — איז עס אויך מיט חרפּה אַרויסגעוואָרפֿן געוואָרן אויפֿן מיסטקאַסטן פֿון דער געשיכטע און אויף דעם באַלויכטענעם הימל פֿון פֿעלקער האָט אָנגעהויבן שיינען ליכטיק־גאָלדיק אַ נייער שטערן, — דער מגן־דוד האָט אָנגעהויבן וואַרפֿן זיינע שטראַלן אויף דער ערד און אַזוי שטאַרק זענען די דאָזיקע אויסשטראַלונגען געווען, אַז וואָס אַ מאָל מער פֿעלקער זענען צוגעצויגן געוואָרן פֿון דער בלענדנדיקער שיין און זיי קומען קיין ציון צו לערנען חכמה, — אַנדערע אויך תּורה.

ניינצן יאָר און מיר מוזן זיך אָפּהאַלטן פֿון דעם „המרבה לספּר‟, ווייל אַזוי פֿיל זענען די „נסים‟, אַזוי רייך די דערגרייכונגען, אַזוי פֿאַרפֿלאָכטן אין דעם פֿעלקער־געוועב איז די יונגע מדינה, אַז די נייע הגדה מוז געטיילט ווערן אויף פּרקים, און יעדער פּרק שטעלט פֿאַר אַ פֿילקאָלירִיקן, ווונדערלעכן בנין צוזאַמענגעשטעלט פֿון דעם געניוס פֿון פֿאָלק מיט ווונדערלעכער מאָזאַיִק:

על כּנפֿי נשרים — איינס; קיבוץ פֿון זיבעציק גלותן — צוויי; מיזוג־העדות — דריי; מבצע־סיני — פֿיר; צוזאַמענשמעלצונג פֿון אונדזער וועלט־נאַציע — פֿינף; — און אויפֿבוי פֿון אַן אייגענער ווירטשאַפֿט, און די אויס־דערוויילטקייט און הויכע מאָראַל פֿון צבא הגנה לישראל, און דאָס פֿרייוויליקע באַשטימען זיך ווי אַ דעמאָקראַטישע מדינה אין דער סאַמע מיט פֿון איסלאַ־מישער אָפּגעשטאַנענקייט און טויזנט־יאָריקער פֿוילקייט; איז ווער האָט עס כּוח שוין היינט, אין גאַנצן ניינצן יאָר זינט די שווידערלעכסטע מעמקים, אויסצורעכענען די אַלע מעלות און אויפֿטוען, וואָס עס איז אונדז אויסגעקומען ביייצווווינען און מיט די אייגענע אויגן צוצוזען?

אין אַפֿריקע — שליחים פֿון ישׂראל. זיי העלפֿן צוריק אַרויפֿצופֿירן אויף דער וועלט־אַרענע אַ כּמעט פֿאַרשווונדענעם שוואַרצן קאָנטינענט און צוריקשטעלן קאַרטאַגע צו איר אַמאָליקער ראָל; אין דרום־אַמעריקע — עמיסאַרן פֿון דער ייִדישער מדינה. זיי גיבן זייער מי אַוועק כּדי די ערד דאָרט זאָל שפּראָצן מיט קוואַליקן לעבן פֿאַר די אויסגעהונגערטע יורשים פֿון אַ פֿאַרפֿוילטער שפּאַנישער אינקוויזיציע; אין די אויסגעהרגעטע ישובים פֿון מיזרח־ און דרום־אייראָפּע — מדינה־וויזיעס פֿאַר די רעשטלעך פֿון די גאַזקאַמערן, און אין אונדזער גרויסער און רייכער אַמעריקע, מיט איר פֿילמיליאָניקער ייִדישער באַפֿעלקערונג — דער איינציקער רעאַלער צוריק־

האַלט פון אויסמישונג און דער איינציקער אָנשפּאַר פאַר המשך פון אונדזער נאַציאָנאַלן קיום דאָ.

ווען מיר היי־יאָר ווידער אַ מאָל זאָגן מיט גרויס כוונה די נייע, ניינצנ־יאָריקע הגדה און מיר ווען דערציילן זיך די „וווּנדער פון היינט״. אָבער „דיינו״ זאָגן מיר נאָך נישט!

גיב אונדז, שׂר פון יידישער געשיכטע, נאָך און נאָך און נאָך, ווייל די נויט איז נאָך אַלץ אַזוי גרויס...

מאַי, 1967

די גרויסע אַנטוישונג

(פופציק יאָר באָלשעוויזם אין רוסלאַנד און אין דער וועלט)

אַ, ווי עס וואָלט זיך געוואָלט מיטפרייען מיט דעם פופציק-יאָריקן יובילײ פון דעם „אָקטאָבער". די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע האָט אַרויסגערופן כוואַליעס פון פרייד ביי אַלע פעלקער, זי האָט געוועקט גרויסע האָפענונגען ביי הונדערטער מיליאָנען אונטערפּריווילעגירטע מענטשן פון אַלע ראַסעס און קאָלירן, די מענטשהייט האָט זיך געהויבן אויף אָט די כוואַליעס און פאַרשיכורט געוואָרן מיט זייער אויף־און־אָפּ־וויג. יעדער דערפאָלג פון דער רעוואָלוציע איז געפייערט געוואָרן מיט אַן ענטוזיאַזם, וואָס האָט נישט געהאַט זיין גלייכן אין פריערדיקע לאַנגע יאָרהונדערטער, יעדער נייער קאַמף קעגן אינערלעכע און אויסערלעכע שונאים האָט אָנגעשפּאַנט הערצער אין דער גאַנצער גרויסער וועלט. דער צאַריזם איז געפאַלן! אַ פינצטערע פאַר־שקלאַפונג־אינסטיטוציע, פאַרפלאַנצט פון אפשר די אָפּגעשטאַנענסטע פעאָ־דאַלן פון אַלע צייטן, אַ צעפוילטע אַליינהערשאַפט וואָס האָט דעגענערירט פון דור צו דור, אַ מאָראַלישע צעפרעסענע מאָנאַרכיע, וואָס האָט געהאַט דערבראַכט צו פיזישער צעפאַלונג — די ראַמאַנאָוו־ראַספּוטינישע חלאת וואָס האָט שוין כמעט געהאַט פאַרדאָרבן דאָס גאַנצע פאָלק, איז מיט אַ מאָל פאַרשוווּנדן פון דער רוסישער סצענע און אַ פרידיקן געזאַנג האָט זיך צעשפּרייט איבער דער לענג און ברייט פון דער גרויסער אימפּעריע. פונעם אַמור ביז דער כינעזישער גרענעץ, ביז צו דער וויסל וואָס אין פוילן האָבן די רויט־אַרמייערס געטראָגן די בשורה פון באַפרייונג.

און געפייערט האָבן הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות, וואָס אונטערן רוסישן צאַר. אַלע נאַציאָנאַליטעטן האָבן דערוואַכט צו אַ נייעם פרילינג און עס האָט געשמעקט מיט פרישן בעז אין די טריבע טעג פון רוסישן אָקטאָבער. פרילינג אין פעטראָגראַד, און אין בערלין און ווו נאָר עס האָט געשלאָגן אַ מענטשלעך האַרץ, ווו עס האָט געפלאַטערט אַ צאַרטע נשמה. רויטע פענער אין אַלע הויפּטשטעט פון דער וועלט — אייניקע רויט פון פריידיקער האָפענונג, אַנדערע פון אַרבעטער־בלוט, פאַרגאָסן מצד פאַר־

ביסענע שונאים בכל קצווי־תבל. אַזוי האָט אַוודאי אויסגעזען די וועלט אין די ערשטע טעג נאָך ששת ימי בראשית: שטורמיש אָבער באַהערשט פון אַ מין שאַפערישער שלווה, ווילדע נאַטור־כוחות, וואָס שטעלן אָפּ זייער באַטירלעכן געפּעכט און קומען זיך פאַרניכטן פאַרן ניי־געבוירענעם מענטש, דעם דערהויבענעם בחיר־היצירה — ליבלינגקינד פון דעם באַשאַף.

רוסלאַנד איז געוואָרן גרויס, אַפילו ווען שונאים האָבן אָפּגעריסן לעבעדיקע שטיקער פון דעם לאַנד פון אָקטאָבער. עס האָבן געריסן די דייטשן אויפן מערב און די יאַפּאַנער אויף די שטחים פון דעם ווייטן מיזרח. עס האָבן געווילדעוועט די טשעכן אין סיביר און די אוקראַינער פּאָגראָמשטשיקעס ביי דער וואָלגע — אָבער רוסלאַנד איז אַלץ געוואָרן גרעסער, שטאָלצער, העכער אין דעם געמיט פון דעם מין מענטש. „צען טעג וואָס האָבן צעטרייסלט די וועלט” זענען געווען צען טעג, וואָס האָבן דערהויבן די וועלט צו אויסגעבענקטע, אומדערגרייכלעכע הויכן. וואָס עס זאָל שוין נישט געשען מיט רוסלאַנד, ווי אויסגעקרימט עס זאָל שוין נישט ווערן דער ווייטערדיקער גאַנג פון דער סאָוויעטישער הערשאַפט, וועלן זיי נישט באַווייזן אָוועקצורויבן פון דער מענטשהייט אָט יענעם איבערלעב ווען ס'האָט זיך געדוכט, אַז אַ פמליה פון הימלישע וועזנס שטייט און זאָגט שירה אין מיטן פון טייכן בלוט, וואָס האָבן געזאָלט אָפּרייניקן די וועלט פון לאַנגיאָריקער פאַרדאָרבנקייט און דינען ווי אַ כפרה פאַר די קינס, וואָס האָבן אין לאַנגע דורות געמאָרדעט טויזנטער אומשולדיקע און פאַראומרייניקט די ערד מיט סדומישער אומווערדיקייט און פאַרברעכנס פון עמורה. אָט גלייך ווי די יוצאי־מצרים זענען געשטאַנען ביים ברעג פון ים־סוף און געזונגען מיט איבערגעפולטע הערצער די שירה ווען זייערע שונאים האָבן זיך געטרונקען אין די שטורמישע וואַסערן — אַזוי האָט אַן אויסגעבענקטע וועלט פון עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג געהויבן די הענט צום הימל און איבערוועלטנדיקער דאַנקבאַרקייט צום גורל, וואָס זיי האָבן דערלעבט דעם טאָג פון גאולת־האדם, די דערלייזונג פון יחיד און כלל. און פונקט אַזוי ווי ס'איז די יידן זייער חטא נישט פאַרגעבן געוואָרן — ווייל עס איז אַ זינד זיך צו פרייען איבער דעם אונטערגאַנג פון מענטשן, אַפילו שונאים — און זיי זענען פאַראורטיילט געוואָרן צו פייניקן זיך אין מדבר גאַנצע פערציק יאָר, אַזוי ווייזט אויס, איז אויך די פרייד מיטן אָקטאָבער געווען צו איבערוועלטנדיק, צו בלוטיק, צו שטראָפנדיק פאַר פיינט און פריינד צו גלייך, אַז זי איז פאַרמשפט געוואָרן אויף צענדליקער

יאָרן פון צוריקפאַל, פון אַנטווישונג און ווער ווייס אויף וויפל יאָרן פון דעגענעראַציע.

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז געווען די גרינטלעכסטע סאָציאַלע אי־בערקערעניש וואָס די רעקאָרדירטע געשיכטע האָט פאַרצייכנט. עס זענען קודם־כל געלאָזט געוואָרן אין גאַנג אומגעצוימטע צעשטערונג־כּוחות, וואָס האָבן נישט איבערגעלאָזן קיין שטיין אויף אַ שטיין פון דעם אַלטן סאָציאַלן בנין. אַזוי גרינטלעך איז געווען די צעשטערונג, אַז מען האָט בוכשטעבלעך זיך געפונען אָן ברויט, אָן אַ בגד, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. אַזוי ווי אַלץ וואָס איז געווען אָנגעזאַמלט פון די פריִערדיקע דורות וואָלט געווען טמא, נישט פאַר קיין מענטשלעכער האַנט זיך צו דעם צוצורירן. דאָ איז דער אָנגע־זאַמלטער כּעס, די ביטערניש און אומבאַהאָלפענער נקמה־געפיל געקומען צו זיין פּרימיטיווסטן אויסדרוק, אין ווילדער רציחה, אין הייליקן רעליגיעז־רעוואָלוציאָנערן אייפער, אין אומגעצוימטן דראַנג אָנצוהויפן חורבה אויף חורבה, אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך יעדן עול פון מענטשלעכקייט, יעדן געפיל פון רחמנות, יעדן לבוש פון קולטור און ציוויליזאַציע.

און דאַך האָט די וועלט, די גרויסע ציוויליזירטע וועלט, אַפּלאַדירט. ווייל עס זענען פאַראַן געוויסע מאָמענטן אין לעבן פון אַ פאָלק ווען עס מוז זיך רייניקן פון לאַנג־דורותדיקע זינד און אין אַזעלכע מאָמענטן פאַלן אָפּ אַלע נאָרמאַלע מאָסן און אַלע נאָרמען פון געזעץ־קאָדעקסן. דער אורמענטש קומט צום פאָרשיין מיטן גאַנצן בלוטיקן אויפברויז, וואָס זידט און קאָכט אין אים פון די אורעלטערן אָן, וואָס ווייסן בלויז פון איין אינסטינקט — בלוט־פאַרגעלטונג. דאָס רוסישע פאָלק האָט געהאַט אַלע סיבות זיך בלוטיק אָפּצורעכענען מיט זייערע פאַרשקלאַפערס. מיליאָנען זענען אומגעקומען אין די צאַרישע קאַזעמאַטן אין משך פון די ראָמאַנאָוו־דורות און דער טאָג פון חשבון האָט געמוזט אַ מאָל קומען, פונקט ווי אַזאַ טאָג איז פריִער געקומען אין פאַריז און שפּעטער אין גאַנץ מערב־אייראָפּע. די רוסישע גיליאָטינע האָט געאַרבעט עפעקטיווער ווי די פאַריזער, ווייל נישט אין באַסטיליע האָבן די רוסן געדאַרפט שטורעמען — גאַנץ רוסלאַנד איז געווען איין גרויסע באַסטיליע, ווו עס האָט געשמאַכט אַ גרויס פאָלק.

*

די גאַנצע וועלט האָט אַפּלאַדירט דעם אָקטאָבער. באַזונדערש גרויס איז געווען דער ענטוזיאַזם ביי די פאַרשיידענע פעלקערשאַפטן וואָס האָבן

באַווינט דעם ריזיקן רוסלענדישן שטח. דער לאָזונג איז געווען: צעריבט דאָס אַנגערויבטע! דאָס האָט זיך באַצויגן נישט בלויז צו די אונטערדריקטע מאַסן אַרבעטער און פּויערים, נאָר אויך צו די אונטערדריקטע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן פון דער רוסישער אימפּעריע. לענין האָט אַפילו נישט געוואָלט אַרויסגיין באַגעגענען די פינישע דעלעגאַציע, וואָס איז געקומען בעטן אומ־אָפּהענגיקייט פאַר פינלאַנד. ער דאַרף אַפילו נישט רעדן מיט די דאָזיקע בורזשויען. זיי ווילן אַוועק פון דעם סאָציאַליסטישן גן־עדן — גיב זיי זייער טעריטאָריע און לאָמיר נישט האָבן מיט זיי קיין עסקים. אַזוי ריין איז דעמאָלט געווען די נשמה פון דער רעוואָלוציע. און זאָל מען עס הײַנט נישט פּרווון פאַרלייקענען. אוקראַינע, ליטע, לאַטוויע, פּוילן און אַנדערע זענען געגאַנגען אויפן וועג פון נאַציאָנאַלער באַפרייונג און עס איז, אין די בליטעג פון דער רעוואָלוציע, נישט געווען קיינער וואָס האָט זיי געוואָלט שטערן. מען איז געווען פאַרכליניעט מיט אייגענער פרייד זיך אומצוקוקן אויף עפּעס דאָרט אַ שטיקל לאַנד דאָ און דאָרט. בפרט ווען מען איז געווען אַזוי זיכער, אַז די פעלקער וועלן אַליין וועלן צוריקקומען אין דעם גן־עדן פון דער רעוואָלוציע.

צווישן די וואָס האָבן אויפגענומען די רעוואָלוציע מיט אומגעצוימטער פרייד און געבענטשט איר אויפקום זענען געווען די מיליאָנען מאַסן ייִדן, וואָס האָבן באַווינט די רוסישע, פּוילישע, אוקראַיִנישע, ליטווישע און אַנדערע מדינות. זיי האָבן געהאַט די בעסטע סיבות זיך צו פרייען מיט דעם אַראָפּ־וואַרפן די צאַרישע טיראַניע. זיי זענען אַפילו געווען צווישן די וויכטיקסטע און געטרייסטע אונטערערדישע קעמפערס פאַר דער רעוואָלוציע און די איבערגעגעבנסטע שומרים אירע אין די ערשטע יאָרן פון איר עקסיסטענץ. אויב ביי אַנדערע פעלקער זענען בלויז די אַרבעטנדיקע עלעמענטן געווען פאַראינטערעסירט אין דער איבערקערעניש, זענען ביי ייִדן כמעט נישט געווען קיין שיכטן, וואָס האָבן זי באַקעמפט. האָט דאָך דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק געקרעכצט אונטער דעם אַנטיסעמיטיש־צאַרישן יאָך פון דעם אַלטן רוסלאַנד. האָט דאָך די פאַררייסענע דעגענערירטע דעספּאָטיע נישט דערלאָזט, אַז ייִדן זאָלן בכלל האָבן וועלכע ס׳איז געלעגנהייטן פאַר זיך און פאַר זייערע קינדער! זענען די קינדער נאַטירלעכערהייט געגאַנגען צו די דאָזיקע עלע־מענטן פון דעם רוסישן פאָלק, וואָס האָבן גערעדט אין טערמינען פון פולער פעלקער־פרייהייט ביז צום אָפּרייסן זיך פון דער מוטער־רוסלאַנד. ווי זשע

אַנדערש האָט מען געקאָנט טראַכטן אין יענער צייט? פאַר אַלעמען פרייהייט ביז צום אַוועקגיין פון דער היים און פאַר ייִדן נישט אַפילו קיין זעלבּ־פאַרוואַלטונג? בפרט אַז אין יענע טעג האָט מען גאָרנישט געפרעגט וואָס מען גיט יאָ אָדער נישט — מען האָט גענומען וואָס מען האָט געהאַלטן אַז עס קומט; האָט זיך צעבליט אַ שולנעץ און אַ רייכע ייִדישע ליטעראַטור און עס האָבן זיך פון דער גאַנצער וועלט געצויגן ייִדישע אינטעליגענטן מיט אַ טאָפּלטן צוועק: צו העלפן דער ייִדישער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג און אין דער זעלבער צייט טאַקע אויך העלפן דער רעוואָלוציע גובר צו זיין די קינדער־יאָרן און זיך צו פאַרפעסטיקן אין לאַנד. לאָמיר געדענקען, אַז די ייִדישע אַרבעטער־פּאַרטייען האָבן שוין פון פריִער געהאַט אַ טראַדיציע פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין צאַרישן רוסלאַנד און נישט איין רוסישער רעוואָלוציאָנער איז דערצויגן געוואָרן אין די געהיימע קרייזלעך פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג. ייִדן זענען געווען גאָר אָנגעזעענע פּראָנטלערס אויף דעם רעוואָלוציאָנערן גאַנג און געהויבענע מחותנים אויף דער רעוואָ־לוציע־חתונה.

די רעוואָלוציע האָט אַזוי טיף באַווירקט די ייִדישע יוגנט, אַז אַ באַדייטנ־דיקער טייל פון איר איז שוין געווען גרייט זיך אין גאַנצן צו פאַרגעסן אין דעם גרויסן שטראָם פון אַלמענטשלעכער באַפרייונג. דאָ זענען אָבער געקומען די ערשטע ביטערע פּילן, וואָס די באַוואוסטזיניקע ייִדישע אַרבעטערשאַפט האָט געמוזט אַראָפּשלינגען ווי די ערשטע קרבנות אויפן רעוואָלוציע־מזבח. נישט דאָ איז דער פּלאַץ אויסצורעכענען אַלע חטאים, וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרן קעגן ייִדן מצד די קאָמוניסטן. עס וועט פאַרנעמען צו פיל פּלאַץ און זיי זענען יעדנפאַלס שוין צו גוט באַקאַנט. פון 1917 ביז 1928 האָט מען זיך נאָך געראַנגלט. דער „בונד" איז שוין לאַנג געווען פאַרבאָטן, אָבער די לינקע פּועלי־ציון האָבן נאָך אָנגעהאַלטן אַ שײַן פון לעגאַליטעט ביז צום יאָר 1928. עפּעס איז זיי בייגעשטאַנען דער זכות פון די באָראָכאָוו־באַטאַליאָ־נען, וואָס האָבן געקעמפט בעת די רעוואָלוציע־יאָרן, אַזוי אויך דער פאַקט, וואָס די וועלט־באַוועגונג פון די לינקע פּועלי־ציון האָט געוואָלט זיך אָנשליסן אין דעם קאָמינטערן, אויב דער לעצטער וועט מסכּים זיין צו שאַפן אַ ייִדישע ביוראָ, וואָס זאָל אין היקף פון אירע אויפגאַבעס אַריינגעמען אויך דעם ציל פון קערעווען די ייִדישע עמיגראַציע־שטראָמען קיין ארץ־ישׂראל.

אויף דער וועלט־קאָנפערענץ פון די לינקע פּועלי־ציון אין דאַנציג, אין

יאָר 1924, זענען געקומען צוויי פאָרשטייערס פון דעם פּאָליט־ביוראָ פון דעם קאָמינטערן, וואָס האָבן זיך געאַמפּערט וועגן דעם דערמאָנטן פּאַראַגראַף און צום סוף צוריקגעפאָרן קיין מאָסקווע מיט אַ קאַטעגאָרישן אָפּזאָג פון דער פּועלי־ציון באַוועגונג אויסצושטרייכן ארץ־ישׂראל פון זייער פּראָגראַם.

עס איז אין יענער צייט געווען אַ מוטיקער טאַט מצד דער פּועלי ציון־באַוועגונג זיך צו האַלטן אַזוי פעסט אָן דעם פּאַלעסטינע־פּרינציפּ, ווען אַרום האָט שוין געבושעוועט די קאָמוניסטישע מגיפה אויף דער יידישער גאַס און האָט פאַרכאַפּט אַלץ מער נשמות פון דער יוגנט, וואָס האָט זיך געצויגן צו די פייערלעך פון דער רעוואָלוציע מיטן גאַנצן ברען פון זייערע יונגע אידעאַליסטישע נשמות. אַ סך זענען נישט בייגעשטאַנען דעם נסיון און ווי די פלאַטערלעך זיך געצויגן צום אויפליכט און זענען דאָרט פאַרברענט געוואָרן. זייער צאָל איז גרויס. טייל זענען אומגעקומען צוליב זייער טרייהייט צום פאָלק, אַנדערע — בלויז צוליבן חטא פון זיין יידן. נאָך אַנדערע ווייל זיי האָבן געשטאַכן די אויגן דער געזעלשאַפט מיט זייער געטריישאַפט צו די לאָזונגען, וואָס די רעוואָלוציע איז מיט זיי געבוירן געוואָרן און וואָס אירע נישט־יידישע טרעגערס האָבן פאַרראַטן און מיט אומשולדיק בלוט פאַרפלעקט.

די באַוועגונג אָבער ווי אַ גאַנצע, האָט איבערגעלעבט אַלע קאָמוניסטישע אָנשטורמען און איז אין משך פון לאַנגע יאָרן געווען אַן אַרויסרוף צו די אָפיציעלע קאָמוניסטן מיט איר סאַמע עקסיסטענץ. די באַוועגונג איז געווען אַ בולטע פאַרלייקענונג פון דער קאָמוניסטישער איינשטעלונג, אַז בלויז די וואָס געהערן צום קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל זענען כשרע רעוואָלוציאָנערן — לינקע פּועלי־ציון האָבן באַוויזן, אַז נישט זייענדיק אָנגעשלאָסן אין מאָסקווע, האָט מאָסקווע פון דעסטוועגן נישט באַוויזן זיי צו „שטויסן צו עקסטרעם־רעכטס”, ווי ס'האָבן געסטראַשעט די פאָרשטייערס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

לאַנגע יאָרן האָבן די אַרבעטנדיקע מענטשהייט און די אונטערדריקטע פעלקער נישט אויפגעהערט צו גלויבן אין דער רוסישער רעוואָלוציע. צוזאַמען מיט זיי האָט אויך די יידישע באַפעלקערונג פון אַ סך לענדער, ספּעציעל פון די מיזרח־אייראָפּעישע לענדער, נישט געוואָלט פאַרלירן איר לעצטע האָפענונג אויף אויסלייזונג פון נויט און אונטערדריקונג, וואָס די רעוואָלוציע האָט זיי צוגעזאָגט. אָבער די משפּטים פון די לעצטע דרייסיקער יאָרן און דער

בלוטיקער טראָר וואָס האָט זיי נאָכגעפאָלגט, האָט אַ סוף געמאַכט צו יעדער אילוזיע אויף אויסבעסערונג. — די רעוואָלוציע האָט אַנטוישט.

*

ס'איז גאָרנישט נויטיק צו פאַרלייקענען די גרויסע אויפטועו פון רוס־לאַנד אויף אַ גאַנצער ריי געביטן. פאַר וואָס, למשל, נישט אָנערקענען, אַז דער רוסישער פויער איז באמת באַפרייט געוואָרן פון זיין ביטערן גורל און אַריבערגעפירט געוואָרן צו אַ מענטשלעכן לעבנס־שטייגער, אויב מען זאָל באַנוצן ווי אַ מאָס דעם רוסישן סטאַנדאַרד פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה? צו וואָס זיך שפּאַרן צי די אויפטועו פון דער רוסישער וויסנשאַפט וואָלטן געקאָנט דערגרייכט ווערן אויך אין אַ דעמאָקראַטישן מלוכה־סדר? ווער איז עס בכוח צו באַווייזן, אַז די רוסישע ליטעראַטור און קונסט וואָלטן אפשר נאָך שטאַרקער זיך צעבליט ווען אירע שאַפערס און קינסטלערס וואָלטן געהאַט מער אינדיווידועלע פרייהייטן פון אויסדרוק? אָבער איבער אַלעם הויערט דאָס וויכטיקסטע וואָס די רעוואָלוציע האָט נישט דערפילט, נישט דערפילט איר עלעמענטאַרסטן צוזאָג, זי האָט נישט באַוויזן צו שאַפן און צו געשטאַלטן דעם נייעם מענטש!

אַ רעוואָלוציע, וואָס האָט אויסגעשאָכטן אירע אייגענע בעסטע זין און טעכטער, אָדער זיי געלאָזן דעגענערירן פיזיש און גייסטיק אין די לאַגערס און אַנדערע פאַרשיקונג־ערטער; אַ רעוואָלוציע, וואָס האָט געקענט דערפירן צו אַ שענדלעכן אָפּמאַך מיט אַ היטלער; אַ רעוואָלוציע, וואָס האָט געקאָנט מיט פיזישער גוואַלד דערשטיקן אַ דורותדיקע יידישע קולטור און זיך פאַרמעסטן אָפּצומעקן דעם נאָמען ייד פון אונטער אירע הימלען; אַ רעוואָ־לוציע וואָס האָט אומפאַרשעמטערהייט זיך פאַרנומען מיט שטיצן אַלע יידישע שונאים און צו פאַרגלייכן יידן מיט נאַצים; אַ רעוואָלוציע, וואָס האָט פאַר־מאַכט אירע אויערן אויף דעם געשריי פון לאַנגע יידישע דורות און איז געווען טעמפּ און פאַרגליווערט צו דעם ליכטיקן היסטאָרישן אויפגיי פון מדינת־ישראל — אַזאַ רעוואָלוציע האָט זיך אַליין געשענדט און פאַרפלעשט און אַרויסגערופן די גרעסטע געשיכטלעכע אַנטוישונג, וואָס איז פאַרשריבן אין די אַנאַלן פון דער מענטשהייט.

און אויב אַפילו עס וועלן אַ מאָל אויסגעגליכט ווערן אַ סך דורכרייסן פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און עס וועלן אַ מאָל פאַרווישט ווערן די

מאָרדן פון די אומשולדיקע מיליאָנען פאַרפייניקטע, און אויב עס וועלן אפשר אַ מאָל רעהאַביליטירט ווערן די נאָכוווקסן פון דעם רעוואָלוציע־דור און דאָס גאַנצע פאָלק וועט לעבן אין רחבות און אין קולטורעלער דערהויבנקייט — אויב דאָס וועט אַ מאָל געשען אין אַ וווּנדערלעכן אַחרית־הימים, וועלן מיר, יידישע רעוואָלוציאָנערן איבער דער וועלט, יידן פון היינט און פון מאָרגן, נאָר דעמאָלט זיין באַטייליקט אין אַזאַ אויסגעחלומטער וועלט. אויב עס וועט אויך דורך דער צייט אויסגעגלייכט ווערן די באַציִונג לגבי דעם יידישן פאָלק און לגבי דער יידישער מדינה. ווייל אין דעם פּרט זענען מיר גרויסע עגאָיסטן: אַפילו ווען עס זאָל אין רוסלאַנד געשאַפן ווערן אַ גן־עדן פאַר אַלע פעלקער, נאָר מיר יידן זאָלן דאָרטן פעלן — וועלן מיר זיך מיט צער און שׂנאה אָפּקערן פון דער אַ געזעלשאַפט!

מיר האָבן זיך אַנטוישט, ביטער אַנטוישט אין דעם „אָקטאָבער”. דער נייער מענטש איז נישט באַשאַפן געוואָרן. אָבער אפשר דאַרף מען פאָרט נישט פאַרלירן די האָפענונג אויף מענטשלעכער אויסלייזונג? אפשר וועט די גאולה קומען נאָר פון מערב! ווער קאָן פאָרויסזען די קאַפּריזן פון דער מאַדאַם היסטאָריע?

דעצעמבער, 1967

יידן און נעגער

ס'איז געווען אַ שווערער זומער דאָ אין אַמעריקע. אין די גרעסערע שטעט זענען פאָרגעקומען געשעענישן, וואָס האָבן אויפגערודערט דאָס לאַנד שוין באַלד אַזוי טיף ווי די מלחמה אין וויעטנאַם. ס'קאָן זיין, אַז די נעגערישע אַרויסטרעטונגען אויף די גאַסן האָבן געהאַט אַ שטיקל שייכות מיט דער וויעטנאַם־מלחמה. ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז אַן אויסלענדישע האַנט האָט דיריגירט דעם פיזישן כוליגאַניזם אויף די גאַסן פון נוארק, דעטראָיט א״א, פונקט אַזוי ווי דער פּאָליטישער כוליגאַניזם אויף דער שיקאַגער „קאָנ־פערענץ פאַר נייער פּאָליטיק" איז אָנגעפירט געוואָרן פון הויפּטשטעט אויסער אַמעריקע.

אָבער דער ענין נעגערס איז אַ גרויסער טראַגישער קאַפּיטל פון גאַנץ אַמעריקע און די וועגן פון לייזן דעם דאָזיקן פּראָבלעם וועלן אָנגעצייכנט ווערן ווי אַ פּועל־יוצא פון נאָך מער צוזאַמענשטויסן צווישן דער ווייסער מערהייט בירגערס און דער שוואַרצער מינדערהייט. די דאָזיקע צוזאַמענ־שטויסן זענען געוואָרן אַן אומפאַרמײַדלעכער פאַקטאָר אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון לאַנד און זיי וועלן זיך אויסדריקן אין קאַמפן, וואָס וועלן אַ לאַנגע צייט נישט אַראָפּ פונעם סדר־היום פון דער אַמעריקאַנער געזעל־שאַפטלעכקייט. זיי וועלן פירן צו אַ באַפרידיקנדיקער לייזונג פון נעגער־פּראָבלעם, אויב זיי וועלן אויסגעקעמפט ווערן אויף די טריבונעס פון אַמע־ריקאַנער געזעצגעבונג, אויף פּאָליטישע דעמאָנסטראַציעס פון ווייסע און שוואַרצע, אויף די קעמפּוסעס וואָס וועלן באַווייזן צו גרופּירן ווייסע און שוואַרצע סטודענטן פאַר אַ געמיינזאַמען ציל פון אַ פּראָגרעסיווער אַמעריקע. זיי וועלן אָבער דערפירן צו אַ שוידערלעכער רעאַקציע פון אַמעריקאַנער פאָלק און צו פּאָליטישער איזאָלאַציע פון דער נעגערישער מינדערהייט אויב עס זאָל זיך אַרויסווייזן, אַז די יונגע פירערס פון דער „שוואַרצער מאַכט"־באַוועגונג האָבן טאַקע געווונען די אויבערהאַנט אין דער נעגערישער גע־זעלשאַפט.

דאָס וואָס איז געשען אויף דער שיקאַגאָ־קאָנפערענץ וואַרפט אַן אומ־

הימלעכן שאָטן אויף דער באַוועגונג פאַר גלייכע רעכט פון די נעגערס. עס ווייזט אויף געפערלעכע טענדענצן וואָס קאָנען דערפירן צו אַן אומגליק פאַר דער גאַנצער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט. די טענדענץ צו פאַרבינדן דעם אינערלעכן שטרייט אין אַמעריקע מיט אויסערלעכע פאַקטאָרן וועמענס ציל עס איז צו באַקעמפן די פאַראייניקטע שטאַטן אויף אַלע פראָנטן איז עלול צו שאַפן אַ לאַגע ווען דאָס אַמעריקאַנער פאָלק זאָל אָנהויבן צו קוקן אויף איר נעגערשער מינדערהייט ווי אויף אַ פרעמדן פיינטלעכן כוח, וואָס מוז באַקעמפט ווערן ווי אַן אינערלעכער שונא וואָס איז פאַרבונדן מיט די געשוווירענע פיינד פונעם לאַנד. איז דאָס טאַקע דער ציל פון די קאַרמייקלס און די רעפּ בראַונס? לאָמיר האָפן, אַז די היסטאָריע פירערס פון דעם נעגער־קאַמף אינעם לאַנד וועלן באַוויזן צו האַמעווען דעם געפערלעכן שטראָם פון שנאה צו אַמעריקע, וואָס זיינע כוואַליעס זענען אויסגעבראָכן מיט אַזאַ קראַפט אין די לעצטע חדשים.

דער יידישער אַספּעקט פון די לעצטע געשעענישן רופט אויף אַרויס גרויס אומרו: ס'איז פּשוט נישט פאַראַן קיין לאָגישע דערקלערונג פאַר דער יידן־שנאה, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אויף דער קאָנפערענץ אין שיקאַגאָ. וואָסער פאַרבינדונג איז עס פאַראַן צווישן דעם באַפרייונג־קאַמף פון די נעגערס אין אַמעריקע מיט דעם אַראַביש־ישראלדיקן קריג אויף דעם נאָענטן מיזרח? און וואָס שטויסט אַזאַ סטאָקלי קאַרמייקל צו דערקלערן אין אַלזשיר, אַז די יידן זענען געווען אומגערעכט לגבי די אַראַבער אָנהויבנדיק פון 1948 ביזן היינטיקן טאָג? עס לייגט זיך פּשוט נישט אויפן שכל, אַז די פירערס פון „שוואַרצער מאַכט" גלויבן באמת, אַז די אַראַבער קאָנען מיט עפּעס וואָס מיטהעלפן דעם אַמעריקאַנער נעגער אין זיין געראַנגל פאַר אַ בעסערן מאָרגן.

אַגב איז נאָך אַלץ נישט אין גאַנצן קלאָר צי די ווייסע, אויך יידישע, ליבעראַלן בלייבן טאַקע ביי זייער פאַרבינדונג מיט די נעגערשע אַנטיסעמיטן. און עס פאָדערט זיך אַ קלאָרע דערקלערונג פון אָט די ווייסע עלעמענטן אין דעם ענין.

עס איז נישט מעגלעך, אַז יידישע קרייזן זאָלן האָבן וועלכן ס'איז משא־ומתן מיט די בראַונס און קאַרמייקלס! דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנד דאַרף געענוי אויפגעקלערט ווערן, אַז זי ווערט נישט גערופן צו אַ שותפות מיט די קאַרמייקלס. יידן מוזן וויכן פון זיי ווי פון אַ פּעסט.

דער קאַמף פון די נעגערס פאַר עמאַנציפּאַציע פאַרדינט, און האָט טאַקע ביז איצטער געקראָגן די גרעסטע אונטערשטיצונג פון דעם אַמעריקאַנער ייִדנטום. די ייִדישע געזעלשאַפט, אין איר גרויסער מערהייט, וועט ווייטער זיכער אויך שטיצן דעם דאָזיקן געראַנגל. עס דאַרף אָבער קלאָר ווערן, אָן שום באַוואָרעניש, אַז דאָרט ווו עס הייבט אויף דעם קאָפּ די אַנטיסעמיטישע הידרע וועלן ייִדן זי באַקעמפן מיט אַלע מעגלעכע מיטלען!

סעפּטעמבער, 1967

זיבעציק יאָר פּאָליטישער ציוניזם

מיט זיבעציק יאָר צוריק האָט ד״ר טעאָדאָר הערצל דערקלערט אויפן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין דער שווייצאַרישער שטאָט באַזעל, אַז דער ציוניזם האָט פאַר אַ ציל צוריקצוקערן דאָס ייִדישע פאָלק צו זיין היסטאָרישן הימלאַנד ארץ־ישראל. דער דאָזיקער ערשטער קאָנגרעס פון ציוניסטן ווערט דעריבער באַצייכנט ווי דער אָנהייב פונעם פּאָליטישן ציוניזם, וועלכער האָט, אין אונדזער צייט, דערפירט צום אויפקום פון דער אומאָפּהענגיקער ייִדישער מדינה אויף די ברעגעס פון מיטללענדישן ים.

דער קאַמף פונעם פּאָליטישן ציוניזם איז געווען פול מיט שטרויכלונגען און ער איז געגאַנגען דורך פאַרשיידענע וועגן און אומוועגן צום אולטימען ציל פון שאַפן אַ ייִדישע מדינה. די דאָזיקע געשיכטע איז גענוג באַקאַנט אַז מען זאָל דאָ דאַרפן דערמאָנען אַפילו די וויכטיקסטע עטאַפּן אירע. עס איז אָבער כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף דעם געראַנגל אין דער ייִדישער געזעלשאַפט גופא פאַר דער אָנערקענונג פון דער באַוועגונג, וואָס האָט זיך געשטעלט דעם פאַנטאַסטישן ציל נישט בלויז צו באַפרייען דאָס לאַנד פון פאַרוואָרלאָזטקייט און פון פרעמדע הערשערס, נאָר אויך איבערצושמידן די פּאָלקפסיכיק אין דער ריכטונג פון טעריטאָריאַלער אויפלעבונג.

מען דאַרף געדענקען, אַז ממש אין דער זעלבער צייט ווען ס'איז אויפגעקומען דער ציוניזם איז אויך אַנטשטאַנען אַ צווייטע באַוועגונג ביי ייִדן, וואָס האָט דערקלערט אַ טויטקאַמף דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע. אין ווילנע איז דעמאָלט אויפגעקומען „דער אַלגעמיינער ייִדישער אַרבעטער בונד״, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט געהאַט אַ באַדייטנדיקן איינפלוס אויף גרויסע ייִדישע מאַסן און וועלכער האָט אַ זייער לאַנגע צייט באַקעמפט דעם עצם געדאַנק פון דער עקסיסטענץ פון אַ ייִדישן וועלטפאָלק, מיט געמיינשאַפטלעכע אַלוועלטלעך ייִדישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן. אויך דער „בונד״ פייערט איצט זיין זיבעציק־יאָריקן יובל, שוין אַלס אַן אַלוועלטלעכע אָרגאַניזאַציע, וואָס

האָט זיך באַקערט צו דעם פּרינציפּ פון איין יידיש פאָלק אויף דעם גאַנצן ערדקיילעך.

ווילן מיר דאָ נישט באַשטרייטן די באַדייטנדיקע פאַרדינסטן פונעם „בונד" פאַר דער מאָראַלישער און פּאָליטישער עמאַנציפּאַציע פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן אין דעם פאַרמלחמהדיקן מיזרח־אייראָפּע. עס איז אָבער זיכער כדאי, ביי דער געלעגנהייט, צו דערמאָנען אויך דעם שאָדן וואָס דער „בונד" האָט אָביעקטיוו געבראַכט דעם יידישן פאָלק מיט זיין לײדנשאַפטלעכן קאַמף קעגן דער עצם אידעע פון מהותדיקער שטרעבונג צו באַזעצן זיך אין ארץ־ישׂראל. איך וויל דאָ נישט רעדן וועגן די מעגלעכע רעזולטאַטן פון אַן עווענטועלער בונדישער טאָלעראַנץ פון דעם ציוניסטישן געדאַנק (איך רעד דאָ נאָר פון טאָלעראַנץ, נישט פון אָקצעפּטירן דעם טעריטאָריאַלן פּרינ־ציפּ). אַ גרויסער און טיפער קוואַל פון נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן פּאַטאָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין פּוילן ביי די יידישע מאַסן וואָס האָבן זיך געפונען אונטערן איינפלוס פון „בונד". וואָסער שאָד וואָס קיין איין טראָפּן פון דער דאָזיקער שפּרודלדיקער ענערגיע פון די בונדישע יידן אין פּוילן איז נישט דערלויבט געוואָרן זיך צו ריכטן אין אַלגעמיין יידישע, נאַציאָנאַלע ציוניס־טישע קאַנאַלן.

איך וויל דאָ נישט נאָך אַ מאָל אויפהויבן די היסטאָרישע דיסקוסיע צווישן ציוניזם און אַנטי־ציוניזם אין דעם פאַרמלחמה־פּעריאָד. עס דאַרף אָבער, ביי אַט דער יובילײ־דאַטע אונטערגעשטראָכן ווערן דער היסטאָרישער פאַרדינסט פון אַ באַוועגונג, וואָס האָט געהאַט אויסצושטיין אַ ביטערן קאַמף נישט בלויז מצד מעכטיקע וועלט־פאַקטאָרן, נאָר אויך מצד שׂונאים אין דער אייגענער נאַציאָנאַלער סביבה און איז אַלע בייגעקומען מיט אַ צילבאַוווסט־קייט און איבערגעגעבנקייט צו דעם גרונט־אידעאַל, וואָס האָט אפשר נישט קיין גלייכן צו זיך אין דער געשיכטע פון נאַציאָנאַלע קאַמפן.

עס קומט דעריבער אויס לעכערלעך, ווען עס קומען היינט געוועזענע אַנטי־ציוניסטן און מאַכן אַן ערנסטע מינע ווען זיי רעדן מיט ביטול וועגן דער ציוניסטישער באַוועגונג און איר „בוצלאָזיקייט", ווייל „די מדינה געהער דאָך דעם גאַנצן יידישן פאָלק"... ווער האָט עס איבערגעגעבן דעם יידישן פאָלק די מדינה, אויב נישט די ציוניסטישע באַוועגונג? דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן זוכן באַלוינונג פאַר אַ זיבעציק־יאָריקן שפּרייז איבער יידישע ישובים אויף אַלע קאָנטינענטן אָדער וועגן „אָנערקענונג" פון דעם ציוניס־

טישן אויפטו. דאָס וועט שוין די נאַציאָנאַלע געשיכטע אונדז באַזאָרגן — נאָר וועגן אָנערקענען, אַז דער קאַמף, דער ציוניסטישער קאַמף איז ווייט נאָך נישט פאַרענדיקט.

ציוניסטן האָבן שטענדיק פאַרבונדן דעם קאַמף פון יידישע ישובים פאַר רעכט אין זייערע וווינלענדער מיט דער נאַציאָנאַלער אָנשטרענגונג פון גאַנצן, אַלוועלטלעכן יידישן פאָלק פאַר טעריטאָריאַלער אומאָפּהענגיקייט. זענען זיי פאַרשריגן געוואָרן ווי „שוללי הגלות" דערפאַר וואָס זיי האָבן נישט געגלויבט אין פולשטענדיקער נישט געשטערטער און פרוכטבאַרער יידישער נאַציאָנאַלער שאַפונג אָן דעם, אַז עס זאָל זיך געפינען אַ נאַציאָנאַל־טערי־טאָריאַלער אָנשפּאַר אין אַן אומאָפּהענגיקער מדינה. דער דאָזיקער וויכוח איז נאָך נישט פאַרענדיקט. נישט געקוקט אויף דער אמתער און אויפריכ־טיקער איבערגעגעבנקייט פון אַלע יידן און פון כמעט אַלע יידישע אָרגאַ־ניזאַציעס און אידעיִשע ריכטונגען צו דעם אויפבוי פון דער מדינה, האָבן פיל פון זיי נאָך נישט באַנומען די קעגנזייטיקע אָפּהענגיקייט פון אייגעם לגבי דעם צווייטן. דער ציוניסטישער פּרינציפּ איז געווען און פאַרבלייבט אַז דער צענטער פון גאַנצן יידישן פאָלק געפינט זיך אויף דער יידישער טערי־טאָריע. פון דער אַנטוויקלונג פון דעם דאָזיקן צענטער, פון זיין בוי און פון זיינע קולטורעלע אוןווירטשאַפטלעכע אויפטוען איז אויך, אין אַ גרויסער מאָס, אָפּהענגיק דער אויסזען פון די יידישע תפוצות. אַ סך נישט־ציוניסטן האָבן נאָך נישט תופס געווען די דאָזיקע עיקרדיקע פּרינציפּיעלע און פּראַק־טישע אָפּהענגיקייט.

די דאָזיקע אָפּהענגיקייט קומט צום אויסדרוק סיי אין פּאָזיטיוון זין, סיי אין געוויסע נעגאַטיווע אויסווירקונגען. עס וועלן זיך געפינען זייער ווייניק יידן וואָס וועלן נישט אָנערקענען, אַז מדינת־ישראל האָט אַ פּאָזיטיווע השפעה אויף דער אויפהאַלטונג פון יידישער אָנגעהעריקייט אין די גלות־לענדער. קיינער קאָן נישט לייקענען, אַז די לעצטע מלחמה מיט די אַראַבער האָט אַרויסגערופן נישט געזאַנטע נאַציאָנאַלע שפּירונגען און פאָלקישע רע־גונגען אַפילו ביי האַלב אַסימילירטע יידן, וואָס אַזעלכעס איז נישט צו פאַר־צייכענען אין אונדזער געשיכטע אין משך פון לאַנגע דורות גלות־לעבן.

אָבער שונאים פון יידישן פאָלק, פון זיין ווייטערדיקער נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ, סיי אַלס נאַציאָנאַל יידישע מיעוטים אין די לענדער פון זייער צעשפּרייטקייט און סיי אין מדינת־ישראל פּרווון שאַפן אַ צעטיילונג־ליניע

צווישן ציוניסטן און ייִדן. זייער כּוונה איז אַ זייער דורכזיכטיקע: ישׂראל ווי אַ מדינה איז אַ פֿאַקט וואָס מען מוז אָנערקענען צי מען וויל, צי מען וויל נישט — אָבער דער צוזאַמענבונד פֿון ייִדישן פֿאָלק מיט זיין מדינה איז נישט קיין בויטוועגדיקייט.

ליידער לאָזן אַ סך גוטע ייִדן זיך אויך כאַפּן אויף דער דאָזיקער ווענטקע פֿון כּלומרשטן אַנטי־ציוניזם, וואָס אין דער אמתן איז עס אַנטי־ייִדיש־נאַציאָנאַלע עקסיסטענץ. דאָ קאָן אויך די זעקסטאָגיקע מלחמה דינען ווי אַ קלאָרער ביישפּיל פֿון דער פֿאַרבינדונג צווישן די דאָזיקע צוויי עלעמענטן פֿון פֿאָלק: פֿאַר וואָס האָט דאָס ייִדישע פֿאָלק אין דער גאַנצער וועלט מיט אַ מאָל דערפֿילט אַזאַ הייליקן ציטער ווען די זעלנער פֿון דער מדינה זענען אַרויסגעגאַנגען אין פֿעלד באַגעגענען דעם שׂונא; סוף־כּל־סוף זענען דאָך די ייִדן אין דער וועלט נישט קיין אייביקע שׂונאים פֿון מצרים אָדער פֿון ירדן, אָדער פֿון אַנדערע! וואָס דער אַמאָליקער הערשער פֿון מצרים האָט געטאָן צו די ייִדן פֿון משה רבינוס דור איז שוין פֿון לאַנג אויסגעוועפּט געוואָרן אין די ניגונים און אין די סיפּורים פֿון דער אַלטער הגדה של פּסח, און די נייע מצרים האָבן נישט אויף קיין לאַנגן היסטאָרישן פּעריאָד גע־קרייצט דעם ייִדישן וועג. טאָ פֿון וואַנען דער דאָזיקער גרויסער נאַציאָנאַל־ייִדישער אָנשטרענג, אויב נישט צוליב דעם אינסטינקטיוון געפֿיל, אַז דער אייגענער גורל, סיי יחידיש און סיי קאָלעקטיוו ליגט אויף דער וואָגשאָל אין די זאַמדן פֿון סיני און אויף די הויכקייטן פֿון גולן?

דאָ ליגט די צעטיילונג צווישן ציוניסטן און נישט־ציוניסטן: די ערשטע נעמען די געשעענישן ווי אָפּגעריסענע פֿאַקטן אָן אַ באַזונדערער שייכות איינער צום צווייטן — ציוניסטן זעען די פֿאַקטן ווי רינגעלעך פֿון איין גרוי־סער היסטאָרישער קייט, וואָס פֿלעכטן זיך אַריין איינע אין די אַנדערע ווי לויט אָנגעצייכנטע געשיכטלעכע געזעצן.

ווי אומזיניק עס קלינגען דעריבער די פֿאָרווּרפֿן, וואָס מען האָט געמאַכט די ציוניסטן אַ מאָל און וואָס ווערן אויך פֿון צייט צו צייט אין אַנדערע פֿאָרמען איבערגעחזרט אין אונדזער צייט, אַז זיי, די ציוניסטן, ציִען אָפּ די אויפֿמערקזאַמקייט און ענערגיעס פֿון די ייִדישע תּפֿוצות פֿון זייערע אייגענע גלות־נויטן צוליב דער קאָנצענטראַציע אויף די אינטערעסן פֿון דער מדינה. אַדרבה, אויב ייִדישע אינטערעסן קאָנען באַפֿרידיקט ווערן, אויב ייִדישע אינטערעסן קאָנען סטימולירט ווערן, איז עס בלויז אויב עס וועלן

אַזעלכע אינטערעסן עקסיסטירן — און דאָס קאָן נאָר געשען, אויב ייִדישע ישובים וועלן גראַוויטירן אַרום דער מדינה און זי באַטראַכטן ווי די קרוינ־שאַפונג פון גאַנצן פאָלק. די פּאַקטישע לאַגע אין ייִדישן פאָלק הייַנט, נאָך זיבעציק יאָר ציוניזם און נאָך צוואַנציק יאָר מדינה איז, אַז דאָס גאַנצע פאָלק פּראַקטיצירט ציוניזם, אָבער רופט עס נישט אָן מיטן זעלבן נאָמען...

דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט געשאַפן דאָס באַקאַנטע באַזעלער פּראָגראַם, וואָס האָט פאָרמולירט די אויפגאַבעס פונעם ציוניזם צו שאַפן אַן עפנטלעך־רעכטלעך געזיכערטע היים פאַרן ייִדישן פאָלק אין ארץ־ישׂראל. מיט דער דאָזיקער אויפגאַבע איז די באַוועגונג געגאַנגען אין פאָלק און האָט אַרויסגעריסן פון די נעגל פון אַסימילאַציע און קולטורעלער דע־גראַדאַציע אַזוי פיל ייִדישע נפשות וויפל ס׳איז נאָר מעגלעך געווען — הייַנט קאָן די ציוניסטישע באַוועגונג צוריקקוקן מיט שטאָלץ אויף דעם אָפּגעג־גאַנגענעם וועג און זיך פאַרמעסטן אויף נייע גרויסע מעשׂים, כּדי צו פאַרפול־קומען די אויפגאַבע און צו דערגרייכן אויך דעם צווייטן ציל פון אייַנזאַמלען די גלותן. דער דאָזיקער ציל איז אפשר נישט ווייניקער שווער ווי דאָס אויפ־שטעלן אַ געזיכערטע היים פאַרן פאָלק אין ארץ־ישׂראל. די ערשטע זיבעציק יאָר האָבן באַוויזן, אַז עס איז נישטאָ אַזאַ כּוח וואָס קאָן שטערן אַ פאָלק אין זיין באַוווסטזיניקן גאַנג צו זעלבשטענדיקייט. עס איז איצטער ווידער אַ מאָל געווענדט אין דעם ווילן פון פאָלק צו פאַרווירקלעכן דעם צווייטן טייל פון דער נאַציאָנאַלער אויפגאַבע.

אָקטאָבער, 1967

יידישע מסקנות פון דער קאָמוניסטישער קאָנפערענץ

כמעט די גאַנצע וועלטפּרעסע — און באַזונדערש די יידישע צייטונגען — האָבן אונטערגעשטראָכן דעם מאָדנעם פאַקט: דער קאָמוניסטישער צוזאַמענפלי, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין מאָסקווע מיט געציילטע וואָכן צוריק, האָט איינשטימיק אָנגענומען די אַנטי־ישראלדיקע רעזאָלוציע. דאָקעגן אַנדערע טיילן פון דער דעקלאַראַציע האָבן אַרויסגערופן עפּנטלעכע שאַרפע חילוקי־דעות. זיי האָבן אַפילו דערפירט דערצו, אַז אַ גאַנצע ריי פּאַרטייען האָבן זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבן דעם „דאָקומענט". היות ווי מען האָט פאַרויס געוווּסט וועגן באַוואָרענישן מצד געוויסע אָנטיילנעמערס לגבי דער אויסגעשפּראָכנקייט און איינזייטיקייט פון דער רעזאָלוציע קעגן דער יידישער מדינה, האָט די שפּעטערדיקע איינשטימיקייט ביים אונטערשרייבן די אַלגעמיינע דעקלאַראַציע אַרויסגערופן אַ קענטיקע איבערראַשונג. צום בולטסטן האָט געשטאָכן די אויגן דער פאַקט, וואָס אויך די רומענישע פּאַרטיי — וועלכע האָט דאָרט געהערט צו די ווייניקע, וואָס האָבן זיך אָפן געבונטעוועט קעגן די פּרוּוון פון משפּטן און פאַראורטיילן בלויז מדינת־ישראל, נישט דערמאָנענדיק מיט קיין איין וואָרט די פּראָוואָקאַציעס פון די אַראַבישע לענדער — איז געווען געצוווּנגען אונטערצושרייבן די אַנטי־ישראל־דערקלערונג.

אַ צאָל קאָמענטאַטאָרן זענען געקומען צום אויספיר, אַז וואָס שייך דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט, האָבן די רוסן אויסגעאיבט אַן אומגעוויינטלעך שווערן דרוק אויף אַלע דעלעגאַציעס. זיי זענען דווקא באַשטאַנען דערויף, אַז די גאַנצע קאָמוניסטישע וועלט זאָל אויפטרעטן געשלאָסן און פאָדערן דאָס גאַנצע פונט פלייש וואָס די אַראַבער פאַרלאַנגען: אַ צוריקטריט פון די ישראלדיקע באַוואָפנטע כוחות פון אַלע פאַרנומענע שטחים.

קיין גענויע און קאָנטראָלירטע ידיעות וועגן דעם שאַרפן געראַנגל, וואָס איז פאָרגעקומען הינטער די קוליסן, זענען נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט

פאַראַן. די קאָנפערענץ וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן ביי געשלאָסענע טירן — און אַוודאי די דיסקוסיעס וואָס האָבן זיך געפירט בחדרי־חדרים — וועלן נאָך לאַנג וואַרטן אויף זייער פולער פאַרעפנטלעכונג.

עס וועט נאָך זיכער אַ מאָל קומען אַ צייט, ווען די רוסיש־קאָמוניסטישע פירערס וועלן שאַרפן די מעסערס איינער קעגן אַנדערן (אַ פּראָצעס וואָס קאָן נישט אויסגעמיטן ווערן אין אַ קאָמוניסטישער דיקטאַטור). דעמאָלט וועט, מסתמא, אויך אויפגעהויבן ווערן אַ שטיקל פון דעם פאָרהאַנג וואָס איז אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אין מאָסקווע. אָבער דערווייל מוז מען שטוינען.

פאַר וואָס אַזאַ קאָנצענטראַציע פון קאָמוניסטישע כוחות דווקא קעגן מדינת־ישראל? מען האָט זיך געריכט, אַז עס וועט דאָרט פאָרקומען אַ גרויסע שלאַכט צווישן די צוויי טיטאַנען פון וועלט־קאָמוניזם; מאָסקווע האָט דאָך, אין משך פון די לעצטע יאָרן, אַריינגעלייגט אָן אַ שיעור מי און כוחות, בכדי צו געווינען די ווייסע און שוואַרצע ראַסן פון אייראָפּע און אַפריקע קעגן דער „געלער געפאַר". אָבער וועגן כינע איז מען אָפּגעקומען מיט אַ רעדע פון ברעזשנעוון און מיט אַ שוואַכן אַנדייט אין דער דעקלאַראַציע. ערשט קעגן דעם קליינעם ישראל האָט מען אויסגעשאָסן דעם גאַנצן, גיפטיק־קאָמוניסטישן פולווער!

אַנדערע פּרוּוון דאָס דערקלערן מיט סטראַטעגיש־פּאָליטישע חשבונות: היות ווי דער נאָענטער מיזרח איז אַזוי לעבנסוויכטיק פאַר די רוסישע מלוכישע אינטערעסן — און אין דעם וועלטטייל קאָנפראָנטירן זיך די אינטערעסן פון אַמעריקע און רוסלאַנד — איז דאָס במילא דער וויכטיקסטער פראָנט פונעם וועלט־קאָמוניזם. דערפאַר די פאַרביסנקייט קעגן דער יידישער מדינה.

אָבער די דאָזיקע אויפקלערונג האַלט נישט אויס די עלעמענטאַרסטע נאָרמע: אַלע ווייסן, אַז די אמתע קאָנפראָנטאַציע מיט די רוסישע אינטערעסן קומט גאָר פאָר זייער ווייט פון דעם נילוס און דעם ירדן. אינעם מיטעלן מיזרח פאַלן בלויז רוסישע טאַנקען און עראָפּלאַנען, בעת ביים אוסורי־טייך פאַלן סאָוויעטישע סאָלדאַטן און עס גיסט זיך בלוט פון רוסישע גרענעץ־וועכטערס. נאָר ווי באַלד די רוסן האָבן באַגעגנט אַ ווידערשטאַנד צו זייערע אַנטי־כינעזישע פּלענער מצד אַנדערע קאָמוניסטישע פּאַרטייען האָבן זיי זיך צוריקגעצויגן; טאָ פאַר וואָס זענען זיי געבליבן אַזוי פאַרעקשנט בנוגע ישראל? זיי ווייסן דאָך, אַז ביי אַ צאָל קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין מערב־

איראָפּע איז פאַראַן אַ טיפער ווידערגעפיל קעגן די אַנטי־ייִדישע און אַנטי־ישׂראלדיקע אַרויסטרעטונגען אין די מיזרח־איראָפּעיִשע קאָמוניסטישע לענדער. ווי לאַנג איז עס דען זינט די פראַנצויזישע און איטאַליענישע פּאַרטייען זענען עפנטלעך אַרויסגעטראָטן קעגן דעם קיטשקאָ־בוך? פאַקטיש האָבן זיי געצוווּנגען די רוסן צו פאַראורטיילן אָפיציעל אָט דאָס שטיק מוקצהדיקן אַנטיסעמיטיזם! פון דעסטוועגן האָבן די רוסן מותר געווען אויף אַן אַנטי־כינעזישן אויסדרוק (אפילו אַ שוואַכן), אָבער זענען באַשטאַנען אויף דער איינשטימיקער פאַראורטיילונג פון מדינת־ישׂראל. די פּאָליטיש־סטראַטעגישע טעאָריע האָלט בכן נישט אויס דעם ניכטערן־קריטישן אַנאַליז. מוז מען אַנקומען צו אַנדערע אויפקלערונגען. דער איינציקער לאָגישער טעם פאַר דער אומלאָגישער האַלטונג קאָן בלויז געפונען ווערן אין דער איינגעוואָרצלטער, רוסיש־קאָמוניסטישער שׂנאה צו ייִדן; אַ שׂנאה, וואָס שטאַמט נאָך, בירושה, פון אַלט־צאַרישע צייטן.

שוין ביים געבורט פון באָלשעוויזם, אין די ערשטע יאָרן פון הייַנטיקן יאָרהונדערט, האָט לענין אַרויסגעוויזן אַ קעגנערשאַפט קעגן יעדן ייִדיש־נאַציאָנאַלן געדאַנק. נישט בלויז האָט ער שאַרף און אומברחמנותדיק באַקעמפט יעדן שפּראָץ פון ציוניזם — און אים פאַראורטיילט ווי בורזשואַז־קאַפּיטאַליסטישע קאָנטער־רעוואָלוציע — נאָר אַפילו דעם „בונד", וואָס איז דעמאָלט געווען אינטערנאַציאָנאַליסטיש געשטימט און זיינע נאַציאָנאַלע נייגונגען זענען נאָך געווען זייער שוואַך, האָט לענין אַכזריותדיק באַקעמפט. ער האָט אים איראָניש באַצייכנט ווי אַ „ציוניסטישע באַוועגונג וואָס האָט מורא פאַר דער ים־קראַנקייט". שוין אויף דער קאָנפערענץ פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין לאָנדאָן (אין יאָר 1903) האָט לענין אַנטוויקלט אַ ליידנשאַפטלעכע קאַמפּאַניע קעגן „בונד"; און אָט דער פּסק קעגן יעדן סימן פון ייִדישער נאַציאָנאַלער אייגנאַרט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג ציט זיך במשך פון צענדליקער יאָרן ביזן הייַנטיקן טאָג. הייַנט צייכנט ער זיך בלויז אויס מיט מער אָפן־אַנטיסעמיטישע טענער און הפקרדיקע אָנפאַלן אויפן עצם־וועזן פון ייִדנטום און קיום פון ייִדישן פאָלק.

אַז אָט די באָלשעוויסטישע פאַרביסנקייט איז באַגרענעצט בלויז צום ייִדישן פאָלק, האָט זיך נאָך בולטער אַרויסגעוויזן ביים אָנהויב פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע: בעת די פאַרשטייערס פון דעם פּינישן פאָלק זענען געקומען קיין פּעטערבורג און געבעטן ביי די באָלשעוויסטישע הערשערס

אַ דערלויבעניש זיך אָפּצורייסן פון דער גרויסער רוסישער אימפּעריע, האָט טאַקע לעניןאַליין נישט געוואָלט אַרויסגיין צו זיי און זיי נישט געוואָלט אויפנעמען אויף אַ זיצונג פון דעם פּאָליט־ביוראָ. ער האָט אָבער באַפוילן עמעצן פון דער רעגירונג זיי נאָכצוגעבן אַלע זייערע פאָדערונגען — אין הסכם מיט די פּרינציפּן פון קאָמוניזם, אַז יעדעס פאָלק האָט אַ רעכט אויף נאַציאָ־נאַלער זעלבסט־באַשטימונג, ביז צום אָפּרייסן זיך פון דעם מוטערלאַנד צו וועלכן עס האָט געהערט ביז דאַן. פאַר די פינלענדער אַלץ — אָבער פאַר די ייִדן גאָרנישט!

אָט די באַציִונג צו ייִדן קומט כסדר צום אויסדרוק במשך פון דער קאָמוניסטישער הערשאַפט אין רוסלאַנד: וואָס שטאַרקער עס איז געוואָרן די רוסישע מאַכט, וואָס מער דער קאָמוניזם האָט זיך פאַרוואָרצלט, אַלץ מער פון די ייִדישע רעכטן זענען צוגענומען געוואָרן. די ייִדישע שולן, געריכטן, אוני־ווערסיטעטן, קאָאָפּעראַטיוון און אַקאַדעמיעס האָבן נאָך אַפילו נישט באַוויזן זיך פונאַנדערצובליִען — ביז עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זיי די בלוטיקע האַק פון רוסישן אַנטיסעמיט. קיין שום אַנדער פעלקערשאַפט אינעם גרויסן רוסלאַנד איז נישט אַזוי גערודפט געוואָרן ווי דאָס ייִדישע פאָלק; אַפילו די געטרייסטע קאָמוניסטישע גרופּן אין דער ייִדישער סביבה זענען נישט אַריינ־גענומען געוואָרן אין דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. אַזוי האָבן דעקרע־טירט די קרעמל־סאַטראַפּן.

אין די ערשטע צוואַנציקער יאָרן האָבן אומצייליקע קאָמוניסטישע פּאַר־טייען און גרופּן, פון פאַרשידענע לענדער און נאַציאָנאַליטעטן, זיך געוואַנדן צום קאָמאינטערן מ׳זאָל זיי אַריינבעמען אינעם אינטערנאַציאָנאַל. אַלע וואָס האָבן מסכים געווען מיט די אַזוי גערופענע „21 פונקטן" זענען, אָן שוועריי־קייטן, באַשטעטיקט געוואָרן. אַנדערש איז עס געווען בלויז מיט ייִדישע גרופּעס; וועגן „בונד" איז אָפּגערעדט. אויף אים איז נאָך געלעגן דער חרם פון אַלטע באָלשעוויסטישע צייטן. אים האָט אַפילו נישט געהאָלפן זיין אויס־געשפּראָכענע שׂנאה צום ציוניזם און בכלל צום געדאַנק פון וועלכער ס׳איז טעריטאָריע פאַרן ייִדישן פאָלק.

די אַמאָליקע „לינקע פּועלי־ציון" האָבן געהאַלטן: אין אַנבליק פון ריזיקן פאַרנעם פונעם זיגערישן קאָמוניזם — וועלכער וואַקסט אויס צו אַ מוראַדיקן כּוח אין דער וועלט — איז נייטיק, אַז כאָטש איין גרופּע אין דער ייִדישער געזעלשאַפט זאָל האָבן די סימפּאַטיע פון אָט דעם פאַקטאָר אין דער

גרויסער וועלט. אָבער אויך זי האָט נישט זוכה געווען אַריינגענומען צו ווערן אין דער חברותא פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען, הגם זי האָט יאָ אָנגענומען די „21 פּונקטן". דער חטא פון יענע לינקע פּועלי־ציון איז געווען, וואָס זיי האָבן געוואָלט אַז די קאָמוניסטישע באַוועגונג זאָל אָנערקענען דעם פּרינציפּ פון קערעווען די יידישע עמיגראַציע אין דער ריכטונג פון ארץ־ישׂראל.

ס'איז אויך כּדאַי צו דערמאָנען די וועלט־קאָנפערענץ פון די „לינקע פּועלי־ציון" אין דאַנציג, אין יאָר 1924. די עקזעקוטיווע פון קאָמאינטערן האָט דאַן דעלעגירט צו דער קאָנפערענץ צוויי פון אירע אָנגעזעענע מיט־גלידער, חפץ און קענען. זענען זיי געקומען מיט אַ פּשרה־פאָרשלאָג: עס זאָל געשאַפן ווערן ביים אינטערנאַציאָנאַל אַ יידישע ביוראָ וועס וועט, צווישן אַנדערע אויפגאַבעס, זיך אויך דאַרפן פאַרנעמען מיטן רעגולירן די פּראָצעסן פון יידישער מיגראַציע. דאָס איז דאַן געווען אַ גרויסע הנחה מצד דעם קאָמאינטערן, ווייל די יידישע קאָמוניסטן (די דעמאָלטיקע „יעווסעקציע"), אינספּירירט פון די רוסישע פּירערס, זענען אַפילו געווען קעגן אַזאַ אָנער־קענונג פון ספּעציפיש יידישע נויטן. די „לינקע פּועלי־ציון" האָבן, נאָך לאַנגע ראַנגלענישן, אָפּגעוואָרפן די דאָזיקע פּשרה.

אַז די פאַרביטערטקייט פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי קעגן דער יידישער מדינה שטאַמט בעצם פון איר אַנטיסעמיטישער איינשטעלונג, האָט מען נאָך בולטער געזען אין די סטאַלין־יאָרן. זי איז נישט געמילדערט געוואָרן אויך מצד די נאָכסטאַלין־אַדמיניסטראַציעס. אַדרבא: עס מאַכט דעם איינדרוק, אַזוי ווי די רוסן האָבן שטאַרק חרטה אויפן „טעות" וואָס זיי האָבן געמאַכט אין 1947 — מיט זייער גראָמיקאָ־דעקלאַראַציע אין יו־ען, וואָס האָט אַזוי פיל בייגעשטייערט צום אויפקום פון דער יידישער מדינה.

עס איז טאַקע זייער טרויעריק פעסטצושטעלן, אַז אַט דער ריזיקער כּוח געהערט צו די פאַרביסנסטע שונאים פון יידישן פאָלק. אָבער מיטן מינימי־זירן די סכּנה וועט מען זיכער נישט פאַרשטאַרקן אונדזער נאַציאָנאַלע פּאָזיציע.

אַפילו אין דעם אָפּשניט פון דער דעקלאַראַציע, וואָס רעדט וועגן קאַמף קעגן שאָוויניזם און נאַציאָנאַליזם, האָבן די רוסישע קאָמוניסטן אַרויפגע־צוווּנגען אַ שענדלעכן זאַץ, וואָס רעדט וועגן נאַציזם און ציוניזם אין איין אָטעם.

דער קאָנגרעס אין מאָסקווע האָט נישט אויפגעטאָן קיין גרויסע זאַכן:

ער האָט פּאַקטיש גאָרנישט געענדערט אין די כוחות־פאַרהעלטענישן פון דער וועלט — און אַפילו נישט אין דעם אויסשטעל פון די קאָמוניסטישע כוחות גופא. מיר ווילן אָבער האָפן, אַז ער האָט יאָ געעפנט די אויגן פון אַ טייל ייִדישע לינק־ליבעראַלע אינטעלעקטואַלן כלפּי דער טויט־סכּנה וואָס לויערט אויף אונדזער עצם־קיום מצד דעם פינצטערן רוסישן אַנטיסעמיטיזם.

יולי, 1969

נייע פּאָליטישע וועלט־קאָנסטעלאַציע

די היסטאָרישע באַגעגעניש פון דעם אַמעריקאַנער פּרעזידענט ריטשאַרד ניקסאָן מיט די פירערס פון פאָלקס־כינע אין סאַמע האַרץ פון דער „פאַר־באָטענער שטאָט", האָט אַרויסגעפירט אויף דער וועלט־פּאָליטישער אַרענע אַ נייעם דעצידירנדיקן כּוח וואָס פריער, אין משך פון צוויי דעקאַדעס, האָט מען פאַר אים פאַרשטעלט דעם וועג צום אויבן־אָן אינעם „קלוב" פון די גרויסמאַכטן, וועלכע האַלטן דעם גורל פון דער וועלט אין זייערע הענט.

דער דאָזיקער היסטאָרישער צוזאַמענטרעף ברענגט מיט זיך ממש אַ רעוואָלוציאָנערן איבערבראָך אין צווישן־פעלקערלעכע באַציִונגען און איז בכּוח גורם צו זיין אַ גאַנצע ריי געשעענישן פון אינטערנאַציאָנאַלן באַטייט, וואָס וועלן זיך קייטלען איינע מיט דער אַנדערער און אפשר אויך ענדערן דעם צוזאַמענשטעל פון גרויסע וועלט־אינסטאַנצן און איבערשטעלן די סטרוקטור פון כּוחות־גרופּירונגען.

די געשפּרעכן אין פּעקין האָבן געהאַט אַ מעכטיקן אָפּקלאַנג אין דער פּרעסע און אַפילו אין דער וויסנשאַפט.

ס'איז מערקווערדיק, וואָס ערשט דאָ נישט לאַנג איז אויפגעקומען אַ נייע לערע אין די הויכשולן און אוניווערסיטעטן פון דער מערב־וועלט. ס'האָבן זיך געמערט די פּראָפעסאָרן און געלערנטע וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט שטודירן דעם כאַראַקטער און די אויסערן־פּאָליטישע טענדענצן פון דעם נאָך כּמעט אומבאַקאַנטן קאָלאָס וואָס הייסט סאָוויעט־רוסלאַנד; סאָ־וויעטאָלאָגיע איז געוואָרן איינע פון די וויכטיקסטע און אינטערעסאַנטסטע שטודיומס אין די ערשטקלאַסיקע אוניווערסיטעטן אין די דעמאָקראַטישע לענדער. אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענצן פון אָנערקענטע פאָרשערס אויף דעם געביט זענען רעגולער אָפּגעהאַלטן געוואָרן ——— און פּלוצעם איז מען געשטעלט געוואָרן פאַר דער דרינגלעכער אויפגאַבע צו שטודירן דעם צוויטן פענאָמען, וואָס הייסט כינע און וואָס פאַרשאַטנט דעם אינטערעס פאַר דעם רוסישן שכן אירן מיט איר אַרויסטריט אויף דער וועלט־בינע.

אַוודאי בעט זיך ביי דער געלעגנהייט אַ קורצער אַנאַליז פון דער פּאָליטישער און סאָציאַלער סטרוקטור פון די צוויי ריזיקע פעלקער־בלאָקן, וואָס יעדער פון זיי האָט אַרויסגעפירט זייגע פיל־הונדערטער־מיליאָניקע פעלקער־שאַפטן אויף נייע סאָציאַל־פּאָליטישע און עקאָנאָמישע רעלסן און זיי צוזאַמענגעשמאָלצן אין איין גרויסן, פּאָלגעוודיקן און דיסציפּלינירטן מאַסיוו, וועמענס גורל ווערט באַשטימט דורך דיקטאַטאָרן, וואָס הערשן ביד רמה און וואָס דערלויבן נישט קיין שום אָפּווייכונג, קיין שום קעגן־מיינונג.

די דאָזיקע אַריינדרינגונג אין דער נשמה פון די סלאַווישע און ווייט־מיזרחדיקע פעלקער און זייער אונטערטעניקייט (און אפשר גאָר זייער ווילִיקייט זיך אונטערצוּוואַרפן) צו האַרטע, אַכזריותדיע פירער־דיקטאַטאָרן, ווערט שוין געטאָן פון הונדערטער אָבסערוואַטאָרן אין דער גאַנצער וועלט, און אין אַלע שבעים לשונות.

אָבער אַפילו אַן אויבערפלעכלעכע אָפּשאַצונג פון דעם ניקסאָן־וויזיט אין כינע אין איצטיקן מאָמענט פאָדערט איבערצוחזרן די טעזע, וואָס איז לעצטנס אַזוי ברייט פאַרשפּרייט געוואָרן אַפילו אויך אין דעם אַזוי גערופענעם מאַרקסיסטישן לאַגער, אַז די אַנטוויקלונגען אויף אַלע געזעלשאַפטלעכע פראָנטן האָבן באַוויזן אַז די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון די באַזונדערע פעלקער נעמען די אויבערהאַנט איבער זייערע קלאַסן־פאַרלאַנגען. דאָס איז אַ פעסטשטעלונג וואָס איז לאַנג באַקעמפט געוואָרן פון די סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקערס פון די פאַרשיידנסטע פּאָליטישע שולן און אַוודאי מצד די אַזוי גערופענע טרעגערס פון מאַרקסיסטישן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם סיי פון דער רוסישער שיטה, סיי פון דער כינעזישער.

די דאָזיקע היסטאָרישע ווענדונג אין דעם טעאָרעטישן געדאַנקען־גאַנג אין דער מאַרקסיסטישער מחנה איז, פאַקטיש, בולט געקומען צום אויסדרוק אין דער רוסישער אינוואַזיע פון טשעכאָסלאָוואַקיע און אין דער באַגרינדונג פון דעם דאָזיקן אָנפאַל דורך דער „ברעזשניעוו־דאָקטרין“.

אָבער די פּראַקטישע מסקנות פון דעם דאָזיקן צוגאַנג האָט געצויגן העגרי קיסינדזשער, וואָס איז געווען דער מייסטער־מעכאַניקער פון דער ניקסאָן־נסיעה קיין פּעקין; ניקסאָן איז דעריבער געוואָרן דער וויכטיקסטער שטאַטסמאַן זינט דער צווייטער וועלט־מלחמה, וואָס האָט אָנגעהויבן דעם נייעם „דראַפט“ פון דער וועלט־פּאָליטישער מאַפּע וואָס איז עלול צו פאַרענדערן אויך די געאָגראַפישע מאַפּע אירע.

אַגב, איז דאָ ווערט אונטערצושטרייכן די ריכטיקייט פון דעם מאַרקסיס־טישן כּלל, אַז דער מענטש איז דער געפאַנגענער פון די מאַטעריעלע פיזישע באַדינגונגען אין וועלכע ער געפינט זיך: ריטשאַרד ניקסאָן איז געשטיגן אויף דעם אַמעריקאַנער פּאָליטישן לייטער אַ דאַנק זיינע קאָנסערוואַטיווע און צו מאָל רעאַקציאָנערע איבערצייגונגען און אַקציעס וואָס האָבן אים געמאַכט פאַר דעם ליבלינג פון דער אַמעריקאַנער גרויס־ בורזשואַזיע און פינאַנץ־קאַפּיטאַל — די אַמעריקאַנער פּאָליטישע און עקאָנאָמישעווירקלעכ־קייט און אירע פּאָליטישע וועלט־אינטערעסן האָבן אים אָבער דערפירט צו דער מדרגה פון אַ גרויסער פּאָליטישער פיגור וואָס לייגט אַרויף איר חותם אויף דער אַנטוויקלונג פון דער וועלט אין דעם לעצטן פערטל פון דעם 20סטן יאָרהונדערט.

פון פעקין ביז מאָסקווע איז אַ מהלך פון אַזוי פיל און אַזוי פיל הונדער־טער קילאָמעטער, אָבער דער פּאָליטישער מרחק גייט היינט נישט דירעקט, נאָר דורך וואַשינגטאָן, און די אַנגסטפולע שפּאַנונג אין דער וועלט צייכנט די וויטקייט נישט אין טערמינען פון מיילן נאָר אין קאַטעגאָריעס פון צייט, די צעטומלעניש ביי פעלקער און מדינות מעסט זיך דערוויל היינט אין טערמינען פון חדשים — צייטווייליק איז די מאָס דריי חדשים — דאָס איז די צייט פון פעברואַר ביז מאַי, ווען ניקסאָן דאַרף אָפּשטאַטן זיין וויזיט אין מאָסקווער קרעמל.

דער אַ צייטאָפּשניט וועט זיין פאַרהילט אין אַ טיפן נעפּל וואָס קאָן ברענגען מיט זיך שווערע קולות וברקים וואָס זאָלן צעציטערן די סאַמע יסודות פון דער וועלט; — אַ צעשראָקענע און פאַרפייניקטע מענטשהייט וויל אָבער זיך אַליין איינרעדן אַז ווען דער נעפּל וועט זיך צעשפּרייטן וועט דאָך אויפשיינען אַ האָפענונג אויף אַ שטיקל אָטעם־פויזע אין די צווישן־פעלקערלעכע באַציונגען.

דערוויל אָבער איז פאַר די קלענערע פעלקער, בפרט פאַר די גאָר קליינע, אָנגעקומען אַ צייט פון גרינטלעכער איבערראַשונג פון זייער נאַציאָ־נאַלן שטאַנד און צושטאַנד צווישן די לויתנס פון דער וועלט־פּאָליטיק; אויב טשעכאָסלאָוואַקיע האָט געקאָנט אין איינע 24 שעה פאַרשלונגען ווערן פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער שכנה און קיינער זאָל מיט קיין פינגער נישט אַ ריר טאָן לטובת דעם אומגליקלעכן קרבן, און אויב פון דער צוויטער זייט זאָל טאַקע סיי פאָרמאָזע און סיי צפון־וויעטנאַם פאַרהאַנדלט ווערן ווי אַ

סחורה אין אַ מקח־וממכר צווישן ניקסאָן און טשו־ען־לאַי, דאַן איז דאָך טאַקע לית דין ולית דיין.

אָט אין דער באַטראַכטונג ליגט די גרויסע צעטומלעניש אין דער גאַנצער וועלט. אַמעריקעס גרויס־מייסטערישער צוג צעמישט אַלע ביז איצטיקע יוצרות און הויבט אָן אַ נייע עפּאָכע אין דער שפּיל צווישן אַ נייער קאָמבי־נאַציע פון גרויסמאַכטן קעגן איבער אַ מחנה פון גאַנצע אָדער טיילווייזע סאַטעליטן וואָס זענען געצווונגען זיך צו אָריענטירן אויף איינער אָדער אַן אַנדערער סופּער־מדינה.

אין משך פון די נאָענטסטע וואָכן און חדשים וועלן זיכער אויפקומען די פאַרשיידנסטע און פאַנטאַסטישסטע אָפּשאַצונגען און פאַרויסזאָגונגען אויף דעם נאָענטסטן פּאָליטישן עתיד. עס דאַרף אָבער אָפּגעהיט ווערן אַ שטיקל גלייכגעוויכט צווישן די אָפּטימיסטן וואָס ווילן אין דער נייער וועלט־קאָנסטעלאַציע, וואָס שאַפט זיך איצטער, זען בלויז אַ גוטן ווילן פון די גרויסע מלוכות איינצוהאַלטן דעם שלום, און ממילא דאַרפן די קליינע פעל־קער זיך איינוויגן אין זיסע האָפענונגען און אָנגיין מיט זייערע אייגענע עסקים ווי „ביזנעס אַס יוזשואַל" — און צווישן די פּעסימיסטן וואָס האַלטן אַז אָט, אָט וועט אַ קאָמבינאַציע פון גרויסע צוויי אין קאָנקורענץ מיט דער דריטער פונאַנדערבלאָזן אַ שוידערלעכן אַטאָמישן טעראָר וואָס וועט אין דער ערשטער ריי מאַכן אַ סוף צו יעדער זעלבשטענדיקער עקסיסטענץ פון קליינע פעלקער.

דער אמת איז, אַז די געשיכטע האָט געשיקט די רפואה צוזאַמען מיט דער מכה: די אַטאָמישע געפאַר הויערט אויף די גרויסמאַכטן אויך; נישט בלויז מצד איינער פון זיי קעגן דער צווייטער, נאָר אַפילו מצד קליינע מדינות וואָס האָבן שוין אויך באַוויזן די קונץ פון צוצוגרייטן זיך אויף אַ צייט פון תמות נפשי עם פלישתים; אַ טייל פון זיי האָבן אויך שוין דעם פּאָטענציאַל פון אַנטוויקלען אַטאָמגעווער און — דער טאָג זאָל נישט זיין — אַן אַטאָמישער שפּליטער קען דערגרייכן אויך מאָסקווע, אויך וואַשינגטאָן און אויך פּעקין.

די מסקנות וואָס עס ציען קליינע מדינות פון דעם אָנהייב פון דער אַנטוויקלונג פון אַ נייער וועלט־פּאָליטישער סיטואַציע ווערן קלאָר פון די גרויסע געוועער־באַשטעלונגען וואָס שטייגן פון טאָג צו טאָג; באַשטעלונגען וואָס קומען אָן פון קלענערע מדינות סיי קיין מאָסקווע, סיי קיין וואַשינגטאָן און לעצטנס אויך אין פּעקין.

יהודה טיבערג

✶

געלייענט אין דער פרעסע: די לעצטע מאַנעווורעס פון צה"ל וואָס האָבן אַרומגענומען אַלע מיליטערישע פאָרמאַציעס, אַנגעהויבן פון פוסגייערס און דורך פאַנצער־געווער ביז צום לופטפלאָט, האָבן זיך געענדיקט מיט אַ וווּנ־דערלעכן דערפאָלג...

פעברואַר, 1972

עס וואָלט געקענט זיין אַזוי אַנדערש

(צום 55סטן יאָרטאָג פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע)

אין די איצטיקע טעג ווערט אין רוסלאַנד און אין דער גאַנצע קאָמוניסטישער וועלט געפייערט די דאַטע פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע, דעם זיבעטן נאָוועמבער ווערט 55 יאָר זינט די באָלשעוויקעס האָבן אָפּגעשאַפט דעם איינציקן דעמאָקראַטישן רעזשים וואָס האָט ווען עס איז געהערשט אין רוסלאַנד און האָבן איינגעפירט די „דיקטאַטור פון פראָלעטאַריאַט".

אין 1917 האָבן הונדערטער מיליאָנען מענטשן איבער דער וועלט אַנטקעגנגעקוקט דער רוסישער סאָציאַלער איבערקערעניש מיט תפילהדיקער האָפענונג און מסירת־נפשדיקער קאָמפּגרייטקייט צו העלפן דעם רוסישן פאָלק באַזיגן אַלע שוועריקייטן און זיך צו שטעלן אין דער שפּיץ פון אַלע פריהייטלעכע כוחות אין דער וועלט, אָנצוהייבן דעם מאַרש צו אַ נייער, קאָלעקטיוויסטישער געזעלשאַפט. עס איז אויסגעקומען ווי אַ נייע זון וואָלט אויפגעגאַנגען איבער אונדזער פּלאַנעט און אירע שטראַלן וואָלטן אַריינגעדרונגען אַפילו אין די חושכדיקסטע אָפּגרונטן פון מענטשלעכער געפאַלנקייט און אַרויסגעטריבן פון זייערע לעכער די אָרעמסטע, די אונטערדריקטסטע און זיי אָנגעפילט מיט אַ מוט און קוראַזש, וואָס אַזעלכע זענען שוין זינט יאָרהונדערטער נישט געווען בנמצא אין אַ וועלט וואָס האָט זיך געפייניקט אונטער אַכזריותדיקן אימפּעריאַליזם, אונטער גיריקן קאַפּיטאַליזם, אונטער מלחמה־עלנט. די וואָס האָבן איבערגעלעבט די דאָזיקע מאָמענטן פון מאַסנפרייד און טיפן גלויבן, וועלן דאָס קיין מאָל נישט פאַרגעסן. פון מאָסקווע האָט זיך געטראָגן דערמונטערונג צו די געפאַלנסטע און צום מיינסטן האָפענונגסלאָזע מענטשן. „צו אַלע, צו אַלע, צו אַלע" — האָט געדונערט אין אַלע הייזער, אין אַלע קעלערן, אַריינגעדרונגען אַפילו אין די תפיסות פון דער וועלט, געוועקט און געמונטערט און גערופן צו קאַמף ביי דער זייט פון די רוסישע מאַסן וואָס האָבן זיך געראַנגלט קעגן די איבערבלייבענישן פון

אַ דעגענערירטן צאַרישן רעזשים און געלייגט אומצייליקע קרבנות כּדי די וועלט זאָל ענדלעך קריגן אַ תּיקון.

און עס האָבן זיך געצויגן צו די שלאַכטפעלדער פון דער וועלט־רעוואָ־לוציע מחנות פרייוויליקע קעמפערס פון אַלע פעלקער, פון אַלע ראַסן, פון אַלע קאָנטינענטן, גרייט אויך זייערע אייגענע לעבנס צו געבן פאַרן זיג פון דער ערשטער גרויסער סאָציאַלער איבערקערעניש, וואָס וועט איין מאָל פאַר אַלע אַ סוף מאַכן צו אומגלייכקייט און עקספּלואַטאַציע, אַן ענדע צו מלחמות און ראַסנהאַס, צו אימפּעריאַליסטישער אונטערדריקונג און שׂנאת־חינם. אַזוי איז די רוסישע רעוואָלוציע פאַרטראַכט געוואָרן, און אַזוי טאַקע האָט זי אָנגעהויבן מיט 55 יאָר צוריק. זי האָט דאַן ממש צעטרייסלט די סאָציאַלע און פּאָליטישע יסודות פון דער וועלט. דער אייראָפּעיִשער קאָנ־טינענט, וואָס איז דעמאָלט געווען דער הערשנדיקער כּוח אין דער וועלט פון פּאָליטיק אוןווירטשאַפט, האָט אַ ציטער געטאָן, און אויך דער אויפ־שטייענדיקער עקאָנאָמישער ריז, די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, האָט זיך אָנגעהויבן טרייסלען. די מיליאָנען האָבן אָנגעהויבן אַרויסגיין אין די גאַסן און זיי פאַרוואַנדלען אין סטראַטעגישע באַזעס פאַר זייערע קלאַסנ־קאַמפן.

וויפל ערלעכע האָפענונג, וויפל עכטער אינערלעכער גלויבן!

קוקסטו צוריק הײַנט אויף דעם אָפּגעלאָפענעם האַלבן יאָרהונדערט און דו שטעלסט זיך אָפּ אַ פאַרוווּנדערטער, אַ צעטומלטער מיט אַ שטומער פראַגע אין די אויגן: ווי אַזוי איז דאָס אַלץ געשען? ווי אַזוי האָט מען עס געקענט צעטרענצלען אַזוי פיל ריינע געפילן, אַזאַ אויפברויז פון מאַסן־געוויסן, אַזאַ יש מיט גרייטקייט צו טאָן גוטס, צו העלפן אויסגלייכן, פאַרריכטן עוולות פון דורות??!

אַ סך תּשובות זענען שוין ביז הײַנט געגעבן געוואָרן און נאָך מער וועלן געגעבן ווערן מיטן לויף פון דער צייט; פילאָסאָפן און דענקערס, שרייבערס און רעוואָלוציאָנערן, פאָלקסמענטשן און וויסנשאַפטלערס גריבלען זיך שוין יאָרן אין דער טראַגישער אומוואַנדלונג פון אַ באַפרייענדיקער רעוואָלוציע אין אַ טייוואָלאָנישן רעזשים פון אונטערדריקונג און רשעות. אָבער עס ווײַזט אויס, אַז עס איז נישט פאַראַן בלויז איין ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע. איין ענטפער קאָן נישט אויסשעפּן דעם טיפן תּהום אין וועלכן ס'איז פאַר־זונקען די גרעסטע רעוואָלוציע פון אַלע צייטן און קאָן אויך נישט פאַר־

ענטפערן דעם אומדערקלערלעכן כּוח אירן מיטצושלעפּן אין אָפּגרונט אַריין אַזעלכע גרויסע טיילן פון דער מענטשהייט. סיידן מע זאָל דעם ענין אָפּפּטרן מיט דעם אַלטן „כּי יצר לב האדם רע מנעוריו". דאַן וואָלט מען אָבער זיך געדאַרפט אָפּזאָגן אויף אַלע צייטן פון יעדער האָפענונג אויף דערלייזונג, און דאָס איז קיינער נאָך נישט גרייט צו טאָן.

אפשר דאַרף מען געפינען אַ זכות פאַר דער רעוואָלוציע: סוף־כּל־סוף האָט זי בלויז פאַרבלאַנדזשעט געאָגראַפיש. זי איז נישט פאַרטראַכט געוואָרן פאַר מיזרח־אייראָפּע. מען גייט נישט אַזוי לייכט איבער פון אַ רעזשים פון ניקאָלאַי, ראַספּוטין, פורישקעוויטש צו אַ וועלט פון סאָציאַלן אחרית־הימים; אַ פאָלק וואָס איז נאָך געווען געקאָוועט אין קייטן פון כּמעט לייב־אייגנטום קאָן זיך נישט שטעלן, פון היינט אויף מאָרגן, אין שפּיץ פון דער מחנה וועלט־באַפרייערס.

האָט זיך די רעוואָלוציע אויסגעגליטשט — פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איר אייגענעם היפּוך; אַנשטאָט באַפרייונג — פאַרשקלאַפונג; אַנשטאָט פעל־קער־פאַרבינדונג — רויער אימפּעריאַליזם; אַנשטאָט אַנשטענדיקע באַציִונג צווישן אדם לחברו — חיהשע אייגננוציקייט און בלוטיקע גיריקייט. און אַזוי איז עס געשען אַז היינט איז מאָסקווע געוואָרן דער סימבאָל פון אַלעם שלעכטן, פאַרדאָרבענעם, אוממאָראַלישן אין דער וועלט.

אידעישע קעגנערס פון קאָמוניזם און באַזונדערש פון רוסישן באָלשע־וויזם האָבן גלייך ביים אָנהייב געטענהט, אַז דער טעראָר, די אַכזריותדיקע טשערעזוויטשאַיקע, די אַרעסטן און פייניקונגען וועלן ברענגען מיט זיך אַזאַ רעאַקציע, אַז די וועלט וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ דזשונגל, ווו ס׳וועט הערשן בלויז איין געזעץ: כּל דאלים גבר. ליידער האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז זיי זענען געווען גערעכט. אויב מ׳האָט געטראַכט אַז די רעוואָלוציע וואָלט אַוועקגעגאַנגען אויף אַנדערע, אַנשטענדיקערע וועגן ווען דער פּאַטאָלאָגישער סאַטראַפּ סטאַלין זאָל נישט פאַרכאַפּן די גאַנצע מאַכט, האָט אָבער די נאָכ־סטאַלין עפּאָכע באַוויזן אַז דער מקור פון דעם שלעכטס איז געווען נישט בלויז דער יחיד, דער אוזורפּאַטאָר, נאָר די עצם־סיסטעם. האָבן זיך דען די קאָנצענטראַציע־לאַגערס נישט אָנגעפילט אויף ס׳ניי גלייך נאָך דעם ווי זיי זענען אויסגעליידיקט געוואָרן נאָך די אויפדעקונגען פון כרושטשעוון אויפן צוואַנציקסטן קאָנגרעס? ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז ווען מען באַגרינדט אַ געזעלשאַפטלעכן רעזשים אויף דיקטאַטור, מוז ער דעגענערירן ביז צו

טעראָר, צו פאַרכאַפּערישע מלחמות, צו אונטערדריקונג פון יעדן פרייען געדאַנק, צו ליגנס, צו צביעות. דאָס איז געשען מיט דער רוסישער רעוואָ־לוציע. היינט, פינף און פופציק יאָר נאָך דעם גרויסן אָקטאָבער, איז מאָסקווע די פאַרקערפּערונג פון ווילקיר אין דער וועלט. איז קאָמוניזם אַ שרעקוואָרט מיט וועלכן מען סטראַשעט קליינע פעלקער און רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען.

דער גרויסער ליגן איז געוואָרן אַן אינטעגראַלער טייל פון דער גרויס־קאָמוניסטישער טאַקטיק: די סאָוויעטן האָבן זיך אויסגעשפּרייט איבער האַלב איראָפּע, זיי האָבן שוין געהאַט פאַרכאַפּט פּוילן, מיזרח־דייטשלאַנד, אונגאַרן, רומעניע, טשעכאָסלאָוואַקיע. די ריזיקע קאָמוניסטישע אימפּעריע האָט זיך געצויגן איבער טויזנטער מיילן פון דער וויט־מיזרחדיקער גרענעץ ביי כינע ביז צו די טייכן אָדער און דונאַי — אַ האַלבער ערדקיילעך האָט זיך שוין געפונען אין תּחום פון אירע גרענעצן, אָבער דאָס געוואָלדעווען וועגן דער „קאַפּיטאַליסטישער אַרומרינגלונג" האָט נישט אויפגעהערט אויף קיין איין מינוט, גלייך ווי מ׳וואָלט נאָך געהאַלטן פאַר די ערשטע צוואַנציקער יאָרן ווען די אַרמייען פון פּוילן און די צאַרישע גענעראַלן קאָלטשאַק און דעניקין וואָלטן נאָך אַלץ באַדראָט די שליטה פון די באָלשעוויקעס אין רוסלאַנד. אַ גאַנצע וועלט שטייט און שטוינט פון אָט דער אָפן ציניש ער ליגנערישקייט פון מאָסקווע, אָבער פּונקט ווי די צאַרן אַ מאָל האָבן די קרעמל־הערשערס פאַרלוירן יעדעס געפיל פון בושה און אָנשטענדיקייט און זיי שטעלן בלויז אויף דער קאָרט פון רויער ברוטאַלער גוואַלד און ציניש ן ליגן.

*

ייִדיש פאָלק איז צעפּערטלט געוואָרן און צעריבן געוואָרן אין משך פון דער דאַזיקער גרויליקער צייט. ווער קאָן, און ווער האָט עס דעם כּוח, אויסצורעכענען אַלע אומגליקן וואָס דער קאָמוניזם האָט אויף אונדז געבראַכט. אַפילו דער שוידערלעכער נאַציזם האָט געקראָגן זיין דערמוטיקונג דורך דעם סטאַלין־היטלער־פּאַקט. מאָסקווע האָט געמאָרדעט די בעסטע זין אונדזערע, און די אַטאַווּיסטישע שנאה צו ייִדן און ייִדישקייט אין אַלע אירע פאָרמען און אויסדרוקן בליט היינט אין מאָסקווע און אין קיִעוו ערגער ווי אין די צאַרישע צייטן.

און די צביעות! די הימל־שרייענדיקע, מאָנסטערישע צביעות! וואָס האָבן שוין די סאָוויעטן נישט אויסגעטראַכט פאַר אַ בלבולים אויפן ייִדישן

פאָלק און אויף דער ייִדישער מדינה. צו ערשט דער געמיינער בלבול, אַז ציוניסטן און ייִדן זענען גאָר צוויי באַזונדערע פאָלקס־קאָמפּלעקסן, דאָס הייסט אַז אַ ציוניסט איז גאָר אַ שונא פון ייִדן. דאַן די שוואַרצע, פינצטערע שנאה צו דער מדינה פון די ייִדן. אַן חרפה און אַן בושה קלאַפּט מען אַריין אין די מוחות פון מיליאָנען מענטשן, שיער נישט די שטרייכערישע טעאָריעס, אַז ייִדן האָבן באַהערשט די וועלט, אַז זיי זענען נישט געטריי קיינעמען, אויסער זיך אַליין, אַז זיי מיינעווען אונטער די גאַנצע מענטשלעכע געזעלשאַפט, אַז זיי ווילן איבערגעבן אַלע פעלקער צו דעם חסד פון זייער גאָט יעהאָוואַ, כדי ער זאָל זיי אַלע אומברענגען. אַזוי איז לעצטנס געזאָגט געוואָרן אין אַן אָפיציעלן ביולעטין פון דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדע אין פראַנקרייך און אין דער זעלבער צייט וויל מען פאַרטומלען די וועלט מיט אַן איינלאַדונג צו אַ העברעיִשן פּאָעט, וואָס האָט ליידער נישט געהאַט גענוג מוט זיך אָפּצוזאָגן פון דעם „פאַרגעניגן" צו טרינקען אַ לחיים מיט דעם פאַרשטייער פון דעם סאַמע מיאוסן שׂינאת־ישׂראל־רעזשים פון דער הייַנטיקער תּקופה.

דאַן דער בלבול וועגן דעם ישׂראלדיקן רעאַקציאָנערן, אימפּעריאַליסטישן רעזשים, וואָס הרגעט אויס אַראַבער, וועגן דעם ישׂראלדיקן אַגרעסאָר וואָס שטייט כּסדר גרייט אָנצופאַלן אויף די אַראַבישע לענדער און זיי אָקופּירן. די אַראַבישע וועלט, הייסט עס, איז געשטויסן צו איזאָלאַציע דורך דעם ישׂראלדיקן אַגרעסאָר. וואָס איז דען דאָ וויכטיק דער פאַקט וואָס מדינת־ישׂראל איז אין שטח און אין באַפעלקערונג ווי אַ שפּילקע־קעפּל קעגן דעם ריזיקן פאַרנעם פון דער אַראַבישער וועלט ? די „פּראַוודאַ", די „איזוועסטיאַ", אָדער גאָר די „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" האָבן באַשלאָסן, אַז ישׂראל איזאָלירט בייזוויליק און באַדראָט די אַראַבישע מדינות און דאָס צווינגט נעבעך דעם ראַטן־פאַרבאַנד, אין זיין טיפן געפיל פאַר פעלקער־יושר און גערעכטיקייט, צו איילן מיט הילף צו די „איזאָלירטע" און „באַדראָטע" אַראַבישע לענדער... ס'איז דען וויכטיק וואָס די אַראַבישע מדינות צוזאַמען מיט זייערע קאָמוניסטישע און אַפריקאַנישע שותּפים מאַיאָריזירן כּמעט די גאַנצע אונאָ, אַז בלויז די אַראַבער אַליין האָבן שוין זייער אייגנס גאַנצע צוויי צענדליק אומאָפּהענגיקע מדינות, אַז די הכנסות פון זייערע נאַטירלעכע אוצרות וואָלטן געווען גענוג צו באַשפּייזן אַ וועלט — מאָסקווע האָט באַשלאָסן אַז די צענדליקער מיליאָנען אַראַבער און די הונדערטער מיליאָנען מוסלמענער ווערן איזאָלירט דורך דער פאַרכאַפּערישער ייִדישער מדינה מיט אירע דריי מיליאָן

אײנװױנערס, מיט אירע „ריזיקע" שטחים פֿון אַ צען טױזנט קװאַדראַט מײַל בערך!

דאָ איז נישט שײַך קײן דיסקוסיע. ס'איז נישט קײן פֿראַגע פֿון איבער־צײַגונג, װײַל זײ, די סאָװיעטן, װײסן זײער גוט אַז קײנער נעמט נישט ערנסט זײערע טענות, אָבער די פֿעדעראַנקאָס און אַבראַסימאָװס זענען דערצױגן געװאָרן אין דער איבערצײַגונג, אַז ליגן און ציניזם זענען לעגיטימע װאָפֿן אין דעם קאַמף פֿאַר דער גרױסקײט פֿון רוסלאַנד.

מדינת־ישׂראל און דאָס ייִדישע פֿאָלק זענען געצװוּנגען צו אָנערקענען די ביטערע װירקלעכקײט, אַז אין מאָסקװע האָבן מיר הײַנט אפֿשר דעם ערגסטן שונא נאָך היטלערן, אַן אַכזריותדיקן פֿײַנט, װאָס זוכט נאָר עצות און תּחבולות אונדז צו שעדיקן און אונדז צו שלאָגן אױף די פֿילבאַרסטע פּונקטן פֿון אונדזער נאַציאָנאַלן גוף.

װען מיר גײען אַרײַן אין דעם 56טן יאָר פֿון דער באָלשעװיסטישער רעװאָלוציע קאָנען מיר בלױז באַדױערן די אומצײליקע קרבנות װאָס מיר האָבן מיט גלױבן געלײגט אױף אירע מזבחות און זיך אָנגורטן פֿאַר אַ לאַנגן, דױערנדיקן געראַנגל מיט אָט דעם מוראדיקן קאָלאָס, װאָס האָט אונדז דער־קלערט אַ מלחמה עד חרמה.

ס'װאָלט געקאָנט זײַן אַזױ אַנדערש, װען דער מיזרח פֿון אײראָפּע, װוּ מיר האָבן פֿאַרװוּנדעט אַזױ פֿיל גוטן װילן און אַזאַ באַדײַטנדיקן חלק פֿון אונדזער נאַציאָנאַלן געניוס אין משך פֿון אַ טױזנט יאָר, װאָלט הײַנט גע־שטאַנען בײַ אונדזער זײַט בעת דער פֿאָלקס־גורל אונדזערער װעגט זיך אױף דער געשיכטלעכער װאָג. לײדער קאָנען מיר נישט קאָנטראָלירן דעם היס־טאָרישן װעג פֿון אַנדערע פֿעלקער. ראַטן־פֿאַרבאַנד האָט אַנטױשט די גאַנצע װעלט — אונדז שטעלט ער אױס אױף די גרעסטע געפֿאַרן.

אָקטאָבער, 1972

פון לויטערן קוואַל

(זיבעציק יאָר פּאָלטאַווע)

די הייַנטצייטיקע פּראָבלעמאַטיק פונעם ייִדישן פאָלק איז אַזוי קאָמ־פּליצירט, זי נעמט אַרום אַזוי פיל געביטן פונעם פאָלקסלעבן, זי שפּרייט זיך אויס געאָגראַפיש אויף אַזוי פיל שטחים פון נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ און זי צווינגט אַרויף אויפן גאַנצן פאָלק אַזאַ קאָלאָסאַלן אָנשטרענג, אַז עס קוקט עפּעס אויס מאָדנע זיך צו פאַרנעמען אין איצטיקן מאָמענט מיט אַ צוריקבליק צו דער צייט ווען עס זענען געלייגט געוואָרן די ערשטע טעאָ־רעטישע און אידעאָלאָגישע יסודות פאַר אַ מאָדערנעם נאַציאָנאַלן בנין. די מוראדיקע סכנות וואָס לויערן אויף מדינת ישראל, די נאָגנדיקע זאָרג פאַר דעם מאָרגן פון די סאָוויעטישע ייִדן, וועגן זייער פיזישן און גייסטיק־נאַציאָנאַלן קיום, און די ספיקות וועגן דעם נאַציאָנאַלן גאַנג פון די ייִדן אין די פרייע לענדער, די דאָזיקע דריי פּראָגעס וואָס זענען ערשטראַנגיק און בלוטיק ערנסט אויפן סדר־היום פון אונדזער הייַנט, מאָביליזירן די גאַנצע מחשבה אונדזערע, פאָדערן די גאַנצע נאַציאָנאַלע ענערגיע פאַר באַלדיקע אָפּוועהר־מיטלען, און באַקערן אויטאָמאַטיש דעם געדאַנק צו די טאָג־טעגלעכע, ברענענדיקע פּראָגעס פון צוגרייטונג און פאַרטיידיקונג. דאָס איז נאַטירלעך, און אַזוי האַנדלט יעדער געזונטער נאַציאָנאַלער קאָלעקטיוו. פון דעסטוועגן לוינט זיך דאָך פון צייט צו צייט, צו כאַפּן אַ קוק אין אַן אַלטן ספר, אויפמישן אַ בלעטל פון אַ מאָל און זיך פאַרטיפן אין אַ קאַפּיטל פונעם עבר, כדי אין מיטן פונעם רוישיקן שטורעם וואָס יאָגט אויף אונדז פון אַלע זייטן, אָפּכאַפּן דעם אָטעם און זיך אומקוקן אויפן אָפּגעגאַנגענעם וועג, אויסגלייכן די קרומקייטן און אָנצייכענען דעם המשך.

זיבעציק יאָר זענען אָפּגעפלאָסן זינט די חברותה פון פּאָלטאַווע האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין דער גרויסער ייִדישער וועלט און אויפגעוויקלט די לוחות פון סאָציאַליסטישן ציוניזם. כמעט אַלע פון דעם פּאָלטאַווער כנס זענען שוין איינגעזאַמלט אין דעם פּאַנטעאָן פון פאָלקס־זכרון (די איינציקע

איבערגעבליבענע — עד מאה ועשׂרים — איז רחל ינאית־בן צבי, די אַלמנה פונעם צווייטן פּרעזידענט פון מדינת ישׂראל, וועלכע איז אויך געווען איינע פון די באַטייליקטע אין דער „פּאַלטאַווער קאָנפערענץ" אין 1906).

עס איז דעריבער נישט בלויז דערלויבט, נאָר אפשר גאָר אַ חוב זיך צו פאַרטיפן אין דער פרשה פּאַלטאַווע, לערנען זי אויף ס'ניי אין אַנבליק פון דער מאָדערנער תקופה, אין שיין פון אַקטועלע אַנטוויקלונגען — און אַקצעפּטירן די ווערטן וואָס זענען גילטיק אין דער היינטיקערווירקלעכקייט, און פּרווון פאַרריכטן און עווענטועל אַפילו אָפּוואַרפן, פעסטשטעלונגען און חקירות וואָס די צייט האָט זיי אָפּגעלייקנט און אַרויסגעוויזן פאַר נישט ריכטיק. אין דער יידישער און סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט איז, מיט רעכט, אָנגענומען אַז בער באָראָכאָוו איז דער בולטסטער אויסדרוק פון דער פּאַלטאַווער אידעיִשער ליניע; זיין אַנאַליז פון דער סאָציאַלער און ממילא פּאָליטישער) סטרוקטור פון דער יידישער געזעלשאַפט האָט נישט קיין גלייכן צו זיך נישט בלויז אין זיין דור, נאָר אויך נישט אין די גאַנצע זיבעציק יאָר זינט פּאַלטאַווע. דאָס מיינט נישט, אַז עס זענען נישט אויפגעקומען קיין וויכטיקע פאַרשערס פון יידישער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג און קיין טעאָ־רעטיקערס, וואָס האָבן געפאָרשט און צעגלידערט די היסטאָרישע טענדענצן פון יידישן לעבן; אַדרבה: אומצאָליקע געלערנטע האָבן געשאַפן אַ ריזיקע ליטעראַטור אויפן געביט פון „יודאַיקאַ", אויסגעפאָרשט און פאַרטייטשט יעדן קער און יעדע ווענדונג אינעם געשיכטלעכן גאַנג און אויפן סמך פון זייערע אויסגעפינסן, געפּרווט אָנצייכענען ווייטערדיקע שריט פאַר דעם נאַציאָנאַלן, אַלוועלטלעכן יידישן קיבוץ — קיינער אָבער האָט נישט באַוויזן (עס זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן געפּרווט) אָפּצוווענדן די גרונט־פּריג־ציפּן פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק אַזוי ווי זיי זענען געזען געוואָרן פון דעם גאון פון פּאַלטאַווע.

דעריבער ווען עס האָבן זיך אין די לעצטע צוויי דעקאַדעס אָנגעזאַמלט אַזוי פיל דרינגענדיקע פּראָבלעמען, וואָס שטורעמען אונדזער געדאַנק און לאָזן נישט אָפּ, און פאָדערן תשובות היינט שוין, נעמט מען זיך נאָכקוקן אין משנת באָראָכאָוו, און מען שטודירט מיט התמדה, און מען איז מפרש, מען זוכט אַן ענטפער אויף אַנטוויקלונגען וואָס מען האָט נישט פאָרויסגעזען, דערשיינונגען וואָס האָבן אונדז פאַרכאַפּט אומגעריכטערהייט, אַזוי ווי נאַטור־קאַטאַסטראָפעס.

פּאָלטאַווע איז געווען דער רעזולטאַט פון אַן אינערלעכן אויפברויז אין דעם ייִדישן פאָלק, וואָס האָט געזוכט אַ דערקלערונג פאַר דער פאַרגאַנגענהייט און געוואָלט געפינען אַן אָנשפּאַר פאַר זיך אין אַ וועלט וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין ענדערן און געדראָט צו פאַרשלעפּן אין שאול־תחתיה אַלע די עלעמענטן וואָס האָבן נישט באַוויזן צוזופּאַסן זיך און זיך איינצוגלידערן אין דעם געזעלשאַפטלעכן שטורעם, וואָס איז געווען אָנגעברייט צו ענדערן מעשׂי־בראשית.

בער באָראָכאָוו איז געווען דער געלונגענסטער אויסדרוק פון דעם פּאָלטאַווער פאַרמעסט, וואָס איז אַריינגעדרונגען אין די פאַרבאָרגנסטע ווינקלען פון דער ייִדישער געשיכטע, האָט אויפגעדעקט אַלע אירע פאַרהוילנקייטן, אָפּגעוואָרפן דאָס גאַנצע אָנגעזאַמלטע פּסולת און אויסגעשליפן די לערע, וואָס האָט געדאַרפט דינען ווי אַ קאָמפּאַס פאַר אַ נייעם וועג, פאַר אַ נייעם שטאַפּל אויפן לייטער פון דער טויזנט־יאָריקער ייִדישער געשיכטע; פּאָלטאַווע איז נישט געווען קיין צוזאַמענקום פון שׂררות, וואָס האָבן באַפוילן דעם פאָלק: כזה ראה וקדש, מיר ווילן אַז דו זאָלסט גיין אויף דעם וועג וואָס מיר ווייזן אָן; נישט זיי האָבן געוואָלט און נישט זיי האָבן געהאַט די מעגלעכקייט אויפצוצווינגען מעשׂים; זיי האָבן בלויז אָנגעוויזן, אַז עס זענען פאַראַן פּראָצעסן אַזעלכע, וואָס ווירקן אינעם אינערלעכן לעבן פון פאָלק, און אַנדערע וואָס קומען פון דרויסן און באַאיינפלוסן דעם אייגענעם גאַנג און זיי געוואָרנט אַז בלייבן שטיין פאַרגליווערט איז ווייטער נישט מעגלעך, אויב מען וויל עקסיסטירן ווי אַ נאַציאָנאַלער איינס.

איך וועל דאָ, זעלבפאַרשטענדלעך, נישט איבערחזרן אַלע די הנחות, וואָס זענען אָנגעוואָרפן געוואָרן אין פּאָלטאַווע — יעדע איינע פון זיי פאַרדינט אַ באַזונדערע שטודיע — איך וויל בלויז אָנווייזן אויף עטלעכע הויך־מאָמענטן, וואָס האָבן אויסגעצייכנט די פּאָלטאַווער פון אַלע אַנדערע: דאָס אונטערשטרייכן די גורל־געמיינשאַפט פון ייִדישן פאָלק אומעטום, די צעגלידערונג פון די ווירטשאַפטלעכע פּראָצעסן, וואָס כאַראַקטעריזירן די געזעלשאַפט, דאָס צוטיילן דער ייִדישער אַרבעטערשאַפט די הויפּטראָלע אינעם מאָדערנעם ווידעראויפבוי פון דער נאַציע, די עיקרדיקע ראָל פון עמיגראַציע אין ייִדישן לעבן.

פּאָלטאַווע האָט אויסגעשטרעקט איר בליק איבער אַלע ייִדישע ישובים, זי האָט געלייגט אַ בריק צו די ייִדן אין די ווייטסטע מרחקים. יצחק בן־צבי

איז געווען פאַרכאַפּט פון דער אידעע צונויפצוזאַמלען די „נדחי ישׂראל״; אין זיין גאַנצן שאַפערישן לעבן איז ער געווען „באַנומעך״ פונעם געדאַנק אויסצושמידן אין איינהייטלעך פאָלק פון אַלע באַזונדערע שבטים אונדזערע, פון די ווייטע, פאַרוואָרפענע אַראַבישע לענדער ביז די פיצינקע גרופּעס אין די אייביק פאַרשנייטע געגנטן פון „טיף ראָסיי״; זרובבל האָט נישט געקענט איינרוען ביז ער האָט זיך נישט פּערזענלעך באַקענט און געלערנט דעם כאַראַקטער פון יעדער תפוצה, אויף אַלע פינף קאָנטינענטן; שוין אין 1906 איז אין פּאַלטאַווע אָנגעוווּנקען געוואָרן אויף דער פעיִקייט פון מסירת־נפש מצד דער יידישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג, וואָס איז פאַר אונדזערע אויגן געקומען צום אויסדרוק בעת דער „בריחה״, „העפלה״ און אין דער אַקציע פון „על כנפי נשרים״ און אַנדערע אַזעלכע העראָיִשע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן פאַרכאַפּט די פאַנטאַזיע פון אַזוי פיל מענטשן פון גייסט אין דער גאַנצער וועלט.

אַזוי אויך אויף אַנדערע געביטן פון יידישן לעבן: דאָס גאַנצע נאַציאָנאַלע בילד וואָלט געהאַט אַ בלויז אויב עס וואָלט דאָרט געפעלט איינער פון די באַטירלעכע עלעמענטן וואָס האַלטן צוזאַמען אַ פאָלק; עס האָט נישט געטאָרט אויסגעלאָזן ווערן די יידישע קולטור; די פּאַלטאַווער אַמבאַסאַדאָרן צו דעם דאָזיקן אָפּשניט פון דעם נאַציאָנאַלן לעבן זענען געווען באָראָכאָוו און זרובבל. דער לעצטער האָט געזאַמלט אַרום זיך אַלע שאַפערישע כוחות פון דער יידישער און העברעיִשער קולטור, זיי דערמוטיקט, געשטויסן זיי צום אויפבאָן אין דער נאַציאָנאַלער סביבה, געווען זייער גייסטיקער אַפּהיטער און קינסטלערישער אויסטייטשער.

באָראָכאָוו האָט, אין זיין זעלטענער ליבשאַפט צום פאָלק, זיך געווידמעט דער פאָרשונג פון דער יידישער שפּראַך און קולטור. אין אַ בריוו צו ש. ניגער אין יאָר 1913, שרייבט באָראָכאָוו: „מיין צוועק איז נישט די שפּראַך, אויך נישט די ליטעראַטור, נישט די סאָציאַלע אַנטוויקלונג, נאָר די קולטור, וועלכע נעמט אַריין אין זיך אַלצדינג״ (ציטירט לויט נחמן מייזיל אין זיין בוך „בער באָראָכאָוו, שפּראַכפאָרשונג און ליטעראַטור־געשיכטע״).

די פּאַלטאַווער האָבן נישט געקענט פאַרזען קיין שום אַספּעקט פונעם פאָלקס־קיום. דערמיט האָבן זיי זיך איינגעקויפט עולם־הבא אין דער געדעכעניש פונעם פאָלק לדורות. אין אונדזער צייט ווענדן זיך צו די אידעיִשע אַנטוויקלונגען פון פּאַלטאַווע די בעסטע פּאָליטישע און סאָציאַלע פאָרשערס,

און עס איז גוט וואָס משה ערעם, דער וועטעראַן פון דעם שבט „לינקע פּועלי־ציון", וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין געטריישאַפט צו די פּרינציפּן פון באָראָכאָוויזם, האָט צוזאַמענגענומען די וויכטיקסטע אַרויסזאָגן פון בער באָראָכאָוו און זיי געגעבן צום לייענער מיט זיין, ערעמס, אייגענער באַלויכטונג וואָס מאַכט זיי אַקטועל פאַר דער היינטיקער צייט. ערעמס „משנתו של בורוכוב במבחן תקופתנו" (הוצאת י. ל. פרץ, תל־אביב, 1973), וואָס וועט בקרוב דערשיינען אויך אין אַן ענגלישער איבערזעצונג, איז אַ וויכטיקערביישטייער צו דער אויסטייטשונג פון פּועלי־ציוניזם נוסח פּאַלטאַווע.

כּל־זמן פּאַלטאַווע באַשעפטיקט זיך מיט די אינערלעכע פּראָצעסן וואָס ווירקן אינעם פאָלק, זענען אַלע זייערע פעסטשטעלונגען אומאָפּפרעגלעך. אַ ביסל שוואַכער זעען אויס היינט די אָפּשאַצונגען וועגן אַנטוויקלונגען אין דער אויסערלעכער וועלט אין שייכות מיט יידישע אינטערעסן; איינע פון די וויכטיקסטע דורכרייסן אין דער באָראָכאָוויסטישער לערע איז אויפן געביט פון אַנטוויקלונג און אַסימילירונג פון נאַציאָנאַלע רעגונגען ביי מינדערהייטן צווישן די מערהייטס־פעלקער; באָראָכאָוו, וועלכער איז געווען אפשר דער ערשטער, און זיכער דער קאָנסעקווענטסטער, קריטיקער פון מאַרקס פאַר זיין אויבערפלאַכלעכער באַהאַנדלונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע און באַזונדערש פאַר זיין, מאַרקסעס, בייזוויליקן צוגאַנג צו יידן ווי אַ נאַציע, האָט אַליין געמאַכט אַ טעות אין דער אָפּשאַצונג פון די כּוחות, וואָס ווירקן ביי פעלקערשאַפטן אין באַצוג צו זייער נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ. אין זיין וויכטיקער אַרבעט איבער דעם נאַציאָנאַליטעטן־פּראָבלעם אין בעלגיע, ווו עס לעבן זייט ביי זייט אין איין מדינה צוויי פאַרשיידענע פעלקער (פלעמער און וואַלאָנען), ווייזט באָראָכאָוו ריכטיק אָן אויף אַ גאַנצער ריי סיבות פאַר וואָס דיביידע פעלקערשאַפטן קאָנען לעבן אונטער איין בשותפותדיקן, מדינישן דאַך. זיין אויספיר אָבער, אַז אַ העכערע קולטורעלע מינדערהייט פאַרשלינגט און אַסימילירט אין זיך אַ קולטורעל מער צוריקגעשטאַנענע מערהייט, האַלט נישט אויס דעם פּרווו פון צייט; באָראָכאָוו שרייבט („צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין בעלגיע"): „ספּעציעל אָבער מכּוח אונדזערע אויפגאַבעס אין פּאַלעסטינע, קומען מיר צו דער איבערצייגונג דאָס אויב איבעראַל וועלן זיך אַנטוויקלען די נאַציאָנאַלע פאַרהעלטענישן אַזוי ווי אין בעלגיע, מוז דאָס זעלבע אויך פאָרקומען אין פּאַלעסטינע, ד.ה. דאָרט וועט זיך אויך אַ מער אָפּגעשטאַנענע, מער לאַנדווירטשאַפטלעכע נאַציאָנאַלע מערהייט אַסימילירן

מיט אַ מער אַנטוויקלטער, מער אינדוסטריאַליזירטער נאַציאָנאַלער מינדערהייט: די אַראַבער וועלן זיך אַסימילירן מיט די ייִדן". אמת, אַז שוין דעמאָלט (1908) באַוואָרנט זיך באָראָכאָוו עטלעכע מאָל, אַז דאָס וועט זיין ריכטיק נאָר דאַן ווען די אַנטוויקלונג וועט גיין אַזוי ווי אין בעלגיע, פון דעסטוועגן איז דאָ געמאַכט געוואָרן אַ פונדאַמענטאַלער טעות אין דער אָפּשאַצונג פון די מעכטיקע כּוחות וואָס ווירקן אין נאַציאָנאַלן קיבוץ, אומאָפּהענגיק פון מאַטעריאַליסטיש־ווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען. דאָס וואָס עס קומט פאָר היינט אין דער גאַנצער וועלט, סיי אין אייראָפּע (אירלענדישע אירעדענטאַ אין ענגלאַנד, נאַציאָנאַליטעטן־אויפברויז אין שפּאַניע, אַפילו נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן אין וויילס און סקאָטלאַנד, אָפּגערעדט פון יוירונגען צווישן די פעלקערשאַפטן אין מיזרח־אייראָפּע ווו רוסלאַנד איז געצוווּנגען צו האַלטן צענטליקער דיוויזיעס), באַווייזט אַז דער אינסטינקט און דער דראַנג אויפצוהאַלטן די אייגענע אידענטיטעט, איז אַן אומאָפּהענגיקער פאַקטאָר אינעם לעבן אַפילו פון דער קלענסטער פעלקערשאַפט, ווי צוריקגעשטאַנען זי זאָל נישט זיין אין פאַרגלייך מיט דער שטאַרקערער קולטור; אַגב, האָט אַפילו אין בעלגיע זיך געענדערט דאָס בילד, און די פלעמישע פיזישע מערהייט האָט זיך אויסגעקעמפט אירע נאַציאָנאַלע רעכטן און איז געוואָרן גלייכגעשטעלט, און אויף געוויסע געביטן, אַפילו אַוועק אַ שריט פאָרויס לגבי דער וואַלאָנישער קולטורעל־העכערער געמיינדע.

עס איז פשוט נישט אָפּצושאַצן באָראָכאָווס פאַרדינסטן אין דעם אַנאַליז פון דער ייִדישערווירקלעכקייט און פון די פּראָצעסן וואָס ווירקן אין איר און וואָס דערפירן פון צייט צו צייט צו גרינטלעכע מעטאַמאָרפאָזעס אין דער נאַציאָנאַלער סטרוקטור און צו ענדערונגען אין דעם פאָלקס „אימאַזש". עס שטעלט זיך אָבער אַרויס אַז ביי אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן ווירקן אויך אַזעלכע כּוחות וואָס דערלאָזן נישט, אַז די אַסימילירנדיקע עלעמענטן זאָלן טריומפירן איבער דעם נאַציאָנאַלן אינסטינקט, וואָס איז פיל שטאַרקער פון אַלע „לאָגישע" אַסימילאַציע־פאַקטאָרן, מעגן די לעצטע אַפילו זיין פאַרשטאַרקט מיט גאָר מעכטיקע עקאָנאָמישע שטויסקרעפטן. נישט בלויז קאָן אַן אַראַבישע מערהייט זיך נישט אַסימילירן מיט אַ העכער אַנטוויקלטער ייִדישער מינדערהייט, נאָר אַפילו אַ מער צוריקגעשטאַנענע אַראַבישע מינדערהייט קאָן נישט, און וויל נישט זיך אַסימילירן מיט אַ הויך־אַנטוויקלטער ייִדישער מערהייט!

לעבט זיך אַן אַראַבישע געמיינדע שוין 28 יאָר אונטער יידישער מלוכישער דיסציפּלין; די אַראַבער אין די ראַמען פונעם אַזוי גערופענעם „קו הירוק״, לעבן בעסער ווי וועלכער ס׳איז אַראַבישער קאָלעקטיוו אין דער וועלט; אין די רייכסטע אַראַבישע לענדער האָבן די בירגערס נישט די מעגלעכקייטן וואָס ווערן זיי געגעבן אין מדינת־ישׂראל — פון דעסטוועגן ווילן זיי בעסער לעבן אין ערגערע באַדינגונגען אונטער אַראַבישער הערשאַפט!

אויך אין די האָפענונגען אויף אַ פאַרבעסערונג אין דער באַציונג צו יידישע נאַציאָנאַלע נויטן אין אַ נאָך־רעוואָלוציאָנערער וועלט, האָבן יידישע סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקערס פאַרפעלט צו זען די עגאָיסטישע נאַציאָנאַליסטישע בייזווילִיקייטן, וואָס וועלן באַשווערן אונדזער קאַמף פאַר אַ רויִק נאַציאָנאַל לעבן.

מאַי, 1976

מען רעדט שוין ווידער צו אונדז וועגן יושר

(צום 35טן יאָרצייט פון דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד)

שוין אַ צייט ווי מען רעדט צו אונדז שיינע רייד; מען האַלט פאַר אונדז מאָראַל־דרשות; אונדזערע שכנים פון אייראָפּע (און אין אַלע אַנדערע לענדער וואָס לעבן לויט דער אייראָפּעיִשער קולטור־טראַדיציע) פּריידיקן פאַר אונדז, אַז ס'איז שוין צייט צו פאַרגעסן די „עוולות" (אַזוי רופן זיי טאַקע אָן דעם חורבן אונדזערן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה). ווי לאַנג איז עס דער שיעור, טענהן זיי, אַנצוהאַלטן נקמה־געפילן צו דעם היינטיקן, ניייעם דור, וואָס קאָן נישט געהאַלטן ווערן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, וואָס זיינע על־טערן האָבן אָפּגעטאָן קנאַפּע פערציק יאָר פריִער? יענער דור איז דאָך שוין אַזוי גוט ווי אין גאַנצן פאַרשוווּנדן; די היטלעריאַדע איז געווען אַ קאָשמאַר, וואָס האָט דעמאָלט אַרומגעכאַפּט דאָס דייטשישע פאָלק און עס האָט געטאָן וואָס עס האָט געטאָן, אין אַ צושטאַנד פון מאַסן־משוגעת. טאָ, ווי לאַנג וועט איר זיך אַרומטראָגן מיט דער דאָזיקער נאַציאָנאַלער היסטעריע און זיין ברוגז מיט דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט?

אַזוי ווענדן זיך צו אונדז אונדזערע פריינד אין דער קולטורוועלט: די ליבעראַלן, די סאָציאַליסטן, די אויפגעקלערטע, די פּראָגרעסיווע. און די אַרגומענטן זענען דאָך אַזוי לאָגיש, אַזוי איבערצייגנדיק: סטייטש, איר ייִדן געהערט דאָך נישט צו דער פעלקער־גרופּע וואָס „בלוט־נקמה" איז פאַרוואָרצלט אין זייער טראַדיציע, אין זייער געמיט, פון, ווער ווייס וויפל דורות; איר זענט דאָך דערצויגן געוואָרן אויף דער אייראָפּעיִשער קולטור, וואָס גייט אַריבער איבער פעלקער־צוזאַמענשטויסן, אַזוי ווי מען בעט זיך איבער צווישן אייגענע משפּחות נאָך מחלוקתן; פראַנצויזן מיט דייטשן, טעווטאָנען מיט לאַכעס, מאָסקאַלעס מיט אוקראַיִנער — מען האָט געפירט מלחמות, מען האָט זיך קעגנזייטיק געשאָכטן — אָבער אַז עק זאָל עס נעמען, מען בעט זיך איבער און מען גייט ווייטער. און נאָך רעדן אונדזערע פריינד צו אונדז: יאָ, מיר ווייסן אַז אַ גרויס אומרעכט איז אייך געשען, מען האָט

פאַרטיליקט אַ דריטל פון אייער פאָלק; נו, האָבן מיר איך נישט פאַרגיטיקט? סתם אַזוי קריגט אַ פאָלק אַן אייגענע מדינה? זאָגט וואָס נאָך איר פאַרלאַנגט, אָבער הערט אויף צו קוקן כסדר אין אונדזער זייט מיט אַזאַ טונקעלן חשד, עס איז אונדז שווער צו פאַרטראָגן דעם שטענדיקן אומצוטרוי; מיר, די נייע, ליבעראַלע דורות ווילן דאָך לעבן מיט אייך אין גוטער שכנות, אין קעגנזייטיקער טאָלעראַנץ! לאָמיר אָנהייבן פון דאָס ניי, אַזוי ווי פריער, פאַר דער משוגענער היטלעריאַדע. און אָט די אומאויפהערלעכע ווענדונג צו אונדז זעט דאָך אויס אַזוי מענטשלעך, ווייל וואָס זענען זיי, די הייַנטיקע דייטשן, טאַקע שולדיק?

עס זעט אויס, אַז אונדזערע פריינד וועלן אונדז שוין קיין מאָל נישט פאַרשטיין: עס רעדט זיך אַזוי לייכט אַרויס „אַ דריטל פונעם פאָלק" — גיי גיב צו פאַרשטיין וואָס עס מיינט צו פאַרלירן אַ גאַנץ דריטל פון אַ פאָלק. קיין שום אומה ולשון האָט אַזאַ חורבן נישט דורכגעמאַכט, און אויב אַזעלכעס איז, אין דער ווייטער, ווייטער פאַרגאַנגענהייט יאָ געשען, איז אַזאַ פאָלק אונטערגעגאַנגען; גיי און רעכן אויס צום ווייפלטן מאָל, וואָסער „דריטל" דאָס איז געווען; נישט בלויז פרעמדע, נאָר מיר אַליין זענען נאָך ביז הייַנט נישט בכוח צו באַנעמען די אומגעהייערישקייט פונעם אומגליק.

מיר קאָנען נישט פאַרטראָגן קיין אַפילו צו יושר, ווען פאַר אונדזערע אויגן חזרט זיך איבער דער „יושר" וואָס האָט באַוויגן די טשעמבערליינס, די דאַלאַדיעס, ווען זיי האָבן פאַרקויפט טשעכאָסלאָוואַקיע אינעם נאָמען פון דעם זעלבן יושר, אין נאָמען פון פאַרהיטן דעם שלום פון דער וועלט; און זיי זענען דאָך געווען די ליבעראַלן פון דער זעלבער „ציוויליזאַציע", אין וועמענס נאָמען מען ווענדט זיך צו אונדז. אָדער קאָנען מיר האָבן צוטרוי צו אייער וועלט־יושר, אַז דער „רעטער פון דער אייראָפּעישער ציוויליזאַציע", פראַנקלין דעלאַנאָ רוזוועלט, האָט פאַרריגלט די טויערן פון אַמעריקע פאַר בידנע עטלעכע הונדערט פליטים, אין דער צייט פון דער העכסטער נויט פון אונדזער געפּלאָגט פאָלק? עס ווערט אַזוי טראַגיש־טרויעריק אויפן האַרץ ווען יידיש פאָלק איז געצווונגען, מאָראַליש געצווונגען, אָפּצוזאָגן זיך פון דעם יושר וואָס עס טראָגן אונטער אַפילו אמתע פריינד. זיי קאָנען נישט פאַרשטיין. ניין, נישט ריכטיק. פאַרשטיין, פאַרשטייען זיי יאָ — זיי קאָנען אָבער נישט פילן אַזוי ווי מיר.

ליבע פריינד אונדזערע, פאַרט קיין פוילן; נעמט מיט זיך בילדער פונעם

יידישן אַמאָל אויף דער דאָזיקער ערד; זוכט אויס נישט בלויז די שטעט וואָס זענען געווען, נאָר אַפילו די בית־עלמינס וואָס זענען שוין איינגעמויערט אין די הייזער און פּאַלאַצן פון די שכנים, צווישן וועלכע מיר האָבן געלעבט טויזנט יאָר. כאַפּט זיך צוריק אַריבער אויף דער זייט ים, אין דער „נייער וועלט", און הערט ווי מען רעדט וועגן „סקאָקי", אַז עס איז נישט יושרדיק צו פאַרווערן רוצחים צו מאַרשירן אין דאָרטיקע גאַסן און פאָדערן צו פאַר־ברענען די איבערגעבליבענע יידן.

גייט, גוטע פריינד, אין די ביבליאָטעקן און אין די ביכער־געשעפטן פון דער „נייער קאָמוניסטישער וועלט" און לייענט זיך אָן מיט דעם אַנטי־סעמיטישן סם, וואָס ווערט פון דאָרט פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצע וועלט — און דאַן, אויב איר וועט נאָך האָבן מוט, קומט און רעדט צו אונדז וועגן יושר.

אָ, גוטע פריינד, מיר אַליין ווייסן שוין גאָר וואָס עס איז אַזעלכעס יושר, אמתער יושר: קומט, מירן אייך פירן אויף פּלעצער ווען עס שיינט אונדזער יושר; קומט אין אונדזער מדינה, גייט אַריין אין די תּפיסות ווו עס זיצן טויזנטער רוצחים, וואָס זענען געגאַנגען אויפן לעבן פון אונדזערע קינדער; וועלכע באַרימען זיך מיט זייערע רציחות. קיין איינעם פון זיי האָט מען נישט געהאַנגען, קיינעם פון זיי איז קיין האָר נישט געקרימט געוואָרן. קוקט זיך צו צו אונדזער אויסגעהלומטער קליינטשיקער מדינה און זעט וואָס עס מיינט דאָס איינציקע לאַנד פון ברייטער דעמאָקראַטיע אין אַ וועלט פון פינצטערער דיקטאַטור.

און דאַן רעדט צו אונדז וועגן יושר.

עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס דאָס כּסדרדיקע האַמערן אויף דער טעמע פון פאַרגעסן אונדזערע „עוולות", זיך באַציִען יושרדיק צום ציוויליזירטן אַרום, דרינגט אַריין אין אַלץ גרעסערע קרייזן און כאַפּט שוין אויך אַרום טיילן פון אונדזער יוגנט. דאָס איז אונדזער נאַציאָנאַלע טראַגעדיע. דאָס איז אויך איינע פון די באַשטאַנד־טיילן פון אונדזערע מאָדערנע קינות.

מאַי, 1978

דרייסיק יאָר קאַמף פאַר שלום

לעולם וואָלט מען געדאַרפט שרייבן וועגן דער דרייסיק־יאָריקער מלחמה, ווייל זינט דעם ערשטן טאָג פון דעם אויפקום פון דער מדינה, האָבן די שונאים נישט אָוועקגעלייגט זייער געווער, די פיינטלעכע אַרומרינגלונג האָט די גאַנצע צייט געפלאַקערט מיט ביטערער שנאה, און יעדער יאָר האָט געהאַט צו פאַרצייכענען גרעסערע אָדער קלענערע צאָלן פון קרבנות אויף ביידע זייטן פון דער גרענעץ. עס איז אָבער פאַראַן איין עיקרדיקער אונטערשייד צווישן די צוויי צדדים אינעם דרייסיק־יאָריקן געראַנגל: בעת אויף דער אַראַבישער זייט האָט מען געטראַכט, און טאַקע אויך געפירט די מלחמה מיט דעם ציל צו פאַרניכטן און אָפּצומעקן פון דער ערד די יידישע מדינה, בעת אַלע סטראַטעגיקערס פון אַלע אַראַבישע לענדער זענען טאָג און נאַכט געווען פאַרנומען מיטן געדאַנק פון „אַריינוואַרפן די יידן אין ים אַריין", זענען די אָנשטרענגונגען פועם גאַנצן ישראלדיקן פאָלק געווען צוגעשפּיצט צו דער אויפגאַבע פון דערנענטערונג מיט די שכנים, פון געווינען זייער גוטן ווילן און צו לעבן בשלום. פאַקטיש איז דער גאַנצער פעריאָד פון דרייסיק יאָר ישראל־אומאָפּהענגיקייט, איין גרויסער געראַנגל פאַר שלום.

אין דעם פּרט איז נישט פאַראַן קיין וועזנטלעכער אונטערשייד צווישן די פאַרשיידענע פּאָליטישע פאַרמאַציעס אין דער ישראלדיקער געזעלשאַפט: ווייל דער עיקרדיקער שטרייט פירט זיך היינט, אַזוי ווי פריִער, נישט ווי עס ווילן עס אויסטייטשן אַנדערע, וועגן דעם שטיקל טעריטאָריע אָדער אַנדערע שטחים, נאָר וועגן דעם רעכט און דער מעגלעכקייט פון מדינת־ישראל צו לעבן נישט בלויז אין אָנערקענטע, נאָר אויך אין געזיכערטע גרענעצן.

אַלע ווייסן וועגן די אומצאָליקע ווענדונגען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן מצד ישראל־רעגירונגען צו די שכנותדיקע פעלקער וועגן איינשטעלן פרידלעכע באַציִונגען מיט זיי; ווער געדענקט נישט די ווענדונג פון דוד בן־גוריון צו נאַסערן וועגן שלום־פאַרהאַנדלונגען; בן־גוריון איז דעמאָלט געווען

גריים צו קומען אויף יעדן אָרט, צו יעדער צייט, כּדי זיך צוזאַמענרעדן מיט די עגיפּטער און מיט די אַנדערע; און דאָס איז דאָך געווען נאָך איידער ישׂראל האָט געהאַלטן אין איר באַזיץ די אַזוי גערופענע שטחים! און וויפל מאָל האָט חוסיין אָפּגעוואָרפן ישׂראלדיקע שלום־פּאָרשלאָגן? אָן אַ שיעור פּרוּוון זענען אויך געמאַכט געוואָרן מצד יידישע קערפּערשאַפטן אויסער דער מדינה, כּדי צוזאַמענצוברענגען די אַראַבישע מושלים מיט מדינת־ישׂראל; אַלע די באַמיִונגען מצד דער יידישער זייט זענען פרעך צוריק־געשטויסן געוואָרן.

אָט דער מאָמענט מוז אונטערגעשטראָכן ווערן יעדער מאָל ווען מען באַהאַנדלט די באַציִונגען צווישן ישׂראל און אירע שכנים.

אמת, אַז דער סאַדאַט־באַזוך אין ירושלים האָט אַריינגעבראַכט אַ געוויסע ענדערונג אין דער פּאָליטישער אַטמאָספער אינעם מיטעלן מיזרח און קיינער האָט נישט בדעה אָפּצולייקענען דעם פאַקט, אַז די אָנערקענונג פון עגיפּטן אַז ישׂראל האָט אַ רעכט אויף לעגיטימער עקסיסטענץ צווישן די פעלקער פונעם מיטעלן מיזרח, איז אַ באַטייטנדיקער שריט אין דער ריכטונג פון איינשטעלן נאָרמאַלע באַציִונגען אין יענער געאָגראַפישער ספערע — אָבער צי קאָן מען טאַקע, צוליב דעם, פאַרגעסן אין דעם טייל פון דער יונאָ־רעזאָלוציע, וואָס רעדט וועגן געזיכערטע גרענעצן?

אויב די פריינד פון דער יידישער מדינה רעדן מיט אַזאַ אייפער וועגן אָפּהיטן די גאַנצקייט פון דער דערמאָנטער רעזאָלוציע, פאַר וואָס פאַרגעסן זיי אַז דאָרטן ווערט לחלוטין נישט דערמאָנט קיין „פּאַלעסטינער היימלאַנד״?

קיינער פון אונדז, אין די תּפוצות, קאָן זיך נישט נעמען דאָס רעכט צו זאָגן דער דעמאָקראַטיש געווײלטער ישׂראל־רעגירונג ווי אַזוי צו האַנדלען אין דער פראַגע פון שלום אָדער, חלילה, מלחמה מיט אירע שכנים, אָבער אויב מען רעדט וועגן דעם פּראָבלעם, דאַרף מען גוט געדענקען, אַז דאָ גייט נישט וועגן „נעמען אַ ריזיקע״, נאָר אין דער סאַמע עקסיסטענץ פון אַ פאָלק.

לאָמיר געדענקען, אַז קיינע פון די פאַראַנטוואָרטלעכע געזעלשאַפטלעכע כּוחות אין דער מדינה וויל נישט און וועט נישט מסכּים זיין צו דערלאָזן צום אויפשטעל פון אַ פּאַלעסטינער מדינה אויפן מערב־ברעג פון ירדן, קיינע נישט!

עס ווערט אומעטיק ווען מען פייערט דעם דרייסיק־יאָריקן יובל אין אַ שטימונג פון אומזיכערקייט וועגן דעם מאָרגנדיקן גאַנג פון מדינת־ישׂראל.

דאָס וועט אָבער קיין שום טייל פונעם וועלט־ייִדנטום נישט צוריקהאַלטן פון אויפהייבן הויך די ווייס־בלויע פאָן וואָס האָט הונדערטער און הונדערטער יאָרן געדינט ווי דער צייכן פון אַלוועלטלעכער ייִדישער אידענטיטעט און וואָס פלאַטערט אין די לעצטע דרייסיק יאָר ווי דער סימבאָל פון ייִדישער מלוכהשער אומאָפּהענגיקייט.

נאָך דער דאַטע פון ה׳ אייר וועט מען זיך ווידער אומקערן צו דער טאָג־טעגלעכקייט פונעם לעבן; מען וועט אויסציילן אַלע דורכרייסן, מען וועט זיך צעקריגן מיט די וואָס פירן די מדינה, ווייל אַזוי איז דער סדר־העולם אין אַלע דעמאָקראַטיעס, אָבער אויף איין מאָמענט, אויף איין היסטאָרישן מאָמענט, לאָמיר זיך אָפּשטעלן, אָפּכאַפּן דעם אָטעם און וואַרפן אַ בליק צוריק אויף די אָפּגעלאָפענע דרייסיק יאָר, און אָפּגעבן אַ שבח דעם גורל וואָס האָט אונדז דערלויבט צו דערגרייכן צו דעם וווּנדער וואָס הייסט מדינת־ישׂראל.

פאַר אונדזערע אויגן גייען דאָן פאַרביי די ממש אומגלויבלעכע ניסים, וואָס האָבן באַגלייט די מדינה פונעם ערשטן אויגנבליק פון איר אַנטשטיין. מען קוקט און עס דאַכט זיך, אַז מען חלומט: זיבן אַראַבישע אַרמייען קעגן אַ הייפל קוים באַוואָפנטע ייִדישע יונגעלייט. דאָס לעבן אין דער ערשט אויפגעקומענער מדינהלע הענגט אויף אַ האָר, און די „וועלט" שטייט און וואַרט ווער עס וועט זיגן? פאַר דער וועלט איז עס אַ מין ספּאָרטגעוועט; פאַר דעם ייִדישן פאָלק — אַ נסיון פון קיום אָדער, חלילה — אונטערגאַנג.

און אַזוי כּסדר: איין מלחמה נאָך דער אַנדערער, און אַלע מיט חוצפּה־דיקע, אויפגעריסענע מיילער פון די שׂונאים, אַלע מיטן אויסדריקלעכן ציל — להשמיד ולהרוג! און מיר זענען אַרויס בשלום! און מיר פייערן דעם 30סטן יובל מיט אויפגעהויבענע קעפּ, מיט אַרויפגעצווונגענעם דרך־ארץ צו ישׂראל־סבא, צו דעם אַלטן פאָלק, וואָס איז אויסגעשטאַנען די שרעקלעכסטע אָנגריפן פון מיזרח און פון מערב, פון צפון און פון דרום און האָט אויסגעהאַלטן ביז היינט, און וועט זיכער אויסהאַלטן אויך היינט — די שלום־אָפענסיווע, וואָס מען וויל אָנוואַרפן אויף מדינת־ישׂראל, כּדי זי צו מאַכן הילפלאָז קעגן ווייטערדיקע אָנגריפן.

מאַי, 1978

נאָך אַ בלאַט אינעם נייעם תּנ״ך

פֿאַראַן מאָמענטן אין דעם לעבן פֿון אַ פֿאָלק וואָס קריצן זיך איין אין זיין געשיכטע מיט ספּעציעלע, באַזונדערע פֿאַרבן. מיט קלאָרן אַזעלכע, וואָס זענען אַנדערש פֿון פֿריִער געשריבענע קאַפּיטלען; די אותיות וואָס באַשרייבן די דאָזיקע אויסנאַמלעכע געשעענישן לייכטן עפּעס מיט אַ באַזונדערער שיין, וואָס טיילט זיי אויס פֿון דעם גרעסטן טייל פֿון די דברי־הימים פֿונעם געגעבענעם פֿאָלק.

אַזאַ אומגעוויינלעכער טאָג איז געווען דער פֿאַרגאַנגענער 26טער מערץ, ווען אין וואַשינגטאָן איז געחתמעט געוואָרן דער שלום־טראַקטאַט צווישן דער אַראַבישער רעפּובליק פֿון עגיפּטן און דער ייִדישער מדינה — מדינת־ישׂראל.

מיליאָנען מענטשן, צענדליקער מיליאָנען איבער דער גאַנצער וועלט, זענען געזעסן צוגעשמידט צו זייערע טעלעוויזיע־אַפּאַראַטן, אָדער צו זייערע ראַדיאָס און זיך צוגעהערט מיט גוואַלדיקער שפּאַנונג צו די ציטאַטן פֿון ישעיהו הנביא, אַז „לא ישׂא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה״. די אומשטערבלעכקייט פֿון דער אייביקער האָפֿענונג איז היינטצייטיק געקרעפֿטיקט געוואָרן ווען זי איז ספּאָנטאַן, נישט אָפּגערעדטערהייט, אויסגערופֿן געוואָרן מצד אַלע דריי באַטייליקטע אינעם היסטאָרישן אַקט, אין אַלע דריי שפּראַכן אין וועלכע די שלום־בשׂורה איז פֿאַרפֿאַסט געוואָרן.

די גרעסטע און שטאַרקסטע וועלטמאַכט, די צאָלרייכסטע און שטאַרקסטע אַראַבישע מלוכה און דאָס אַלטע פֿאָלק וואָס איז „המעט מכל העמים״, האָבן יעדער באַזונדער און אַלע דריי צוזאַמען באַשלאָסן אַז אונדזער פּלאַנעט קאָן אָפּגעראַטעוועט ווערן פֿון דער אַקטועלער סכּנה פֿון זעלבפֿאַרלענדונג נאָר דורך דעם וואָס די צוויי אַלט־היסטאָרישע בר פּלוגתּאס וועלן אָנהויבן זייער מאַרש צו שלום. אָפּגעזען פֿון אַלע פּראַקטישע אויסרעכענונגען, פֿון אַרגומענטן פֿאַר און קעגן דער נייער דערשיינונג אויפֿן נאָענטן מיזרח — איז דער אַקט פֿונעם 26טן מערץ 1979 פֿון אַזאַ קאָלאָסאַלן באַטייט, אַז ער איז עלול צו ענדערן די גאַנצע פּאָליטישע סטרוקטור פֿון דער וועלט.

עס זעט אויס, ווי עפּעס אַן אומבאַגרייפלעכער כּוח וואָלט געפירט מיט די אַנטוויקלונגען פון דער לעצטער צייט, כּדי צוצוגרייטן, רייף צו מאַכן דעם מאָמענט פון דער התחלה פון אַ נייער עראַ אין דער וועלט־פּאָליטיק. צו ערשט, דער פריינדשאַפט־אָפּמאַך צווישן אַמעריקע און דער קאָמוניסטי־שער כינע; אַ פּאָליטישער אַקט פון גרויסער וויכטיקייט — ווייל ער שטעלט אַוועק סאָוויעט־רוסלאַנד פאַר גוואַלדיקע בייזע אַנשטרענגונגען אויף איר מיזרח־פראָנט, וועלכן זי האָט געקאָנט ביז איצט באַטראַכטן ווי פון צווייט־ראַנגיקער וויכטיקייט; די געפאַר פון אַן עווענטועלער אַקס וואַשינגטאָן־פּעקין־טאָקיאָ אויפן ווייטן מיזרח ברענגט מיט זיך אַ באַשטימטע אַנטשפּאַנונג אויף דעם פראָנט פון מערב־אייראָפּע און אויך אַ געוויסע אָפּקילונג פון דעם קובאַניש־סאָוויעטישן אַנשטורעם אין אַפריקע, נאָענט צום אַראַבישן האַלב־אינדזל.

פון דער אַנדערער זייט, האָט דער אָנהייב פון דער איראַנישער רעוואָ־לוציע געווירקט, אַז דאָס כּמעט פּאַראַליזירטע, פּאָליטישע אַמעריקע זאָל זיך אָנהויבן אויסטשוכען פון דער וויעטנאַם־לעטאַרגיע און אַרומקוקן זיך אויף אירע פּאָזיציעס אין דער וועלט, וואָס גייען פאַרלוירן איינע נאָך דער אַנדערער.

אין דער היינטיקער וועלט זענען מער נישט פאַראַן קיין אָפּגעריסענע, פּאָליטישע אָדער עקאָנאָמישע דערשיינונגען, וואָס דער אָדער יענער בלאָק פון מלוכות זאָל קאָנען איגנאָרירן. אַפילו אַזאַ ענין ווי אַן אויפרודער אין אַן איראַנישער פּראָווינץ, וואָס איז באַוווינט פון קורדן, צי אַן אומצופרידנ־קייט ביי מוסלמענער אין באַשטימטע סאָוועטישע פּראָווינצן, קענען אָננעמען אַ וועלט־פּאָליטישן פאַרנעם, אויב מען זאָל זיך מיט זיי נישט פאַרנעמען ערנסט, באַלד ווי זיי קומען צום אויבערפלאַך.

איז עס אַזוי געשען, אַז אַלע די דערמאָנטע אַנטוויקלונגען אויף דער וועלטמאַפּע האָבן פאַרלייכטערט דעם פּראָצעס פון איבערבעטונג פון דער ייִדישער מדינה מיט איר עלטסטן און שטאַרקסטן שונא און, לאָמיר האָפן, צו אַן אויסזיכט אַז דער שלום־טראַקטאַט פון זעקס און צוואַנציקסטן מערץ וועט זיך אויסשפּרייטן אויפן גאַנצן מיטעלן מיזרח.

נאָך איין וויכטיקער מאָמענט מוז אונטערגעשטראָכן ווערן אין שייכות מיטן וואַשינגטאָנער אָפּמאַך: דער פאַקט וואָס אין שפּיץ פון דער ישׂראל־רעגירונג איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן די פּאַרטיי פון עקסטרעמען רעכטס

פון דעם ישׂראלדיקן פּאָליטישן ספּעקטרום, „חירות", מיט איר פירער מנחם בעגין! טראָץ דעם וואָס אין משך פון מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט האָט די אַרבעטערשאַפט פון ארץ־ישׂראל און שפּעטער פון מדינת־ישׂראל צוגע־גרייט דעם באָדן פאַר אַ צוזאַמענרייד מיט די אַראַבישע שכנים. איז דער אַרבעטער־באַוועגונג אוממעגלעך געווען צו דערפירן אירע באַמיִונגען צו אַ פּאַרמעלן שלום מיט קיינעם פון אירע שכנים; אונטער דעם ענגלישן מאַנדאַט האָט די הגנה געקעמפט פאַר יידישער אומאָפּהענגיקייט אונטער דעם לאָזונג פון הבלגה; שאַנעווען די אַראַבישע באַפעלקערונג טראָץ די פיל פּראָוואָקאַציעס פון דעם מופטי, דעם פּאַרגייער פון יאַסיר אַראַפאַט. אָן אַ שיעור פריינדלעכע זשעסטן האָט די אַרבעטער־באַוועגונג געמאַכט צו דער אַראַבישער באַפעלקערונג: אַריינגענומען אַראַבישע אַרבעטער אין דער הסתדרות אויף גליכע באַדינגונגען ווי זייערע יידישע אַרבעט־חברים, שפּעטער געגעבן די אַראַבישע מוניציפּאַליטעטן אין דער מדינה פולע רעכט אין די ראַמען פון זייערע אָרטשאַפטן, דערלויבט אַבסאָלוטע פרייהייט פון אַראַביש־קולטורעלער, מלוכיש־געשטיצטער אַנטוויקלונג פון אַ שול־און־לערן־סיסטעם; אומצאָליקע מאָל האָבן די אַרבעטער־רעגירונגען זיך גע־ווענדט צו די אַראַבישע פירערס מיט פאָרשלאָגן פון זעצן זיך צום פאַר־האַנדלונג־טיש און רעדן וועגן שלום אין דער געגנט — אַלע די דאָזיקע באַמיִונגען זענען דורכגעפאַלן צוליב די באַרימטע דריי לאָוון פון כאַרטום. ערשט אַ רעגירונג אונטער דער פּרעמיערשאַפט פון מנחם בעגין האָט געקאָנט קריגן אַ ווונק פון מצרים, אַז מען קאָן שוין אָנהייבן רעדן.

מען קאָן זיך גריילעך פאָרשטעלן וואָס עס וואָלט זיך אָפּגעטאָן אין לאַנד ווען אַן אַרבעטער־רעגירונג זאָל מאַכן אַ פאָרשלאָג אָפּצוגעבן דעם גאַנצן סיני, צוזאַמען מיט די ישובים צו עגיפּטען. אפילו פּרעמיער בעגין האָט שיעור נישט אַרויסגערופן אַ רעוואָלוציע קעגן זיך. היינט וואָס וואָלט שוין געשען ווען אַ שמעון פּרס, אָדער אַ יגאַל אַלון וואָלטן אָפּגעטאָן אַזאַ זאַך? עס וואָלטן געשטורעמט נישט בלויז אַ „גוש אמונים" פּלוס אַ „חרות" מיט מנחם בעגין אין שפּיץ!

מיר ווילן, אין דעם אַרטיקל, נישט אַריינגיין אין קיין פּרטים וועגן די באַזונדערע פּאַראַגראַפן פון דעם געחתמעטן שלום־אָפּמאַך; עס איז פאַראַן אַ סך אַרומצושמועסן און אַ סך צו זאָרגן. ס'איז צו דערוואַרטן, אַז בעת

דאָס וועט גערלייענט ווערן וועלן פיל זאַכן זיך האָבן געענדערט און נייע פּראָבלעמען וועלן האָבן צוגעקומען צו די הײַנטיקע.

הײַנט ווילן מיר זיך אין גאַנצן פאַרשיכורן מיטן וווּנדערלעכן געפיל פון היסטאָרישער דערגרייכונג, פון דעם גלויבן אַז מיר האָבן מיט דער זעלבּ־שטענדיקייט אין אייגענעם לאַנד דערלעבט נאָך איין גרויסן מאָמענט אויפן וועג פון פולער ייִדישער אומאָפּהענגיקייט.

אַפּריל–מאַי, 1979

טרערן אין מדבר סיני

ס'איז סימפטאָמאַטיש, וואָס אַלע וויכטיקע געשעענישן אין דער גרויסער וועלט זענען געשטעלט געוואָרן אין שאָטן אין אָנבליק פון דער דראַמע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט ביים אַקט פון איבערגעבן צו עגיפּטן דעם לעצטן טייל פון מידבר סיני.

ביז דער לעצטער מינוט האָט די וועלט נישט געגלויבט אַז מדינת־ישראל וועט טאַקע אָפּגעבן די אַזוי שווער דעראָבערטע שטחים פון דעם סיני־האַלבאינדזל, בלויז פאַר דעם צוזאָג פון עגיפּטן איינצושטעלן נאָרמאַלע שלום־באַציונגען מיט דער מדינה. מען האָט געוואָרט אויף איבערראַשונגען, אויף פּראָוואָקאַציעס מצד פאַרשיידענע עלעמענטן, אויף אַ בירגערקריג צווישן די איינוווינערס פון ימית און צה"ל.

גאָרנישט איז געשען — בלויז טרערן.

טרערן זענען געפאַלן סיי פון די סאָלדאַטן, וואָס האָבן דיסציפּלינירט אויסגעפירט דעם באַפעל פון דער ציווילער, דעמאָקראַטיש געוויילטער רעגירונג, סיי פון די איינוווינערס פון ימית, וואָס זענען מיט געוואַלד געצוווּנגען געוואָרן צו פאַרלאָזן זייערע הייזער, וואָס זיי האָבן מיט אַזוי פיל מי און ליבשאַפט אויפגעבויט אין משך פון יאָרן.

פון דער וויטנס איז שווער געווען צו פאַרשטיין דעם געוואַלטיקן איבערעס פון דער וועלט דווקא אין אָט דעם אַקט מצד מדינת־ישראל, בפרט אַז עס איז געווען באַוווּסט די התחייבות פון ישראל — צוריקצוציען זיך פונעם גאַנצן סיני — ווי עס איז געווען שוין לאַנג פאַרשריבן און געחתמעט אין דעם קעמפּ־דייוויד־אָפּמאַך, צו וועלכן עס זענען געווען שותּפים אַלע דריי באַטייליקטע: ישראל, מצרים און אַמעריקע.

ערשט שפּעטער, ווען עס זענען אָנגעקומען פּרטים סיי פון דעם צוריקצי גופא, פון דעם אופן ווי אַזוי די ישראלדיקע אַרמיי האָט אָפּגערייניקט די שטאָט ימית, סיי וועגן די פּאָליטישע אַנטוויקלונגען אין די לעצטע טעג פאַר דעם ענדגילטיקן פאַרלאָזן די ישראלדיקע ישובים אין מדבר סיני — —

ערשט דעמאָלט האָט מען אָנגעהויבן פאַרשטיין די גרויס און דעם פּאַרנעם פונעם פּראָבלעם און דעם אומרו וואָס האָט באַהערשט די מאַסגעבנדיקע פּאָליטישע קרייזן פון אַ סך לענדער.

לויט די אינפאָרמאַציעס וואָס ס׳האָט געבראַכט די ישׂראלדיקע פּרעסע, האָט עס טאַקע שוין געהאַלטן דערביי, אַז פון דעם גאַנצן ענין זאָל זיך גאָרנישט אויסלאָזן און אַז דער גאַנצער קעמפּ־דייוויד־אָפּמאַך זאָל געשטעלט ווערן פאַר דער סכנה פון בטל ווערן צוליב אויסדרוקן און מעשׂים מצד מצרישע מלוכה־מענער אין דער לעצטער צייט. מען דאַרף געדענקען אַז דער שלום־טראַקטאַט גופא וואָס איז נאָך שווערע פאַרהאַנדלונגען און אונטער אַ שטאַרקן דרוק פון אַמעריקע, אָנגענומען געוואָרן אין קעמפּ־דייוויד, האָט לכתחילה נישט אַרויסגערופן קיין גרויסן ענטוזיאַזם ביי קענטיקע שיכטן פון דער ישׂראל־באַפעלקערונג; די גרויסע קאָנצעסיעס וואָס די ישׂראל־רעגירונג האָט געמאַכט מצרים און די התחייבותן וואָס זי האָט אויף זיך גענומען צו באַפרייען טעריטאָריעס דערצו, אַ ריי פּאָליטישע פאַרפליכטונגען, זענען אַפילו מצד די ישׂראלדיקע פאַרהאַנדלערס גופא נישט מיט קיין לייכט געמיט געגעבן געוואָרן; נישט נאָר די עקסטרעמיסטן פונעם „גוש־אמונים״ אָדער פון דער שפּעטער אויפגעקומענער „התחיה״־פּאַרטיי זענען אַרויסגעטראָטן דעמאָלט קעגן בעגינען, נאָר אויך מענטשן פון זיין אייגענער חרות־באַוועגונג האָבן געשטורעמט קעגן אים.

אָבער באַזונדערש וויטיקלעך פאַר גרויסע טיילן פון דער באַפעלקערונג איז געווען דער פּאַראַגראַף אינעם אָפּמאַך וואָס האָט גערעדט וועגן ליקווידירן די ישׂראלדיקע יישובים וואָס זענען מיט אַ סך מי און אָנשטרענג, מיט אידעאַליסטישער מסירת־נפש געשאַפן געוואָרן ביי דער ישׂראלדיקער דרום־גרענעץ און וואָס זענען מיט דער צייט אויסגעוואַקסן ווי אַ פּרעכטיקער נאַציאָנאַלער סימבאָל פון יידישער אַרבעטזאַמקייט, אַ מוסטער פאַר דער וועלט.

נאָך אַ זאַך: אין דער גאַנצער הונדערטיאָריקער געשיכטע פון ציוניסטישן בוי אין ארץ־ישׂראל איז נישט געשען קיין איין פאַל אַז אַ יידישער יישוב זאָל פרייוויליק, אָן אַ קאַמף אויפגעגעבן ווערן. דאָס, וואָס אַ רעגירונג געפירט פון דער עקסטרעם נאַציאָנאַליסטישער רעוויזיאָניסטישער פּאַרטיי, דער פּאַרטיי פון זאב זשאַבאָטינסקי (ווי זי האָט זיך גערופן), זאָל פרייוויליק איבערגעבן יידישע יישובים צו אַן אַראַבישער מדינה וואָס איז באַזיגט געוואָרן

אין עטלעכע בלוטיקע מלחמות, איז געווען אומפאַרשטענדלעך און זייער ווייטיקלעך!

אָבער וואָס מער עס האָט זיך דערנענטערט דער טאָג פון צוריקצי פון סיני און פון דער פראַכטשטאָט ימית, אַלץ קלאָרער איז געוואָרן אַז דער גורל איז געחתמעט, און אַז די כמעט אומענדלעכע מדבר־מרחקים וואָס ישראל האָט אַזוי ווונדערלעך באַפרוכפּערט און באַגרינט, אין געציילטע יאָרן פאַרוואַנדלט אַט די מדבר־פּליינען אין בלענדנדיקע אָאַזיסן, אַזוי פון אל אַריש איבער שאַרם אַ שייך און ביז צו אילת, אַז דאָס אַלץ וועט איבער־געגעבן ווערן צו מצרים, וועט ווערן אַ פרעמדע טעריטאָריע; דאָך האָבן אַלע שלום געמאַכט מיט דער אומפאַרמיידלעכקייט, אַז מ׳דאַרף אָפּטרעטן, פאַרלאָזן די יישובים צוזאַמען מיט אַ גרויסער צאָל נאַפט־ברינעמער, מיליטערישע איינריכטונגען, און לופטפעלדער, — אויך דאָס וועט מען נישט קאָנען איינ־האַלטן!

עס זענען אויפגעקומען פאַרשלאָגן אַז אויב די מצרים מוזן דאָס אויך קריגן, זאָלן די יישובים דאָך דאָרט בלייבן, אַפילו אונטער עגיפּטישער סוווערעניטעט: זענען דען נישט פאַראַן אין דער גרויסער וועלט קיין יידישע געמיינדעס אונטער נישט־יידישער יוריסדיקציע?!

דער רעזולטאַט איז באַקאַנט. עגיפּטן האָט דערקלערט, אַז „יעדער אינטש פון סיני איז הייליקער, עגיפּטישער באָדן". איז דעריבער קלאָר געווען פאַר יעדן וואָס האָט נאָכגעפאָלגט די פּאָליטישע אַנטוויקלונגען, אַז עס וועט זיין אַ שווערער, אפשר גאָר טראַגישער מאָמענט פאַר ישראל, ווען דער טאָג וועט קומען און מען וועט מוזן אויספירן די געגעבענע פאַרפּליכטונג, בפרט ווען טויזנטער ישראלדיקע בירגערס האָבן זיך מאָביליזירט צו אַ פּיזישן, דויערנדיקן ווידערשטאַנד קעגן דער עוואַקואַציע פון ימית. האָט מען זיך טאַקע געריכט אויף אומרוען, און צה״ל, די ישראלדיקע אַרמיי, איז געשטעלט געוואָרן אין „גרייטקייט־צושטאַנד" אין פאַל אויב מען וועט זיין געצוווּנגען מיט געוואַלד אַרויסצוטרייבן די איינגעעקשנטע באַוווינערס. צום גליק איז צו קיין בלוט־פאַרגיסונג נישט געקומען, יידישע סאָלדאַטן וועלן קיין יידיש בלוט חלילה נישט פאַרגיסן און יידישע קאָלאָניסטן וועלן אַוודאי אויך נישט פאַרגיסן קיין בלוט פון ישראלדיקע קינדער אין אַרמיי־מונדירן.

זענען בלויז טרערן פאַרגאָסן געוואָרן: עס האָבן ביטער געוויינט די מונדירטע בחורים און מיידלעך וואָס האָבן איידל, אָבער אַנטשלאָסן אויסגע־

פירט די באַפעלן פון דער ציווילער ישׂראל־רעגירונג און עס האָבן געווינט די עוואַקויִרטע איינוווינערס אויף דעם טרויעריקן פּאַקט וואָס אייגענע ייִדישע קינדער זענען געצוווּנגען אויסצופירן אַזעלכע באַפעלן.

עס זענען אָבער אויך געווען מאָמענטן ווען עס האָט זיך געקאָכט אויסדוכטן אַז פון דעם גאַנצן ענין עוואַקואַציע וועט גאָרנישט ווערן: ביז דער לעצטער מינוט זענען אָנגעגאַנגען אינטענסיווע פאַרהאַנדלונגען צווישן ישׂראל, מצרים און אַמעריקע, וואָס האָבן צו מאָל געשאַפן אַן אָנגעשטרענגטע אַטמאָספער צווישן די צדדים און האָבן געשטעלט אויף די פיס די מאָסגעבנדיקסטע פאַקטאָרן אין אַלע דריי הויפּטשטעט: פּרעזידענט רעיגען האָט אײליק אַרויסגעשיקט דעם אַסיסטענט פון סטייט־סעקרעטאַר סטעסל קיין ירושלים און קאַהיִראָ און די אויסערן־ און קריגס־מיניסטאָרן פון ישׂראל און מצרים זענען געזעסן אין זייערע „שאַטל"־ערָאָפּלאַנען צווישן זייערע הויפּטשטעט און געפירט בריוו אַהין און צוריק פון מובאַראַקן צו בעגינען און פאַרקערט.

די סומאַטאָכע איז געשען צוליב דער אומקלאָרקייט וואָס הערשט נאָך אַלץ אין דער באַציִונג און אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דער אַראַבישער וועלט בנוגע דער ייִדישער מדינה. אַזוי האָט דער מצרישער הויפּט־דעלעגאַט אין דער אונאָ געהאַלטן אַ רעדע אויף אַן אַל־אַראַבישן צוזאַמענפאָר אין קוווייט, אין וועלכער ער האָט אויסגערעכנט אַ גאַנצע ריי פּונקטן וואָס ישׂראל וועט מוזן אַקצעפּטירן כּדי אָנערקענט צו ווערן מצד דער אַראַבישער וועלט; צווישן די אַלע באַדינגונגען איז אויך געווען אַ פּונקט אַז די אַראַבער מוזן באַקומען די סוווערעניטעט איבער ירושלים און אַז אויפן מערב־ברעג פון ירדן מוז אויפגעשטעלט ווערן אַן אומאָפּהענגיקע פּאַלעסטינער מדינה. דאָס זענען פאָדערונגען וואָס נאָר די אויסגעשפּראָכענע שׂונאי־ישׂראל, מיט אַראַפּאַטן בראָש, שטעלן אַרויס. מען קאָן זיך דעריבער פאָרשטעלן וואָסער איינדרוק דאָס האָט געמאַכט אין ירושלים. דערצו קומט נאָך צו דער פאַקט וואָס די עגיפּטער זענען שוין געווען אַזוי זיכער מיט זייער סיני־באַזיץ, אַז זיי האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אויפפירן ווי די בעלי־בתים, האָבן געלאָזט דער פּ.ל.אָ. עפענען אַן אָפיס אין אַל אַריש, האָבן זיך געמאַכט נישט ווויסנדיק, נישט זעענדיק ווען בעדויִנערס האָבן אָנגעהויבן שמוגלען דורך דער עגיפּטישער גרענעץ געווער פאַר די טעראָריסטן אין יהודה און שומרון, און דאָס גלייכן אַזעלכע מעשׂים.

דער ישראל־פּרעמיער מנחם בעגין איז מיט רעכט אַריינגעפאַלן אין גרימצאָרן און ער האָט איניקע מאָל מתרה געווען די מצרים, אַז דערווייל איז נאָך מדינת־ישׂראל אַ גלייכער שותּף צום שלום־אָפּמאַך און זי פאָדערט פון די מיטבאַטייליקטע אין דעם אָפּמאַך אויסצופירן אַלע פּונקטן פונעם טראַקטאַט כּלשונו, לויט זיין אינהאַלט און לויט זיין גייסט.

די קריזיס־שטימונג איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ווען דער אַמעריקאַנער שליח איז אָנגעקומען אין ירושלים האָט ער געקראָגן דעם איינדרוק אַז די גאַנצע סטרוקטור פון שלום אין מיטעלן מיזרח פאַלט איין און אַז די גאַנצע מי פון יאָרן גייט לאיבוד. ווי עס האָט זיך אָבער לסוף אויסגעלאָזט, האָט מובאַראַק איינגעזען אַז עגיפּטן וועט בישט אַרויס מיט קיין ריווח אויב זי וועט זיך נישט האַלטן ביי אַלע אירע צוזאָגן און ער האָט איבערגעשיקט אַ בריוו צו מנחם בעגין מיט אַן איבערחזרונג פון אַלע עגיפּטישע התחייבותן. דער בריוו וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אויף אַ ספּעציעלער זיצונג פון דער רעגירונג, איז געשריבן אין אַ זייער וואַרעמען טאָן און אין דעם זעלבן וואַרעמען טאָן איז אויך געשריבן געוואָרן דער בריוו וואָס פּרעזידענט ראָנאַלד רעיגען האָט אין דער זעלבער צייט געשיקט צו דעם פּרעמיער פון דער יידישער מדינה.

אַזוי האָט זיך געענדיקט דאָס לעצטע קאַפּיטל פון דעם ישׂראלדיקן צוריקצי פון גאַנץ סיני. קיין גרויסע שׂמחה איז אין ישׂראל נישט געווען, דער ענטוזיאַזם וואָס האָט באַהערשט דאָס פאָלק פון ישׂראל ווען פּרעזידענט אַנוואַר סאַדאַט איז געקומען קיין ירושלים, איז שוין לאַנג אויסגעוועפּט געוואָרן, אָבער קיין חרטה אויפן שלום־אָפּמאַך מיט עגיפּטן איז אויך נישטאָ: סוף־כּל־סוף איז דאָ אַן אַלגעמיין אָנגענומענע אָפּשאַצונג אַז קיין מלחמה קעגן מדינת־ישׂראל קאָנען אַלע אַראַבישע מדינות צוזאַמען נישט אונטערנעמען אָן דער באַטייליקונג פון עגיפּטן, און דער דאָזיקער פּראָנט ווערט דערווייל אָפּגעשלאָסן אין פרידן.

אַ סך יידישע טרערן זענען פאַרגאָסן געוואָרן אין ימית. אָבער טרערן קאָנען האָבן רעזולטאַטן. אין אַ יידישער תּפילה ווערט געזאָגט: „הזורעים בדמעה, ברינה יקצורו״, די וואָס זייען מיט טרערן וועלן שניידן מיט געזאַנג. בלויז די וויטערדיקע טעג וועלן ברענגען דעם באַשייד פון די טרערן וואָס זענען פאַרגאָסן געוואָרן אין דער ליקווידירטער שטאָט ימית.

מען וועט דאָס אויך איבערקומען

עס ווייזט אויס אַז דאָס פאָלק אונדזערס איז געוואָרן אַ ריזיקער פאַקטאָר אין דער וועלט. עפּעס אַ קלייניקייט? אויף אַלע וועלט־צוזאַמענקונפטן, אויף אַלע אינטערנאַציאָנאַלע פאָרומס, אויף די רעגירונג־זיצונגען פון די גרויס־מאַכטן — — — אומעטום שטייט מדינת־ישׂראל אויפן סדר היום און עס פליען אָפיציעלע קאָמוניקאַטן צו דער וועלטפּרעסע און עס צעשרייבן זיך די קאָלומניסטן פון די גרעסטע וועלטצייטונגען און עס פאַרמעסטן זיך מיט קאָמענטאַרן, השערות און אויסטייטשונגען די גרעסטע קעפּ פון אינטער־נאַציאָנאַלער פּאָליטיק — — — די גאַנצע וועלט רוישט און טומלט זיך אַזוי ווי עס וואָלט שוין טאַקע אָט־אָט געהאַלטן ביים ריכטיקן אָנגריף פון דער גרויסמאַכט ישׂראל אויף דעם שלום פון דער וועלט.

מען דאַרף באמת זיך טיף אַריינטראַכטן אין די לעצטע אַנטוויקלונגען כּדי צו קריגן כאָטש אַן איבערפלעכלעכן באַגריף וועגן דעם וואָס עס קומט פאָר אַרום אונדז. ראשית די אַזוי גערופענע דעמאָקראַטישע געזעלשאַפט: ווי באַקאַנט זאָרגן זיך די דעמאָקראַטן פון אַלע לענדער, אין דער ערשטער ריי, וועגן שלום; אַלץ וואָס די דעמאָקראַטן אין דער וועלט טוען, אַלע זייערע האַנדלונגען זענען צוגעשפּיצט צו דער עיקרדיקער אויפגאַבע זייערער צו פאַרהיטן דעם וועלט־שלום. קיין שום אָנשטרענג איז נישט צו שווער פאַר אָט די ליבעראַלע עלעמענטן כּדי צו דערגרייכן דעם אויסגעחלומטן ציל פון אַ „וועלט פון שלום״. ווען, למשל, זיי זענען ביי דער מאַכט, ווי אַ שטייגער אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, קאָן זיך קיינער נישט פאַרגלייכן מיט זיי אין זייער געיעג פאַר אַ פרידלעכער וועלט: וויפל ביליאָנען דאָלאַרן עס זאָלן נישט באַשטימט ווערן אויף דעם „פאַרטיידיקונג״־בודזשעט פון לאַנד, איז דאָס אַלץ נישט גענוג פאַר זיי. דער „ניי־געבוירענער״ דעמאָקראַ־טישער פּרעזידענט פון אַמעריקע וועט אַלע מאָל געפינען אַ תירוץ פאַר צווואַרפן נאָך אַ ביסל מיליאַרדן צום נוקלעאַרן און סתם מיליטערישן בו־דזשעט. אַלץ, פאַרשטייט זיך, אין די בלוטיקסטע אינטערעסן פונעם וועלט־

שלום. אַפילו דאָס שיקן ראַפּינירטן אויל קיין איראַן צום הייליקן איאַטאָלאַ וווערט געטאָן אין די דערמאָנטע לעבנס-אינטערעסן פון די שלום-זוכערס. וואָס דאַרף מען מער? ——— מען קוקט בכיוון אַוועק פון די שחיטות פון די קורדן מצד דעם איאַטאָלאַס הענקערס, כּדי נישט צו צעשטערן די פרידנס-אידיליע אין יענער געגנט. דאָס אַלץ איז אָבער נאָך נישט גענוג, ווייל עס זענען פאַראַן אין יענעם ראַיאָן (הגם אַ ביסל אָפּגערוקט געאָגראַפיש פון אחשוורושעס מדינה) געפערלעכע עלעמענטן וואָס זענען אַן אמתע געפאַר פאַר דעם פרידלעכן צוזאַמענלעבן פון די פעלקער אינעם מיטעלן מיזרח; אַלע ווייסן דאָך אַז די קריסטלעכע אַראַבער וואָס האָבן זיך קוים אָפּגעראַטעוועט פון יאַסיר אַראַפאַטס שלום-לעגיאָנען און האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט אויף אַ קליינעם פּאַס טעריטאָריע נעבן דער גרענעץ פון מדינת-ישׂראל, אַז זיי זענען עס די ריכטיקע שטערערס פון שלום און מען מוז זיי איינגעמען מיט גוטן אָדער מיט בייזן; אַזוי זאָגט אונטער דאָס ליבעראַלע געוויסן פונעם אַמעריקאַנער ראַטגעבער צום פּרעזידענט, זביגניעוו בזשעזשינסקי, און דער אַרכי-ליבעראַל פונעם ברוקינגס-אינסטיטוט סיירוס וואַנס.

כּדי צו פאַרהיטן פון אַ קריגס-אויסבראָך אויפן ווייטן מיזרח, גייט דער אַמעריקאַנער סטייט-דעפּאַרטאַמענט אַזוי ווייט ווי אַריינצולאָזן אין לאַנד אַרייַן אָן אַ קוואָטע, הונדערטער טויזנטער „שיף-מענטשן" פון וויעטנאַם און מען פאַראָרדנט דעם זעקסטן פלאָט אַרומצוזוכן די אומגליקלעכע פּליטים אויף אַלע שבעה ימים ——— אָבער די עטלעכע טויזנט קריסטלעכע אַראַבער וואָס פאַרטיידיקן זיך און זייערע משפחות מיט גרויס לײַדנשאַפט און העראָיזם קעגן די גאָרגל-שניידערס פון דער פּ.ל.אָ., פאַר זיי איז אַפילו קיין גוט וואָרט נישט פאַראַן.

דאָס איז בנוגע אַמעריקע. וואָס הערט זיך מכּוח די שלום-קעמפערס פון מערב-אייראָפּע? זיי זענען טאַקע די אמתע צדיקי-הדור. קודם-כּל פראַנקרייך: דאָ איז נישט די רייד וועגן דער רעגירונג. זי געפינט זיך דאָך נישט אין די הענט פון דעם דעמאָקראַטישן טייל פון דעם פראַנצייזישן פאָלק. זשיסקאַר דעסטען רעפּרעזענטירט בלויז די רעכטע פּאַרטייען. איז, כאָטש אויך ער און זיינע נאָכפאָלגערס, די גאָליסטן מכּל המינים, און די רעפּובליקאַנער און אַלע אַנדערע רעכטע פון שיראַקן און זיינע חברים, שווערן זיך כּסדר אַז זיי שטרעבן בלויז צו פאַרהיטן אַז די „נאַטאָ" זאָל זיך נישט פאַרפּלאָנטערן אין אַ מלחמה מיט דעם סאָוויעטישן לאַגער. פאָדערן זיי אומאויפהערלעך

פון זייער אַמעריקאַנער פאַרבינדעטן, ער זאָל צוגעבן נאָך מיליאַרדן צו זיין „פאַרטיידיקונגס-בודזשעט”. וואָס טוט מען נישט פאַר אַזאַ נאָבעלן ציל?.. נו, גוט; די דאָזיקע בורזשואַז־רעאַקציאָנערע עלעמענטן האָט מען קיין מאָל נישט געגלויבט און מען איז נישט מחויב פלוצעם צו ענדערן די באַציִונג צו זיי.

אָבער וואָס איז מיט די ריכטיקע ליבעראַלן? מיט די סאָציאַליסטן און מיט די קאָמוניסטן? אין זייער ערלעכער באַציִונג צום וועלט־שלום טאָר מען דאָך אויף אַ מינוט נישט צווייפלען; זייער גאַנצע עקסיסטענץ איז דאָך געבויט אויף אָט די הייליקע פרינציפּן. זיי דאַרפן אַפילו זיך נישט שווערן. עס וואָלט געווען אַ באַליידיקונג מען זאָל דאָס פאַרלאַנגען פון זיי. מילא, פון די קאָמוניסטן איז דאָך אָפּגערעדט. זיי זוכן שוין אַזוי לאַנג דעם וועלט־שלום אַז עס איז פשוט אַ חרפּה צו פרווון זיי דערמאָנען וועגן דעם. זיי האָבן באַוויזן זייער קאַליר אויף די שלום־טאַנקען אין פּראַג, מיט די גאַרניזאָנען אין פּוילן, מיט די דעפּאָרטאַציעס אין אונגאַרן, מיט די שלום־אינטערווענצן אין אַנגאָלאַ, אין עטיאָפּיע — — — אַפילו מיט אַ שלום־בריגאַדע אין קובאַ. אָבער אויך די פראַנצייזישע סאָציאַליסטן האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דעם פאַסקודנעם „שלום־וואָגן”. עס וועט נאָך נעמען אַ זייער לאַנגע צייט און אַ סך תשובה־תפילות אָפּצומעקן פון די פראַנצייזישע סאָציאַליסטן דעם קײַן־צייכן פאַר דער איינלאַדונג צו יאַסיר אַראַפאַט צו זייער נאַציאָנאַלער קאָנפערענץ.

אָפּגערעדט שוין פון מומר להכעיס ברונאָ קרייסקי, וואָס איז גרייט איינצושטעלן דאָס סאַמע לעבן פון די איבער דריי מיליאָן ישראלדיקע ייִדן אַבי דער רוצח אַראַפאַט זאָל אים עפּעס אַריינשעפּטשען וועגן די מעלות פון סאָציאַליזם. פּונקט אַזוי ווי ער וואַרפט זיך מיט סימפּאַטיעס פאַרן קאָמוניזם, ווען ער איז דער גאַסט פון די מאָסקווער צבועקעס.

אויך דער שטילער „הַצְנֵעַ לֶכֶת” פונעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל האָט געפונען פאַר מעגלעך אויסצושפּרייטן זיינע אָרעמס פאַרן רוצח פון ייִדישע קינדער אין מעלות און פון אומשולדיקע ייִדן אויפן שאָסיי חיפה—תל־אביב. ווילי בראַנדט, ער איז טאַקע דער ריכטיקער סימבאָל פון דעם וועלט־שלום. קודם איז ער אַ דייטש, וואָס האָט די חוצפּה צו פּריידיקן צו די ייִדן קעגן די גרויזאַמקייטן פון מלחמות. ער ווייס דאָך יאָ וואָס זיין פאָלק האָט אָפּגעטאָן בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה; וויל ער מער נישט דערלאָזן צו קיין נייע קאָנצענטראַציע־לאַגערס און קרעמאַטאָריעס ווו מען פאַרברענט לעבעדיקע

מענטשן און מען רייסט אַרויס די ציין פון די קרבנות, אַוועקצושיקן צו די קאַרלס און גרעטכענס אין הינטערלאַנד.

איז דאָס, „זאָ וואַר איך לעב", אַ נאָבעלער ציל פאַר אַ סאָציאַליסטישן דייטש וואָס וויינט אויף דעם שלעכטס וואָס זיין פאָלק האָט געבראַכט אויף דער וועלט. וויל ער דאָס פאַרמיידן אויף להבא. טאָ צו וועמען ווענדט ער זיך? צו דעם קריגערישן פאָלק אין דער וועלט — צו די ייִדן. דאַרף מען נאָך אַ מער סאַטיריש בילד פון דער שלום־זוכעניש פון דער וועלט פון דעמאָקראַטיע?.. ריכטיק האָט עס באַצייכנט דער ישׂראלדיקער פּרעמיער־מיניסטער אויף זיין צוזאַמענטרעף מיט אַנוואַר סאַדאַט: „זיי אַלע גוואַלדעווען קעגן מלחמות און זיי קעמפן פאַרביסן קעגן יעדן שיין פון שלום".

און דו, בן־אדם, שטייסט אַ פאַרווירטער, אַ פאַרלוירענער און דו ווייסט נישט ווו פרי׳ער צו וואַרפן דיין בליק; אויב בזשעזשינסקי און אַנדריי יאַנג זענען טאַקע גערעכט, אַז ישׂראל איז די גרויסע געפאַר פאַרן שלום, אויב מען דאַרף גלייבן מיטעראַנען און מאַרשע אַז יאַסיר אַראַפאַט איז אַ שלום־מלאך, אויב די פערציק טויזנט זעלנער פון פידעל קאַסטראָ אין אַפריקע זענען פרידנטויבן, פירן דאָרט איין אַ גן־עדן אויף דעם שוואַרצן קאָנטינענט. דאַן דאַרף מען שוין צוטרעטן שאַפן אַן אינטערנאַציאָנאַלן כוח וואָס זאָל אָנהייבן רעגענען מיט פייער און שוועבל (און פאַר וואָס טאַקע נישט מיט נוקלעאַרע באָמבעס?) אויף דעם דאָזיקן קשה־עורפדיקן פאָלק וואָס איז אַ טויטלעכע סכנה פאַר דער מענטשהייט. לאָמיר זיך נישט נאַרן: די גיפטיקע פּראָפּאַגאַנדע וואָס גיסט זיך אויפן ייִדישן לאַנד האָט שוין אָנגענומען אַזעלכע מוראדיקע פּראָפּאָרציעס, אַז קיין שום קעגנווירקונג פון אונדזער זייט וועט נישט מער זיין בכוח אָפּצושטעלן די פאַרסמטע לאַווע וואָס שפּריצט אַרום אונדז, אָדער איינצושטילן דאָס שייפן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער „שלום"־שלאַנג, וואָס דערלאַנגט מיט איר צונג צו די סאַמע פּילבאַרסטע טיילן פון דעם מענטשלעכן מין.

ביי ייִדן איז פאַראַן אַ לעגענדע אַז די וועלט וועט אויסגעלייזט ווערן ווען זי וועט ווערן כּולו זכּאי אָדער כּולו חייב. עס איז שוין שווער צו וואַרטן אויפן ערשטן. דער כּולו חייב שוימט שוין אָבער איבער די ברעגעס.

ווייטער אַזוי קאָן עס נישט גיין, אויף קיין מבול ווילן מיר נישט בעטן, און אַוודאי האָבן מיר נישט קיין כּוח אויף דעם צו וואַרטן. עס בלייבט בלויז איין און איינציקע ברירה: מיר וועלן דאָס מוזן איבערלעבן.

אָקטאָבער, 1979

פּראָפּילן

48 יאָר זינט דער פּטירה פון בער באָראָכאָוו

אין משך פון דער צייט איז מער קיין שטיין אויף אַ שטיין נישט געבליבן פון זיין וועלט. די אימפּעריעס קעגן וועלכע ער האָט מיט אַזוי פיל לײדנשאַפט געשטורעמט זענען שוין לאַנג אויפן עולם האמת; די וועלט פון בער באָראָכאָוו איז אַוועק, שוין קיין מאָל מער נישט צוריקצוקומען; דאָס סולטאַנישע טערקיי, וואָס איז אַ לאַנגע צייט געשטאַנען אין צענטער פון יידישער (ספּעציעל ציוניסטישער) פּאָליטישער אויפמערקזאַמקייט, איז נישט בלויז פאַרשוווּנדן, נאָר אויך שוין פאַרגעסן געוואָרן אַלס פאַקטאָר אין אינטערנאַציאָנאַלן לעבן. אַנדערע, גרעסערע אימפּעריעס, זענען צעשטויבט און צעפּיצלט געוואָרן אין דעם פּאָליטישן און סאָציאַלן שטורעם וואָס האָט כאַראַקטעריזירט די לעצטע 50 יאָר; די אידעאַלן, מיט וועלכע באָראָכאָוו איז געקומען צו די יידישע מאַסן, הגם היינט נאָך אַזוי פריש ווי אין יענער צייט, האָבן דורכגעמאַכט אַ גרינטלעכע מעטאַמאָרפאָזע אין אַנבליק פון טיפע ענדערונגען אין זייער אַנווענדונג און אין דעם אָביעקט פון זייערע צילן; דאָס יידישע פאָלק, וואָס איז געווען דער אָביעקט פון באָראָכאָווס איבערגעגעבנקייט, איז קוים אַ לעבעדיקס אַרויס פון די שטורעמס וואָס האָבן געבושעוועט איבער זיין קאָפּ און פון די קאַלכאַויוונס פון אומגעאַנטער מענטשלעכער רשעות, וואָס האָט זיי געבויט און טאָלערירט. — און טראָץ דעם אַלעם איז בער באָראָכאָוו, דער פאַרשריגענער, דער אויסגעלאַכטער אין די ערשטע צייטן פון היינטיקן יאָרהונדערט, היינט מער אַנערקענט ווי ער איז געווען ווען עס איז פריער. אַ קאָנטראָווערסאַלע פיגור די גאַנצע צייט פון זיין קורץ לעבן — ווערט ער אַנערקענט ווי דער געניאַלער באַגרינדער פון דעם באַפרייונג־קאַמף פון דעם יידישן פאָלק און פון זיין שאַפערישסטן טייל, דעם פּראָלעטאַריאַט, צענדליקער יאָרן נאָך זיין טויט.

ווייל באָראָכאָוו האָט, אין קעגנזאַץ צו זיינע אַמאָליקע בר־פּלוגתאָס, שטענדיק געזען דאָס יידישע פאָלק ווי אַ גרויסן אַלוועלטלעכן קאָלעקטיוו נישט בלויז אויף איין אָפּשניט פון דער יידישער געשיכטע, נאָר סיי אין

פיזיש עקסיסטענציעלן זין, סיי אין שטח פון צייט און היסטאָרישער אַנטוויק־לונג. פאַר באָראָכאָוון זענען געווען קלאָר די „מיסטעריעזע“ פעדעם, וואָס האָבן שטענדיק פאַרבונדן און פאַרקנופּט אַלע אברים פון דעם אַלוועלטלעכן יידיש נאַציאָנאַלן גוף. זייענדיק אַליין אַן איבערצייגטער מאַרקסיסט, שטעלט זיך באָראָכאָוו פון דעסטוועגן נישט אָפּ אָפּצווייכן פון דעם מאַרקסיסטישן צוגאַנג צו די באַזונדערע נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון די פאַרשיידענע סאָציאַלע טיילן פון אַ פאָלק און ער, באָראָכאָוו, זעט דווקא די געמיינזאַמע אינטערעסן פון אַלע טיילן פון יידישן פאָלק אין דעם אויפבוי פון דער נאַציאָנאַלער באַזע אין ארץ־ישראל. הגם ער אונטערשיידט צווישן די קלאַסן־אינטערעסן פון דער יידישער בורזשואַזיע און פונעם פּראָלעטאַריאַט אין דעם אויסשטעל פון דער יידישער טעריטאָריאַלער אומאָפּהענגיקייט, געפינט ער פון דעסטוועגן דעם געמיינזאַמען נאַציאָנאַלן שטריך וואָס פאַרבינדט זיי אַלע אין דעם עיקרדיקן נאַציאָנאַלן ציל — דאָס דערגרייכן די נאַציאָנאַלע זעלבשטענדיקייט:

„דער וווּקס פון די יידישע פּאָזיציעס אין פּאַלעסטינע וועט ביסלעכווייז אַריבערטראָגן דעם שווערפּונקט פונעם גאַנצן יידישן לעבן אין (קיין) פּאַלעסטינע, ווייל טאַקע נאָר אין דעם לאַנד וועט נאָכן צוויי־טויזנט יאָריקן גלות צום ערשטן מאָל זיך אָנהייבן צו בויען אַן עקאָנאָמיש אויטאָנאָמע, זעלבשטענדיקע יידישע געזעלשאַפט, ווייל טאַקע נאָר דאָ וועלן ענדלעך די אַזוי לאַנג און אַכזריותדיק־איינגעשמידטע כּוחות באַקומען אַ מער ברייטערן פּלאַץ, ווו זיי וועלן זיך קאָנען שאַרפער אַרויסווייזן און פריי פונאַנדערשפּילן. די וויכטיקסטע אינטערעסן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין גלות וועלן זיין צוגעשמידט צו די באַדינגונגען פון דעם לעבן אין פּאַלעסטינע און צו די באַדינגונגען פון אַריבערפאָרן אַהין. די דאָזיקע באַדערפעניש צו באַפרייען די באַדינגונגען, כּדי די שאַפנדיקע פּראָצעסן פון אָנזאַמלען די יידישע פּאָזיציעס אין פּאַלעסטינע זאָלן קאָנען פריי פליסן, וועט זיך שטאַרק אַרויסווייזן ביי אַלע פּאַראינטערעסירטע קלאַסן פון יידישן פאָלק: אי ביי אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער יידישער מיטעלער בורזשואַזיע, אי ביי דער קליינבורזשואַזיע, אי ביי די זיך־פּראָלעטאַריזירנדיקע מאַסן. נאָר אַממערסטן אַקטיוו, אַמ־מערסטן ווירקנדיק וועט די באַדערפעניש זיין ביי דעם פּראָלעטאַריאַט — ביי יענעם קלאַס וועלכער איז מער ווי אַלע אַנדערע פעיק צו שמידן זיין גליק אַקטיוו און זעלבשטענדיק — ביי יענעם קלאַס, וועלכער נעמט טאַקע אויף

זיך די באַוווסטזיניקע רעגולירונג פון אַלע באַפרייענדיקע פּראָצעסן אין אונדזער לעבן און ביי דעם אַרבעטער־קלאַס ווייל ער איז אַממערסטן פעיִק צו אָרגאַניזאַציע און דיסציפּלין, וועט זיין אויך דער גרעסטער כּוח, די גרעסטע מעגלעכקייט, צו קעמפן פאַר דער באַפרידיקונג פון זיין דאָזיקער באַדערפעניש."

און באָראָכאָוו זעצט פאָר:

„דער דאָזיקער פּראָגנאָז, וועלכער איז אַנטוויקלט געוואָרן אין „אונדזער פּלאַטפאָרם", פירט צום באַשלוס, אַז דער טעריטאָריאַליזם איז אַ פּראָצעס וועלכער קומט פאַר מיט היסטאָרישער נויטווענדיקייט. דאָס הייסט, אַז אויף וויפל עס איז בכלל מעגלעך פאָראויסזעצן די צוקונפט אין דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, האָבן מיר גענוג יסודות צו באַהויפּטן, אַז דער טעריטאָריאַליזם וועט פאַרווירקלעכט ווערן: אָבער ווי אַזוי, דאָס הייסט אין וועלכע באַשטימטע פאָרמען, דורך וועלכע באַשטימטע סטאַדיען און ווען, בעמלעך, וועט דער טעריטאָריאַליזם פאַרווירקלעכט ווערן, דאָס וויסן מיר נישט, אָבער מיר וויסן וווּ, אויף וועלכער טעריטאָריע..." (די ראָל פון אַרבעטער־קלאַס אין דער רעאַליזירונג פונעם טעריטאָריאַליזם, זייטן 4־5).

ווייטער אַנטוויקלט באָראָכאָוו זיין געדאַנק וועגן די סטיכישע פּראָצעסן וואָס ווירקן אין יידישן לעבן און וועגן וועלכע ס'איז שוין גענוג געשריבן געוואָרן אַז זיי זאָלן זיין באַקאַנט דעם אינטעליגענטן יידישן לייענער.

איך האָב געבראַכט דעם פריִערדיקן ציטאַט, ווייל מיר דוכט זיך, אַז אין די ציטירטע שורות ווייזט זיך אַרויס מער ווי ערגעץ אַנדערש די גאונישע אַנאַליזירונג־קראַפט פון באָראָכאָוון און זיין אומגעווייגלעכע פעיִקייט אַריינצודריגנען אין סודות וואָס די געשיכטע האַלט פאַרהוילן פונעם געוויינלעכן בשׂר־ודם.

נאָך היינט, אין אונדזערע צייטן, קומט פאָר דער אידעיִשער געראַנגל וועגן דער ראָל פון יעדן באַזונדערן קלאַס אין דעם אויפבוי־פּראָצעס פונעם יידישן לעבן; אַפילו ביים לעצטן, ליידנשאַפטלעכן וואַלקאַמף אין דער מדינה, וואָס איז פאָרגעקומען ביי די וואַלן צו דער כּנסת, איז די פראַגע געווען וועגן דער ראָל און באַדייט, און רעכט אָנצופירן מיט דער יידישער מדינה, וועגן דעם ווער עס בילדעט דעם באַפרייענדיקן נאַציאָנאַלן כּוח אין דעם יידישן פאָלק — די אַרבעטערשאַפט, אָדער די בורזשואַזיע. היינט קלינגט דער דאָזיקער קאַמף אַזוי רעאַל, אַזוי זעלבפאַרשטענדלעך — אָבער מיט זעכ־

ציק יאָר צוריק!? נישט בלויז איז קיין מדינה נישט געווען — דער גאַנצער ענין מדינה האָט אויסגעזען עפּעס ווי אַ פאַנטאַסטישער שיינער ווייטער חלום, אַפילו ביי די וואָס האָבן אויסגעקליבן זיך צו קלאַמערן אין דעם דאָזיקן חלום (מסתּמא אינסטינקטיוו מיטן דראַנג צו באַשיינען דאָס פינצטערע לעבן פון פאָלק מיט אַ שטראַל פון אַ וווּנדערלעכן חלום).

אָבער דאָס לעבן איז טאַקע געגאַנגען אַזוי ווי דער יונגער פּאַלטאַווער גאון האָט דעמאָלט פאָרגעאַנט. אפשר האָט ער אויך פאָרגעפילט דעם חורבן פון זיין יידישן פאָלק אויפן וועג צו די „באַפרייענדיקע פּראָצעסן" פון נאַציאָ־נאַלן לעבן, אפשר האָט ער געהאַט אַן אינערלעכן פּחד פאַר דעם וואָס די צו־קונפט גרייט צו פאַר זיין פאָלק — דערפאַר האָט ער זיך אַזוי געקלאַמערט אין זיין טעזע וועגן דער אַוועלטלעכער גורל־געמיינשאַפט פון דעם יידישן פאָלק אין דער גאַנצער וועלט. דער דאָזיקער געדאַנק פון אויפהיטן אַנדערע טיילן פון פאָלק אין צייטן פון דראָענדיקע קאַטאַסטראָפעס ציט זיך דורך אונדזער גאַנצער געשיכטע זינט דעם ווייטסטן באַגין אונדזערן, ווען יעקב האָט צעטיילט זיין גרופּע אין דריי טיילן, כּדי צו האָבן די מעגלעכקייט צו אַנטרינען פונעם ביטערן גורל וואָס עשו גרייט צו, כאָטש מיט אַ טייל פון זיין קאָלעקטיוו.

באָראָכאָוו איז געווען די אַממערסטנס קאָנטראָווערסאַלע פיגור אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט פון זיין צייט. נישט בלויז בונדיסטן און אַנ־דערע שונאי־ציון האָבן אים פאַרשריגן ווי אַ בעל־חלומות און אַ פאַלשן משיח, וואָס פירט אַראָפּ יידישע אַרבעטער פון דרך־הישר פון סאָציאַליס־טישער אויסגעהאַלטנקייט, נאָר אויך אין דער ציוניסטישער מחנה גופא איז ער געווען פאַראיינזאַמט, ווייל מען האָט אים נישט געקאָנט גריינג תופס זיין, ער האָט נישט געבראַכט קיין לייכטע אויסוועגן פאַר דער קאָמפּליצירטער יידישער פּראָבלעמאַטיק.

און ווונדער איבער ווונדער! — בער באָראָכאָוו איז היינט, קנאַפּע פופ־ציק יאָר נאָך זיין טויט, דער צום מייסטנס אָנערקענטער קלאַסיקער־טעאָרע־טיקער פון יידישן סאָציאַליזם. די גאַנצע, אָן אויסנאַם, ציוניסטיש־סאָציאַ־ליסטישע אַרבעטער־באַוועגונג אָנערקענט אים היינט ווי דעם פונדאַמענטן־לייגער פון יידישן סאָציאַליסטישן געדאַנק און די נביאישע וויזיע פון דעם עטלעכע און צוואַנציק־יאָריקן בער באָראָכאָוו פון דעם ערשטן צענדליק פון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט דינט נאָך היינט ווי אַן אַקטועלער

אינסטרומענט אין די זוכענישן פון יידישע פראָלעטאַרישע דענקערס און יונגע פּראָלעטאַרישע קעמפערס אין מדינת־ישראל און אין גלות.

באַלד וועלן אין דער יידישער וועלט געפייערט ווערן די זעכציק יאָר פון דער עקסיסטענץ פון דעם פראָלעטאַרישן ציוניזם, וואָס האָט געהאַט זיין אָנפאַנג אין פּאָלטאַווע אין 1906. ביי דער געלעגנהייט וועט זיין אומ־מעגלעך זיך נישט אָפּצושטעלן אויף דער גרויסער ראָל וואָס בער באָראָכאָוו האָט געשפּילט אין אויספורעמען דעם יידישן אַרבעטער־געדאַנק. זיין יאָרצייט אָבער ווערט שטענדיק פאַרצייכנט ווי אַ מיילשטיין אויפן וועג פון דער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן פּראָלעטאַרישן געדאַנק, איינער פון די בולטסטע און פּראָמינענטסטע פיגורן אין דער לאַנגער יידישער געשיכטע.

יאַנואַר, 1966

בער באָראָכאָוו — דער „פּאָלטאַווער גאון״

צום פופציקסטן יאָרצייט

אין משך פון די פאַרגאַנגענע 50 יאָר איז זייער אַ סך געשריבן געוואָרן וועגן דעם לעבן און שאַפן פון דעם טעאָרעטיקער פון סאָציאַליסטישן ציוניזם, בער באָראָכאָוו. כאָטש עס זענען געווען נאָך פיל אויטאָריטאַטיווע פירערס פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג (און אַפילו אין באָראָכאָווס צייט זענען געווען גרויסע פּערזענלעכקייטן וואָס האָבן אַרויפגעלייגט זייער חותם אויף דעם אַרבעטער־ציוניזם), האָט פון דעסטוועגן קיינער פון זיי נישט זוכה געווען צו דערגרייכן אַזאַ פּאָזיציע אין דער אידעען־וועלט פון פּראָלעטאַרישן ציוניזם, ווי די וואָס איז צוגעטיילט געוואָרן דעם שאַפער פון „אונדזער פּלאַטפאָרם״, דעם „פּאָלטאַווער גאון״ בער באָראָכאָוו.

אין גאַנצן 36 יאָר איז באָראָכאָוו אַלט געווען, ווען ער איז, אין דעצעמ־בער 1917, געשטאָרבן אין קיִעוו אין מיטן פון דעם רעוואָלוציע־שטורעם וואָס האָט זיך דאַן צעוויגט אין דער גרויסער רוסישער מדינה, אָבער שוין דאַן האָט זיין נאָמען געקלונגען ווייט און ברייט אין דער ייִדישער וועלט און, אין אַ געוויסער מאָס אויך אין דער נישט־ייִדישער סאָציאַליסטישער וועלט.

אָבער גאָר גרויס און דערהויבן איז געוואָרן זיין נאָמען ערשט שפּעטער, ווען ס'האָבן זיך שוין געהאַט אויסגעקריסטאַליזירט די אידעאָלאָגיעס און פּאַרטייען וואָס האָבן באַהערשט די מוחות פון די גרויסע ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן אין די לענדער פון מיזרח־אייראָפּע. פּאַקטיש האָט זיך די גרויסע עמאַנציפּאַציע פון דער ייִדישער אַרבעטערשאַפט אין מיזרח־אייראָפּע אָנ־געהויבן צו לאָזן פילן אין דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט ערשט ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. ווען די אַרבעטער־פּאַרטייען וואָס האָבן אונטער דעם צאַר געמוזט אַרבעטן אין אונטערגרונט, אין קעלערן, אויף געהיימע קרייזלעך אָדער אין קאַמופלאַזשירטע דירות, זענען אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין און אָנגעהויבן אַ פּאָליטישע און קולטור־אַרבעט אויף אַ פאַרנעם וואָס האָט ממש פאַרכאַפּט דעם אָטעם.

דעמאָלט האָט זיך צוזאַמען מיט די אויסגעברייטערטע אָרגאַניזאַציאָנעלע מעגלעכקייטן אויך צעפלאַקערט אַ ליידנשאַפטלעכער אידעיִשער געפעכט צווישן פּאַרטייען, אידעאָלאָגיעס און טעאָריעס. דאָס איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע תּקופות אין דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין מיזרח־אייראָפּע און זיכער די וויכטיקסטע לויט איר באַדייט אין דער מאָדערנער געשיכטע. אין באַראַכאָווס צייט האָבן געקעמפט צווישן זיך פאַר־שיידענע אידעאָלאָגישע איינשטעלונגען וואָס זענען שוין כמעט געווען פאַר־שוווּנדן ווען באָראָכאָוו איז אַוועק פון דער וועלט: די ס. ס. און י. ס., פונקט אַזוי ווי די יידישע אָנהענגערס פון דער פּוילישער פּ.פּ.ס. אָדער פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, זענען שוין געווען אָדער אין גאַנצן אונטער־געגאַנגען אָדער האָבן קוים געזשיפּעט אָן וועלכן ס'איז ממשותדיקן אָנהאַלט אין יידישן לעבן.

אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס אין מיזרח־אייראָפּע זענען געבליבן צוויי הויפּט־כּוחות: די גלות־איינשטעלונג וואָס איז געווען רעפּרעזענטירט דורך דעם „בונד" און שפּעטער איז צו איר צוגעקומען אַ גרויסער כּוח אין דער פאָרעם פון דער „יעווסעקציע", און דער פּאַלעסטינישער לאַגער וואָס האָט ערשט רעכט זיך צעבליט אין די נאָך־רעוואָלוציע יאָרן, ווען עס זענען געעפנט געוואָרן מעגלעכקייטן פון לעגאַלער און האַלב־לעגאַלער אַקטיוויטעט צווישן דער גרויסער מיזרח־אייראָפּעיִשער יידישער מאַסע, וואָס האָט אַריינ־גענומען די דריי־מיליאָניקע יידישע באַפעלקערונג פון פּוילן און דעם סאָוויעטישן יידישן ישוב וואָס האָט זיך דאַן געפונען אין אַ צושטאַנד פון אַ פלוקטואַציע צווישן דער פולשטענדיקער ליקווידאַציע פון דער יידישער ווירטשאַפט און אַלע טרויעריקע באַגלייט־דערשיינונגען וואָס אַזאַ ווירט־שאַפטלעכער חורבן האָט געמוזט ברענגען מיט זיך — און דעם גרויסן אויפשוווּנג פון יידישער קולטור און פון דער דערוואַכונג פון יידישן נאַציאָ־נאַלן באַוווסטזיין.

צוויי אידעען האָבן דאַן אָנגעהויבן דעם היסטאָרישן קאַמף פאַר דער נשמה פון דעם יידישן אַרבעטער און דעם פאָלקסמענטש: די רוסישע רעוואָ־לוציע האָט געערדט אין נאָמען פון וועלט־באַפרייונג, פון ענדערן די מעשה־בראשית פון איינגעשטעלטן סדר־העולם, פון אָפּשאַפן אייגנטום, פון דער־מוטיקן יעדע פעלקערשאַפט, קליין צי גרויס, צו אַן אייגענעם אומאָפּהענגיקן נאַציאָנאַלן לעבן. „בונד" און „יעווסעקציע" האָבן אָנגענומען די דאָזיקע לאָקנ־

דיקע אָבער נאַיווע תּורה אויף פאַר דעם ייִדישן פאָלק. דער „בונד" האָט נאָך גערעדט וועגן באַשטימטע באַדינגונגען, וואָס די רעוואָלוציע מוז נעמען אין אַכט בנוגע די ייִדישע מאַסן און זייערע ספּעציעלע קולטור־נויטן, אָבער די „יעווסעקציע" האָט אָנגענומען די קאָמוניסטישע תּורה מיט אַ „נעשׂה ונשמע" — אָן באַדינגונגען.

די צווייטע אידעע איז געווען די פּראָלעטאַריש־ציוניסטישע. זי האָט גערופן צו פולער נאַציאָנאַל־באַפרייערישער טאַט דורך אויפשטעלן אַ סאָציאַליסטיש ייִדיש לאַנד אויף דעם באָדן פון דער אַמאָליקער ייִדישער מלוכישער טעריטאָריע אין ארץ־ישׂראל. דער ציוניזם, פּונקט אַזוי ווי דער סאָציאַליזם ביי ייִדן האָבן דעמאָלט איבערגעלעבט אַ גלאָררייכע צייט! דער סאָציאַליזם האָט געקאָנט אָנווייזן אויף דער רוסישער רעוואָלוציע און דער ציוניזם האָט דאַן געפייערט די ערשטע דירעקטע אָנערקענונג פון די ייִדישע רעכט אויף ארץ־ישׂראל מצד איינער פון די גרעסטע און שטאַרקסטע גרויסמאַכטן אין דער וועלט. עס איז געווען די צייט פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, וואָס האָט געהויבן דעם ייִדישן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין און אָריינגעפירט אין דער ייִדישער וועלט דעם געדאַנק פון דער אַלוועלטלעכער גורל־געמיינשאַפט פון דעם גאַנצן ייִדישן פאָלק, אין אַלע לענדער פון זיין צעשפּרייטקייט.

אָבער פאַר דער ייִדישער אַרבעטערשאַפט איז דער פּאַלעסטיניזם געווען אַ שווערע נוס צו צעקייען. עס איז געווען שווער תּופס צו זיין די פאַרבינדונג פון נאַציאָנאַליזם, וואָס איז דאָך נויטווענדיקערהייט באַגרענעצט צו די ראַמען פון איין פאָלק, מיט די לאָזונגען פון וועלט־באַפרייונג, מיט וועלכע עס איז געווען אָנגעזאָפּט די לופט פון איראָפּע.

דער אידעאָלאָגישער קאַמף צווישן גלותיזם און פּאַלעסטיניזם, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען בײַם סוף פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, האָט זיך צעפלאַקערט מיט אַ גרויסער קראַפט באַלד נאָך דער עשטער וועלט־מלחמה, ווען ביידע צדדים האָבן שוין געהאַט געשעענע פאַקטן אויף וועלכע זיך אָנצושפּאַרן אין זייער פּראָפּאַגאַנדע: די גלותיסטן — אויף דער נייער וועלט, וואָס האָט אַט, אָט געדאַרפט אויפטויכן פון די חורבות פון דעם צאַרישן רעזשים, און די סאָציאַליסטישע ציוניסטן — אויף די אָנהייבן פון זעלבשטענדיקן ייִדישן נאַציאָנאַלן ישוב אין ארץ־ישׂראל און אויף די ערשטע שפּראָצונגען פון אַן אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישׂראל.

די אַנטי־ציוניסטן האָבן אָבער געהאַט אַ וויכטיק געווער מיט וועלכן זיי האָבן געפירט זייער קאַמף קעגן וועלכן עס איז געווען שווער זיך צו פאַרמעסטן: דער מאַרקסיזם האָט פּאַקטיש געהאַט פאַרכאַפּט די אָרגאַניזירטע אַרבעטער־באַוועגונג אין מיזרח־אייראָפּע. דער מאַרקסיסטיש־היסטאָריש מאַטעריאַליסטישער געדאַנקען־גאַנג איז געוואָרן די אידעאָלאָגישע באַזע פון פון כמעט אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

טאָ וואָס זאָל טאָן אַ ייִדישער אַרבעטער־קלאַס וואָס איז נאָר וואָס אַרויס פון זיין איישאָלעכץ, נאָר וואָס אָנגעהויבן זיך צו קאָנסטיטויִרן ווי אַ קלאַס און פּאַסט זיך עפּעס נישט פּינקטלעך אַריין אין דער וועלט־מאַרקסיסטישער רעם? אַז קיין טעריטאָריע נישט, קיין אַרבעטער־קלאַס וואָס זאָל האָבן אַ וויכטיקן באַדייט אין דערווירטשאַפט פונעם לאַנד אויך נישט, טאָ ווי אַזוי מאַכט אַזאַ פּראָלעטאַריאַט אַ רעוואָלוציע, און וואָס איז זיין פונקציע אין דער ייִדישער געזעלשאַפט?

דער „בונד" און שפּעטער די „יעווסעקציע", האָבן זיך געמאַכט זייער לעבן לייכט, נעמענדיק די מאַרקסיסטישע תורה בוכשטעבלעך און האָבן זי געגעבן דער אַרבעטערשאַפט איבערגעזעצטערהייט: אומוואָרפן דעם אַלטן סדר, איבערנעמען די קהילות, איינפירן אַ קולטור־אויטאָנאָמיע און איינגלי־דערן ווירטשאַפטלעך די ייִדישע מאַסן אין דער אַלגעמיינער ווירטשאַפט פון לאַנד. דאָס איז געווען אַ סימפּליציסטישער צוגאַנג וואָס, באַוווּסטזיניק אָדער נישט, האָט ער געקאָנט פירן צו פולשטענדיקער פאַרשווינדונג פון די ייִדן ווי אַ נאַציאָנאַלער קיבוץ. אַזוי איז טאַקע געשען נאָך אַ האַלבן יאָר־הונדערט אין סאָוועט־רוסלאַנד און אַזוי וואָלט אויך געווען דער סוף פון יעדער ייִדישער נאַציאָנאַלער איינהייט, אין וועלכן עס איז אַנדערן לאַנד, אַפילו אַ דעמאָקראַטישן לאַנד, אויב דאָס זאָל געווען זיין די אידעאָלאָגיע וואָס וואָלט זיך אָנגענומען ביים פאָלק.

אָבער אויך די ציוניסטיש־אָריענטירטע אַרבעטער אין מיזרח־אייראָפּע האָבן דאַן געמוזט אָנקניפּן זייער אידעיִשן גאַנג אין דער וועלט־באַפרייערי־שער אידעע פון סאָציאַליזם, עס האָט פּשוט נישט געקענט געשען, אַז דער קאַמף פון די ייִדישע אַרבעטער זאָל זיין אין גאַנצן אָפּגעריסן פון די גורלדיקע פּראָצעסן, וואָס רעגירן מיט דער גאַנצער מענטשהייט אין דער דאָזיקער עפּאָכע. דאָ האָט מען געמוזט אָנקומען צו דער לערע, צו דער טעאָריע, צו דעם אַנאַליז פון דעם יונג פאַרשטאָרבענעם גאון פון פּאָלטאַווע און ביי אים

לערנען אַ פּרק פון יידישן סאָציאַליזם, באַזירט אויף דער לערע פון מאַרקס און ענגעלס, אויף וועלכער עס האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אַלע סאָציאַליסטישע באַוועגונגען.

בער באָראָכאָוו איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט אויף אַ וויסנשאַפטלעכן אופן פאַרבונדן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט מיט דעם מאַרקסיסטישן געדאַנקען־גאַנג. ער האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו באַטראַכטן די לאַגע פון די יידן אין אָנהייב פון הייַנטיקן יאָרהונדערט ווי אַ סטאַטישפאַרפיקסירטע. ער האָט דעריבער, נאָך אַ טיפזיניקן אַנאַליז פון די פּראָצעסן וואָס ווירקן אין דער יידישער ווירטשאַפט און באַהערשן דאָס גאַנצע יידישע לעבן, באַזירט זיינע פּראָגנאָזן אויף נאַציאָנאַלע דערשיינונגען וואָס מוזן שפּעטער קומען צום פאָרשיין און וועלכע וועלן ממילא שאַפן אַנדערע באַדינגונגען פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן לעבן. האָט בער באָראָכאָוו געשאַפן די וווּנדערלעכע טעאָריע פון ארץ־ישראל אַלס די סטראַטעגישע באַזע פון דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס און וועגן דער סטיכיע וואָס באַוועגט די יידישע עמיגראַציע און מאַכט זי פאַר אַ גורלדיקן פּראָצעס אין דעם נאַציאָנאַלן לעבן. אין דער מאַרקסיסטיש טעאָרעטישער באַלייכטונג פון די פּראָצעסן אין יידישן לעבן איז בער באָראָכאָוו געווען דער איינציקער אין דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער מחנה וואָס האָט דעם יידישן אַרבעטער געגעבן אין האַנט אַריין דאָס געווער אין וועלכן ער האָט זיך אַזוי געניטיקט סיי פאַר זיין אייגענער געמיט־באַפרידיקונג, אַז ער שטייט נישט אַליין און אָפּגעזונדערט אין זיין קאַמף פאַר דערלייזונג, נאָר ער איז פאַרבונדן מיטן אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קלאַס אין דעם סאָציאַלן געראַנגל — און סיי ווי אַ קרעפטיק וואָפן קעגן די גלותישטישע קעגנערס, וואָס האָבן דעם ציוניזם פאַרשריגן ווי אַ בירגערלעך געוויקס. און אַזוי איז בער באָראָכאָווס טעאָריע געוואָרן די אידעיִשע באַזע פון פועלי־ציוניזם.

*

ווי דער טעאָרעטיקער, וואָס האָט אָנגעווענדט דעם מאַרקסיזם אין יידישן נאַציאָנאַלן לעבן קאָן באָראָכאָוו נאָר פאַרגליכן ווערן מיט די רוסישע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן אויך געהאַט גרויסע שוועריקייטןביים טעאָרעטישן פאַרבינדן די רוסישע רעוואָלוציע מיט דער מאַרקסיסטישער וועלט־אָנשויונג: אַלע מאַרקסיסטישע פאָרויסזעצונגען פאַר אַ רעוואָלוציע אין וועלכן ס'איז לאַנד, זענען געווען אין בולטן ווידערשפּרוך צו די באַדינגונגען וואָס האָבן

געהערשט אין רוסלאַנד אין 1917. אַדרבא: מאַרקס האָט בפירוש נישט געוואָלט, אַז די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע זאָל אויסברעכן אין דעם דאָזיקן אָפּגעשטאַנענעם לאַנד. מאַרקסיסטן האָבן אָנגעוויזן, אַז רוסלאַנד דאַרף, לויט מאַרקס׳ אַנאַליז פון ווידערשטאַנדלעכע פּראָצעסן, צו ערשט דורכמאַכן אַ בירגערלעכן איבערגאַנג צו אַ העכערער פאָרעם פון נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט. עס דאַרף קודם פאַרקומען אַן ערנסטע קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל. עס דאַרף אַנטשטיין אַן אַרבעטער־קלאַס וואָס זאָל זיין בכוח, לויט זיין צאָל און ראָלע אין דער ווירטשאַפט, צו שפּילן אַ דעצידירנדיקע ראָלע אין דעם נאַציאָנאַלן לעבן — אַלע פאַקטאָרן וואָס האָבן כמעט נישט עקסיסטירט אין צאַרישן רוסלאַנד. טאָ וואָס זשע טוט מען מיט אַזאַ רוסישן פאָלק, וואָס אַ רעוואָלוציע איז דאָרט נויטיק, אָבער די מאַרקסיסטישע מעטאָדן און פּראָגנאָזעס זענען דאָרט נישט אָנווענדבאַר? — די רוסן האָבן געמאַכט אַ ,,קליינע" ענדערונג אין מאַרקסיזם: נישט די רעוואָלוציע פּאַסט זיך צו צו דער מאַרקסיסטישער טעאָריע, נאָר פאַרקערט: דער מאַרקסיזם ווערט צוגעפּאַסט צו די אייגנאַרטיקע באַדינגונגען פון רוסישן פאָלק.

די אייראָפּעיִשע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט בדרך־כּלל אָקצעפּטירט דעם מאַרקסיסטישן צוגאַנג וועגן דער ראָלע פון אַרבעטער־קלאַס. עס זענען געווען אַזעלכע וואָס זענען געווען מחולק מיט מאַרקסן אין אַ גאַנצער ריי וויכטיקע פראַגעס, אָבער זיי האָבן נישט געשאַפן קיין באַזונדערע טעאָריעס פון אַ נאַציאָנאַלן מאַרקסיזם. די ענגלענדער, די דייטשן, די פראַנצויזן האָבן נישט געהאַט קיין באַזונדערש גרויסע פּראָבלעמען מיטן מאַרקסיזם — ער האָט אַנטשפּראָכן די באַדינגונגען פון זייערע לענדער, ווייל ער איז פון מאַרקסן לכתחילה געשאַפן געוואָרן מיט דער אינדוסטריאַליזירטער אייראָפּע אַלס די באַזע פון זיינע ווירטשאַפטלעך־פילאָסאָפישע אַנאַליזן. רוסלאַנד האָט אָבער נישט געקאָנט גיין אויף דעם מערבֿ־ און מיטל־אייראָפּעיִשן וועג — די באַדינגונגען דאָרטן זענען געווען להיפּוכדיקע צו די, וואָס מאַרקס האָט געלייגט אין יסוד פון זיין טעאָריע.

בער באָראָכאָוו האָט אויך באַזירט זיין פּראָגנאָז פאַר דער אויפריכטונג פון יידישן פאָלק אויף די פּרינציפּן, וואָס זענען אויסגעלייגט אין מאַרקס׳ טעאָריע. ער האָט אויך, ווי מאַרקס, געלייגט דעם הויפּטגעוויכט אויף די ווירטשאַפטלעכע פאַקטאָרן. די ראָל און דאָס אָרט פון יעדן קלאַס אין דער געזעלשאַפט. ער האָט אָבער מוסיף געווען איין זאַך: אַז די פּראָדוקציע־באַדינגונגען

וואָס הערשן אין דערווירטשאַפט פון אַ פאָלק זענען איינע פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן אין זיין לעבן און דעריבער קאָן אַ פאָלק וואָס האָט נישט קיין אייגענע טעריטאָריע נישט האָבן קיין נאָרמאַלע פּראָדוקציע־באַדינגונגען פאַר דער אַרבעטערשאַפט. עס איז דעריבער אַ סאָציאַליסטישע מצוה צו שטרעבן און קעמפן, אַז אַזאַ טעריטאָריע זאָל געגעבן ווערן דעם ייִדישן פאָלק.

באָראָכאָוו האָט אויך, אויף אַ באמת געניאַלן אופן, פאַרמולירט די ראָל פון נאַציאָנאַליזם אין דער געזעלשאַפט און ער האָט מיט זיין אָפּשאַצונג דערגאַנצט דעם מאַרקסיזם מיט אַ מאַרקסיסטישער טעזע, וואָס האָט אַדער געפעלט אין מאַרקס׳ לערע אָדער איז פון מאַרקסן גופא פאַלשערהייט אונטערגעשאַצט געוואָרן.

די דאָזיקע גרויסע פאַרדינסטן פון באָראָכאָוון האָבן אים אַרויסגערוקט ווי דעם שאַפער פון דעם מאַרקסיסטישן פּועלי־ציוניזם, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן חלק אין וועקן דעם באַוווּסטזיין פון הונדערטער טויזנטער ייִדישע אַרבעטער אין מיזרח־איראָפּע און וואָס האָט דערפירט צו דער אויסקריסטאַליזירונג פון אַ ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישׂראל. דערפאַר איז זיין אָנדענק אַזוי טייער דער ייִדישער אַרבעטערשאַפט אין דער וועלט.

עס זענען אין משך פון צענדליקער יאָרן זינט דעם אויפקום פון דעם פּאָליטישן ציוניזם געווען גרויסע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן זיך פאַרדינט בכבודיקע פּלעצער אין דעם פּאַנטעאָן פון דער ייִדישער נאַציאָנאַלער געשיכטע. דער אַרבעטער־ציוניזם אין אַלע זיינע שאַטירונגען האָט אַרויסגעגעבן אַ פּלעיאַדע פון פּרעכטיקע פּערזענלעכקייטן, וואָס יעדער איינער פון זיי איז געווען בבחינת יפתח בדורו! אָבער אַ האַלבן יאָרהונדערט נאָכן טויט פון „פּאָלטאַווער גאון”, פאַרנעמען זיי וויכטיקע פּלעצער נעבן באָראָכאָוון — זיין נאָמען באַשיינט אָט די אַלע גרויסע גייסטער, וואָס ער נעמט אַרונטער אונטער זיינע פליגל ווי אַ פירער, אַ חבר און אַ פאָראויסגייער.

*

בער באָראָכאָוו איז געבוירן געוואָרן אין אַ קליין שטעטל נעבן פּאָלטאַווע אין יאָר 1881. שוין אַלס אַ גאָר יונגער בחור האָט ער אין פּאָלטאַווע גרופּירט אַרום זיך די אינטעליגענטסטע יוגנט פון זיין שטאָט, וועלכע האָבן זיך צוגעהערט צו זיינע לעקציעס אויף די פאַרשיידנסטע געביטן פון מענטשלעכן

שאַפן. ער איז פון זיינע תּלמידים געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען „דער פּאָלטאַוועער עילוי”. אינעם קרייז פון זיינע חברים האָבן זיך דעמאָלט געפונען אַזעלכע דענקענדיקע און שאַפערישע יונגע מענטשן, ווי יצחק בן־צבי (שפּע־טער — צווייטער פּרעזידענט פון מדינת־ישׂראל), רחל ינאית, יעקב זרובבל און אַנדערע, וועלכע האָבן פאַרשריבן וווּנדערלעכע בלעטער אין דער מאָ־דערנער ייִדישער געשיכטע.

באָראָכאָוו איז געווען דער שאַפער פון דער סאָציאַליסטיש־ציוניסטי־שער וועלט־באַוועגונג פועלי־ציון און איז יונגערהייט אָנערקענט געוואָרן ווי דער טעאָרעטיקער און פירער פון דער באַוועגונג. ער האָט געשאַפן פיל ווערק צו באַגרינדן זיינע טעזיסן וועגן דער ראָל און די אויפגאַבעס פון דער ייִדישער אַרבעטערשאַפט אין קאַמף פאַרן אויפבוי פון אַ ייִדישער מדינה אין ארץ־ישׂראל.

אין לויף פון די קנאַפּע צוואַנציק יאָר פון זיין טעטיקייט האָט ער באַוויזן צו באַאיינפלוסן אומצייליקע טויזנטער ייִדישע אַרבעטער אין אַלע טיילן פון דער וועלט. זיין פאַרצווייגטע אַקטיוויטעט האָט אים געבראַכט אין די פאַר־שיידנסטע ייִדישע ישובים, ווו ער איז שטענדיק געווען אין דער אָנפירונג פון דער באַוועגונג.

אין 1917 איז ער געווען אין די פאַראייניקטע־שטאַטן. ווען עס איז אָנגע־קומען די ידיעה וועגן דעם אויסבראָך פון דער רוסישער רעוואָלוציע, האָט ער איבערגעלאָזט זיין פּאָזיציע אין אַמעריקע און איז געפאָרן קיין רוסלאַנד, כּדי איבערצונעמען די אָנפירונג פון דער דאָרטיקער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע האָט געוואָלט פאַרנעמען איר פּלאַץ אין דער נייער רוס־לאַנד. ער איז געשטאָרבן אין קיִעוו איידער נאָך ער האָט געהאַט די מעג־לעכקייט צו אַנטוויקלען זיינע באַגאַבונגען לטובת דעם רוסלענדישן ייִדישן ישוב.

באָראָכאָוו איז געשטאָרבן דעם 17טן דעצעמבער 1917, און זיין טויט איז באַווינט געוואָרן אין דער גאַנצער ייִדישער וועלט ווי אַ גרויסע נאַציאָ־נאַלע אבידה. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט די ישׂראל־רעגירונג אויסגע־פועלט, אַז מען זאָל זיינע ביינער אַריבערפירן פון קיִעוו קיין מדינת־ישׂראל, און זיין לוויה אין לאַנד איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ריזיקער מאַניפעס־טאַציע פון פאַרערונג פאַר דעם שאַפער פון פועלי־ציוניזם.

יאַנואַר, 1967

יצחק טאַבענקין

(שטריכן צו זיין זיבעציק־יאָריקן יובילײ)

ייִדן זענען אַן אינדיווידואַליסטיש פאָלק, אַנהויבנדיק פון משה רבנו ביז דער היינטיקער צייט זאָגן ייִדן זיך עקשנותדיק אָפּ צו אָנערקענען וועלכן עס איז יחיד ווי אומפעלערבאַר. וואָס־וואָס, אָבער מיט קיין „קולט פון פּערזענ־לעכקייט" האָבן ייִדן קיין מאָל נישט געזינדיקט. די ראָל פון ייִדישע פירנדיקע פּערזענלעכקייטן ווערט צוליב דעם כלל נישט פאַרמינערט. געווען ביי אונדז אַן אַ שיעור גרויסע פיגורן, וואָס האָבן אַרויפגעלייגט זייער חותם אויפן גאַנג פון אונדזער געשיכטע. איז כבודם במקומם מונח, ווערט זייער ביישטראָג ווי געהעריק אָפּגעשאַצט פון דער געשיכטע און זייער אָנדענק רוט אין דעם פּאַנטעאָן פון פאָלקישן זכרון. אָבער זינט מעשה־עגל היטן זיך ייִדן ווי פאַר פייער צו פאַרגעטערן אַ שטערבלעכן מענטשן. קיין פּויפּס האָבן מיר נישט געהאַט און מיר וועלן נישט האָבן.

דאָך פייערן מיר פון צייט צו צייט יובלס פון גרויסע פּערזענלעכקייטן, מיר טיילן זיי צו כבוד און מיר ברענגען צום אויסדרוק געפילן פון יראת־הכבוד און דאַנקבאַרקייט צו פירנדיקע גייסטער פון אונדזער צייט, מיטן טאָפּלטן ציל: זיך אַליין דורך דעם אַריינצוברענגען אין דער ספערע פון זייער ווירקונג און זיי אָנצושטאָלן און דערמוטיקן אין זייער וויטערדיקן געשיכטלעכן גאַנג.

איינער פון אַזעלכע וווּנדערבאַרע פּערזענלעכקייטן ווערט איצטער באַערט פון דער גאַנצער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג און באַזונדערס פון אונדזער פּאַרטיי אחדות־העבודה—פּועלי־ציון.

זיין נאָמען איז יצחק טאַבענקין.

צו זיינע זיבעציק יאָר האָבן צוויי דורות ייִדישע אַרבעטער זיך אַרומ־געקוקט אויף דעם אָפּגעגאַנגענעם וועג און ביים אונטערצי:ען אַ דערווייליקן סך־הכּל, האָבן זיי פון דאָס ניי דערזען צווישן זיך דעם מענטשן, דעם חבר, דעם לערער, וואָס האָט אַזוי באַשיידענהייט, אָן מנהיגים־אָנשטעל אָבער

מיט פשטותדיקער וויזיע, געלייגט אַ ציגל אויף אַ ציגל צו דעם הערלעכן בנין פון מדינת־ישׂראל און איר שטאָלצן, חלוצישן אַרבעטער־קלאַס.

איבער אַ האַלבן יאָרהונדערטווירקט יצחק טאַבענקין צווישן דער ייִדישער אַרבעטערשאַפט. נישטאָ קיין איין געביט פון ייִדישן אַרבעטער־לעבן וואָס זאָל אים זיין פרעמד. ייִדיש פאָלק איז שטענדיק געווען די קוזשניע, אין וועלכער ער האָט געשמידט אייביקע ייִדיש־נאַציאָנאַלע ווערטן און דער ייִדישער אַרבעטער־קלאַס איז געווען דער אינסטרומענט וואָס ער האָט כּסדר געשטאָלט און געהאַרטעוועט כּדי אים צו באַנוצן פאַר דער באַפרייונג פונעם פאָלק.

דאָס אייגנאַרטיקע אין טאַבענקינען איז דער טיפער גלויבן, אַז די ייִדישע אַרבעטערשאַפט איז היסטאָריש באַרופן אויסצופירן די באַפרייערישע מיסיע פונעם גאַנצן פאָלק. דערפון זיין אײַפערדיקע וואַכזאַמקייט איבער דער ריינקייט פון דער ייִדישער אַרבעטער־טאַט. דער דאָזיקער בליק פון חבר טאַבענקין אויף דער ראָל פון דער ייִדישער אַרבעטערשאַפט שטאַמט בשום אופן נישט פון עפּעס אַ נאַציאָנאַליסטישן אתּה בחרתנו־שטאַנדפּונקט. יעדע נאַציאָנאַליסטישע גאווה איז אים דערווידער און פרעמד. זיין באַציִונג פליסט אַרויס פון דער איבערצייגונג, אַז מיר זענען אַריינגעטראָטן אין אַן עפּאָכע, אין וועלכער נאָר דער אַרבעטער־קלאַס קאָן שטיין אין דער שפּיץ פון מאָדערנע וועלטפּראָצעסן און נאָר ער איז עלול און פעיִק אויסצושמידן די פאָרמען פון אַ נייער וועלט.

דערפון טאַבענקינס אומאויפהערלעכער קאַמף פאַר טיפער אָרגאַנישער פאַרבינדונג פון דער ישׂראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג מיט דער אינטער־נאַציאָנאַלער אַרבעטערשאַפט. דערפון שטאַמט אָבער אויך זיין לײַדנשאַפט־לעכער געראַנגל פאַר הגשמה עצמית, זעלבסטפאַרווירקלעכונג.

ווייל איינס פליסט נאַטירלעכערהייט אַרויס פון צווייטן: אויב די אַר־בעטערשאַפט דאַרף עס טאַקע פורעמען די נייע וועלט, דאַן דאַרף דער פורע־מער אַליין ווייזן אַ ביישפּיל, זיך אַליין דערהויבן, זיך אַליין קודם־כּל באַפרייען פון די חסרונות פון אַן אונטערגייענדיקער געזעלשאַפט, כּדי צו קאָנען נאָכ־ציִען נאָך זיך די מאַסן פון פאָלק.

דער לעצטער האַלבער יאָרהונדערט האָט דער סאָציאַליסטישער אַר־בעטער־באַוועגונג געבראַכט נישט ווייניק אַנטוישונגען. פון איין זייט די דעגענעראַציע פון דער רוסישער רעוואָלוציע וועמענס פּירערס עס האָבן

זיך אַראָפּגעזונקען צום תּהום פון מיאוסער געצנדינעריי און אַפילו אַנטי־סעמיטישע אויסווירקונגען, און פון דער צווייטער זייט דער דורכפאַל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע וואָס אין איר אייפער פאַר בורגפרידן האָט זי שוין כמעט אין גאַנצן פאַרלוירן איר קלאַסן־אידענטיטעט.

אָבער אויף דער דאָזיקער טונקעלער קאַנווע רייסן זיך פון דעסט־וועגן אַדורך ליכטיקע פונקטן, וואָס זאָגן אָן, אַז דער ווידערגעבורט פון אַ ריינער, אויסגעלייטערטער אַרבעטער־באַוועגונג איז נאָך אַלץ די ליכטיקע האָפענונג פון דער מענטשהייט. איינער פון די דאָזיקע ליכטשטראַלן איז, בלי שום ספק די אַרבעטער־באַוועגונג אין דער יידישער מדינה. די קיבוצישע באַוועגונג, די מעכטיקע קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציע פון די ישׂראלדיקע אַרבעטער, די הסתדרות, זענען נישט בלויז אַ יידישע דערגרייכונג. זיי זענען דער קנין פון דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט און זיי דינען ווי אַ סימבאָל פאַר די נייע צייטן וואָס מוזן קומען.

יצחק טאַבענקין איז מיט אַלע פעדים פון זיין נשמה פאַרבינדן מיט אָט דער אַרבעטערשאַפט, ער האָט נישט קיין קליינעם חלק אין אויסקנעטן און פורעמען איר כאַראַקטער און געשטאַלט און דערפאַר דער דרך־ארץ און ליבשאַפט וואָס איז פאַרבונדן מיט זיין נאָמען.

מיר, די חברים פון דער אַמעריקאַנער פאַרטיי אחדות־העבודה—פועלי־ציון, זענען נישט געגאַנגען מיט טאַבענקינען דעם גאַנצן וועג. אויף אַ געוויסן געשיכטלעכן פונקט זענען אונדזערע וועגן זיך פונאַנדערגעגאַנגען און ערשט נאָך לאַנגע און ווייטיקלעכע וואַנדלונגען האָט אונדז דער גורל ווידער צוזאַמענגעפירט. אונדזער אַמעריקאַנער פאַרטיי, צוזאַמען מיט דער גאַנצער וועלט־באַוועגונג פון לינקע פועלי־ציון, זענען אַ מאָל שטאַרק מחולק געווען מיט טאַבענקינס שיטה. די דאָזיקע דיסקוסיע איז אַנטשיידן געוואָרן דורך געשיכטלעכע פּראָצעסן, אויף וועלכע קיינער פון אונדז האָט נישט געקאָנט משפיע זיין.

היינט שטייען מיר אַלע פאַראייניקט אין איין גרויסער באַוועגונג וואָס איז אַ גרויסער פאַקטאָר אין יידישן לעבן און אין דער יידישער מדינה. ווי אַ טייל פון דער דאָזיקער וועלט־מחנה אונדזערער, באַטייליקן מיר זיך פריידיק אין דעם יובל פון דעם נעסטאָר פון דער קיבוצישער באַוועגונג.

צוזאַמען מיטן חבר טאַבענקין און דעם קבוץ־המאוחד זענען מיר אין די לעצטע 10 יאָר דורכגעגאַנגען אַ שווערן דערנערפולן וועג. עס זענען

געוועזן צייטן ווען אונדזער האַרץ איז געווען שווער. געווען אויך מאָמענטן ווען מיר האָבן געציטערט אַז די איבערוואַנדלונגען אין מפ״ם זאָלן חלילה נישט דעמאָראַליזירן אונדזער פּאַרטיי. אין די אַלע צייטן האָבן מיר מיט צוטרוי אַרויפגעקוקט צום חבר טאַבענקין און מיר האָבן געהאַט די אינער־לעכע זיכערקייט, אַז ער וועט שטיין אויף דער וואַך.

מיר האָבן זיך נישט אַנטוישט!

מערץ, 1957

משכמו ומעלה

(צום אַכציקסטן געבוירנטאָג פון דוד בן־גוריון)

מען קאָן שוין היינט מיט זיכערקייט פאָרויסזאָגן, אַז די היסטאָריקערס פון שפּעטערדיקע דורות וועלן וועגן דער היינטיקער תקופה אין דער יידי־שער געשיכטע רעדן אין ביבלישע טערמינען. סיי דער חורבן און סיי די גאולה וועלן אַריין אין דער ביבלישער עפּאָפּעע, אַז עס וועט פּשוט זיין שווער אויסצומיידן דעם טאָן פון תנ״ך ביים איבערגעבן די דברי־הימים פון דער דריטער יידישער קאָמאָנוועלט.

עס וועט דאַן אויך זיין זייער לייכט אַרויסצוהויבן אין די אויגן פון די קומענדיקע דורות די געשטאַלט פון דוד בן־גוריון, און אים צו געבן דעם פאָלק ווי אַ ממש לעגענדאַרע פיגור, וואָס האָט זיך אַרויסגעהויבן איבער אַלע גרויסע פירערס פון יענער צייט, איבער אַלע מיליטערישע סטראַטעגן, העכער פון אַלע גרויסע דיפּלאָמאַטן, — משכמו ומעלה!

די גאַנצע דערשיינונג דוד בן־גוריון איז עפּעס אַ געמיש פון ביבלישן פּאַטאָס און היינטצייטיקער בשר־ודמיקייט. מאָמענטן פון ממש נישט באַ־גרייפלעכער נביאישער דערהויבנקייט און גלייך דערנאָך אַנטיקלימאַקסישע ערדישקייטן, וואָס פאַרטונקלען דעם אַרעאָל איבער זיין פיגור און מאַכן פאַרזינקען אין צער די געטרייסטע פון זיין אייגענער מחנה.

עס וואָלט זיכער געווען בעסער פאַר אונדז אַלעמען און אויך פאַר בן־גוריונען גופא, ווען ער וואָלט זיך געקאָנט דערהויבן איבער די טאָג־טעגלעכע פּאָליטישע רייסעניש צווישן מענטשן און פּאַרטייען. די מדינה און דאָס גאַנצע פאָלק וואָלט פאַרשפּאָרט אַ סך שטרויכלונגען און אומרויִקייט. אָבער וואַרשיינלעך וועט די געשיכטע אויסלאָזן די דאָזיקע מאָמענטן וואָס פאַר־טונקלען בן־גוריונס געשטאַלט.

מען פרוווט פאַרגלייכן בן־גוריונען מיט אַנדערע גרויסע פּערזענלעכ־קייטן פון היינטיקן יאָרהונדערט. די גאַנצע וועלט האָט אים שוין אַוועק־געשטעלט אין איין ריי מיט די צען שענסטע און מעכטיקסטע געשטאַלטן

פון אונדזער צייט — אָבער קיין פּאַראַלעל צווישן אים און די אַנדערע געשטאַלטן פון זיין עפּאָכע קען מען נישט ציִען. עס קאָן זיין, אַז דער איינפלוס, לאָמיר זאָגן, פון אַ פרענקלין רוזוועלט, אָדער פון אַ ווינסטאָן טשערטשיל אויף דעם ווייטערדיקן לויף פון דער וועלט־געשיכטע איז אַ פיל גרעסערער אײדער דער פון בן־גוריון, אָבער קײנער פון זיי, אַפילו נישט דער גרויסער טשערטשיל וואָס האָט גערעדט אין ביבלישן סטיל, האָט פון דעסטוועגן נישט אַרויסגערופן אַזעלכע אַסאָציאַציעס מיט תּנ״כישע פיגורן און סיטואַציעס ווי די וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער פּערזענלעכקייט פון דוד בן־גוריון. נישטאָ קיין באַזונדערע מיסטעריע אין אָט דער אייגנאַרטיקייט פון בן־גוריונען: עס האָט אַ סך מיטגעווירקט דערצו סיי דאָס פאָלק, „וואָס ער האָט אַרויסגעצויגן פון מצרים״ און סיי דאָס לאַנד, וווּ עס האָט צום ערשטן מאָל אָפּגעקלונגען דאָס געלייטערטע וואָרט פון נביאים.

דאָס האָט אָבער נישט פאַרלייכטערט בן־גוריונס גאַנג צו גרויסקייט. אַדרבה: עס איז שווערער צו זיין אַ פירער ביי אַ פאָלק וואָס האָט נאָך אין חומש זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם פאָטער פון די נביאים, דעם גרויסן משה רבנו. די ענגלענדער, די אַמעריקאַנער, די פראַנצויזן קאָן מען נעמען מיט ביבלישער שפּראַך און מיט תּנ״כישן פּאַטאָס — ביי ייִדן מוז מען טאַקע זיין אַליין אַן עכטע תּנ״כישע פיגור!

דערפאַר אויך קאָן מען ביי דעם דאָזיקן פאָלק זיין נישט שטענדיק אויסגעהאַלטן אין ביבלישן סטיל און אַ מאָל אָפּווייכן פון נביאישער גרויסקייט, ווייל דאָס פאָלק געדענקט, אַז זיינע גרעסטע זענען נישט געווען קיין מלאכים און זענען פון מאָל צו מאָל געשטרויכלט געוואָרן מיט מענטשלעכע קליינלעכקייטן. דאָס פאָלק אונדזערס האָט זיך אַלע מאָל איבערגעלאָזן די ראָלע פון שופט איבער זיינע פירערס. קיין אומפעלבאַרן פּויפּס האָבן ייִדן קיין מאָל נישט גורס געווען און ווען עס איז זיי עפּעס נישט געווען צום האַרצן, האָבן זיי זיך געבונטעוועט אַפילו קעגן דעם וואָס האָט אויף זיי אַרויפגעצוווּנגען די תּורה בקולות וברקים. דער „וַיִּלינו״ ציט זיך אַדורך דעם גאַנצן תּנ״ך און דער גאַנצער שפּעטערדיקער געשיכטע ביז צו אונדזערע טעג. אויך די מדינה ווערט גענומען פון די ישׂראלים נישט ווי עפּעס אַ נס פאַר וועלכן מען דאַרף זיך בוקן און שטענדיק דאַנקבאַר זיין.

דוד בן־גוריון קען זיין פאָלק. ער קען זיינע מעלות און זיינע שוואַכקייטן. זיין גרויסקייט באַשטייט דערין וואָס ער ווייס ווי אַזוי צו קנעטן אָט דעם

דאָזיקן פאָלקס־כאַראַקטער. זיינע מעלות האָט ער אויסגענוצט אָנצוצינדן דאָס הייליקע פייער פון מסירת־נפש אין דער צייט פון דער מלחמת־השחרור און שפּעטער בעת דעם מבצע סיני — פאַר זיינע שוואַכקייטן מוסרט ער זיין פאָלק און ער ווערט אַ סך מאָל אַנטוישט.

אַלע, אַפילו זיינע קעגנערס, אָנערקענען די גרויסקייט און די היסטאָרישע העכערקייט פון דוד בן־גוריון. אָבער צווישן זיי זענען פאַראַן אַזעלכע וואָס פּסקענען אַז „לא בשמים היא", אַז אמת און צדק מוזן זיין פאַרשטענדלעך און צוגענגלעך צו אַלע מענטשן און נישט זיין דער מאָנאָפּאָל פון יחידי־סגולה, מעגן זיי זיין די אָנערקענטסטע גדולי־הדור. ווייסן טאַקע אַלע זיינע קעגנערס (און זייער פיל פון זיי זענען עס מודה), אַז איבער הונדערט און צוואַנציק, וועט דוד בן־גוריון טורעמען איבער אַלע זיינע בני־דור, אָבער זיי זענען גרייט אָנצונעמען דעם פּסק פון דער געשיכטע שפּעטער און דערווייל זיך האַלטן ביים אמת און צדק, וואָס איז באַגרייפלעך פאַר דעם פּשוטן מענטשלעכן מוח און וואָס רעדט צום ערלעכן האַרץ...

ס'איז שווער צו געפינען נאָך אַ תקופה אַזאַ ווי אונדזערע אין דעם גאַנצן נאָך־חורבנדיקן גאַנג פון יידישן פאָלק, פון טיטוסעס טריומף ביז דעם אויפשאַל פון שופר של משיח ביי דער גרינדונג פון מדינת־ישראל. שווער צו געפינען ביי וועלכן ס'איז פאָלק אַ קורצן אָפּשניט פון אַ זעכציק־זיבעציק יאָר מיט אַזאַ רייכטום פון פערזענלעכקייטן פון גייסט און טאַט. עפּעס אַזוי ווי אַלע שיכטן פון יידישן פאָלק האָבן זיך פאַרמאָסטן צושטייער צו געבן פון זיין דם־התמצית, פון זייערע בעסטע און אויסדערווײלטסטע פירערס פאַר דער דאָזיקער אַנטשיידנדיקער עפּאָכע אין אונדזער געשיכטע. רבנים און פילאָסאָפן, שטאַטסמענער און פּאָליטיקערס, קינסטלערס און וויסנשאַפטסלייט, באַנקירן און פּאָעטן — אַלע פון דער ריינסטער קוואַליטעט און לויטערסטער פּראָבע, אַלע צוזאַמענגעפּרעסט אין איין קליינעם צייט־אָפּשניט, אַלע קאָנצענטרירט מיט אַלע רמ"ח אברים און שס"ה גידים אויף דעם איינאונאיינציקן ציל פון גאולת־העם און גאולת־הארץ. הערצל און ראָט־שילד, ביאַליק און נאָרדוי, באָראָכאָוו, סירקין און ווייצמאַן — אַ פּלעיאַדע פון גרויסע מענטשן פון יעדן געביט פון מענטשלעכן געדאַנק און געבענטש־טער איניציאַטיוו — צווישן זיי אַלע צייכענען זיך שאַרף און אויסדריקלעך די היסטאָרישע שטריכן פון דעם, וואָס האָט זוכה געווען צו לייענען בפני כל עם ועדה, פאַר קליינע און גרויסע פעלקער, די מגילה פון יידישער נאַציאָ־

נאַלער ווידעראויפלעבונג. אַלע פריערדיקע און שפּעטערדיקע דורות ייִדן זענען געשטאַנען ביים מאָדערנעם סיני ווען ס'האָט אָפּגעקלונגען איבער דעם חלל פון דער וועלט די פּראָקלאַמאַציע פון דעם פאָלק וואָס איז אויפגעשטאַנען צום לעבן און וואָס זיין נאָמען וועט זיין ישׂראל!

צו זיינע אַכציק יאָר, באַגלייטן דעם זקן פון שׂדה־בוקר די האַרציקסטע ברכות פון מיליאָנען ייִדן פון דער גאַנצער וועלט. דוד בן־גוריון שטייט העכער פון טאָג־טעגלעכע ענינים פון היינטצייטיקייט. ער איז גרויס שוין דערמיט וואָס ער האָט נישט דערלאָזט צו אַ קולט וואָס וואָלט חלילה געקאָנט ברענגען צו חילול־השם. ייִדישע פירערס נויטיקן זיך נישט אין קיין מענטש־לעכע קרבנות ווי אַ שטייגער אַ סטאַלין, להבדיל, און אויך נישט אין קיין טעמפּלען, וווּ מען זאָל זינגען זייער לויב אַ לאַ מאַאָ טצע טונג. ייִדישע פירערס זענען קעמפערס אין דער סאַמע מיט פון פאָלק! אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די פירער־געשיכטע פון מלוכישן ייִדישן לעבן — פון שאול און יונתן, איבער דוד המלך, דבורה הנביאה ביז ר' עקיבא און בר־כּוכבא, ביז... ביז מרדכי אַנילעוויטש, ביז דוד בן־גוריון!

אין טאָג פון זיין דערגרייכן לגבורות ציִען זיך צו אים די הערצער פון אַלע ייִדן פון איין עק וועלט ביז צום צווייטן מיט גרויס דאַנקבאַרקייט, וואָס עס איז זיי באַשערט צו לעבן אין אונדזער גרויסער תקופה און וואָס דוד בן־גוריון איז געווען דער אויסדערוויילטער וואָס האָט מיט אַ שטאַרקער האַנט און מיט טיפער אמונה אין נצח־ישׂראל געפירט דאָס פאָלק צו זיין העכסטער און דערהויבנסטער געשיכטלעכער מינוט.

אָקטאָבער, 1966

אַזעלכע געבענטשטע 75 יאָר

ווען עס וואָלטן הײַנט געלעבט די מיליאָנען ייִדן פון מיזרח־אייראָפּע וואָס זענען, אין די פערציקער יאָרן, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „בארג חורבן״; ווען עס וואָלט נישט פאַרשטומט געוואָרן דאָס מויל פון אַנדערע מיליאָנען אונדזערע אונטער סאָוויעטישער גוואַלט; ווען עס וואָלט נישט אַכזריותדיק איבערגעריסן געוואָרן די גאָלדענע קייט פון ייִדישער שאַפונג אין די תפוצות — וואָלט הײַנט אויפגעגאַנגען אַ פרייִדיקע אויפשאַלונג. מיט שמחה און באַגײַסטערונג וואָלטן אין ייִדישע הײַזער געצערטלט געוואָרן די „בלעטער פון אַ לעבן״, וואָס האָט אַרויפגעלייגט אַן אומפאַרגעסלעכן חותם אויף דער גרעסטער, טראַגישסטער און פרייִדיקסטער עפּאָכע אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק.

אָבער אַפילו אַזוי, כאָטש עס איז אַ שמחה מהולה בצער, וועט די דאַטע פון דעם פינף און זיבעציקסטן יובל פון זרובבל, באַצייכנט ווערן אין די אַנאַלן פון אונדזער געשיכטע ווי אַ גרויסער טאָג, וואָס וועט אויף אַ ווערדיקן אופן געפייערט ווערן בכל תפוצות־ישראל.

ווייל דער יובל פון זרובבלען איז, אין דער ערשטער ליניע, דער יום־טוב פון דער ייִדישער אַרבעטערשאַפט און פון די דאָזיקע אומצייליקע פאָלקס־מענטשן, וועמענס גורל איז, אויף איין אָדער אַנדערן אופן, פאַרבונדן מיט דער אַרבעטערשאַפט.

נאָך הונדערטער און הונדערטער יאָרן פון דעגענעראַציע פון די ייִדישע מאַסן, נאָך די גרויזאַמע רדיפות און פּאָגראָמען אין אַלע לענדער פון אייראָפּע און אַזיע, וואָס האָבן דאָס פאָלק שיער נישט פאַרוואַנדלט אין מענטשנשטויב, אָן אָנפירונג, אָן האָפענונג, אָן אַ ציל — איז, ביים סוף פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט אויפגעטראָטן דער ייִדישער אַרבעטער־קלאַס פון מיזרח־אייראָפּע און ער האָט, מיט אומבאַשרייבלעכער גבורה און מיט גרענעצלאָזער איבערגעגעבנקייט אַרויסגעפירט די ייִדישע מאַסן פון שעבוד־מלכות. דאָס ערשטע מאָל זינט חורבן בית־שני האָט דאָס פאָלק רעוואָלטירט

קעגן דער אונטערדריקונג פון דרויסן און פון אינעווייניק. עס האָט זיך דאַן אָנגעהויבן דער פּראָצעס פון אמתער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער עמאַנציפּאַציע פון יידישן פאָלק.

עס האָבן זיך דאַן אַנטפּלעקט די מענטשן־אוצרות וואָס דאָס פאָלק האָט אַרויסגעכּישופט פון די טיפענישן פון די מאַסן און געשטעלט אויבנאָן פון דעם באַפרייונג־קאַמף. אַ גאַנצע פּלעיאַדע אַזעלכע פירערס איז אויפגעקומען, וואָס האָט געגומען פאַרעמען די פאַרחושכטע דערדריקטע מענטשן און אויפ־שטעלן פון זיי שטאָלצע, קאַמפגרייטע באַטאַליאָנען, מיט אַ קלאָרן ציל, מיט אַן אויסגעהאַמערטן טראָט.

אָט אין יענער צייט, אין דעם באַגין פון דער יידישער פרייהייט־באַוועגונג, האָט זיך ווי אַ בליץ פאַנאַדערגעטראָגן אין דער יידישער וועלט דער נאָמען זרובבל.

נישט יעקב זרובבל, נישט הער זרובבל, נישט אַפילו חבר זרובבל. אָן אַ פאַרנאָמען, וואָס וואָלט בלויז פאַרמינערט די אמתע גרויסקייט פון דער דערשיינונג — בלויז זרובבל! אַ וואָרט, אַ נאָמען, אַ טיטל, וואָס האָט געמאַכט אויגן אויפשיינען, הערצער שטאַרקער קלאַפּן, באַגייסטערן נשמות.

ווער קאָן פאַרגעסן דעם מאָמענט, ווען באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן חברים אויף די אַקסלען אַריינגעטראָגן זרובבלען צו דער פּאַרטיי־קאָנפערענץ אין דער וואַרשעווער אַרבעטער־היים? — עס זענען שוין דעמאָלט געווען גרויסע פירערס פון פּועלי־ציון אין דער וועלט, עס האָבן געגלאַנצט אַזעלכע נעמען ווי בן־צבי, בן גוריון, אַלעקסאַנדער כאַשין און אומצאָליקע אַנדערע. אָבער דער נאָמען זרובבל האָט פאַרכּישופט, זיין וואָרט האָט אָנגעגליט די סאַמע אָפּגעשטאַנענסטע און באַגייסטערט אויף די פירערס.

מיט זרובבלען איז געווען פאַרבונדן דער סאַמע בראשית פון דער יידי־שער אַרבעטער־באַוועגונג. ער איז געווען פון די „פּאָלטאַווער", ער איז געווען חבר און תּלמיד מובהק פון באָראָכאָוון, ער איז געווען פירער און פאָרקעמפער פון דער גלאָררייכער פּוילישער פּאַרטיי און דער ערשטער צווישן די פּאָנען־טרעגערס פון דער וועלט־באַוועגונג.

זרובבלס לעבן איז די געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. ווו יידישע אַרבעטער האָבן געקעמפט, איז זרובבל דאָרט געווען. אין אַלע

ווינקעלעך פון דער וועלט. דאָרט ווו עס זענען געווען מיליאָנען און אויך דאָרט ווו עס זענען געווען בלויז פאַרוואָרפענע גרופקעס וואָס האָבן היציק באַגערט זיך צו פאַרבינדן מיט די גרויסע גאַזעלשאַפטלעכע שטראָמען פון ייִדיש־נאַציאָנאַלן קיום.

היינט לעבן מיר שוין אין דער עפּאָכע פון אויסלייזונג, ווען איבער אונדזערע קעפּ שפּרייטן זיך אויס די ברכות פון אונדזער אומאָפּהענגיקער ייִדישער מדינה. מיט צענדליקער יאָר פריער האָט דער געדאַנק פון אַ ייִדישער מדינה אויסגעזען ווי אַ ווייטער חלום און מען האָט געמוזט האָבן ממש נביאישע וויזיע צו מאָלן פאַר ייִדישע מאַסן אַ בילד פון ייִדישער מלוכישער אומאָפּהענגיקייט.

אָבער קיינער נישט אַזוי ווי זרובבל האָט געקאָנט צייכענען די בילדער פון ייִדישער פריידיקער צוקונפט; פריינד און אַפילו קעגנערס האָבן נישט געקאָנט ביישטיין דעם קינסטלער בעת ער האָט פאַנאַנדערגעוויקלט די היסטאָרישע קאַנווע און געמאָלן אויף איר, בפני כל עם ועדה, די פּרעכטיקע פּייסאַזשן פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער אויסלייזונג.

עס איז אָבער נישט געווען געגנוג אין יענע צייטן בלויז צו פאַרוויגן די מאַסן מיט שיינע צוקונפט־טרוימען. די חשכות אינעם ייִדישן לעבן איז געווען געדיכט און טרויעריק. די אָרעמקייט איז געווען גרויס און נאָך גרע־סער איז געווען די אָפּגעשטאַנענקייט. מען האָט, אין יענער צייט, געמוזט זיין גלייכצייטיק פירער, בויער און קעמפער. מען האָט געמוזט אָנהייבן מיט לערנען ווי אַזוי צו רעדן, לייענען, ווער רעדט שוין פון קעמפן!

אויסער דעם זענען אויפגעקומען אַזוי פיל פאַלשע נביאים, וואָס האָבן אַפּעלירט צו דעם סיר־הבשר, האָבן נישט באַנומען דעם ריזיקן פאַרנעם פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע און האָבן געשפּיזט די ייִדישע מאַסן מיט קליינע, אָרטיקע דערגרייכונגען וואָס האָבן באַפרידיקט אַ מינימאַלן חלק פון חיי־שעה.

אין יענע צייטן האָט געדונערט דאָס וואָרט פון זרובבלען, מינדלעך און אין שריפט, וואָס האָט נישט געלאָזן איינשלעפערן דעם קאַמפגייסט פון פאָלק און וואָס האָט געפאָדערט אַ לייזונג פאַר אַ ל ע נויטן, פון דעם ג אַ נ צ ן פאָלק, אין זיין אומעטומיקייט. זיין וואָרט איז עס געווען — „אומעטומיקייט״: מיר זענען אַ י י ן פאָלק, אין דער גאַנצער גרויסער צעשפּרייטקייט אונדזע־רער; מיר זענען אומעטום אונטערגעוואָרפן אַ י י ן געמיינזאַמען גורל און

די באַפרייונג אונדזערע קען נאָר זיין אַ נאַציאָנאַל־אַלוועלטלעכע; אונדזער אויסגעחלומט לאַנד מוז אויסגעקעמפט ווערן פאַר אַלע ייִדן.

„אַלוועלטלעכקייט"! וויפל שפּאָט דאָס דאָזיקע וואָרט האָט אַרויסגערופן ביים „בונד" און ביי דער „יעווסעקציע". אַ קאַמף אויף לעבן און טויט איז דערקלערט געוואָרן דער באַוועגונג, וואָס אין איר שפּיץ איז געשטאַנען זרובבל. מען האָט געדאַרפט האָבן אומצעשטערבאַרן גלויבן און שטאָלענעם ווילן אויסצושטיין אַזאַ אָנגריף. זרובבל איז געווען אין דעם סאַמע מיט פונעם קאַמף. עס איז געווען קעגן זיין טבע צו לאָזן אַנדערע קעמפן ערגעץ ווו. אַדרבא, ער האָט אַליין אויסגעזוכט דעם קאַמפּפּלאַץ און זיך געוואָרפן אין אים מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיינע געבענטשטע פעיִקייטן.

מען שרייבט היינט צו, מיט רעכט, געוואַלטיקע פאַרדינסטן דער חלוצישער מחנה, וואָס האָט געלייגט דעם יסוד פאַר דער אַנטשטייונג פון דער מדינה. אַוודאי איז עס אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז מיט דער אַנטשטייונג פונעם ערשטן קיבוץ איז געשטעלט געוואָרן דער ערשטער שריט אויפן וועג צו מדינת־ישׂראל — אָבער זאָל, ביי דער איצטיקער היסטאָרישער געלעגנהייט, אויך אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז דער קאַמף פאַר די נשמות פון די ייִדישע אַרבעטער און פאָלקסמענטשן, צו געווינען זיי פאַר דעם געדאַנק פון נאַציאָנאַלער באַפרייונג, איז געווען אַ גלייכווערטיקער פאַקטאָר אין דעם געראַנגל פאַר גאולה.

אָט אַ דעם קאַמף, וואָס האָט זיך געצויגן מיט גרויס ליידנשאַפט און פאַרביטערונג אין משך פון מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט, האָט אויף אירע פּלייצעס אויסגעטראָגן אונדזער באַוועגונג און איר קאַמף איז סימבאָליזירט געוואָרן אין דער פּערזאָן פון זרובבלען און אין זיינע מעשׂים. דאָס איז דער אומשטערבלעכער פאַרדינסט פון אונדזער באַוועגונג, און אין אָנערקענונג פאַר זיינע גרויסע פאַרדינסטן, טראָגט די באַוועגונג היינט אונטער אונדזער חבר זרובבל אַ קראַנץ פון ליבשאַפט און אָנערקענונג וואָס איז אויסגעפלאָכטן פון טויזנטער און טויזנטער געמיינזאַמע קאַמפן, מפּלות און נצחונות פון אַ פּרעכטיקן עבר.

דער נאָמען זרובבל שיינט נאָך היינט אַזוי פריש ווי פריִער מיט פילקאָליריקן גלאַנץ אין אַלע לענדער ווו עס לעבן ייִדן; ער וועט נאָך, לאָמיר האָפן, לאַנג באַלייכטן דעם וועג פון פאָלק אויף אַלע זיינע היסטאָרישע טרעפּונגען.

יהודה טיבערג

צו זיינע געבענטשטע 75 יאָר פאַרבייג איך מיין קאָפּ, צוזאַמען מיט צענדליקער טויזנטער יידישע אַרבעט־מענטשן אין דער גאָרער וועלט, מיט דרך־ארץ, און מיט גרויס ליבשאַפט פאַרן חבר זרובבל — דעם לעגענדאַרן פּרינץ פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג!

1963

דער פירער — דער מענטש

(צום אָנדענק פון חבר י. זרובבל)

י. זרובבל איז געווען דער כמעט לעצטער פון דער פּאַלטאַוּוע־חברותא.

בכלל האָבן די פּאַלטאַוּוער ליב געהאַט זיך צו באַקרוינען מיט ביבלישע נעמען. יעדער האָט זיך אויסגעקליבן אַ באַליבטן העלד פון תנ״ך און זיך געלאָזן אין ייִדישן לעבן מיט גרויסע אויפגאַבעס און מיט אַ באַגאַזש פון אהבת־ישׂראל, וואָס זיין גלייכן איז שווער צו געפינען אין די שפּעטערדיקע דורות. נישט בלויז פון פּאָלטאַוּוע האָבן זיך רעקרוטירט די גרונטלייגערס פון פּועלי־ציוניזם. די פאָרשערס פון דעם אָפּשטאַם פון דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם האָבן שוין פאַרעפנטלעכט אַ גאַנצע ליטעראַטור וועגן די פּילצאָליקע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן אין יענער תקופה אויפגעטויכט אין דער ייִדישער געזעלשאַפט און האָבן, צוזאַמען און באַזונדער, געלייגט דעם יסוד פאַר דעם אַרבעטער־ציוניזם אין אַלע זיינע שאַטירונגען און פאָרמען. זיי האָבן זיך אָבער אַלע צוזאַמענגעטראָפן אויף דעם איינעם פונקט, וואָס זיי האָבן גע־שטעלט אינעם צענטער פון דעם נאַציאָנאַלן לעבן: אין זייער צילבאַוווּסטער אויפגאַבע צו באַפרייען ארץ־ישׂראל, און עס איבערצוגעבן אין די הענט פון דער אויפשטייגנדיקער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג. זענען געקומען די פון „מינסקער טאָלק״, פון די פּוילישע „פּלאַנסקס״ און פון אוקראַיִנישן „פּאָלטאַוּוע״ — אַלע מיטן זעלבן גרויסן אידעאַל, מיט קעמפערישע נשמות, מיט אָן אַ שיעור ליבשאַפט פאַר די ייִדישע מאַסן און מיט אַ דעטערמינאַציע צו דערגרייכן דעם אולטימען ציל נאָך אין זייער אייגענער צייט, אין זייער דור.

דער ענדגילטיקער ציל פון באַפרייען דאָס לאַנד האָט אויסגעזען שווער — אָבער דאָך דערגרייכבאַר. אַז פּאַקטיש האָט דאָס לאַנד קיין אייגנטלעכן בעל־הבית נישט געהאַט: נישט די אַראַבער, נישט די טערקן און שפּעטער אויך נישט די ענגלענדער האָבן נישט געהאַט קיין ערנסטע מאַנונגען אויף „פּאַלעסטינע״. די אַראַבער — ווייל זיי האָבן זיך נישט געקאָנט פאַרשטעלן

אַז מען קען עפּעס וואָס מאַכן פון דעם דאָזיקן מדבר־לאַנד; די טערקן — ווייל זיי האָבן זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט די אַלע אַנדערע לענדערייען, וואָס זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרדייען; און די ענגלענדער — ווייל דאָס לאַנד האָט זיך אויסגעוויזן נישט צוגעפּאַסט צו די קאָלאָניזאַטאָרישע אַמביציעס און דערפאַרונגען פון דער אימפּעריע.

האָט די פאַלטאָוועך חברותא אויסגעאַרבעט פּראָגראַמען, געשאַפן אינ־טערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונגען, אויפגעשטעלט פּאַרטייען מיטן צוועק דוחק צו זיין דעם קץ. שווערער אָבער פון גאולת־הארץ האָט אויסגעזען צו זיין די גאולת־העם. דאָס פאָלק האָט זיך פּאַקטיש אומגעקערט מיטן רוקן צו די בעלי־חלומות און האָט זיינע בליקן געווענדט צו די וואָס האָבן געפּריידיקט די פּערספּעקטיוון פון דעם סיר־הבשׂר פון די גלות־לענדער וואָס האָבן, אין מיזרח־איראָפּע, ערשט אָנגעהויבן זייער סאָציאַל־עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג און וואָס האָבן געווונקען מיט טויזנטער גליקן צו די יידישע מאַסן, אויב זיי וועלן „בלויז" באַוויליקן זיך אָפּצוזאָגן פון זייער אידענטיטעט און זיך אויסמישן מיט די גוים. געווען מאָמענטן ווען עס האָט זיך געדאַכט, אַז די אַסימילאַציע אין אַלע אירע פאָרמען און געשטאַלטן פאַרפּלייצט די יידישע גאַס, אַז דאָס יידישע פאָלק איז זיך פאַנאַדערגעפאַלן אויף זיינע ברוכטיילן, פאַרשיידענע יידישע פעלקער: רוסישע יידן — אין נאַציאָנאַליטעט; דייטש־עסטרייכישע יידן — אַ וויטע אומה; אַמעריקאַנער יידן — אַ באַזונדערע ראַסע. און דער צעפּיצלונג־פּראָצעס האָט אָנגעהויבן אָננעמען מוראדיקע פּראָפּאָרציעס, און עס זענען אויך שוין אויפגעשטאַנען „אידעאָלאָגן", וואָס האָבן אונטערגעצויגן טעאָרעטישע יסודות פאַר דער צעפאַלונג פון יידישן וועלטפאָלק, און אויך „היסטאָריקערס" וואָס האָבן באַוויזן, אַז דאָס איז דער נאַטירלעכער און ווינטשנסווערטער גאַנג פון יידישן פאָלק.

אין ליכט פון אָט דער גייסטיקער שפּלדיקייט, וואָס איז דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון אַן אידעאַל, קאָן מען ערשט אָפּשאַצן די נשמהדיקע דער־הויבנקייט און די גייסטיק־מאָראַלישע קראַפט, וואָס עס האָבן באַזעסן די ראשונים וואָס האָבן מיט זייערע מעשים דערפירט דאָס פאָלק צו זיינע איצטיקע דערגרייכונגען און צו זיין גרויסער היסטאָרישער שעה.

י. זרובבל איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן זיך מיט זייער גרויסקייט אויסגעצייכנט אויך אַפילו צווישן די מנהיגים פון יענער צייט. ער האָט זיך נישט באַגרענעצט צו איינעם אָדער עטלעכע אָפּשניטן פון דעם נאַציאָנאַלן

קאַמף, נאָר אויפגענומען דאָס ייִדן־פּראָבלעם אין זיין גאַנצן אומגעהויערן פאַרנעם און זיך געווידמעט יעדער באַזונדערער אויפגאַבע, ווי זי וואָלט געווען דער עיקר פון דעם גאַנצן פּראָבלעם.

עס איז שווער צו געבן אַ גאַנץ בילד פון זרובבלען אין איין אַרבעט, אין איין אָפּהאַנדלונג. די ווערסט באַהערשט פון אַן איבערפלוס פון געפילן, וואָס לאָזן דיך נישט קאָנצענטרירן זיך אויף דעם אָדער יענעם אַספּעקט פון זיין לעבן; אַז דער מענטש זרובבל, דער חבר, דער פירער איז געווען אַזוי פילפאַרביק און אַזוי אויסערגעוויינלעך באַגאַבט! אַליין אַן ענטוזיאַס־טישער פאַרערער פון מענטשן פון וויסן, פון ליטעראַטור, פון קונסט — איז ער געצוווּנגען געוואָרן פון זיין פריסטער יוגנט זיך אָפּצוגעבן מיט לערנען און אויסשולן גרויסע מאַסן פון אַרבעטער פאַר וועמען עס זענען געווען אָפן און צוגענגלעך בלויז די עלעמענטאַרע חלקים פון די דאָזיקע אוצרות און ער, זרובבל, האָט געמוזט לערנען מיט די דאָזיקע טויזנטער דעם אלף־בית פון נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין, פון סאָציאַלע גערעכטיקייט, פון מענטשלעכער און ייִדישער חשיבות.

ער אַליין איז זיין גאַנץ לעבן געווען אַ סטודענט: אויף די קאָנגרעסן פון דער באַוועגונג, אין די תפיסה־קאַמערן פון די הערשנדיקע רעזשימען, אין די אַטעליעס פון זיינע פריינד די קינסטלערס, אין די אַרבעט־צימערן פון די גרויסע שרייבערס פון זיין דור.

זיין פּערזענלעכקייט האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אין די קאַמפן וואָס ער האָט אומאויפהערלעך געפירט, אין די קאָנטאַקטן וואָס ער האָט כסדר אָנגעהאַלטן און אויסגעברייטערט, אין די ביכער וואָס ער האָט געשריבן, אין די רעדעס וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין שלייפן.

ער איז געווען אַ זעלטענער עסטעט, אונדזער חבר זרובבל. ער האָט שטאַרק מקפּיד געווען אויף זיין אויסערלעכקייט, פּונקט אַזוי ווי ער האָט געהאַלטן אין איין באַרייכערן זיין פּערזענלעכקייט מיט גייסטיקע ווערטן. ער איז געווען זאָרגפעלטיק אין זיין קליידונג, פּונקט אַזוי ווי ער האָט מקפּיד געווען אויף דער ריינקייט פון זיין ייִדישער שפּראַך, וואָס ער האָט דערהויבן צו דער גרעסטער קינסטלערישער הויך. דערביי איז ער געווען אַזוי טיף פילבאַר צו די אומגליקן און צרות פון אונדזער כּלל אין דער צייט פון זיין לעבן, אַז זיי האָבן זיך בולט אָפּגעשפּיגלט אין זיין מאַיעסטעטישער אויסער־

לעבקייט. פֿאַרגלייכט מען די בילדער פֿון זרובבלען פֿון פֿאַרשיידענע תּקופֿות פֿון זיין לעבן, קאָן מען פֿון זיי אורטיילן די אויף־ און אָפּגאַנגען פֿון יידישן לעבן.

טייל מאָל, ווען אַנדערע האָבן אויפֿמערקזאַם געמאַכט אויף זיין זאָרג־פֿעלטיקער געשטאַלט, איז מיר געקומען אויפֿן זין די חסידישע מעשׂה, וואָס מען האָט דערציילט וועגן די רבּיס פֿון דער ריזשינער דינאַסטיע: מען האָט דערציילט אַז איינער, אַ מתנגד, האָט אָפּגעשפּעט פֿון ר׳ ישׂראלטשע ריזשינער צוליב דעם גבירישן שטייגער וואָס ער האָט איינגעפֿירט אין זיין הויף. ער אַליין פֿלעגט אַרויספֿאָרן אין אַ באַגילדעטער קאַטש, איינגעשפּאַנט אין פֿיר פֿערד „נאַשפּיץ" און בכלל געפֿירט חסידות אויף אַ קייזערלעכן אופֿן; האָט דער מתנגד חוזק געמאַכט פֿון די חסידים, וואָס זענען געקומען מיט קוויטלעך זיך מכפּיר זיין פֿאַרן רבּין. האָט איין מאָל אַ חסיד פֿון די מקורבים אָוועקגערופֿן דעם מתנגד אין אַ זייט און אים געהייסן וואַרטן ביז דער רבּי וועט אַריין אין זיין חדר זיך אַ ביסל אָפּרוען. דער חסיד האָט דאַן געהייסן דעם מתנגד שטיל אַריינגיין אין דעם רבּינס חדר און אַריינקוקן אין די אויסגעטועטע שיך וואָס זענען געשטאַנען ביים בעט. דער מתנגד איז פֿון דעם חדר אַרויסגעקומען אַ צעדרודערטער: דעם רבּינס שיך זענען געווען אויס־געשאָטן מיט אַרבעס... דאָס איז געווען דער ריזשינער וועג: גרויסצוגיק און מאַיעסטעטיש אין דער אויסערלעכער דערשיינונג און אין דער שטיל זיך פּייניקן און ליידן, אַז קיינער זאָל נישט באַמערקן.

די דאָזיקע כאַראַקטעריסטישע חסידישע מעשׂה האָב איך צוגעפּאַסט צו דער פּערזענלעכקייט זרובבל. אויסערלעך שטאָלץ און עסטעטיש פֿאַרפּוצט אָבער אַ צאַרטע נשמה וואָס האָט געוויייטיקט אויף יעדן אומגליק, וואָס איז אַראָפּגעפֿאַלן אויפֿן פֿאָלק אָדער אויף אַ יחיד פֿון זיין סביבה.

ווער ס׳האָט נישט געזען זרובבלען גלייך נאָך זיין באַזוך אין די קאָנצענ־טראַציע־לאַגערס אין דייטשלאַנד, ווער ס׳האָט אים דעמאָלט נישט געזען אין זיין טרויער, דער האָט קיין אמתן טרויער אין זיין לעבן נישט געזען. זייער טיף האָט זרובבל אויך איבערגעלעבט דעם טויט פֿון זיינע חברים־תּלמידים. ער האָט דאַן אָנגעשריבן דעם באַרימטן אַרטיקל וועגן אַ בוים וואָס עס פֿאַלן פֿון אים לעבעדיקערהייט אָפּ זיינע צווייגן, מיט וועלכע ער איז אויסגעוואַקסן און מיט וועלכע ער האָט זיך געגרויסט.

חבר זרובבל האָט געהאַט אַ סך גרויסע מאָמענטן אין זיין רייכן געזעל־

שאַפּטלעכן לעבן. איך וועל דאָ בלויז ברענגען צוויי אַזעלכע איבערלעבונגען: אין 1918 איז חבר זרובבל אָנגעקומען פון רוסלאַנד קיין וואַרשע ווו ס'איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די ערשטע לעגאַלע פּאַרטיי־קאָנפערענץ פון די פּוילישע פּועלי־ציון. דער גרויסער זאַל פון "אַרבעטער־היים" איז געווען אָנגעפּאַקט מיט דעלעגאַטן און געסט פון דער גאַנצער פּוילישער פּראָווינץ. עס האָט געהערשט די פרייד און באַגייסטערונג וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע ערשטלינגען, פאַר יעדן בראשית. פּלוצעם איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז חבר זרובבל איז אויפן וועג צו דער קאָנפערענץ. דאָס האָט געווירקט ווי אַ בליץ און צענדליקער חברים, פון די בעסטע, פון דעם אַקטיוו פון דער פּאַרטיי, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר כּדי צו באַגעגענען דעם גרויסן גאַסט; חברים האָבן דעם מנהיג אויף זייערע אַקסלען אַריינגעטראָגן אין זאַל אַריין און צו דער לאַנג־דויערנדיקער אָוואַציע האָט גאַרנישט געוואָלט נעמען קיין סוף. דעמאָלט האָב איך געקאָנט באַמערקן די גערירטקייט וואָס האָט באַהערשט דעם יונגן פירער.

אַ צווייטן גרויסן מאָמענט, וואָס איך האָב געהאַט די פּריווילעגיע בייצו־וווינען איז געווען פאַר אַ יאָרן זומער אויף דער לעצטער סעסיע פון דעם יידישן וועלטקאָנגרעס אין בריסל: קנאַפּע טויזנט דעלעגאַטן און געסט זענען זיך צונויפגעקומען צו דער שלום־סעסיע. עס איז געווען אַן אמתער קבוץ־גלויות, מער נאָך ווי אויף ציוניסטישע קאָנגרעסן, ווייל דאָ זענען געווען פאָרשטייערס אויך פון אַ טייל פון די יידישע קהילות פון מיזרח־אייראָפּע. דאַן האָט ד"ר נחום גאָלדמאַן, וואָס האָט געפירט די זיצונג, אויפגערופן דעם חבר זרובבל צו באַגריסן די קאָנפערענץ און גאָלדמאַן האָט אים אויך באַגריסט צו זיין אַכציק־יאָריקן געבוירן־טאָג וואָס איז דעמאָלט אויסגעפאַלן.

און זרובבל האָט גערעדט!

דאָס איז געווען נישט קיין רעדע נאָר אַ נבואה. דער אַלטער פּאַטריאַר־כאַלישער פירער האָט ציטירט לייוויקן און זיין פּחד אַלס יינגל, טאָמער וועט דער מלאך פאַרשפּעטיקן אָפּצוראַטעווען יצחקן פון דער עקידה. און זרובבל האָט אויסגערופן „אין אונדזער צייט האָט דער מלאך זיך יאָ פאַרשפּעטיקט — זעט, אַז מיר זאָלן מער נישט פאַרשפּעטיקן. אַ מלאך קאָן זיך פאַרשפּע־טיקן — מענטשן, יידן טאָרן נישט!"

דער זאַל איז געוואָרן עלעקטריזירט. די גרעסטע פּערזענלעכקייטן פון יידישן לעבן האָבן אַרומגערינגלט דעם טריבון און האָבן גערירטערהייט

אויסגעדריקט זייער אָנערקענונג דעם יידישן פירער וואָס האָט מיט זיין וואָרט דערהויבן דעם קאָנגרעס צו אַ גרויסער גייסטיקער הויך.

איך האָב אויך דאָן באַמערקט ווי מיין חבר, מיין פּאַרטיי־פירער און מיין גרויסער פריינד, דרייט אָפּ זיין קאָפּ אָן אַ זייט כדי צו פאַרבאָרגן אַ טרער וואָס האָט זיך געזילבערט אין זיין אויג. איך האָב יאָ געוווּסט זיינע איבער־לעבונגען אײדער ער איז אַרויף אויף דער טריבונע. דער גרויסער רעדנער, דער לאַנגיאָריקער דעבאַטאַנט אויף די גרעסטע יידישע אסיפות, האָט מורא געהאַט טאָמער וועט ער נישט זיין ראוי צו דעם גרויסן היסטאָרישן מאָמענט.

די מעלות און באַגאַבונגען פון חבר זרובבל זענען געווען באַקאַנט צו אַ זייער גרויסן קרייז פון מענטשן. ער האָט געגלאַנצט מיט זיין געבענטשטן רעדנער־כוח, מיט זיין פּרעכטיקער פעדער, מיט זיין טיפער קענטעניש פון ליטעראַטור און פּאָעזיע און מיט זיין קראַפט די דאָזיקע קונסטן צו מאַכן פאַרשטענדלעך און צוגענגלעך פאַר גרויסע מאַסן. ער האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אין דער אָרגאַניזירונג און אויפהאַלטונג פון אַ גרויסער און אייגנאַרטיקער באַוועגונג וואָס האָט געהאַט איר אייגענעם דרך אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. אָבער בלויז פאַר אַ באַגרענעצטער צאָל יחידים האָט זיך זרובבל אַנטפּלעקט מיטן גאַנצן סכום אייגנשאַפטן, וואָס צוזאַמען האָבן זיי מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם **גאַנצן** זרובבל.

איך האָב געהאַט די זכיה צו געהערן צו אָט דעם ענגן קרייז פון זיינע פריינד, און איך וועל מיינע אינטימע מאָמענטן מיט אים פלעגן און טייער האַלטן מיין גאַנצן לעבן. זרובבל איז געווען איינער פון די אינטערעסאַנטסטע מענטשן אין יעדער געזעלשאַפט: אַ ווונדערלעכער מיטשמועסער, אַ פיינער, אָנגענעמער זינגער און אָריגינעלער אויסטייטשער פון אַ פאָלקסליד, אַ טרעפ־לעכער דיסקוטאַנט, וואָס האָט זיין קעגנער פאַרבליפט מיט דעם טעמפּע־ראַמענט און עלעגאַנץ פון זיין דיסקוסיע — מיט איין וואָרט, אַ מענטש וואָס איז אין זיין שיחת־חולין געווען אַזוי אינטערעסאַנט ווי אין זיינע ערנסטע פּאָליטישע אָדער ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויפטרעטונגען.

אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק וועט זרובבל אַריינגיין ווי **דער** פירער פון דער באַוועגונג פון לינקע פּועלי־ציון. דאָס איז געווען זיין קרוינ־שאַפונג. צוזאַמען מיט אַנדערע פון זיין דור האָט ער אויפגעשטעלט אַ באַווע־גונג וואָס האָט געשפּילט אַ ווונדערלעכע ראָל אין דער געשטאַלטונג פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט. און ווען עס איז אין יאָר 1920 פאָרגעקומען די

שפּאַלטונג אין דער געאייניקטער פּועלי־ציון וועלט־באַוועגונג, האָט ח׳ זרו־בבל, וואָס האָט טיף טראַגיש איבערגעלעבט די דאָזיקע געשעעניש, זיך געשטעלט בראָש פון דעם לינקן טייל פון דער היסטאָרישער ווינער קאָנ־פערענץ און פון דאַן אָן נישט אויפגעהערט קעמפן איבערהאַלב דער באַוועגונג פאַר איר זעלבשטענדיקייט און קעגן די ליקווידאַטאָרישע טענדענצן וואָס זענען, אונטער דעם וועלט־אָרעאַל פונעם „אָקטאָבער״, פון צייט צו צייט, אַרויפגעשוווּמען אין טיילן פון די לינקע פּועלי־ציון.

דער קאַמף פון חבר זרובבל נישט מוּתּר צו זיין אויף דעם ציוניסטישן גייסט פון דער פּאַרטיי האָט, אין געוויסע פּאַזעס, אָנגענומען ממש פּאַטעטישע פאָרמען.

אין די ערשטע צוואַנציקער יאָרן איז עס געווען די גרויסע דיסקוסיע מיט שאול אַמסטערדאַם און זיינע נאָכפאָלגערס, וואָס האָבן געוואָלט ליקווי־דירן די פּוילישע פּאַרטיי און זי געוואָלט אַריינפירן אין דעם „קאָמאינטערן״ אַזוי ווי זי שטייט און גייט, אָן וועלכע ס׳איז פאַרזיכערונגען מצד דעם „פּאָליט־ביוראָ״ בנוגע רעכט פון יידישן פאָלק אויף אייגענער עקסיסטענץ און אייגענער אויטאָנאָמיע. זרובבלס פּאָלעמיק אין יענער צייט קאָן נאָך הייַנט דינען ווי אַ וווּנדערלעכער טראַקטאַט לטובת יידישער נאַציאָנאַל־טעריטאָר־יאַלער אומאָפּהענגיקייט. מען קאָן אָן איבערטרייבונג פעסטשטעלן, אַז זרובבלס קאַמף האָט דעמאָלט אַ סוף געמאַכט צו יעדן ווייטערדיקן ערנסטן פּרוּוו פון קאָמוניסטישער ליקווידאַציע.

זרובבל איז אָבער אַלע זיינע יאָרן אויך געווען דער קעמפער פאַר יידי־שער אַלוועלטלעכקייט אין דעם ברייטסטן זין פון וואָרט. שוין אין יענע יאָרן איז ער געווען דער ריטער פון קאַמף פאַר דער אָנערקענונג פון יידיש, דער שפּראַך און איר קולטור ווי אַ גרויסן נאַציאָנאַל־בויערישן פאַקטאָר אין יידישן לעבן, איינגעשלאָסן אויך דעם בוי פון דעם יידישן היימלאַנד. ביז זיין לעצטן אָטעמצוג האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט ליבשאַפט און זאָרג, אָפּצוהיטן די יידיש־איבערבלייבענישן פון אַ גלאָררייכער עפּאָכע. דער י. ל. פּרץ־פאַרלאַג אין מדינת־ישראל איז פּאַקטיש זיין שאַפונג. ער האָט אים אָפּגעגעבן אַ סך פון זיין צייט. דער חורבן אייראָפּע און די צוואַנג־אַסימי־לאַציע פון דעם דריי און אַ האַלב־מיליאָניקן ישוב אין רוסלאַנד האָבן אָפּגע־טעמפּט די שפּיצן פונעם קאַמף פאַר די רעכט פון יידיש, אָבער פאַר זרובבלען איז געווען ממש אומדענקבאַר, אַז עס זאָל לגמרי פאַרשווינדן פון יידישן

לעבן די ירושה פון אַ רייכער קולטור־פּאַרגאַנגענהייט אין וועמענס אויפ־שטייג ער אַליין האָט אַזוי פיל מי אַריינגעלייגט און וועמענס בייטראָג צו דעם אויפשטייג פון אַ יידישער נאַציאָנאַלער באַפרייונג־באַוועגונג איז גאָר־נישט אָפּצושאַצן. ער איז לעצטנס געווען זייער שטאָלץ מיט די דערגרייכונגען פון יידיש אין דער מדינה. ער איז קיין מאָל קיין „יידישיסט" נישט געווען. ער האָט שטענדיק באַטאָנט, אַז מיר, פּועלי־ציון, זענען נישט קיין אַנטי־העברעיסטן, נאָר מיר קעמפן קעגן דער גרינגשאַצנדיקער באַציִונג מצד געוויסע ציוניסטישע קרייזן צו דער שפּראַך פון דעם פאָלק. מיר האָבן אין דער אָ באַציִונג געזען אַ פון־אויבן־אַראָפּ באַציִונג נישט נאָר צו דער שפּראַך פון די מאַסן, נאָר אויך צו די מאַסן גופא.

זרובבל האָט אָנגעהויבן זיין געזעלשאַפטלעך לעבן אין פּאָלטאַווע מיט אויפשטעלן אַ ראָם פאַר אַ גרויסער, געאייניקטער, קעמפערישער פּועלי־ציון־וועלט־באַוועגונג. ער האָט איבערגעלעבט אַ סך שפּאַלטונגען און אַנטוישונגען פון דער באַוועגונג וואָס ער האָט, צוזאַמען מיט בער באָראָכאָוו און אַנדערע, געהאָלפן קומען צום לעבן — ער האָט אָבער געהאַט די גרויסע זכיה צו דערלעבן דעם היסטאָרישן מאָמענט ווען דער געשיכטלעכער רינג פונעם פּועלי־ציוניסטישן וועג האָלט זיך ביים צוריק צוזאַמענשליסן. אונדזער חבר זרובבל איז נפטר געוואָרן אין די טעג ווען עס זענען פאַרענדיקט געוואָרן די פאַרהאַנדלונגען וועגן דער צוריקפאַראייניקונג פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער מחנה אין איין פּאַרטיי. די אויסזיכט אויף דעם צוזאַמענשלוס זענען אפשר געווען די פריידיקסטע מינוטן וואָס ער האָט איבערגעלעבט איידער ער האָט זיך אָפּגעשיידט פון אונדז.

ער וועט בלייבן אין יידישן דויער — — —

אויגוסט, 1967

זרובבל

(צו זיין צענטער יאָרצייט)

רייך איז געווען דער היינטיקער יאָרהונדערט אין שאַפערישע יחידים אויף אַלע געביטן. זיי האָבן זיך אויסגעשפּרייט אין אַלע ריכטונגען: אין פילאָסאָפיע, קונסט, ליטעראַטור, טעכניק, פּאָליטיק.

אין אונדזער יידישער וועלט האָבן די לעצטע אַכט דעקאַדעס פּראָדוצירט אַזאַ שפע פון משכמו־ומעלה־מענטשן, אַז זיי האָבן מכפר געווען אויף לאַנגע, טונקעלע צייטן פון דעגראַדאַציע און אָפּגעשטאַנענקייט און אַרויסגעבראַכט אויף דער ליכטיקער שיין אַזאַ אומגעהויערע עשירות פון גייסט און געדאַנק וואָס האָט גורם געווען צו אַ טיפער טראַנספאָרמאַציע פון דעם גאַנצן פאָלק.

צו דער אָ פלעיאַדע פון פאָלקספירער וואָס האָבן געהאָלפן, געוועקט און אויסגעהאַמערט דעם נייעם אימאַזש פון פאָלק, האָט געהערט יעקב זרובבל, וועמענס צענטע יאָרצייט איז אויסגעפאַלן דעם פאַרגאַנגענעם פינפטן יוני, דעם טאָג ווען עס איז אויסגעבראָכן די זעקסטאָגיקע מלחמה.

פונקט ווי דער גרעסטער טייל פון יידישע מנהיגים פון די פאַרגאַנגענע דורות, איז אויך זרובבל געקומען פון די טונקעלע ליקלעך פון יידישער מאַטעריעלער אָרעמקייט. נישט באַוויזן אַפילו זיך צו דערשלאָגן צו פאָר־מעלער העכערער בילדונג. אָבער זיין גאַנצער יונגער וועזן האָט זיך געריסן צו דערפילן דעם רוף פון דער צייט, דעם געבאָט פון נאַציאָנאַלן גורל; ער איז געווען איבערגעלאָדן מיט ווונדערלעכע נאַטירלעכע באַגאַבונגען, וואָס האָבן געשטורעמט זיך אויסצוגיסן אין מעשׂים, און אַזוי רייך זענען געווען זיינע נאַטירלעכע באַגאַבונגען, אַזוי פילקאָליריק און שפעדיק, אַז ער איז גלייך ביי זיינע ערשטע שריט אין לעבן אויפגענומען געוואָרן ווי אַ וועגווייזער, אַ פירער, אַ סימבאָל.

עס זענען, אין זרובבלס צייט, געווען גרויסע פירער־פיגורן, מענטשן פון ריזיקן גייסטיקן פאַרנעם; גרויסע וויזיאָנערן וואָס האָבן געשטאַפּלט אויף לייטערס, וואָס זייערע שפיצן האָבן דערגרייכט די וייטסטע הימלען,

אָבער ווייניקע האָבן זיך אַזוי אַריינגעוועבט אין דעם אינערלעכן וועזן פון זייער סביבה ווי עס האָט עס געטאָן דער פועלי־ציון־פירער יעקב זרובבל.

זרובבל ווערט געדענקט אויף אַ גאַנץ באַזונדערן אופן: זיין געביט איז געווען דאָס וואָרט: ער האָט אַנגעצייכנט דעם וועג, באַגייסטערט דאָס פאָלק מיט זיין וויזיע און מאַסן זענען געגאַנגען מיט אים, נאָך אים. אַחוץ הערצלען, געדענק איך נישט נאָך אַ מנהיג, וואָס זאָל האָבן אַזוי באַצויבערט מאַסן מיט זיין עצם דערשיינען. ווי אַ פּרינץ איז ער אויפגענומען געוואָרן און אַזוי האָט ער זיך געפירט זיין גאַנץ לעבן: אָפּגעהיטן אין זיין גאַנג, אין זיין באַנעמונג, אין זיין וואָרט; קיין מאָל זיך נישט אַראָפּגעלאָזט צו קיין רכילות, קיין מאָל נישט באַנוצט זיך מיט אַן אומריינעם אויסדרוק; אַן אָפּגעהיטן ציכטיק לעבן. מען האָט געהאַט דרך־ארץ פאַר זרובבלען, אָבער מען האָט אים באַערט און אויך ליב געהאַט. אַ זעלטענע קאָמבינאַציע ביי אַ פירנדיקן מענטשן.

ווער האָט נישט געקאַנט זרובבלען? ער איז געווען דער סימבאָל פון פועלי־ציון. ער איז עס געווען סיי ווען ער איז געווען אין אַ פּאַראייניקטער באַוועגונג אין די ערשטע יאָרן פון היינטיקן יאָרהונדערט, און אין דער גאַנצער צייט פון אידעישער שפּליטערונג. דער וויכטיקסטער עלעמענט אין זיין געזעלשאַפטלעכער ראָלע איז געווען זיין פּערזענלעכקייט. עס האָט גע־שטראַלט פון אים ליבשאַפט — צום מענטשן, צום פאָלק, צו אַלץ וואָס איז שיין און דערהויבן אין לעבן.

איך געדענק: ס'איז אַ שטימונג פון געשפּאַנטער דערוואַרטונג אין וואַרשעווער „אַרבעטער־היים", אין איינעם אַ טאָג אין יאָר 1918; מען שוש־קעט זיך צווישן די יונגע אַקטיוויסטן פון דער נאָך דאַן פאַראייניקטער פועלי־ציון־פּאַרטיי; פון דעם באַלשעוויסטישן, אין בלוט אָפּגייענדיקן רוסלאַנד קומט אַן אָנפירנדיקער חבר מיטן מאָדנעם נאָמען: זרובבל. עפּעס האָט מען יאָ וועגן אים שוין געוווּסט. ער איז געווען פון די „פּאָלטאַווער"! אַ חבר און תלמיד מובהק פון באָראָכאָװן, איינער פון די בעסטע רעדנערס וואָס די באַוועגונג פאַרמאָגט. און אָט געפינט ער זיך שוין אויף דער טריבונע; דאָרט שטייט ער, אַזאַ הויכער, אַזאַ יונגער, מען זעט ווי ער איז באַהערשט פון געפילן וואָס זוכן ערשט אַן אַנטשפּרעכנדיקן אויסדרוק. איך אַליין געדענק בלויז נאָך איין און איינציק בילד פון זרובבלען אין אַן ענלעכער, אויסדרוק־פולער שטימונג, אָבער דאָס האָב איך אים שוין געזען אין אַ פאַרקערטער

גערירטקייט, געזען אים אויפן בילד פון „באַרג חורבן". צוויי הויכמאָמענטן אין זרובבלס לעבן: אָנפאַנג און סוף, ביידע צווישן זיין פאָלק, אין יונגער, צאַפּלדיקער האָפענונג און אין תּהומיקן טרויער.

ער איז געווען איינער פון די גרויסע אָראַטאָרן פון זיין צייט; זיין געצערטלט וואָרט, די פּראַכט פון זיין זאַצסטרוקטור, די קאָמפּאָזיציע, דער צוזאַמענשטעל פון זיין רעפעראַט, האָבן שטענדיק אַרויסגערופן באַוווּנדערונג. אין קריטישע צייטן האָט מען זיך געווענדט צו זרובבלען. איך געדענק: עס איז געווען אין די ערשטע יאָרן פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע. קאָמוניסטישע כוואַליעס האָבן הויך געשוימט אויף די גאַסן פון ייִדישער אָרעמקייט; ארץ־ישׂראל איז דאַן געווען אַזוי ווייט, אַזוי ווייטיקלעך ווייט. פּאַלעסטינע איז געווען די באַציִכענונג, אַ פרעמדע, קאַלטע באַציִכענונג. טויזנטער ייִדישע מאַסן דעמאָנסטרירן אין די גאַסן פון וואַרשע, לאָדזש, קראָקע, אין שטאָט און שטעטל פון ייִדישן פּוילן, נישט איינצוהאַלטן דעם מעכטיקן שטראָם פון ייִדישן רעוואָלוציאָנערן איפער; די געפאַר איז גרויס, אַז דער לעצטער פונק פון אייגענער ייִדישער אידענטיפיקאַציע וועט פאַר־שווענקט ווערן פון די רוישנדיקע כוואַליעס פון זעלבסט־פאַרלייקענונג. זרו־בבל גייט דאַן אַרויס אויף דער גאַס, אויף דער ייִדישער גאַס. גרויסע אַפישן באַווייזן זיך אויף די עפנטלעכע פּלעצער: זרובבל וועט רעדן אויף דער טעמע: „שלום, רעוואָלוציע און פּאַלעסטינע!" איך האָב געהערט זרובבלען אומצייליקע מאָל, אויף אַן אַ שיעור טעמעס, אָבער איך וועל שטענדיק פילן דעם טעם פון יענעם רעפעראַט. דאָס איז געווען אַ געוואַגטער אַרויסרוף צו באַזינונג, צו זען און צוריקשטעלן זאַכן אין דער ריכטיקער ליכט און פּראָפּאָרץ.

איך שרייב נישט דאָ קיין אָפּהאַנדלונג איבער זרובבלען דעם פירער, דעם שרייבער, דעם אָראַטאָר, דעם קריטיקער, דעם פּאָליטיקער. דאָס איז בלויז אַ דערמאָנונג, אַ באַשיידענע ווידמונג דעם אָנדענק פון אַן אויסנעמלעכן מענטשן, אַ ווונדערלעכן חבר־פירער, אַ מענטשן וואָס איז אַרויסגעקומען פון פאָלק, אויסגעפילט מיט זיין פּערזענלעכקייט אַ גאַנצע עפּאָכע פון אויפבלי און אונטערגאַנג און אויסגעגאַנגען אין דער מינוט פון דער גרעסטער גלאָריע פון זיין פאָלק אויף די פליגלען פון זיין נייער תּנבישקייט.

יולי, 1977

חבר נחום ניר־ראַפּאַלקעס

(צו זיין ווערן אַ בן שמונים)

אַ לערער און אַ קעמפער, אַ פירער און אַ חבר, אַ טעאָרעטיקער און אַ גרויסע פּאָליטישע פיגור — דאָס איז אונדזער חבר ד״ר נחום יעקב ראַפּאַלקעס־ניר. ער געהערט צו די ראשונים פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג, צו אירע גרינדערס און באַגרינדערס; צוויי דורות לינקע פּועלי־ציוניסטן זענען דערצויגן געוואָרן אויף זיינע שריפטן און זיינע רעפעראַטן, צוויי דורות ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע קעמפערס זענען דורך אים געפירט געוואָרן אין די רומרייכסטע שלאַכטן פונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. עס זענען געווען צייטן אין דער אייראָפּעיִשער פּועלי־ציוניסטישער באַוועגונג ווען עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די ליקווידאַטאָרן וועלן קריגן איינפלוס אין דער באַוועגונג און זיי וועלן מיטרייסן מיט זיך גרויסע מאַסן אַהין ווו עס האָט געלאָקט די גלאָריע פון דער רעוואָלוציע, דער רייץ פון אַלמענטשלעכער גאולה, זאָל זיין אַפילו אָן יידיש־נאַציאָנאַלן קיום; אונטערדריקטע יידישע מאַסן פון פּוילן און אַנדערע מיזרח־אייראָפּעיִשע לענדער זענען אין מינוטן פון פאַרצווייפלונג און אויסזיכטלאָזיקייט געווען גרייט צו באַגיין נאַציאָנאַלן כאַריקירי אַבי אַרויסצוראַטעווען זיך פון דעם שרעקלעכן קלעם אין וועלכן זיי זענען געהאַלטן געוואָרן מצד די פאַשיסטישע פּוילישע פּאַנעס און רעאַקציאָנערע אונגאַרישע און רומענישע פעאָדאַלן. דעמאָלט איז עס געווען דער חבר ניר, וואָס האָט אויפגעשטעלט אַ דאַמבע קעגן דער דאָזיקער אַסימילאַציאָניסטישער כוואַליע און ווי דער סעקרעטאַר פונעם פאַרבאַנד־ביוראָ פון דעם וועלטפאַרבאַנד פּועלי־ציון, האָט ער נישט בלויז דיסקוטירט עפעקטיוו מיט די יעווסעקישע נאָכלויפערס, נאָר אויך אָרגאַניזאַציאָנעל געשאַפן די כלי־זין זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם דאָזיקן פּרווו פון מאָסקווע אויפצורייסן פון אינעווייניק די פּועלי־ציון באַוועגונג. דאָס איז געווען אַ היסטאָריש־וויכטיקע עפּאָכע אינעם לעבן פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג און מיר דערמאָנען עס היינט דעם בעל־יובל אונדזערן, ווייל מיר זענען איבערצייגט,

אַז דער דאָזיקער פּעריאָד פון זיין אַקטיוויטעט בילדעט איינעם פון די הויכפּונקטן אין זיין גרויסן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

חבר ניר איז באַלד אין אָנהייב געקומען צו דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג ווי אַ פירער. פון זיין ערשטן טאָג אין דער פּאַרטיי איז ער געשטאַנען ביים רודער פון פּועלי־ציון, געפירט זי איבער די פּאַרשיידנסטע וועגן אָבער מיטן ענדציל אין אויג. נאָענט און אייגן איז אים געווען די רעוואָלוציע און ער האָט געשטרעבט אַדורכצופירן די סאָציאַלע רעוואָלוציע אויך אינעם יידישן לעבן. ער האָט אָבער, ווי אַ שטאָלצער מענטש, קיין מאָל נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז „יידיש בלוט זאָל זיין אייל אויף די רעדער פון דער רעוואָלוציע". אַסימילאַציע און זעלבסטפּאַרלייקענונג זענען געווען אין עלעמענטאַרן ווידערשפּרוך צו זיינע געפילן נישט נאָר ווי אַ ייִד נאָר אויך, און אפשר אין דער ערשטער ריי, ווי אַ שטאָלצער מענטש.

חבר ניר איז געווען מיטבאַטייליקט אין אַלע קאַמפן, וואָס די יידישע אַרבעטערשאַפט האָט געפירט אין די לענדער פון די יידישע מאַסן־ישובים און ער איז אויך געווען דער וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן חלק אין דער אויספאָרמירונג פון דעם לינקן פליגל פון דער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל. ער איז דערפאַר שטענדיק געווען דער געאַכטער פירער פון דער ישראל־דיקער אַרבעטערשאַפט און עס איז אים אויסגעפאַלן דער גרויסער כבוד פון ווערן אויסגעוויילט פאַרזיצער פון דער כנסת גלייך נאָך דעם טויט פון דעם ערשטן פאַרזיצער אירן, יוסף שפּרינצאַק ע"ה. און כאָטש מיר זענען זיכער, אַז קיין שום ערדישע כיבודים קענען קיין מאָל מער נישט פאַרהיילן די ווונדן פון זיין האַרץ נאָך דער פאַרניכטונג פון אונדזער פאָלק אין אייראָפּע, האָט עס אָבער פון דעסטוועגן געמוזט זיין פאַרן חבר ניר אַ קוואַל פון סאַטיספאַקציע, וואָס אַ מערהייט פון די אויסגעקליבענע שליחים פון ישראלדיקן פאָלק האָבן באַשלאָסן אויף אים אַרויפצוואַרפן דעם מאַנטל פון פאָלקסשפּרעכער.

צו זיין אַכציקסטן געבוירן־טאָג ציִען זיך צום חבר ניר די הערצער פון אַלע טויזנטער און טויזנטער פּועלי־ציוניסטן, צעשפּרייטע איבער דעם גאַנצן יידישן גלות און פאַרוואָרצלטע אינעם יידישן לאַנד, מיט דאַנקבאַרקייט פאַר זיין געבענטשטן לעבן.

אַפּריל, 1964

ד"ר עמנואל רינגעלבלום
(צו דער צוואַנציקסטער יאָרצייט)

ס'איז קיין ספק נישט, אַז די אומקום־דראַמע, וועט זיכער בלייבן אין אין דעם נאַציאָנאַלן זכרון אויף אַלע צייטן. קלענערע נאַציאָנאַלע אומגליקן האָבן זיך איינגעקריצט אין אונדזער פאָלקסגעמיט און געפונען אַן אויסדרוק אין נאַציאָנאַלן פאָלקסטרויער ביז אויפן היינטיקן טאָג. אָבער ווי טיף עס זאָל נישט זיין דער שניט וואָס דער חורבן האָט געמאַכט אין אונדזער היינטיקן דור, ווי ווייטיקדיק און פיינפול עס זאָל נישט זיין אונדזער טראַגעדיע צו גלייך מיטן הערא‌ָישן ווידעראויפבוי, ווערן פון דעסטוועגן, וואָס אַ מאָל מער, פאַרהויכט די געשעענישן פון דעם טרויעריקן נאָענטן עבר, ווערן פאַרשאָטנט פאַרלויפענישן און געשטאַלטן, און ביסלעכווייז, ביסלעכווייז הייבן זיי אָן צו פאַרשווימען אין געשיכטלעכער פאַרגעסנקייט.

ווייל אַזוי איז דער געבאָט וואָס דער גורל האָט באַשטימט פאַרן יחיד, פונקט אַזוי ווי פאַרן כלל: „בדמיך חיי" איז גילטיק ביי אַלע אומשטאַנדן, אונטער אַלע באַדינגונגען. דאָ און דאָרט ווערט אויפגעשטעלט אַ מצבה כדי די לעבעדיקע זאָלן חלילה נישט פאַרגעסן, דאָ און דאָרט ווערט געשאַפן אַ פנקס נאָך אַ שטאָט, אַ קהילה; אין דעם אָדער יענעם אָרט, אין איינעם אָדער אין עטלעכע לענדער ווערן אויפגעשטעלט דענקמאָלן צום זכר פון אומקום — אָבער אַ געזונט פאָלק, בפרט אַ פאָלק ווי אונדזערס, וואָס איז אין זיין געשיכטע שוין אַזוי פיל מאָל שווער געפּרווט געוואָרן, „הייבט זיך אויף ווידער און שפּאַנט אָוועק ווייטער".

איז עס דעריבער נאַטירלעך אַז אויך אונדזער לעצטער חורבן, די פאַר־לענדונג פון דעם מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום, זאָל מיט יעדן יאָר מער דערווייטערט ווערן פון דעם לעבעדיקן היינט און פאַרנעמען אַלץ אַ גרעסערן אָרט אין די קינות פון אונדזערע דיכטערס, אין דעם קלאַנג און אין דעם פּאַטאָס פון אונדזער ליטעראַטור.

אָבער היסטאָרישע געשעענישן האָבן פון דעסטוועגן זייער אייגענע לאָגיק. זיי לאָזן זיך בשום אופן נישט אויסשניידן פונעם פאָלקס־זכרון. זיי געפינען שוין וועגן און מיטלען זיך אַרויפצוצווינגען אויף דער נאַציאָנאַלער געשיכטע און כסדר דערמאָנט צו ווערן, שטענדיק געהייליקט צו ווערן מצד די שפּעטערדיקע דורות. די קאַנווע, אויף וועלכער די געשעענישן האָבן זיך אָפּגעשפּילט מעג טאַקע פאַרבלאַסט ווערן, עס מעגן פאַרשטויבט ווערן די שטריכן פון די מאַסן וואָס זענען געווען די אַקסן פון די היסטאָרישע פּאַסירונגען — אָבער פון דעם צומאָל פאַרבלאַסטן געשיכטלעכן בילד, שיילן זיך שטענדיק אויס איינצלנע סצענעס און בולטע נאַציאָנאַלע געשטאַלטן וואָס די נאַטירלעכע געשיכטלעכע שכחה האָט אויף זיי קיין שליטה נישט, וואָס פאַרבלייבן אויף אייביק די לעבעדיקע סימבאָלן פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ, פון נאַציאָנאַלן מאַרטירערטום און נאַציאָנאַלן מיטאָס.

איינער פון די מעכטיקע געשטאַלטן פון חורבן־אייראָפּע, וואָס וועט אויף אייביקע צייטן בלייבן פאַרהייליקט ביים פאָלק איז דער יונגער היס־טאָריקער־מאַרטירער, דער כראָניקער פון די פּיינפולסטע געשעענישן בעת דער נאַצי־צייט אין פּוילן, ד״ר עמנואל רינגעלבלום, וועמענס צוואַנציקסטע יאָרצייט מיר דערמאָנען היינט מיט טרויער און ליבשאַפט.

ער איז זיכער נישט דער איינציקער, וואָס וועט שטענדיק לעבן אינעם פאָלקס געדעכעניש : דער חורבן האָט געבראַכט מיט זיך נישט בלויז אומקום, דעגראַדאַציע און צעשטויבונג — עס זענען אויך געווען מעשׂים פון דער־הויבענעם קידוש־השם, העלדן־טאַטן פון יחידים און פון גאַנצע גרופּעס, אַקטן פון איבערמענטשלעכער פיזישער און גייסטיקער גבורה, וואָס קיין שום פאָלק אונטער די נאַציס קאָן זיך מיט אַזעלכע נישט פאַרמעסטן — די דאָזיקע העלדן האָבן זיך זייער אָרט אין דער היסטאָריע און קיינער וועט נישט, קיינען קאָן נישט מינערן אַפילו אַ האָר פון זייער דערהויבענער ראָל אין דער טראַגישסטער צייט פון דעם יידישן פאָלק. די אַנילעוויטשעס און די זיגלבוימס, די הלל צייטלינס און די יאַנוש קאָרטשאַקס, די זעמבאַס און די זאַגאַנס און די אומצייליקע אַנדערע, רבנים, דיכטערס, לערערס און קעמפערס וועלן שוין שטענדיק זיך געבונדן מיט אַלע וויטערדיקע שריט אונדזערע ווי אַ פאָלק, אָבער די געשטאַלט פון עמנואל רינגעלבלום טיילט זיך אויס פון אַלע אַנדערע דערמיט וואָס ער איז געווען דער גרויסער מקונן פון אונדזער נאַציאָנאַלן בראָך. ער איז געווען דער מאָדערנער ירמיהו און

ישעיהו צוזאַמען, ער האָט פאַרצייכנט די בלוטיקע ווונדן פון זיין דור, ווונד נאָך ווונד, אומגליק נאָך אומגליק; ער האָט באַקלאָגט דעם פונאַנדערפאַל פון דער מאָראַל, די דערנידערונג פון דעם מין מענטש אין דער ייִדישער סביבה און ער האָט דערביי נישט פאַרגעסן צו פאַרנאָטירן די ווונדערלעכע אויסדרוקן פון נשמהדיקער געליטערטקייט, פון גייסטיקן פּאַטאָס ביי ברייטע שיכטן פון ייִדישע מאַסן.

אין גאַנצן 44 יאָר אַלט געווען, ווען ד״ר רינגעלבלום איז, צוזאַמען מיט זיין פרוי און זיין יונגעטשקן זון, אורילע, געכאַפּט געוואָרן פון די דייטשישע מערדערס און דערשאָסן געוואָרן אויף די חורבות פון דעם וואַר־שעווער געטאָ; ער איז, אין די ערשטע צוואַנציקער יאָרן געקומען קיין וואַרשע ווי אַ יונגער סטודענט פון אַ קליין שטעטל אין גאַליציע. דערצויגן אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון די לינקע פועלי־ציון, האָט דער יונגער סטודענט שוין פון זיינע פריסטע יאָרן איינגעזאַפּט אין זיך די לערעס פון די גרויסע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע טרוימערס און דענקערס, און ער האָט מיט לייב און לעבן זיך געווידמעט דעם קאַמף פאַר דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער עמאַנציפּאַציע פון די ייִדישע מאַסן. ער האָט מיט זיך געבראַכט פון זיין היימשטאָט ניי־סאָנץ אַ האַרץ פול מיט ליבשאַפט צו די געקריוודעטע, צו די אָרעמע טיילן פונעם פאָלק און גלייכצייטיק אַ ברענענדיקע ליבשאַפט צו דעם לאַנד פון אונדזער נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם, ארץ־ישראל. די דאָזיקע צוויי מאָמענטן האָבן געבילדעט דעם לייטמאָטיוו פון זיין לעבן און דעם קאַמפּאַס, וואָס האָט אים געפירט איבער אַלע שטורמישע געשעענישן פון זיין דור. אַליין אַן אָרעמער סטודענט אין דער גרויסער רוישיקער שטאָט, וואַרפט ער זיך פון דעסטוועגן גליך אַריין אין דער אַרבעט פון דער פאַרטיי און ער קלייבט אויס פאַר זיין ספּעציעל געביט די אַרבעט צו פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן די אַרבעטנדיקע מענטשן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו לערנען אין זייער קינדהייט צוליב דער גרויסער אָרעמקייט וואָס האָט געהערשט אין דער ייִדישער געזעלשאַפט. דער דאָזיקער אַרבעט, וואָס ער באַטראַכט זי ווי זיין לעבנס־אויפגאַבע, גיט ער זיך אָפּ מיט אַלע רמ״ח אברים. אונטער די שווערסטע באַדינגונגען באַווייזט ער פון דעסטוועגן צו שאַפן די נויטיקע מיטלען כּדי אויפצושטעלן איין אָוונטשול נאָך דער אַנדערער און אַריינצוציִען אין די לימודים וואָס מער אַרבעטער־יוגנט.

אָבער די דאָזיקע אַרבעט און די פיל אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אויפ־

גאַבעס וואָס ער פירט דורך אין שליחות פון זיין פּאַרטיי, רייסן אים דאָך נישט אַוועק פון דער וויכטיקסטער אויפגאַבע, פון דער מיסיע, וואָס ער האָט גענומען און געמאַכט פון איר זיין לעבנס־אינהאַלט: ער ווידמעט זיך אין גאַנצן דער פאַרשאַרבעט פון דערגרונטעווען זיך צו דער געשיכטע פון זיין פאָלק אין דער מדינה פוילן. ער גריבלט זיך אין אַלטע כתבים, אין אַלט־יידישע און פוילישע דאָקומענטן, אין פּנקסים און מאַגיסטראַלע מעטריקעס, כּדי אויסצוגעפינען אַלע איינצלהייטן פון דעם יידישן אָנהייב אין פוילן, זיין אַנטוויקלונג אין משך פון הונדערטער יאָרן, און זיין לעבן מיט זיינע פוילישע שכנים. ער שרייבט אומציילקע אָפּהאַנדלונגען אויף דער דאָזיקער טעמע און שוין גאַנץ פרי ווערט ער אָנערקענט ווי איינער פון די סאַמע בעסטע קענערס פון דער יידישער געשיכטע אין פוילן און, צוזאַמען מיט זיין חבר, ד״ר רפאל מאַהלער און נאָך אַ קליינער גרופּע יונגע היסטאָריקערס, פאַרנעמט ער אַן אָנגעזען אָרט אין דער יידישער געשיכטע־פאָרשונג.

פּאַר רינגעלבלומען איז אָבער זיין גאַנצע וויסנשאַפטלעכע אַקטיוויטעט געווען נישט בלויז אַ פאַך, אַ באַרוף אַזאַ; ער איז געווען פאַרקאַכט אין זיין אַרבעט דערפאַר וואָס ער איז געווען בלב ונפש פאַרליבט אין דעם אָביעקט פון זיינע פאָרשונגען, אין זיין יידיש פאָלק. ער, וואָס איז אַליין געווען אַ גלענצנדיקער פויליש־קענער, אַליין אַן אינטעליגענט פון גרויסן פאַרנעם, האָט פיינט געהאַט און געטאַדלט די דאָזיקע יידישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן זיך שפּראַכלעך אַסימילירט, געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די מאַסן און אויף זייער שפּראַך יידיש. ער איז געווען אַזוי שטאַרק געבונדן מיט זיין פאָלק, אַז ווען עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה און די נאַציס האָבן זיך אַריינגעריסן קיין וואַרשע, און טויזנטער און צענטליקער טויזנטער יידן האָבן זיך געלאָזן ווי פּליטים אין וועג אַריין, כּדי צו ראַטעווען דאָס נאַקעטע לעבן, האָט רינגעלבלום זיך אָפּגעזאָגט מיטצוגיין, הגם ער האָט געהאַט אַ גוטע געלעגנהייט צו פאַרלאָזן די שטאָט. „איך קאָן נישט אַוועק איצט ווען די יידן נויטיקן זיך אין הילף מער ווי ווען עס איז״, האָט ער געזאָגט צו אַ חבר וואָס איז צו אים צוגעשטאַנען ער זאָל מיטגיין.

אין משך פון גאַנצע פיר צוויייטיקטע, גסיסהדיקע יאָרן, ווען דאָס פאָלק זיינס איז איינציקווייז אויסגעגאַנגען אין לאַנגזאַמער אַגאָניע, איז זיין כראָניקער געווען מיט אים, אים געהאָלפן, געמונטערט און געטרייסט.

זיינע היסטאָרישע אַרבעטן איבער דעם חורבן זענען וויט און ברייט

באַקאַנט און זיי וועלן דינען ווי אומשאַצבאַרער מאַטעריאַל פאַר די קומענ־דיקע היסטאָריקערס; ער איז אָבער געווען נישט בלויז אַ כראָניקער, ער האָט גלייכצייטיק אויך געהאָלפן אויפהאַלטן די פונקען פון האָפענונג אין די הערצער פון די פאַרפּייניקטע ייִדן; ער האָט אויפגעשטעלט ייִדישע שולן אין געטאָ און ער האָט אומברחמנותדיק געצאַרנט אויף דער ייִדישער פּאָליציי, וואָס האָט געהאָלפן די נאַציס דורכפירן זייערע „סעלעקציעס": עס קלאָגט דער מקונן: „פון וואַנען אַזוי פיל געפאַלנקייט ביי אונדז? פון וואַנען האָבן זיך עס ביי אונדז גענומען אַזוי פיל רוצחים?". זיין אידעלע נשמה האָט גאָרנישט געקאָנט משיג זיין ווי אַזוי עס איז נאָר מעגלעך, אַז ייִדן זאָלן העלפן דעם שונא פאַרניכטן די אייגענע ברידער, כּדי אָפּצוראַטעווען דאָס אייגענע מיזעראַבעלע לעבן; ער אַליין איז געווען גרייט יעדע מינוט מקריב צו זיין זיך פאַרן פאָלק. בעת דער וואַרשעווער ייִדנראַט האָט, אין די ערשטע צייטן פון דער אָקופּאַציע, באַהאַנדלט דעם דייטשישן באַפעל איינצופירן אַ ייִדישן געטאָ אין וואַרשע, איז רינגעלבלום געגאַנגען מיט אַ דעלעגאַציע צו דער קהילה און זי אויפגעפאָדערט נישט נאָכצוגעבן די פאָדערונג פון דער געשטאַפּאָ און ער, רינגעלבלום, האָט דאַן דערקלערט, אַז אויב דער קהילה־ראַט האָט מורא פאַר דעם גורל פון די 24 ערובניקעס, וואָס די דייטשן האָבן געהאַלטן ווי אַ שווערד איבער דעם קאָפּ פונעם ייִדנראַט — דאַן איז ער גרייט, צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע פון דער דעלעגאַציע, זיך צוצושטעלן אַלס משכון צו די נאַציס. מיט אַזעלכע געפילן פון צוגעבונדנקייט צום פאָלק און מיט אַזאַ גרייטקייט אויף מסירת־נפש, ווי האָט ער געקאָנט פאַרשטיין און ווי האָט ער געקאָנט מוחל זיין אַזעלכע וואָס האָבן צוגעהאָלפן אומ־ברענגען ייִדן כּדי זיך אַליין צו ראַטעווען!

רינגעלבלומס צוגעבונדנקייט צום פאָלק איז געווען אַזוי טיף, אַז אין די סאַמע פינצטערסטע טעג פון זיין לעבן, ווען כּמעט אַלץ איז שוין געלעגן אין חורבות, ברענגט ער נאָך אין זיינע פאַרצייכענונגען די לעגענדעס וואָס גייען אַרום צווישן די געבליבענע וואַרשעווער ייִדן, אַז די מיליאָנען ייִדן וואָס זענען געשיקט געוואָרן אין די טויטלאַגערס זענען נישט פאַרניכטעט געוואָרן, נאָר זיי לעבן ערגעץ אין די מיזרח־געביטן און אַז נאָך דער מלחמה וועלן זיי צוריקקומען אַהיים. רינגעלבלום פאַרגלייכט די דאָזיקע קלאַנגען מיט דער לעגענדע, וואָס האָט זיך איינגעוואָרצלט אין דעם פאָלקסגעמיט נאָכן חורבן־ירושלים, ווען עס זענען אומגעקומען די עשׂרת השבטים. דאָס

פאָלק האָט נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז גאַנצע צען פון זיינע שבטים זענען אויף אייביק פאַרשניטן געוואָרן — עס איז אין קעגנזאַץ צו יעדער לאָגיק — אויסגעשפּונען אַ לעגענדע פון דעם לעבן פון די עשׂרת השבטים ערגעץ ווו אין אַ לאַנד, וואָס וועט אַ מאָל, באַחרית־הימים, אַנטפּלעקט ווערן פאַר אַלעמען. רינגעלבלום פירט אויס אַז די זעלבע לעגענדע וועט אפשר אויך זיך מאַכן פּלאַץ אין דעם פאָלקסגעמיט אין די ווייטע שפּעטערדיקע דורות, ווייל עס וועט זיין אוממעגלעך פאַרן פאָלק שלום צו מאַכן מיטן געדאַנק, אַז אַ גאַנצער יידישער מיליאָניקער מאַסיוו איז טאַקע פאַקטיש פאַרניכטעט געוואָרן לעיני כּל.

ער אַליין האָט בעסער ווי יעדער איינער באַגריפן דעם אומפאַנג פון דער פאַרלענדונג, אָבער פון צווישן די דאָזיקע שורות זייגע מערקט זיך עפּעס אַ מיסטישער דראַנג נישט שלום צו מאַכן מיט דער אַכזריותדיקער ווירקלעכ־קייט. דער היסטאָריקער פונעם חורבן וואָלט אַליין געוואָלט פאַרפלינען אין פאַנטאַסטישע ספערעס, כּדי אָוועקצולויפן פון דעם ווירקלעכקייטס־קאָשמאַר.

אָט דאָס איז געווען דער מענטש וועמענס יאָרצייט מיר דערמאָנען היינט, אַזאַ איז געווען די פּערזענלעכקייט פון ד״ר עמנואל רינגעלבלום. לאָמיר פאַרענדיקן מיט די ווערטער פון ד״ר רינגעלבלומס פריינד, דעם פאַר־שטאָרבענעם היסטאָריקער, ד״ר יעקב שאַצקי ע״ה:

„דער גרויסער אַרכיוואַר פון פּיין און בלוט איז געוואָרן איינער פון די שענסטע געשטאַלטן פון אונדזער מאַרטיראָלאָגישער געשיכטע. רינגעל־בלומס געטאָ־נאָטיצן וועלן ווערן מיט דער צייט די נאַציאָנאַלע מגילה וואָס איז מגלה די העלדישקייט פון דעם יידישן פאָלק אין פּוילן, נישט געקוקט אויף דעם וואָס די דאָזיקע העלדישקייט טראָגט נישט דעם סקאַרבאָווען פּנים פון יענע מעשׂים, וואָס די וועלט האָט אָנגענומען ווי דעם איינציקן אופן פון העראָישקייט. אין זיין קידוש־השם שטעקט אַ תּהום פון מאָראַלישער און ממילא יידישער העלדישקייט און דערהויבנקייט".

אַפּריל, 1964

דאָדע טראָצקי

דאָס איז געווען אָנהייב אָדער אין מיטן פון די צוואַנציקער יאָרן — איך בין נאָך דאַן געווען אַ זייער יונגער מענטש, ווען עס זענען געמאַכט געוואָרן די ערשטע שריט אויפצושטעלן אַ קולטור־צענטער, כאָטש אַ באַשיידענעם, פאַר די הונדערטער און טויזנטער יידישע יונגע־לייט, וואָס האָבן דאַן אומאויפהערלעך געשטראָמט פון פוילן און ליטע קיין מערב־איראָפּע. בעלגיע האָט געדינט ווי אַן איבערגאַנג־לאַנד אויפן וועג קיין פראַנקרייך, ענגלאַנד, אַמעריקע. די בעלגישע אוניווערסיטעטן און טעכניקומס האָבן צוגעצויגן גרויסע טיילן פון דער מיזרח־איראָפּעיִשער יידישער יוגנט, צוליב די צוגענגלעכע באַדינגונגען פון לערנען און אויסהאַלטן זיך. האָבן פון דעם עמיגראַנטן־שטראָם טויזנטער זיך אָפּגעשטעלט אין אָט דעם קליינעם, אָבער אַנטוויקלטן לענדעלע, און אין לויף פון געציילטע יאָרן איז בעלגיע אויסגעוואַקסן צו אַ באַדייטנדיקן קולטור־געזעלשאַפטלעכן פונקט אויף דער יידישער וועלטמאַפּע.

טאַקע דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן די פאַרבינדונג פון דאָדע טראָצקי מיט דעם בעלגישן יישוב. אַ פאַרבינדונג, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביזן לעצטן אָטעמצוג פון אָט דעם ווונדערלעכן יידיש־ליטווישן קולטור־מענטש. אַפילו אין יענער צייט, אין דעם בליפּעריאָד פון דער מאָדערנער יידישער קולטור אין פוילן און ליטע, איז עס געווען אַ זעלטנהייט, אַז שטודירנדיקע יונגע־לייט זאָלן זיך פילן אַזוי שטאַרק פאַרבונדן מיט זייער יידישן שורש, אַז זיי זאָלן ווידמען זייער לעבן די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון יידישן פאָלק. די יידישע אינטעליגענטן פון די מיזרח־איראָפּעיִשע לענדער האָבן, בדרך כלל, פאַרלאָזט די יידישע סביבה און אַוועק אין די מערב־איראָפּעיִשע לענדער, וואָס האָבן געווונקען צו זיי מיט די לאָקנדיקע פּייערלעך פון וועלטישקייט און „אַלמענטשלעכע אידעאַלן און צילן". די קאָמוניסטישע באַוועגונגען אין די מערב־לענדער האָבן געשווימלט מיט יידישע סטודענטן און סטודענטקעס פון פוילן, רומעניע, אונגאַרן און ליטע. אין בעלגיע האָבן אָט די אינטעליגענטן

געפונען דעמאָלט אַ פּרוכטבאַרן באָדן פאַר זייערע אידעען, ווייל עס האָט זיך דאָרט געשאַפן אַ גרויסער יידישער אַרבעטער־צענטער, פון טויזנטער אַר־בעטער פון די קוילן־מינעס פון שאַרלרואַ און מאָנס און פון די אייזן־גיסע־רייען פון ליעזש. דאָדע האָט זיך באַלד פון אָנהייב קעגנגעשטעלט דער אַסימילאַציע־מגיפה, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די יידישע יוגנט און זיך גע־ווידמעט דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג פון יידישן יישוב.

ער איז געווען זייער יונג ווען ער איז אָנגעקומען אויפן פּאָליטעכניקום אין דער בעלגישער בלומענשטאָט גענט, כדי אָנצוהייבן זיין שטודיום אויפן כעמישן פאַקולטעט. אין די ערשטע טעג פון זיין אָנקום אין בעלגיע, קוים באַוויזן זיך אָפּצופּטרן מיט דער רעגיסטראַציע, איז ער שוין געווען אין בריסעל, ווייל ער האָט געהערט, אַז דאָרט איז געשאַפן געוואָרן אַ יידישער קולטור־פאַראיין און ער האָט זיך געוואָלט מיט אים פאַרבינדן.

איך האָב אים דאַן טאַקע געטראָפן אינעם דערמאָנטן קולטור־פאַראיין. ער האָט מיר דערקלערט אַזוי פּשוט־נאַיִוו: „איך בין פון ווילנע, איך האָב געענדיקט די יידישע גימנאַזיע דאָרטן, איך וויים נישט, מיט וואָס איך קאָן דינען, אָבער איך שטעל זיך אין גאַנצן אין רשות פון דער באַוועגונג — נוצט מיך אויס, אויב איר האַלט, אַז איך קאָן ברענגען נוצן”.

אַזאַ איז ער געבליבן זיין גאַנץ לעבן — אַ יידישער אינטעליגענט, וואָס האָט ליב יידישקייט עד כלות־הנפש. צום ערשטן מאָל אין דער טויזנט־יאָריקער געשיכטע פון דער קליינבירגערלעכער בעלגישער שטאָט גענט האָט דאָרטן אָפּגעהילכט דאָס יידישע וואָרט, ווען דאָדע טראַצקי האָט אויפגע־שטעלט די יידישע אַמאַטאָרן־טרופּע, וואָס האָט אויפגעפירט אַ פאָרשטעלונג, אין וועלכער ער און זיין יונגע פרוי פּאָלינאַ און זיין יינגערע שוועסטער שפרה האָבן אויך אָנטייל גענומען.

דאָדע איז ממש געווען פאַרליבט אין יידישן טעאַטער. ער איז געווען באַהאַוונט אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער, ער האָט געקאָנט ציטירן און דעקלאַמירן אויף אויסנווייניק אומצאָליקע דיכטערישע שאַפונגען פון יידישע פּאָעטן, אָבער באַזונדערש פאַרליבט איז ער געווען אין משה קולבאַקן. זיינע לידער האָט ער געקענט אויף אויסנווייניק און אים ציטירט ביי יעדער געלעגנהייט. קולבאַק איז געווען לערער אין דער ווילנער רעאַל־גימנאַזיע און דאָדע האָט אין דעם דיכטער קולבאַק געזען אויך דעם פּעדאַגאָג, דעם אידעאַלן מענטש און חבר. דאָדע האָט געהאַט וועגן אים צו דערציילן אַ סך

מעשׂיות און עפּיזאָדן. ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן קלאַנגען וועגן קולבאַקס אומקום, האָט ער עס זייער שווער איבערגעלעבט.

די ווילנער יידישע גימנאַזיע האָט אַרויפגעלייגט איר חותם אויף דאָדע טראַצקיס לעבן, דערצויגן אים אין ליבשאַפט צום יידישן פאָלק, צו זיין ליטעראַטור און געשיכטע. דערפאַר האָט ער זיך אַזוי ליידנשאַפטלעך צוגע־בונדן צו דעם „ייוואָ", גלייך פון ערשטן טאָג פון זיין אַנטשטיין. איך קען נישט נאָך אַ מענטשן, וואָס האָט אַזוי ליידנשאַפטלעך זיך אָפּגעגעבן מיט זאַמלען מאַטעריאַלן פאַר היסטאָרישע צוועקן, ווי דאָס האָט געטאָן דאָדע טראַצקי. דאָדע איז אויך געווען טעטיק פּאָליטיש. לאַנגע יאָרן געווען אַ מיט־גליד אין צענטראַל־קאָמיטעט פון לינקע פּועלי־ציון אין בעלגיע. אָבער זיין האַרץ האָט ער אָוועקגעשאָנקען דער קולטור־אַרבעט: דעם יידישן טעאַטער, דעם יידישן בוך, דער יידישער שול.

מיט דאָדען האָט מען זיך גערעכנט אין אַלע יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. מען האָט אים פאַרערט, ווייל מען האָט אין אים געזען אַ בויער פון יידישן קולטור־לעבן.

מיך האָט פאַרבונדן מיט דאָדען אַ טיפע פריינדשאַפט, וואָס האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויף אונדזערע ביידנס משפחות און וואָס האָט אָנגעהאַלטן דעם גאַנצן פּעריאָד צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, ביז דער גורל האָט אונדז צעשיידט: מיך קיין אַמעריקע, צו אַקטיוויטעט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, אים — צו אונטערגרונט־אַרבעט אונטער נאַצישער אָקופּאַציע און צו מאַר־טירער־טויט.

זיין געשטאַלט שטייט מיר שטענדיק פאַר די אויגן, אַזוי פריש, אַזוי פול מיט חן און אינערלעכער גוטסקייט, שטענדיק פריינדלעך, מיט סבר־פּנים יפות, שטענדיק פול מיט שאַפערישע פּלענער און גרייט צו באַשיצן אַ חבר אין אַן עת־צרה. דאָדע האָט געהאַלטן יעדן מענטשן בחזקת אָרנטלעכקייט, געגלייבט אין מענטש. דאָס זענען געווען זיינע מידות. ווילנע של מעלה האָט זיך באַזעצט אין דאָדעס נשמה אויף אייביק...

מיין חבר מיעטעק

ווען עס האָט זיך צעעפֿנט דאָס שענסטע בלאַט פֿון דער יידישער אַרבעטער־געשיכטע, פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין מיזרח־אייראָפּע, איז מיעטעק געווען פֿון די דערהויבנסטע געשטאַלטן וואָס האָבן, מיט ליבשאַפֿט און מיט חן, געפֿורעמט די אַרבעטערשאַפֿט, איר געגעבן אימ־פּעט און שווונג און געריכט איר אויפֿברויז און איר אומרו צו די קאַנאַלן פֿון יידיש־נאַציאָנאַלן אויפֿבוי און פֿון פּראָלעטאַרישער חשיבות.

קליינע, פֿאַרהושכטע יידישע שטעטלעך האָט מיעטעק אָנגעטראָפֿן בעת זיין אויפֿגיין אויף דער אַרבעטער־אַרענע; אָרעמקייט וואָס האָט געדייעט אַפּאַטיע, דערשלאָגנקייט וואָס האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין בעטלעריי, און סאָ־ציאַלע פֿאַרצווייפֿלונג וואָס האָט זיך שיער נישט צעגאָסן אין אַנאַרכיע און הפקרות! אין אַ גאַר־וואָס נאַציאָנאַל־באַפֿרייטער פּוילן, וואָס האָט איר באַפֿרייונג געפּייערט מיט הוליאַנקעס איבער יידישע לעבנס און איבער יידיש האָב און גוטס, האָט מען בלויז מיט גרויסער איבערגעגעבנקייט און מיט אַ סך וואָרעמקייט און אויסדויער געקאָנט באַווירקן די פֿאַרוואָרלאָזטע יידישע מאַסן אָפּצוהיטן זייער מענטשלעכע ווערדע, נישט צו פֿאַרצווייפֿלען אין דעם מין מענטש; אָרגאַניזירן זיך אין אַ פּאָליטישער פּאַרטיי, וואָס זאָל נעמען אויף זיך די אויפֿגאַבע נישט בלויז פֿון פֿאַרטיידיקונג פֿון זייערע טאָג־טעגלעכע אינטערעסן, נאָר זאָל אויך אין זייער נאָמען רעדן פֿאַר די[illegible] גאַנצן גרויסן יידישן פֿאָלק־כּלל, איז געווען כּמעט אַן אילוזיע. די יידישע מאַסן זענען געווען דערשראָקן און דערדריקט און נאָר דער ביישפּיל פֿון רוסלאַנד, דער גלאַנץ פֿון דעם „אָקטאָבער", דער בלוטיקער שטורעם פֿון רעוואָלוציע וואָס האָט זיך צעכוואַליעט אויפֿן מיזרח, האָט געמיניעט, גע־לאָקט און געצויגן צו זיך די געמיטער פֿון די צומייגסטן געקריוודעטע מענטשן אין יענער צייט.

זענען יידישע יונגע־לייט געלאָפֿן מחנותווייז פֿון דעם אָרעמען שטעטל

אין דער גרויסער שטאָט, קיין וואַרשע, קיין לאָדזש, און ווער עס האָט נאָר געקאָנט האָט איבערגעלאָזן היים און משפחה און געגאַנגען איבערן אָקיאַן אַפּצוגעבן זיין אַרבעטס־כּוח אין די שוויסערייען פון אַמעריקעס גרויסע מאָדערנע און עקספּלואַטירנדיקע פאַבריקן.

די גרויסע מאַסע איז, בלית ברירה, פאַרבליבן און איז געצוווּנגען געוואָרן אָנצוהייבן דעם גרויסן דראַמאַטישן און פּאַטעטישן געראַנגל פאַר עקסיס־טענץ.

עס איז נאָך ביז היינט נישט אָנגעשריבן געוואָרן דאָס גרויסע ווערק, וואָס זאָל פאַראייביקן דעם דאָזיקן הערא‍ָישן געראַנגל פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין פּוילן; אָבער ווען עס וועט ענדלעך אויפקומען דער קינסטלער וואָס וועט מיט זיין פּען און פּענדזל באַוויזן אַרויסצוברענגען דעם גאַנצן גרויזאַמען און הערא‍ָישן פּראַכט פון דעם קאַמף פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין די יאָרן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, וועט זיך באַווייזן אַ בילד וואָס וועט, פון איין זייט זיין ווילד־פאַרכאַפּנדיק אין זיין מוראדיקן פאַרמעסט, און מילד, חנעוודיק און גלעטנדיק מיט דער שפע פון גוטסקייט, איבערגעגעבנקייט און אומבאַגרייפלעכער מסירת־נפשדיקייט פון אידעאַליסטן־יחידים וואָס זענען, ווי די אַלטערטימלעכע נביאים, גע־גאַנגען אין מחנות, וואָס האָבן געפּרידיקט מענטשן־ליבע אין אַ ים פון טיפער שׂנאה, וואָס האָבן אין די תּפיסות און אין מיטן גאַנג צו די תּליות אויסגע־שריגן זייער וואָרענונג צו דער וועלט פון סדום און האָבן פאַרויסגעזאָגט איר אונטערגאַנג אין בלוט און אין אומווערדיקייט.

פון אַלע עקן יידיש־פאָלק זענען זיי געקומען, די קעמפערס און טרייס־טערס, זיי זענען געווען אַזוי יונג און אַזוי אָרעם און אַזוי פיל, אַז די חוצפה־דיקע פּוילישע פּאַנעס, מיט זייערע פאַרריסענע טעמפּע פּולקאָווניקעס אין די רעגירונגס־ביוראָען, זענען אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון טויטלעכן פּחד פאַר זיי; עס איז געווען די מורא פון די מאָדערנע פּרעהס, וואָס זענען פאַרבלענדט געוואָרן פון בליציקע שטראַלן וואָס האָבן אַדורכגעדרונגען די פּויליש־פאַשיסטישע חשכות און וואָס האָבן געדראָט מיטצורייסן אויך די אייגענע, פּוילישע שקלאַפן, ווען מען האָט געהאַלטן צוגעבונדן צו זיך מיט גרויס־מויליקע נאַציאָנאַליסטישע פראַזן און טויטלעך־גיפטיקער יידן־שׂנאה.

עס איז געווען אַן אומבּרחמנותדיקער קאַמף, אַ געראַנגל פון שוואַכע קעגן דער מיליטערישער מאַשין פון דער פּוילישער רעאַקציע, אַ קאַמף

צווישן אידעלן גייסט און פּאָליציייִשער ברוטאַליטעט, אַ פּאַרמעסט צווישן ייִדיש־פאָלקישער רוחניות און דורותדיקער שלאַכצקער רשעות.

די ייִדישע אַרבעטערשאַפט האָט אויסגעהאַלטן!

זי איז געטריי נאָכגעגאַנגען אירע לערערס און פירערס, וואָס זענען פון איר אַליין אַרויסגעוואַקסן, זי האָט זיי געגלויבט, ווייל זיי זענען איר אייגן בלוט און פלייש געווען און ווייל זיי האָבן זייערע אייגענע יונגע לעבנס געשטרעקט פאַר זייער פאָלק.

איינער פון די אידלסטע און באַליבטסטע זין פון דעם ייִדישן פאָלק אין פּוילן איז געווען מיין חבר מיִעטעק. ער האָט דעם דאָזיקן פּוילישן נאָמען אָנגענומען בלויז באין ברירה, צוליב זיכערקייט־סיבות, אָבער דאָס פאָלק, די אַרבעטער, די יוגנט, האָט דעם דאָזיקן טיפּיש־פּוילישן נאָמען פאַרייִדישט. זי האָט מיִעטעקן אַרומגערינגלט מיט אַזוי פיל ליבשאַפט, מיט אַזאַ גרעניצלאָזער געטריישאַפט אַז זיי האָבן שוין שפּעטער, ווען מען האָט שוין יאָ געקענט, בשום־אופן נישט געלאָזט אים ענדערן אויף אַ מער ייִדיש־קלינגענדיקן נאָמען.

ווייל מיִעטעק האָט שוין דעמאָלט מיט זיך פאַרגעשטעלט מער ווי בלויז אַ נאָמען — ער איז געוואָרן אַ סימבאָל, אַ געשטאַלט וואָס דערשיינט ווי אַ מלאך־הגואל אין צייטן פון נויט, אַ העלד וואָס מען קען אים אָנפאַרטרויען דאָס אייגענע לעבן און גליק. מיִעטעק איז נישט געווען דער עקזאַלטירטער פירער, וואָס זיצט אין זיין קאַבינעט און טראַכט צו לאָזונגען און אַרבעט אויס סטראַטעגיע, און שרייבט פייערדיקע אַרטיקלען און אויפרופן צו די מאַסן זיי זאָלן אויפנעמען דעם קאַמף פאַר דערלייזונג. ער איז געווען די פאַרקערפּערונג פונעם פאָלק, ער איז שטענדיק געווען מיט די זייניקע אינעם סאַמע מיט פון דעם געראַנגל. זיי האָבן אים שטענדיק געזען צווישן זיך און האָבן אינסטינקטיוו אים אַרויסגערוקט אין פראָנט ווייל מיט זיי אין דער אָנפירונג זענען זיי געווען זיכערער, האָפערדיקער און גלויביקער.

מיִעטעק איז געווען דער אָנערקענטער ליבלינג פון דער באַוועגונג אין גאַנצן לאַנד. מען האָט אים אומעטום באַגערט, אים געפאָדערט, אים געיובלט — זיין ווינאָרט אָבער איז געווען אין לאָדזש; בתוך עמי אנכי יושב, צווישן די טויזנטער ייִדישע אַרבעטער ביי די וועבשטולן פון לאָדזש, אָזאָרקאָוו, זגערזש און אַלעקסאַנדער, צווישן די הונדערטער און טויזנטער ייִדישע שניידערס, שוסטערס, בעקערס, טרעגערס, רימאַרעס און פליישערס איז

געווען זיין מקום־מנוחה. דאָרט, צווישן זיי, האָט ער זיך געפילט אין דער היים, ווייל ער האָט ליב געהאַט זייער ערלעכע פשטות, זייער אוממיטלבאַרן גלויבן, זייער גרענעצלאָזע איבערגעגעבנקייט. מיעטעק איז געווען נישט בלויז זייער פראָפעסיאָנעלער און פּאָליטישער פירער — ער איז געווען זייער לערער. אָט די דאָזיקע פרימיטיווע מענטשן, וואָס זענען מאָראַליש און גייס־טיק פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן, אפשר אין משך פון דורות פון אָרעמקייט און דעגראַדאַציע, האָבן אַרויפגעקוקט צו מיעטעקן מיט אַזוי פיל ליבשאַפט, מיט אַזוי פיל באַוואונדערונג, אַז ער האָט, צומאָל, זיך געפילט אומבאַקוועם און ער פלעגט זיך באַקלאָגן, אַז ער דערשרעקט זיך פאַר זיך אַליין ער זאָל חלילה נישט אַריינפאַלן אין גאווה צוליב דעם וואָס ער קאָן אַזוי מאַנעווורירן מיט מענטשן לויט ווי ער פילט און פאַרשטייט, צוליב דעם וואָס ער איז אין שטאַנד צו קערעווען דעם גורל פון אַזוי פיל באָזוו־גלויביקע.

עס זענען געווען גרויסע פערזענלעכקייטן אין דער פוילישער פועלי־ציון־באַוועגונג. עס זענען דאָרט געווען גאָט־געבענטשטע רעדנערס, אָלזייטיקע טעאָרעטיקערס, גערעטענע שרייבערס און טאַלאַנטירטע פּאָליטישע פירערס. יעדער האָט אויף זיין אופן צוגעטראָגן צו דער אויסבילדונג פון דער פוילי־שער מאַסן־פּאַרטיי אונדזערער. אָבער קיינער האָט אַזוי נישט געקאָנט פאַרכאַפּן דעם יידישן עולם, קיינער האָט אַזוי נישט געקאָנט קנעטן דעם כאַראַקטער פון דער יידישער אַרבעטער־מאַסע ווי עס האָט עס באַוויזן מיעטעק. אַנדערע האָבן די אַרבעטער פאַרשטאַנען, צו נאָך אַנדערע האָבן זיי אַרויפגעקוקט און באַוואונדערט זייער אינטעלעקט — מיעטעקן האָבן זיי געגלויבט — — —

דאָס גביריש־יידישע לאָדזש, דאָס באַלעבאַטישע לאָדזש, האָט פיינט געהאַט דעם דאָזיקן יונגן, מוטיקן אַרבעטער־פירער, אָבער גלייכצייטיק האָבן זיי געהאַט דרך־ארץ פאַר אים. זיי האָבן געוווסט פון דערפאַרונג אַז אים קאָן מען מיט קיין שום שפּיצלעך און קיין שום חניפה נישט רירן פון זיינע פּאָזיציעס.

האָט דעריבער די פּוילישע פּאָליציי געהאַלטן אַ וואַכזאַם אויג אויף אָט דעם טריבון פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט און זי האָט אים גערודפט עד חרמה. זי וואָלט מסתמא געפּרוווט אים פיזיש איינברעכן, ווען נישט די גרויסע ליבשאַפט וואָס ער האָט גענאָסן אין אַלע קרייזן פון דער אָרגאַניזיר־טער יידישער אַרבעטערשאַפט. די דעפענסיווע האָט געפּרוווט אַ שפּיל טאָן

זיך מיט זיין ווידערשטאַנד און מיט זיין געזונט. זי האָט אָבער נישט געוואָגט צו דערפירן די אַכזריותדיקע שפּיל ביז צום סוף. קעגן מיטעקן האָט מען געמוזט פירן אַ מלחמה, מיט איין שלאַכט האָט מען אים נישט געקאָנט באַזיגן.

עס זענען געווען אַנדערע פון הויכער קוואַליטעט צווישן די יידישע אַרבעטער, ער איז אָבער זיי אַלע אַריבערגעוואַקסן מיט זיין חנעוודיקייט, מיט זיין שטענדיקער יוגנטלעכקייט, מיט זיין וווּנדערלעכן שמייכל און מיט דער ריין־מענטשלעכער וואַרעמקייט וואָס האָט אַרויסגעשטראָמט פון זיין וועזן.

מיטעק איז געווען דער לאַגישסטער פון אַלע פּאָלעמיקערס. ער האָט נישט דעבאַטירט מיט אַנגענומענע שלאַגווערטער און הויכע סלאָגאַנס. ער האָט אָבער געקאָנט טרעפן צום האַרצן פון די אַרבעטער מיטן כּוח פון זיין אָרעמער שפּראַך און זיין וווּנדערלעכן כּוח־הדמיון. ער איז אין זיין נשמה געווען אַ פּאָעט, אַ קינסטלער וואָס האָט געקאָנט אַרויסברענגען מכּוח אל הפּועל די שענסטע געמעלן פון דער מענטשלעכער צוקונפט.

מיטעק האָט ליב געהאַט פּאָעזיע, שיינע ליטעראַטור עד כּלות־הנפש. עס איז ממש געווען צו שטוינען ווי אַזוי אָט דער יונגער בחור פון קליינעם פּאַרוואָרפענעם שטעטל איז צוגעפאַלן אַ דורשטיקער צו די קוואַלן פון שיינ־קייט וואָס דאָס לעבן האָט אָנגעבאָטן פאַר די וואָס האָבן געהאַט אַ חוש פאַר אַצילות, פאַר קונסט און וואָס האָבן געקאָנט טרינקען פון די קוואַלן פון רוחניות.

דערפאַר האָט די פּאַרטיי אונדזערע אַזוי האַרציק אַדאָפּטירט מיטעקן, זי האָט אים געזען ווי אַ לעבעדיקן אָבר פון זיך אַליין. אויב אַ פּאַרטיי האָט גוף און נשמה, איז מיטעק געווען אַן אָרגאַנישער טייל סיי פונעם גוף און סיי פון דער נשמה פון דער לינקער פּועלי־ציון־פּאַרטיי; און ער אַליין האָט אויך פאַרשטאַנען אַן אייביקן בונד מיט דער באַוועגונג. טייל האָבן געזאָגט, אַז מיטעק איז דער בעל־הבית פון דער פּאַרטיי — ער האָט געזאָגט: עבד אנוכי, אַן אייביקער דינער פון דער באַוועגונג בין איך. ער האָט אַזוי ליב געהאַט די פּאַרטיי, ווייל זי האָט פאַר אים געעפנט האָריזאָנטן צו וועלכע ער האָט זיינע בליקן געוואָרפן אין זיינע יינגסטע יאָרן. די חומש־בילדער פון זיין טאַטנס חדר האָבן אין דעם סענסיטיוון קינד געוועקט טרוימען פון יידישער נאַציאָנאַלער פּראַכט, וועלכע ער האָט קיין מאָל נישט געקענט

פאַרגעסן און ער האָט באַטראַכט יעדן אָפּנויג אויף אַ זייטיקן, נישט ציוניס־טישן, שטעג פאַר אַן אומפאַרגעבלעכן פאַרראַט. ער האָט ליב געהאַט ארץ־ישראל מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים און ער האָט די דאָזיקע ליבשאַפט איינגעפלאַנצט אין די נשמות פון טויזנטער און צענדליקער טויזנטער ייִדישע אַרבעטער און פאַלקסמענטשן. אָבער זיין וויזיע פון ארץ־ישראל איז געווען אַן אידעאַליסטישע ביז גאַר. ער איז געווען אויף אייביק פאַרקנסט מיט זיין ייִדישן אַרבעטער־פאָלק און ער האָט גאָר אפילו אויפן רעיון נישט געקאָנט ברענגען אַן אַנדער בילד אַחוץ אַ סאָציאַל־יושרדיק ארץ־ישראל. אַ ייִדישע מדינה ככל הגויים איז פאַר מיעטעקן געווען פשוטע גאָט־לעסטערונג, חילול־השם.

אַזוי האָט ער געלעבט זיינע אַקטיוויסטע יאָרן צווישן זיינע ברידער אין פוילן. און ווען די וועלט זיינע איז אונטערגעגאַנגען אין פייער און פלאַם, אין בלוט און אין פאַרצווייפלונג, איז מיעטעק אומגעקומען צוזאַמען מיט זיי. ער האָט טאַקע באַוויזן זיך פיזיש אַפּצוראַטעווען און צו דערגרייכן די ברעגעס פון אַמעריקע, אָבער זיין האַרץ איז שוין פאַרבליבן מיט אַן אייביקער, בלוטנ־דיקער וווּנד. מיעטעק איז אויך אין אַמעריקע געווען פּאָליטיש טעטיק, ער האָט אויך דאָ געוווּסט ווי אַזוי צו געווינען די הערצער און דעם צוטרוי פון גרויסע ייִדישע מאַסן, אָבער דאָ איז שוין געווען אַן אַנדער גלויבן און ער האָט דאָ נישט געפונען דעם שווּנג, דעם אידעאַליזם, דעם גלויבן אין די אידעאַלן פון זיין גלאָררייכן אַמאָל. האָט ער געקעמפט, געקעמפט מוטיק קעגן דער אַנדערשדיקער ווירקלעכקייט, געראַנגלט זיך פאַר זיינע אמתן און געפונען בלויז אַ שוואַכן אָפּרוף מצד דעם הייפל ייִדישע אַרבעטער, וואָס זענען נאָך נישט פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם אַמעריקאַנער געווירבל און דעם אַמעריקאַנער גניעג נאָך מאַטעריעלע ווערטן.

מיעטעקס רעוואָלוציאָנערע טרוימען זענען באַליידיקט געוואָרן אין מאָסקווע, און זיינע האָפענונגען אויף אַ נאַציאָנאַלן ייִדישן ווידערגעבורט אויך אין גלות זענען אָפּגענאַרט געוואָרן אויף דעם אַסימילירנדיקן באָדן פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

איז מיעטעק געבליבן מיט דעם איינציקן חלום פון זיין יוגנט וואָס ער האָט אויסגעוואָרעמט אין זיין האַרץ — דער חלום פון אַ סאָציאַליסטישער ייִדישער מדינה. מיט דעם חלום האָט ער געלעבט, האָט ער געקאָנט לעבן די אַלע יאָרן זיינע אין אַמעריקע, און אויף די פליגלען פון דעם דאָזיקן

טרוים איז ער ענדלעך עולה געווען, כדי צוצולייגן אַ האַנט צו דעם אויפבוי פון זיין לעבנס־חלום. ער האָט נאָך באַוויזן צוצוטראָגן אַ פּאָר ציגל צו דעם בנין פון זיין באַוועגונג, צו דערהויבן דעם אָנדענק פון דעם שאַפער פון דער פּאַרטיי און דעם זכרון פון זיין אויסגעהרגעטן פאָלק אויף דער פאַר־שאָלטענער ערד פון פוילן, אָבער זיין האַרץ האָט לאַנג מער נישט אויסגע־האַלטן. און דער ליבלינג פון דער יידישער אַרבעטער־מאַסע אין פוילן איז אויף אייביק פאַרפלויגן.

איך בין געגאַנגען מיט מיין חבר מיעטעק אין משך פון צענדליקער יאָרן, מיר זענען אַ סך מאָל מחולק געווען וועגן פראַגן פון אידעאָלאָגיע און מעשים, מיר האָבןליידנשאַפטלעך פּאָלעמיזירט פון מאָל צו מאָל, און אַלע מאָל געפונען אַ וועג פון אויסגלייך, ווייל די פּאַרטיי איז געווען אונדזער לעבן, אונדזער האָפענונג.

און איצט איז מיין חבר מיעטעק מער נישטאָ.

נאָוועמבער, 1964

שמעון ראָזענבערג

שמעון ראָזענבערג איז געבוירן געוואָרן מיט איין און זעכציק יאָר צוריק, אין אַ יידישער שטאָט אין מיזרח־גאַליציע, און שוין אין זיינע יינגסטע יאָרן זיך אָנגעשלאָסן אין דער יוגנט־באַוועגונג פון די פּועלי־ציון אין זיין הימשטאָט סטרי און גלייך פאַרנומען אַן אָנגעזעענע פּאָזיציע אין דער אָנפירונג פון דער יוגנט אין יענעם ראַיאָן. שמעון האָט זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט זיין שכל־הישר און מיט זיין פעיקייט צו צעגלידערן יעדן פּראָבלעם, צעגלידערן אויף זיינע באַשטאַנדטיילן כדי לייכטער צוצוקומען צו זיין לייזונג. ווי יונג ער איז נאָך דעמאָלט געווען, האָבן אַפילו עלטערע חברים פון דער פּאַרטיי זיך צוגעהערט אויפמערקזאַם צו דער מיינונג פון שמעון ראָזענבערגן און זיך גערעכנט מיט זיינע עצות. אויסערלעך אַ זייער רויקער מענטש, האָט ער אָבער אינערלעך ממש געברענט מיט אַ ליידנשאַפטלעכער ליבשאַפט צו דעם אַרבעטנדיקן מענטשן און איז שטענדיק געווען גרייט אים צו העלפן לייזן זיינע טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען.

נישט קיין וואונדער, וואָס ער האָט גלייך אין אָנהייב געפונען זיין וועג צו די פּועלי־ציון, ווייל שמעון האָט נישט געוווסט פון קיין פּאַליאַטיוון, פון קיין האַלב־מיטלען. ער האָט אויף אַ נאַטירלעכן אופן פאַרבונדן די פּראָבלעמען פונעם יידישן אַרבעטנדיקן יחיד מיט דער נויט פונעם נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו.

שמעון האָט פּשוט נישט משיג געווען ווי אַזוי מען קאָן אָפּטיילן די צוויי אַספּעקטן איינעם פון אַנדערן. ער איז געווען איינער פון די ליידנשאַפטלעכסטע קעמפערס קעגן „בונד" און אויך פון די פאַרביסנסטע שונאים פון דער דעמאָלטיקער „יעווסעקציע" און פון אַלע די וועלכע האָבן געפּרוווט אַריינברענגען אין דער פּאַרטיי דעם סם פון ליקווידאַטאָרישע טענדענצן.

זיין טרייהייט צו דער באַוועגונג איז געווען אָן גרענעצן, ער האָט געאָטעמט מיט דער לופט פון דער באַוועגונג אַלע פיר און צוואַנציק שעה פונעם מעת־לעת. ער האָט געפונען זיין וועג אַרויס פון זיין שטעטל סטרי צו דעם ברייטן שליאַך פון פּאַרטיי־אַקטיוויטעט אין די גרויסע שטעט פון

יידישן פאַרמלחמהדיקן פּוילן און ער איז אויסגעוואַקסן צו איינעם פון די אָנפירנדיקע מענטשן אין דער באַוועגונג. ער איז געווען טעטיק סיי אין די פּראָפ׳ פאַראיינען, סיי אין די קאָאָפּעראַטיוון, אין די שולן און אוודאי אין דער פּאָליטישער אַקטיוויטעט פון דער פּאַרטיי.

דער אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה וואַרצלט אים אויס פון זיין היים, אַזוי ווי עס איז געווען דער גורל פון אומצאָליקע אַנדערע פּאָליטישע טוערס וואָס האָבן זיך געלאָזן מיט דעם אומגליקלעכן פּליטים־שטראָם איבער די פּליינען פון סאָוויעט־רוסלאַנד. דאָרט האָט ער ערשט די געלעגנהייט פון דער נאָענט צו אָבסערווירן דעם חורבן פון רוסישן יידנטום און די בלוטיקע דיקטאַטור פון סטאַלינען מיט זיין חברותא. ער שטעלט זיך אָבער נישט אָפּ פאַר קיין שום שוועריקייט און ער וואַרפט זיך אַריין אין דער אַרבעט פון הילף פאַר זיינע פאַרוואָגלטע פּוילישע יידן אויף דער רוסישער ערד. ער געהערט צו דעם יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע און איז אויך אַ מיטגליד פון דעם קאָמיטעט וואָס האָט פאַר אַן אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן די פּוילישע פּליטים נאָכן היטלערישן איבערפאַל אויף רוסלאַנד. ער איז אומעטום געווען געשעצט און מען האָט אים געטרויט, מען האָט געוווסט אַז שמעון זאָגט נישט לייכט צו, אָבער האָט ער איין מאָל געגעבן זיין וואָרט וועט ער עס מקיים זיין אַפילו פאַרן פּרייז פון מסירת־נפש.

ער קערט זיך אום, גלייך נאָך היטלערס מפּלה קיין פּוילן און ער ווערט גלייך דער רוח־החיים פון דער פון דאָס ניי אויפגעשטעלטער פּוילישער פּועלי־ציון־פּאַרטיי. דאָרט קעמפט ער מיט אַלע כּוחות קעגן די קאָמוניסטישע צעשטערערישע שטרעבונגען און ער באַטייליקט זיך אַקטיוו אין דער אַקציע אומשעדלעך צו מאַכן זייער איינפלוס אויף דער פּאַרטיי.

צוזאַמען מיט זיין יינגערן חבר, יוסף ראָטענבערג ע״ה, בלייבט ער אין פּוילן ביז אַלע חברים זענען עולה קיין ישראל. אין משך פון דער דאָזיקער צייט איז ער זייער אַקטיוו אין דער עליה ב׳ וואָס ברענגט טויזנטער יידן צו די ברעגעס פון ארץ־ישראל קעגן דער פאַראָרדענונג פון דער ענגלישער מאַנדאַטן־מאַכט.

ווען ער קומט ענדלעך, פון די סאַמע לעצטע (אַזוי ווי אַ קאַפּיטאַן פון אַ זינקענדיקער שיף) זיך צו באַזעצן אין יידישן לאַנד, איז ער שוין פיזיש דערשעפּט, אָבער ער וואַרפט זיך מיט פרישער ענערגיע אין דער אַרבעט פון פאַרזאָרגן די געקומענע יידן פון „זיין״ פּוילן מיט דער רוחניות וואָס

איז זיי נויטיק כדי צו קענען פאַרזעצן אַ נאָרמאַל קולטור־לעבן. דאָס אויפ־האַלטן די יידישע קולטור און אירע שאַפונגען אין דער יידישער מדינה ווערט איינע פון די עיקרדיקע אויפגאַבעס פון שמעון ראָזענבערגס לעבן. ער ווידמעט זיך דער דאָזיקער אויפגאַבע מיט האַרץ און נשמה.

דאָס ווערק וואָס ער האָט אויפגעשטעלט, צוזאַמען מיט יוסף ראָטענבערג, אין דער פאָרעם פון דעם י. ל. פרץ־פאַרלאַג אין דער ראַם פון דער יאָרנלאַנג עקזיסטירנדיקער י. ל. פרץ־ביבליאָטעק, איז אַ לעבעדיקע מצבה פאַר דעם דאָזיקן געטרייען זון פון אונדזער פאָלק און קעמפער פאַר די רעכטן פון די סאַמע באַעוולטסטע צווישן זיינע מיטמענטשן.

געווען אַ זעלטענער חבר און אַ גוטער, שטילער, האַרציקער מענטש.

יאַנואַר, 1963

צום טויט פון חבר משה ציטרינאָוסקי

ער האָט געהערט צו די ערשטע פון דעם צווייטן דור פועלי־ציון. אין אַ צייט ווען די ייִדישע מאַסן, אין זייערע צענטליקער און הונדערטער טויזנטער, האָבן אויפגעהויבן זייער רעוואָלט קעגן דער וועלט פון רשעות, וואָס האָט זיי אַרומגערינגלט; ווען אין אָנפאַנג פון היינטיקן יאָרהונדערט האָבן ייִדישע געזעלן זיך פאַרוואַנדלט אין אַרבעטער, און זיי האָבן קודם־כל געוואָלט איינגעמען און באַהערשן זייער אייגענע ייִדישע סביבה, האָט משה ציטרינאָוסקי זיך געשטעלט אין שפּיץ פון דעם געראַנגל און ער איז געוואָרן איינער פון אירע אָנערקענטע אָנפירערס. געוווּסט אַזעלכע וואָס האָבן איבער־גענומען די ראָל פון לערער פון דער ייִדישער מאַסע — זיי זענען עס געווען די וואָס זענען אַרומגעפאָרן אין דעם תּחום־המושב און גערעדט, אַגיטירט, און געשאַפן די פאַרטייִישע פּלאַטפאָרם, פאָרמולירט די פאַרטייִשע לאָזונגען, אַרויסגעגעבן פּאָליטישע בראָשורן און פּאָלעמיזירט, אין דער אומלעגאַלער פּרעסע, מיט אידעיִשע קעגנערס וועגן דער פּראָבלעמאַטיק פונעם ייִדישן לעבן. צו דער דאָזיקער פּלעיאַדע פירערס האָבן געהערט אויסגערופענע געשטאַלטן ווי זלמן רובאַשאָוו (זלמן שז״ר), דוד בן־גוריון, זרובבל, ניר, קאַפּלאַנסקי, לאָקער און אַנדערע.

משה ציטרינאָוסקי איז נישט געקומען אין דער באַוועגונג פון ישיבה אָדער אוניווערסיטעט — ער האָט אָבער מיטגעבראַכט אין זיין באַגאַזש אַ גרויסן אוצר פון איינגעבוירענער אינטעליגענץ און אַ פּשוטע, אָבער ברע־נענדיקע ליבשאַפט צום פאָלק, צו דיינע נויטן און צו זיין עמאַנציפּאַציע.

משה ציטרינאָוסקי האָט זיך געאײַלט. ער האָט נישט געהאַט קיין צייט צו וואַרטן אויף אַחרית־הימים, ווען דער פּראָלעטאַריאַט וועט שוין גוט מאַכן אַלע עוולות און עס וועלן אָנקומען משיחס צייטן. ער, משה, האָט טאַקע באמונה שלימה געגלויבט אַז דער טאָג וועט קומען — אָבער דערווייל דאַרף מען פאַרריכטן אינעם ייִדישן לעבן וואָס עס לאָזט זיך, מען דאַרף די ייִדישע

מאַסן געבן ברויט און בילדונג. מיט דעם קאָן מען נישט וואַרטן אויף לעתיד לבוא, עס קאָן און מוז געטאָן ווערן היינט, שוין.

די באַוועגונג זעט דעריבער זייער שנעל משהן אין דער אָנפירונג פון אַלע אירע אינסטיטוציעס: פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, ווו מען אָרגאַניזירט זיך פאַר בעסערע לעבנס־באַדינגונגען, ספּאָרטקלובן, ווו מען גלייכט אויס די פאַרנאַכלעסיקטע גלידער, פּאָליטישע קאַמפּגרופּעס וואָס טוען „פּראַק־טישע" אַרבעט...

גאַנץ באַזונדערש אָבער האָט משהן געצויגן צום יידישן טעאַטער. ער האָט געהאַט אַ מין לײַדנשאַפטלעכן דראַנג צו באַשיינען דאָס יידישע לעבן גייסטיק, קינסטלעריש. דעם בעסטן אויסדרוק פון דער גרויסקייט פון דער יידישער פאָלקס־נשמה האָט ער געזען אין דעם טעאַטער, ווען די גרויסע קינסטלערס פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, פּאָעזיע און דראַמע זענען אַזוי בולט געקומען צום אויסדרוק אין די אַרטיסטישע שאַפונגען פון די גרויסע יידישע בינע־קינסטלערס פון יענער וווּנדערלעכער עפּאָכע פונעם רעוואָלוציאָנערן יידישן באַגין.

ער האָט געדינט דער פּועלי־ציון־באַוועגונג אין די פאַרשיידנסטע קאַ־פּאַציטעטן: געווען דער אָנערקענטער פאַרשטייער פון דער פּאַרטיי אין דער סינדיקאַלער באַוועגונג, ער האָט אָנטייל גענומען אין אונדזער קאָאָפּע־ראַטיווער באַוועגונג, ער האָט געפירט הונדערטער און טויזנטער פון דער יידישער ספּאָרט־יוגנט צו אינטערנאַציאָנאַלע אימפּרעזעס, ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין שכל הישר אויף אונדזערע פאַרטייישע צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן — אָבער ווען ער האָט גאָר געקאָנט, אויף אַ שטיקל צייט, זיך באַפרייען פון אָט די אַלע פּאַרטייישע פליכטן, האָט ער זיך אַרויסגע־שלייכט פון דער פּאַרטיי־אַרבעט און זיך געוואָרפן אין דער אַרבעט פאַרן יידישן טעאַטער. ער האָט געשאַפן געלט פאַר די פאַרשיידנאַרטיקסטע טעאַטער־אונטערנעמונגען, ער האָט געהאָלפן מיט ראַט און טאַט נויט־באַדערפטיקע יידישע אַרטיסטן, ער האָט אַרויסגעפירט אויף דער סצענע נייע טאַלאַנטן און ער איז שטענדיק פול געווען מיט נייע פּראָיעקטן פאַר אַ גרויס, יידיש פאָלקס־טעאַטער.

משה ציטרינאָווסקי האָט געהאַט אין זיין לעבן זייער פיל מאַטעריעלע געלעגנהייטן — ער האָט זיי אַלע דורכגעלאָזט צוליב זיין לײַדנשאַפטלעכער ליבשאַפט צום טעאַטער.

און ביי דעם אַלעם איז ער געווען מיט טויזנטער אומצערייסבאַרע פעדעם פאַרבונדן מיט דער פאַרטייִשער באַוועגונג. און ביי אים, ביי משהן, האָט באַוועגונג געהייסן נישט סתם עפּעס אַן אַבסטראַקטע זאַך, נאָר אַ סכום פון לעבעדיקע מענטשן, חברים וועמען ער האָט געקאַנט און ליב געהאַט. ער האָט זיין גאַנץ לעבן געטראָגן מיט זיך אַ בענקשאַפט צו די חברים מיט וועלכע ער האָט ווען עס איז געאַרבעט צוזאַמען אין דער פאַרטיי. משה האָט נישט אָפּגעלאָזן פון זיין פריינדשאַפט צו זיינע אַמאָליקע חברים, אַפילו ווען יענע זענען שוין לאַנגע יאָרן געווען אַוועק אין אַן אַנדערער אַרבעטער־ציוניסטישע פאַרטיי. ער האָט אָנגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט אַלע חברים פון אַ מאָל. און ווען עס איז אויפגעקומען מדינת־ישׂראל איז משה ציטרינאָווסקי, דער לינקער פּועלי־ציון, געווען איינער פון די אָנגעלייגטסטע געסט אין די הייזער פון די מדינה־פירערס וועלכע האָבן אים געקענט און געשעצט פון די אַמאָליקע יאָרן.

משה ציטרינאָווסקי איז נישט געווען קיין קאָניונקטור־מענטש. איין מאָל אָפּגעגעבן זיין האַרץ פאַר אַן אידעע — איז עס געווען אַן אייביקער בונד. ער האָט אָנגעהויבן זיין לעבנסגאַנג אין דער פּועלי־ציון־באַוועגונג און זיין ליבשאַפט צו דער מדינה איז געווען גרענעצלאָז. ער איז געווען פון די ערשטע פּיאָנערן פון אונדזער פּוילישער פאַרטיי און פון די דאָזיקע חברים, וואָס האָבן שטענדיק געחלומט דעם טרוים פון ייִדישער אומאָפּהענגיקייט ב י מ י נ ו !

האָט ער טאַקע זוכה געווען צו זען זיין חלום פאַרווירקלעכט פאַר זיינע אויגן — און ווען זיינע אויגן האָבן זיך געשלאָסן אויף אייביק, איז זייער לעצטער בליק דאָך געפאַלן אויף דעם אָביעקט פון זיין לעבנס־חלום — אויף מדינת־ישׂראל.

דאָס בעסטע וואָס משה וואָלט געוואָלט אַז מען זאָל אים נאָכזאָגן וואָלט געווען: אַ גוטער חבר. דאָס איז ער געווען.

1965

אַ שפּיגל פון אַ גאַנג
(פּ. ל. גאָלדמאַן, „אין גאַנג מיט דער צײַט")

פּאָל גאָלדמאַן איז נישט קיין פּנים־חדשות אין דער ייִדישער זשורנאַ־ליסטיק; שוין אַ סך יאָרן באַטייליקט ער זיך אין דער פּועלי־ציון־פּרעסע, פריִער אין דער פּרעסע פון די לינקע פּועלי־ציון, הויפּטזאַכלעך אין אַמע־ריקע, אָבער אויך אין אַנדערע לענדער.

שוין מער ווי דרײַ צענדליק יאָר רעאַגירט גאָלדמאַן רעגולער אויף אַלע דערשײַנונגען אין ייִדישן לעבן און אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. גאָלדמאַן איז נישט קיין זשורנאַליסט און נישט קיין קאָרעספּאָנדענט פון פאַך. ער איז בכלל נישט קיין געזעלשאַפטלעך־באַצאָלטער טוער. זײַן נאַציאָנאַל־ייִדישע און ציוניסטישע אַרבעט טוט ער אַלע יאָרן על מנת שלא לקבל פּרס, טראָץ דעם איז ער פּערזענלעך אַזוי געקניפּט און געבונדן מיט דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט, און באַזונדערש מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג, אַז ער האָט דערגרייכט אַ גאַר הויכע פּאָזיציע אין כּמעט אַלע נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע ייִדישע קערפּערשאַפטן און האָט באַוויזן צו געווינען אַכטונג צו זיך אין אַלע קרייזן און אינסטיטוציעס מיט וועלכע ער האָט זיך אין זײַן לאַנגער פּאָליטישער קאַריערע פאַרבונדן.

דאָס דערשײַנען פון זײַן בוך „אין גאַנג מיט דער צײַט", האָט דעריבער אויסגערופן אַ פאַרשטענדלעכן אינטערעס אין די ייִדישע פּאָליטישע און קולטור־קרייזן. זײַנע חברים פון די לינקע פּועלי־ציון „לשעבר" האָבן, נאַטירלעך, באַזונדערש וואַרעם אויפגענומען פּאָל גאָלדמאַנס דערשײַנען צווישן צוויי טאָוולען.

מיר ווילן דאָ פּרוּוון אַ ביסל אויפעפענען די טאָוולען פון בוך און כאַפּן אַ קוק אויף דעם אינהאַלט אויף וויפל דאָס איז מעגלעך. לאָמיר גלייך אונטערשטרייכן אַז „אין גאַנג מיט דער צײַט" איז נישט קיין ספר וואָס איז געווידמעט איין טעמע בלויז; עס איז אויך נישט קיין אײנהייטלעכע אַרבעט וועגן איין באַשטימטן אָביעקט. פּ. ל. גאָלדמאַן האָט צונויפגענומען די

בעסטע אַרבעטן זיינע אין משך פון לאַנגע יאָרן, זיי צוזאַמענגעשטעלט אין אַ באַשטימטן סדר, דאַטירט זיי נישט בלויז לויט דער דאַטע פון זייער ערשטער דערשיינונג אין דרוק, נאָר גיכער לויט דעם כאַראַקטער פון זייער אינהאַלט און דער עפּאָכע וועלכער זיי זענען געווען געווידמעט און דאַן זיי צוגעטראָגן דעם לייענער ווי אַ גאַנצקייט, כּדי ער, דער לייענער, זאָל זיי אָפּשאַצן לויט זייער ווערט. איך מיין אַז דעם מחברס פּרווו איז געווען אַ געלונגענער.

גאָלדמאַן איז זיכער נישט דער ערשטער וואָס האָט דערפילט אַ דראַנג צוזאַמענצונעמען דעם תּמצית פון זיין שרייבערישן אָנשטרענג אין גאַנג פון זיין געזעלשאַפטלעכן לעבן און עס פאָרלייגן דעם פאַראינטערעסירטן לייענער ווי אַ שפּיגל פון זיין געזעלשאַפטלעכן פּנים, פון זיין קאַמף, פון זיינע ראַנגלענישן, זיינע אָפּווייכונגען און זיינע דערפאָלגן. ווייל נאָר דעמאָלט ווען מען נעמט צוזאַמען אַ ל ע גערדאַנקען, ווען מען האָט דעם רעטראָספּעקט פון אַ ל ע וועגן און אומוועגן אויף וועלכע עס האָט געשפּאַנט און צו מאָל געבלאָנדזשעט אַ געזעלשאַפטלעכער טוער, קאָן מען ריכטיק אָפּשאַצן זיין ראָל און זיין ווערט. דאָס איז גילטיק נישט דווקא וועגן שיין־שרייבעריי, אָדער פּאָעזיע — עס איז אפשר מער נויטיק אין דער קאָמענטאַרישקייט אָדער פּאָלעמיק. אין דער שיינער ליטעראַטור קאָן מען אָפּשאַצן דעם שאַפער אַפילו בלויז לויט איין אָפּגעריסענער אַרבעט; די שיינקייט פון דער שפּראַך, די געטאָקטקייט פונעם זאַץ, די טיפקייט פון דעם אַרויסגעבראַכטן געדאַנק קאָנען דעם מחבר קויפן זיין וועלט אין איין ליד, אין אַ קליינער עסיי, אין אַ געפּרעסטער דערציילונג. אין פאַל פון זשורנאַליסטיק, ווערט דער ווערט פון דעם אָנגעוואָרפענעם וועג באַשטימט נישט בלויז דורך דעם אוֹפן פון שרייבן, נאָר, מערסטנטיילס, דורך דער אויסווירקונג פון דעם מחברס געדאַנקען וועגן דעם לעבן פון זיין צייט און דורך דער פּריזמע פון דער גילטיקייט פון זיינע אַרויסזאָגונגען אויף דער היינטצייטיקער ווירקלעכקייט.

אין דעם פּרט איז „דער גאַנג מיט דער צייט" פון פּ. ל. גאָלדמאַן אַ וויכטיקער צושטייער צו דער פּאָליטישער ליטעראַטור פון אונדזער עפּאָכע. ראשית איז דאָס בוך איינער פון די זעלטענע דאָקומענטן פון דער צייט פון די גרויסע אידעאָלאָגישע ראַנגלענישן אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג און אַ גבית־עדות פון אַ תּקופה אינעם לעבן פון דעם יידישן

ישוב אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, וועגן וועלכן עס זענען פאַראַן פּאַר־העלטנישמעסיק ווייניק מאַטעריאַלן. פּ. ל. גאָלדמאַן האָט אין אַמעריקע רעאַ־גירט מער ווי זעלטן ווער אויף אַלע דערשיינונגען אין אַמעריקאַנער לעבן פון אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן שטאַנדפּונקט. ער האָט געהערט צו דער פּאָליטישער מחנה אין דער יידישער געזעלשאַפט, וואָס האָט אַריינגענומען אין איר קאָמפּעטעטיקייט דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון דער יידישער פּראָבלעמאַטיק און האָט אויף אַלע דערשיינונגען געקוקט פונעם יידישן קוקווינקל.

עס איז דעריבער נישט קיין ווונדער וואָס ער איז געווען פון די געציילטע אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין צפון־אַמעריקע וואָס האָט פון דער נאָענט אָבסערווירט דעם גאַנג פון דער אָרגאַניזירטער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט און וועלכער האָט פּשוט געוויטיקט איבער דעם פעלן פון אַ פּאָליטישער ריכטליניע וואָס זאָל זי, די אַרבעטערשאַפט, אַרויספירן אויף דער ברייטער געזעלשאַפטלעכער אַרענע. פּאָל גאָלדמאַן טרעט אַרויס אָפן און שאַרף קעגן אַ ריי איינגעזעסענע גאָמפּערסיסטישע צוגאַנגען צו די אויפ־גאַבעס פון דער אַרבעטערשאַפט. ער פאַרדאַמט דעם ריין־טרידיוניאָניסטישן געדאַנק און וויזט אָן אויף די מעגלעכע נעגאַטיווע פאָלגן פון דער ליניע פון „באַלוינען די פריינד און באַשטראָפן די שונאים", וואָס איז געוואָרן די פּרינציפּן־דעקלאַראַציע פון דער אַמעריקאַנער טרייד־יוניאָן באַוועגונג אונ־טער דער אָנפירונג פון גאָמפּערס, וויליאַם גרין און דזשאָרדזש מיני. אין אַ גאַנצער ריי אַרטיקלען וואָס ווערן אַריינגענומען אין זיין בוך ברענגט גאָלדמאַן אַרויס זיין שטאַנדפּונקט קלאָר און ווערט דערמיט אפשר דער איינציקער אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג וואָס נעמט אַזאַ דרייסטע שטעלונג קעגן דער אָפיציעלער ליניע פון דער איי.עף.אָ.ל.

פון זיין צוגאַנג צו דער דאָזיקער פראַגע וואָס קומט צום אויסדרוק אין זיינע שריפטלעכע אַרבעטן ווערט פאַרשטענדלעך אַז ער זעט אין אַ פּאָליטיש אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד אַ באַשטימטע גאַ־ראַנטיע פאַר די רעכט פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, דער יידישער בתוכם.

גאַנץ באַזונדערש אינטערעסאַנט איז גאָלדמאַנס צוגאַנג (אין יענער צייט) צו דעם ענין דעמאָקראַטיע אין אַמעריקע. עס וואָלט נישט געווען קיין שום רבותא ווען ער וואָלט אַרויסגעטראָטן קעגן די דערשיינונגען פון רעאַקציע אין אַלע פאַלן וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו אייזענהויערס רע־זשים, למשל, וואָס האָבן אַרויסגערופן צום קאַמף גרויסע טיילן פון דער

אַמעריקאַנער געזעלשאַפטלעכקייט. ס'איז אָבער כאַראַקטעריסטיש פאַר גאָלד־מאַנען אַז אין אַזעלכע געשעענישן, ווו די געזעלשאַפט איז אַפילו געווען צעטיילט אין איר אָפּשאַצונג פון דער האַנדלונג פון דער אַדמיניסטראַציע, ווו אַפילו די יידישע גאַס איז נישט געווען איינהייטלעך, האָט ער זיך אַן וואַקלענישן געשטעלט אויף דער זייט פון די וואָס האָבן געפאָדערט אָפּצוהיטן די דעמאָקראַטישע פרייהייטן אַפילו לגבי די וואָס האָבן בפירוש פאַרדינט מען זאָל זיי באַגרענעצן אין זייערע רעכט. אַזאַ פאַל איז געשען אין 1948, ווען די רעגירונג האָט אַרעסטירט אַ ריי אָנפירערס פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג לויט דעם באַרימטן סמיט־געזעץ וואָס האָט באַטראַכט פאַר אַ פאַרברעכן די פרווון אַראָפּצוואַרפן די רעגירונג מיט געוואַלד. גאָלדמאַן וואָרנט אין זיינע אַרטיקלען די אַרבעטערשאַפט קעגן דעם געפיל פון „אפשר באַרעכטיקטער" נקמה אין די קאָמוניסטן וואָס האָבן אָט ערשט אָפּלאָדירט דער רעגירונג ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט אין אַרעסט פון טראָצקיסטן: „מיר וויסן, אַז דער אַרבעטער־באַוועגונג איז שווער בייצוקומען איר ווידער־ווילן צו קומען צו הילף די קאָמוניסטן. מיר וויסן אויך, אַז די היגע קאָמו־ניסטן וואָלטן אין אַן ענלעכער סיטואַציע נישט נאָר געקומען צו הילף זייערע קעגנערס, נאָר וואָלטן נאָך אפשר אַ שטאַרקע הנאה געהאַט דערפון, אַזוי ווי ס'איז געווען דער פאַל מיט די טראָצקיסטן. אָבער דאָס באַרעכטיקט נאָך אַלץ נישט די פּאַסיווקייט פון אַרבעטערשאַפט צום קאָמוניסטישן פּראָצעס, וואָס ווערט איצט צוגעגרייט און קיין פאַרגעניגן דאַרף מען דערפון נישט האָבן, ווייל ברייטערע און לאַנגדויערנדיקע אינטערעסן פון דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג פאָדערן אומבאַדינגט צו האָבן אַ נעגאַטיווע און קעגנע־רישע באַציִונג צו דעם פאַרשטייענדיקן פּראָצעס קעגן די קאָמוניסטישע פירערס, אַ פּראָצעס וואָס איז אין תּוך אַן אָנגריף אויף די רעכט פון אונדזער בירגערלעכער פרייהייט".

די גאַנצע אייזענהויער־עפּאָכע איז געווען אַ שווערע צייט פאַר אַמע־ריקעס דעמאָקראַטיע און עס איז אויך שווער געווען די לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג סיי צוליב דער אַלגעמיינער שטימונג אין לאַנד, וואָס האָט זיך אויך באַזונדערש שווער אָפּגערופן אויף די מינדערהייטן אינעם לאַנד, סיי און באַזונדערש צוליב דער מיט שׂנאה אָנגעפילטער אַרויסטרעטונג קעגן מדינת־ישׂראל אין די טעג פון מבצע סיני. אין משך פון די אַלע יאָרן פון דער אייזענהויער־אַדמיניסטראַציע איז פאַל גאָלדמאַן געשטאַנען אין

דרייסטן אָפּענעם קאַמף קעגן וואַשינגטאָן. הגם ער האָט געהאַלטן אין איין אונטערשטרייכן אַז ער זעט קיין מאָל נישט קיין וועזנטלעכן אונטערשייד צווישן דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און די רעפּובליקאַנער האָט ער אָבער זיינע שאַרפסטע פיילן געצילט אין דער רעפּובליקאַנער מחנה. ער, גאָלדמאַן, וויל זען אַ פּאָליטיש אָריענטירטע אַרבעטער־באַוועגונג וואָס זאָל שטרעבן איבערצונעמען די אָנפירונג פון לאַנד. אין דעם פּרט זענען די אַרבעטן וואָס גייען אַריין אינעם בוך פון זייער שטאַרקן אינטערעס, צי מען איז מסכים מיט זיין צוגאַנג, צי נישט.

בכלל קריגט דער לייענער פון דעם בוך אַ זייער גוטן אַריינבליק אין דעם גאַנג פון די אַמעריקאַנער רעגירונג־ליניעס אין יענער צייט און ער קאָן אויף דעם סמך ציִען מסקנות און מאַכן פאַרגלייכן מיט דער אַמעריקאַנער פּאָזיציע אין דער היינטיקער צייט.

איז דאָס בלויז איין אָפּשניט פונעם זשורנאַליסטישן קאַמף וואָס פּ. ל. גאָלדמאַן האָט געפירט אַלע זיינע יאָרן. אַ מער וויכטיקער פראָנט איז געווען סיי זיין אָפּווער־קאַמף קעגן יידישע קעגנערס און שונאים אין די יאָרן פון פאַר דער מדינה און סיי זיין אָנגריף אויף די זעלבע עלעמענטן נאָך דעם נצחון פון ציוניסטישן געדאַנק און פאַר דער מאָביליזאַציע פון אַלע יידישע אַרבעטער און פּאָלקס־כוחות אַרום דער פאַרטיידיקונג און פאַרפעסטיקונג פון מדינת ישׂראל. ווען אונדזער יוגנט דאָ אין לאַנד, וואָלט געווען דערצויגן געוואָרן אויף די וואָרט־געפעכטן וואָס עס האָבן אין משך פון צוויי דורות געפירט די גאָלדמאַנס און אַנדערע יידישע וואָרטזאָגערס קעגן אַ וועלט מיט יידישע קעגנערס וואָס האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום מיטלען צו שעדיקן דעם ציוניסטישן איינפלוס און שפּעטער אַראָפּצורייסן די יידישע מדינה, וואָלט אַ סך שלעכטס אויסגעמיטן געוואָרן אויך דאָ.

גאָלדמאַן איז אין משך פון לאַנגע יאָרן געווען איינער פון די הויפּט־רעפּרעזענטאַנטן פון לינקע פּועלי־ציון אין די באַרופענע יידישע נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן פון אַמעריקע. ער איז דעריבער געווען אין אַ גוטער פּאָזיציע צו וויסן וואָס עס קאָכט זיך אין די ענגערע קרייזן וואָס באַשטימען די ליניעס פון דער יידישער פּאָליטיק. זיינע אַרטיקלען וועגן די אַ י י ג ע נ ע פּראָ־געס פון אינערלעך־יידישן כאַראַקטער קומען אין דעם בוך אונטער די אָפּ־טיילן: „יידישע פּראָבלעמען אין אַמעריקע", „אַרבעטער־ציוניזם" און „דאָס רוסישע יידנטום לעבט". דאָרט ווערן באַהאַנדלט יידישע פּראָבלעמען פון

דער גאַנצער גרויסער ייִדישער וועלט. ווער עס וויל זיך באַקענען מיט דער שטעלונג פון פּועלי־ציון צו דער ייִדישער וועלט־פּראָבלעמאַטיק קאָן אין די אַפּטיילן געפינען אַ שליסל צו דער ראָל פון דער אַ פּאַרטיי אין דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס ווערט ערשט איצט ערנסט שטודירט מצד אַנגעזעענע וויסנשאַפטלערס וואָס האָבן ערשט אַנטדעקט דעם גרויסן אידעען־אוצר פון די נאָכפאָלגערס פון „פּאַלטאַווע", וואָס האָבן זיך פאַרצווייפלט געראַנגלט מיט אַ וועלט מיט קעגנערס פאַר זייערע אמתן.

צום סוף דאַרף דערמאָנט ווערן, כאָטש מיט אַ קליינעם רמז, די וויכטיקייט פון דעם לעצטן אָפּטייל פונעם בוך: „געשטאַלטן". אויב דער גאַנצער מאַטעריאַל איז וויכטיק צוליב דער דערקענטעניש פון אַ באַוועגונג וואָס האָט געווירקט אין ייִדישן לעבן דורך כמעט דער גאַנצער צייט פון ייִדיש־נאַציאָנאַלן געראַנגל פאַר ווידעראויפלעבונג אין דעם לעצטן יאָרהונדערט, איז דער אָפּטייל „געשטאַלטן" ממש אַ היסטאָרישער פּרווו, וואָס נאָר געציילטע פון דער אַמאָליקער פּועלי־ציון־באַוועגונג האָבן געפילט זיין וויכטיקייט. עס ווערן אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל אויפגעלעבט די געשטאַלטן פון צענדליקער חברים וועלכע האָבן אויף זייער אייגענער הויט דערשפּירט דעם ווילדן אַנשטורעם פון אומברחמנותדיקע קעגנערס און וואָס האָבן ביי אַלע באַדינגונגען געהאַלטן הויך די היסטאָרישע ייִדישע מסירת־נפש פאַר נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַפרייונג־אידעען. דאָס דערמאָנען זייערע נעמען און זייער לעבנסגאַנג איז אַ זאַך פאַר וועלכע די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג וועט דאַנקבאַר זיין.

מאַי 1973

צביה לובעטקין — די העלדישע געטאָ־קעמפערין

אין די אָנפּירנדיקע קרייזן פון דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט, אין מדינת־ישׂראל און אויך אין חוץ־לארץ, האָט מען שוין אַ לאַנגע צייט געוווּסט, אַז צביה לובעטקין איז ערנסט קראַנק; שוין עטלעכע יאָר ווי זי האָט געליטן פון אַן אומהיילבאַרער קראַנקייט וואָס האָט פאַרצערט איר לעבן. אָבער ערשט אין די לעצטע חדשים האָט זי אויפגעהערט אויפצונעמען מענטשן, אַפילו נאָענטע פריינד האָט מען צו איר נישט צוגעלאָזט.

שווער האָט צביה זיך געראַנגלט קעגן דער אַכזריותדיקער מחלה, וואָס האָט איינציקווייז אויסגעזויגן איר חיות; איר גאַנץ לעבן איז פאַקטיש געווען איין גרויסער קאַמף קעגן איבערוועגנדיקע כּוחות, וואָס האָבן זיך איר געשטעלט אין וועג. די געשיכטע פון איר לעבן וועט זיך לייענען ווי אַ גרויסע, פאַרכאַפּנדיקע דראַמע וואָס איז געווען פאַרוועבט אין דעם סאַמע וועזן פון איר פאָלק, וועמענס געשיכטלעכער גאַנג וועט נאָך אויך ווייטער, אויף אַ גאָר באַדייטנדיקער צייט, זיין באַהויכט מיט דעם גייסט, וואָס צביה האָט געהאָלפן אויסכאַוועון ביי די זין און טעכטער פון איר דור.

אַ סך פּרטים זענען שוין באַקאַנט פון דעם פעריאָד פון דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, ווו דער נאָמען צביה איז פאַרשריבן מיט פייערדיקע אותיות, ווערטער וואָס גליִען מיט אומפאַרגלייכלעכער מסירת־נפש, מיט ברענענדיקער שׂינאה צום שׂונא און מוטערלעכער צערטלעכקייט צו די גע־פייניקטע קרבנות — „די מאַמע פון געטאָ", ווי זי איז פון אַלעמען גערופן געוואָרן.

נישט אַלע וואָס האָבן איבערגעלעבט די טראַגישע טעג פונעם געטאָ־אויפשטאַנד, האָבן ווייטער געטראָגן מיט זיך דאָס אינערלעכע פייער פון גלויבן אין דער אומפאַרגענגלעכקייט פון ייִדישן פאָלק. געציילטע בלויז זענען עס געווען די וואָס האָבן דערפילט דעם דראַנג פאַרצוזעצן די אַרבעט שוין נישט בלויז פאַר קיום, נאָר אויך פאַר המשך פון דעם דורותדיקן געוועב וואָס ציט זיך שוין טויזנטער יאָרן, אין אַלע צייטן, אונטער אַלע באַדינגונגען.

צביהס לעבן איז געווען אין גאַנצן געווידמעט דער פאָלקס־אויפלעבונג, דער־מיט האָט זי פאַרדינט דערמאָנט צו ווערן אין אונדזער נאַציאָנאַלער מגילה.

אין 1946 איז אין באַזעל זיך צונויפגעקומען דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס נאָכן חורבן. מ׳באַגעגנט זיך נאָך זעקס ביטערע יאָרן פון צעשיידונג מיט פרייד און מיט געוויין.

ערגעץ דאָרט, ביי אַ זייטיק טישל נעבן דעם קאָנגרעסזאַל, זיצן צוויי יונגע מענטשן: ער, אַ הויכער, אַ באַוועגלעכער, מיט אַ פּאָר הימלבלויע אויגן וואָס בעטן זיך מען זאָל זיך וואַרעמען אין זייער גוטסקייט. מען טייטלט אויף אים: יצחק צוקערמאַן, „אַנטעק״, דער לעצטער קאָמענדאַנט פון וואַר־שעווער געטאָ־אויפשטאַנד.

נעבן אים — אַ קליינינקע, דיגינקע מיידעלע, מיט אַ קאָפּ פעך־שוואַרצע האָר וואָס פאַרשטעלן אויף אַ מינוט אַ פּאָר גלי׳ענדיקע אויגן, וואָס נעמען דיך אַרום מיטן ערשטן בליק וואָס איז אָנגעשטעלט אויף דיר. אַ בליק, און שוין: זי איז שוין ווייט אַוועק, אין ליידנשאַפטלעכע געשפּרעכן דאָ מיט איינעם, און אָט מיט אַ צווייטן פון די דעלעגאַטן. עפּעס אַ דינאַמאָ באַוועגט זיך איבערן פּלאַץ — „צביה״, גייט עס פון מויל צו מויל. זי פירט דאָ אַן אינטענסיווע אַקטיוויטעט. אַלע קוקן אויף איר מיט אַ באַזונדערן בליק, מיט ספּעציעלן דרך־ארץ. עפּעס אַ קליינקייט: צביה לובעטקין! ווער ווייס עס נישט וועגן איר? זי איז שוין איצטער אַ לעגענדע. אַפילו צווישן די גרעסטע פּונעם עמק־הבכא, צווישן די דעלעגאַטן פון די לאַגערס, דערמאָנט מען איר נאָמען מיט יראת־הכבוד.

און זי אַליין הייבט נישט אָן צו וויסן וועגן איר ראָל. רעדסטו מיט איר, וועט זי בשום־אופן נישט דערלאָזן אַרויספירן דעם שמועס אויף דער טעמע פון אירע טעטיקייטן אין געטאָ. זי איז קלוג. זי ווייס ווי אַזוי אָפּצווענדן דיין אויפמערקזאַמקייט פון אירע אויפטוען. זי איז אינטעליגענט און פיינ־פילנדיק. איר איידלקייט דערלאָזט נישט, דו זאָלסט זיך פילן באַליידיקט. אַזאַ וואַרעמקייט שטראָמט פון איר ווערן, אַז דו לאָזט זיך פירן פון אירע רייד, פון דעם ברען פון אירע שטרעבונגען, וואָס זענען אַלע קאָנצענטרירט אויף דער צוקונפט, אויפן קאַמף פאַר אַן אייגענער מדינה, פאַר אַ סאָציאַליס־טישער מדינה. זי רעדט מיט אַזוי פיל יראת־הכבוד וועגן די פירערס פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג; זי איז ממש פאַרליבט אין יצחק טאַבענקינען, דעם פירער, וואָס וויל אַן אַקטיוויסטישע ליניע אינעם קאַמף

קעגן דעם בעוויניזם, זי געהערט צו דער פראַקציע פון אחדות־העבודה, צוזאַמען מיט ישׂראל גלילי, יצחק בן־אַהרון, יגאַל אַלון, משה כּרמל.

און אַט רופט מען שוין די דעלעגאַטן צוריק אין זאַל צו דער סעסיע וועגן דעם ווייטערדיקן בוי פון די ייִדישע פּאָזיציעס. אַלע אויגן זענען געווענדט צו דער טריבונע, וואָס איז דערוויל ליידיק; נישט אַזוי ווי געוויינ־לעך; אַלע זיצונגען עפענען זיך מיט אַ פּרעזידיום, וואָס באַשטייט פון די אָנגעזעענסטע פירערס פון דעם ייִדישן פאָלק, איצט איז די טריבונע ליידיק. וואָס איז געשען? ווער דאַרף עס דאָ אויפטרעטן? אַ טיפע, אָנגעשטרענגטע, שטילקייט הערשט אין זאַל. מען דערוואַרט עפּעס נישט געוויינלעכס. שוין פריִער, נאָך אין דרויסן, האָט מען זיך געשושקעט וועגן דער־אָ סעסיע.

און פּלוצעם באַווייזט זיך אויף דער טריבונע דוד בן־גוריון און ביי דער האַנט, אַזוי ווי מען פירט אַ קינד, האַלט ער אַ יונג מיידעלע, וואָס זעט אויס אַזוי דערשראָקן, אַז עס דוכט זיך אָט־אָט וועט זי זיך פאַנאַנדערוויינען. בן־גוריון דערלאַנגט איר דעם היסטאָרישן האַמער מיט וועלכן מען עפנט די ציוניסטישע קאָנגרעסן שוין אַ האַלבן יאָרהונדערט און ער רופט אויס: דעם פּאָרזיץ פון דער סעסיע וועט פירן צביה לובעטקין.

אַ ציטער גייט דורך איבערן זאַל. אינסטינקטיוו, ווי געטריבן פון עפּעס אַן אומבאַשרייבלעכן כּוח, רייסן זיך אויף אַלע דעלעגאַטן און געסט, און אַן אַפּלויז ברעכט אויס, וואָס עס דאַכט זיך אַז ער רייסט זיך אַדורך דורך גאַנצע דורות, אַ שטורעם, וואָס צעטראָגט בערג, צערייסט דאַמבעס, פאַרקערעוועט דעם לויף פון טייכן; עפּעס אַזוי ווי אַלע דערשטיקטע ענערגיעס פון אַ פאַרפּייניקט פאָלק, וואָס שטייט פון דאָס ניי אויף צו נאַציאָנאַלער תּחיה, שטופּן זיך צום אויבערפלאַך, און זיי געפינען זייער אויסדרוק דווקא אין דער פּערזאָן פון דער דאָזיקער קליינטשיקער מיידעלע וואָס שטייט אַ ציטער־דיקע אויף דער טריבונע און פרעגט נאַיִווערהייט דעם גרויסן בן־גוריון: „וואָס קומט דאָ פאַר? פאַר וועמען האָט דער עולם זיך אויפגעשטעלט?” און בן־גוריון גלעט איר פאַטערלעך איבערן קאָפּ און ער אַליין שטעלט זיך אַוועק נעבן איר און הייבט אָן פּאַטשן מיט די הענט קעגן איבער איר און זאָגט צו איר: „דאָס איז פאַר דיר, מיין קינד”.

זענען דעמאָלט אין באַזעל געווען אַלטע דעלעגאַטן וואָס האָבן איבער־געלעבט געגנוג רירנדיקע מאָמענטן אויף פאַרשיידענע ציוניסטישע קאָנגרעסן, מאָמענטן וואָס האָבן טייל מאָל צעשטורעמט דאָס גאַנצע ייִדישע לעבן. אַלע

האָבן זיי צוגעגעבן, אַז אַזעלכעס איז איין איינציק אין דער געשיכטע פון דער ציוניסטישער וועלטבאַוועגונג, און ווייל איז דעם מענטשן וואָס האָט זוכה געווען צו אַזאַ ליבשאַפט פון אַ גאַנץ פאָלק אין איינער פון די שווערסטע מינוטן פון זיין נאַציאָנאַלן געראַנגל.

צביה איז געשטויסן געוואָרן צו די העכסטע פּאָזיציעס אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. זי האָט זיי אָנגענומען ערשט נאָך לאַנגע באַמיִונגען מצד אירע נאָענטע, און נאָר נאָך דעם ווי מען האָט איר אויפגעוויזן מיט גרויס איבערצייגונג, אַז דאָס איז אַזוי גוואַלטיק וויכטיק פאַר דער זאַך אַז זי טאָר זיך נישט אָפּזאָגן. זי האָט פיינט געהאַט כבוד מיט אַזאַ פּשטות ווי זי האָט ליב געהאַט צו זיין איינע פון אַ סך וואָס טוען אַ נוצלעכע אַרבעט.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען די אַנטיסעמיטישע כוואַליעס האָבן אָנגעהויבן פליצן אין די קאָמוניסטישע לענדער, האָט צביה איבערגעלעבט גרויסע נשמה־יסורים צוליב דער מאָראַלישער דעגראַדאַציע פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. אין די יאָרן פון געטאָ און ליקווידאַציע פון יידישע ישובים האָט זי, צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע אידעאַליסטישע יידישע סאָציאַליסטן אַרויסגעקוקט נאָך הילף פאַר דעם יידישן פאָלק מצד דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, וועלכע האָט דעמאָלט געקעמפט מיט אַלע כוחות קעגן דער נאַצישער חיה. אין יענער צייט האָט צביה געהאַט פאַרבינדונגען אין פוילן מיט מיטגלידער פון דעם קאָמוניסטישן אונטערגרונט: מיט אַ טייל פון זיי איז זי געווען אין פריינדלעכע באַציִונגען און אַפילו פון צייט צו צייט זיך באַטייליקט אין געמיינזאַמע אַקציעס. עס איז דעריבער ביי איר פאַרבליבן אַ וואַרעמער געפיל פאַר די דאָזיקע מענטשן, וואָס האָבן אויך ריזיקירט זייערע לעבנס אין קאַמף קעגן דעם נאַצישן שונא. איר נאָמען איז טאַקע אַזוי אַרום געווען באַוווסט און באַליבט ביי די ערשטע קאָמוניסטישע רעגירונגען אין פוילן. עס איז דעריבער נישט געווען קיין ווונדער וואָס זי איז געווען איינגעלאַדן צו קומען פון ישראל קיין פוילן צו אַ צאָל געזעלשאַפטלעכע אַקטן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיט דעם יידישן אומקום אויף פוילישער ערד.

איין מאָל, זיצנדיק ביי אַ חבר אין שטוב אין ניו־יאָרק, ווו זי איז דעמאָלט געווען אין שליחות פון דער יידישער אַגענטור, האָט זי זיך פאַרטרויט פאַר אירע נאָענטע חברים וועגן איר אומעט אין פאַרבינדונג מיט דעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז אַזוי טיף פאַרוואָרצלט אין דעם געמיט פון פוילישן

פאַלק: „איך זיץ איין מאָל אין אַ טראַמוואַי אין וואַרשע און עס קומט אַרויף אַ יונגער מענטש, וואָס שטעלט אָן זיינע בליקן אויף מיר. לכתחילה האָב איך זיך געפילט אַ ביסל אומבאַקוועם, אָבער סיי ער און סיי איך האָבן ווייטער איינגעגראָבן אונדזערע אויגן איינער אין דעם אַנדערן, און מיט אַ מאָל זענען מיר ביידע זיך געפאַלן אין די אָרעמס און מיט טרערן אין די אויגן זיך דערקענט. דאָס איז געווען אַ פּוילישער חבר פון דעם אַמאָליקן אונטערגרונט מיט וועמען איך האָב געהאַט אַ סך געמיינזאַמע אַקציעס. זענען מיר אַזוי געזעסן פאַרטיפט אין אונדזערע איבערלעבונגען און זיך פשוט נישט געקענט אָפּרייסן איינער פון אַנדערן. שפּעטער, זיצנדיק אין אַ קאַפע ביי אַ גלעזל טיי, האָט ער זיך פאַר מיר געקלאָגט, אַז ער קאָן נישט פּטור ווערן פון אַ געפיל פון אַנטיסעמיטיזם. ווען ער זעט אַ ייִד, דערפילט ער גלייך אַן אַנטיפּאַטיע צו אים, כאָטש ער קען אים ניט פערזענלעך..."

צביה האָט וועגן דעם גערעדט מיט גרויס ווייטיק און מיט אַן אינסטינקטיווער מורא פאַר דעם צו וואָס דאָס קאָן אַ מאָל דערפירן.

מען דאַרף געדענקען אַז דאָס איז געווען אין די יאָרן — לאַנג פאַר דער זעקס־טאָגיקער מלחמה — וואָס האָט אַרויסגעבראַכט אַלע מיאוסקייטן פונעם פּוילישן אַנטיסעמיטיזם.

צביה האָט שנעל זיך באַפרייט פון אַלע וויכטיקע אַמטן וואָס זי האָט געהאַלטן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און זי האָט אירע שפּעטערדיקע יאָרן אין גאַנצן געווידמעט דעם אויפבוי, פאַרשטאַרקונג און פאַרשענערונג פון איר קבוץ לוחמי־הגיטאות, און ספּעציעל דעם מוזיי אויפן נאָמען פונעם קדוש־דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן. זי האָט באמת נישט געוואָלט זיין קיין פירערין, אָבער זי האָט דאָך נישט געקאָנט פאַרווערן דעם אַרום זיך צו באַציִען צו איר ווי צו אַן אויסנאַם־מענטש. אַזוי איז זי פאַרבליבן ביזן לעצטן אָטעמצוג פון איר געבענטשטן לעבן.

ווען די ידיעה וועגן דעם טויט פון צביה לובעטקין האָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגן איבער דער יידישער וועלט, האָט אַ טיפער טרויער אַרומגענומען גרויסע מאַסן: סיי די וועלכע האָבן זי געקענט פערזענלעך, פון דער נאָענט, און אויך אומצייליקע אַנדערע וואָס האָבן געוווסט וועגן איר, וועגן איר לעבנסגאַנג...

1978

דער דיכטער יוסף רובינשטיין

אַזוי ווי ער האָט געלעבט, אין געאײַל, יאָגנדיק אַ ליד נאָך אַ ליד, אַ בוך נאָך אַ בוך, אין כּסדרדיקן געלויף אַרויסצובריענגען אַ פרישן געדאַנק, אַ נייעם פערז, אַ בליציקן פּאָעטישן אַפאָריזם — אַזוי איז ער אויך אַוועק פון אונדז: שנעל, אײַליק אַריבערגעפירט זיין ווערא אין מדינת־ישׂראל, נישט באַוויזן אַפילו זיך צו באַטייליקן אין איר לוויה, און שוין, נישטאָ מער יוסף רובינשטיין, איבערגעלאָזט אַ גאַנץ בוך פּאָעזיע אין דרוק, עטלעכע ביכער אין מאַנוסקריפּט — און פאַרשווונדן.

אַזאַ איז ער שטענדיק געווען: אַ שטיק קאָכעדיקע ענערגיע, אַן אומ־אויסשעפּלעכער געדאַנקען־קוואַל, וואָס האָט זיך געריסן צום אויסדרוק, אַ „בור סיד שאינו מאבד טיפּה״, אַ קאַלכגרוב וואָס קיין איין טראָפּן אירער ווערט נישט פאַרלוירן. אַלץ וואָס רובינשטיין האָט אין זיינע עטלעכע און זיבעציק יאָר פון זיין לעבן געזען, געהערט, דערשפּירט און איבערגעלעבט, איז פאַרבליבן אין זיין מוח, אין זיינע געפילן, אין זיינע קינסטלערישע אויגן. און געלעבט האָט ער שטאַרק אינטענסיוו, זיין בליק אַזוי טיף־דרינגענדיק, זיין געמיט אַזוי איבערוועלטנדיק, אַז די איבער זיבעציק יאָר זענען געווען ווייט נישט גענוג אויף אַרויסצובריענגען מכּוח אל הפּועל, אַרויסצוזינגען אויפן פּאַפּיר די פרייד און דעם טרויער, דעם אומעט און דעם פּראָטעסט, די קינות און די בענקשאַפט פון אַ לעבן, וואָס איז געווען איבערפולט מיט אַזאַ שפע פון זעערישקייט און געפיל, וואָס עס איז נישט יעדן בשׂר־ודם באַשערט צו זיין געבענטשט דערמיט. טאַקע די אַ בהלהדיקע אויסכאַפּעניש לאָזט דאָס איבער אַזאַ ביטערע שפּירונג פון פאַרלוירנקייט, פון צעטומלעניש ביי אַלע די וואָס זענען געווען נאָענט מיט אים, און אַ שווערן אומעט ביי אַלע ליבהאָבערס פון יידישער ליטעראַטור.

איך האָב אים געקענט פון דער פריסטער יוגנט זיינער, נאָך איידער ער האָט געשטעלט זיינע, נאָך אומזיכערע, שריט אין דער יידישער פּאָעזיע.

איך געדענק אים נאָך פון וואַרשע אין די מיטעלע צוואַנציקער יאָרן. שוין דעמאָלט איז ער געווען אַזוי אומרויק, אויסגעטיילט זיך פון דעם אַרום מיט זיין דירעקטקייט, אַפילו שפּיציקייט; קיין מאָל קיינעם נישט נושא־פּנים געווען און דערמיט זיך איינגעקויפט נישט ווייניק שונאים. אָבער גלייכצייטיק געצווונגען דרך־ארץ צו זיינע שאַפונגען. זיין טאַלאַנט האָט שוין אין זיינע יינגע יאָרן, געשפּרודלט פון אים איבער די ברעגעס. אין יענער צייט, ווען יידישע שפּראַכקינסטלערס האָבן זיך ממש „געוואַלגערט אין די גאַסן״, אין דעם סאַמע בלי־פּעריאָד פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, ווען אויף בײדע זייטן פונעם אוקינוס האָבן זיך געשטויסן צום אויבן־אָן אַזעלכע ריזן ווי לייוויק, אָפּאַטאָשו, א. גלאַנץ־לעיעלעס, און אַ גאַנצע פּלעיאַדע יונגע גרויסע טאַלאַנטן, אין אַלע ליטעראַטור־פאָרמען, און אין פּוילן גופא האָבן געקיניגט שלום אַש, ה. ד. נאָמבערג, די צייטלינס, און עס האָבן שוין געשטורעמט די יונגע חיים גראַדע, אַברהם סוצקעווער און אַנדערע — אין אָט דער צייט איז געווען גאָרנישט לייכט פאַר אַזאַ „גרינעם״ פּאָעט ווי יוסף רובינשטיין צו קריגן פונעם יידישן פּען־קלוב די י. ל. פּרץ־פּרעמיע, די צומייסטנס פּרעסטיזשפולע ליטעראַטור־אויסצייכענונג אינעם פאַרמל־חמהדיקן פּוילן. רובינשטיין האָט עס געקראָגן בלויז צוליב זיין פּאָעטישן טאַלאַנט.

דאָס ערשטע בוך לידער, וואָס רובינשטיין האָט פאַרעפנטלעכט אונטערן נאָמען „מאָדעלן״ (פאַר דעם בוך טאַקע איז ער באַערט געוואָרן מיט דעם פּרייז פונעם פּען־קלוב) איז געווען אַ נייעס אין דער דעמאָלטיקער יידישער פּאָעזיע. רובינשטיין ווייזט אַרויס אין זיינע „מאָדעלן״ אַ טיפע פאַרשטענדעניש נישט בלויז פאַר געשעענישן נאָר אויך פאַר דער סטאַטיק פונעם לעבן. ער גיט דאָרט נישט דעם פאַרהאַוועטן, טעטיקן, טועדיקן מענטשן, נאָר דאָס בילד פון מענטשלעכן אָביעקט דורך די דוממדיקע פּראָדוקטן וועמענס לשון ער, דער מייסטער־דיכטער, פאַרשטייט־ און קליידט זיי אָן מיט לעבן. אַ נייעס: פענצטער דערציילן, אויסגעשטעלטע מאַנעקינען פירן אַ דיאַלאָג, דער קוימען טרוימט:

די וואָלקנס רוען אָפּ אַ ווײלע זיך פון וועג
און איילן זיך מיט אויפגעשטעלטע בוידן.
דער קוימען טרוימט: ער וויל מיט זיי אַוועק,
פון דאַך אַוועקגיין און פון אַלטן בוידעם.

דאָס איז די מיטלסטע סטראָפע פון אַ ליד אין וועלכן דער יונגער דיכטער וויל געבן די אַטמאָספער פון מידער שקיעה־שטימונג אין דעם שטעטל, וואָס ליגט פאַרשלאָפן און פאַרבענקט צו דעם וייטן, מיטצושווימען מיט די וואָלקנס, אַוועק פונעם אַלטן דאָך צו דער אומענדלעכקייט פונעם וואָלקנגאַנג.

באַלד פון אָנהייב פון זיינע „מאָדעלן" דערקלערט רובינשטיין קלאָר, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אַ קלייניקייט באַר, אַז:

דער אומעט רעדט צו מיר אויף אַלע שפּראַכן
אין גלאַנץ פון גאָלד, אין גרויקייט פונעם שטויב;
כ׳פאַרשטיי דעם לשון פון די טויטע זאַכן,
דעם סקריפּ פון טיר, דעם ווונק פון שויב.

און כאָטש ס׳איז טאַקע אמת, אַז פון זיינע ערשטע לידער הויכט אַראָפּ אַ שטילער אומעט, קאָן פון דעסטוועגן רובינשטיין אין זיינע יוגנט־לידער נישט אין גאַנצן פאַרבאַהאַלטן זיין ברויזנדיקע ענערגיע הינטער דעם טרויער, וואָס ער דערזעט און דערפילט, אַפילו אין דער סטאַגנאַציע פון „די טויטע זאַכן". עס רייסן זיך אַריין אין זיינע לידער זעונגען פון באַוועגונג, פון לעבעדיקע קאָנטאַקטן, אַפילו פון אַפּלאַכערישקייט, יאָ, אויך פון אַרויסרופּע־רישקייט:

אַזוי, למשל, אין דער לענגערער פּאָעמע „שויפענצטער", רודערט ער אויף די מאַנעקינען, שטויסט זיי איינעם צום אַנדערן און רוקט זיי צוריק ברוגזדיק:

אין שויפענצטער די בלוזקע שמייכלט צניעותדיק פאַרשפּילטע
דאָס ווייסע שפּיצן־קעלנערל בלייבט אומעטיק פאַרשעמט:
די ברוינע מענער־הענטשקעס ווילן גיריקע זיך שפּילן
מיט אָפּגעבלויזטן לייב פון ראָזן דאַמען־העמד.

די מענער־הענטשקעס האָבן שוין פאַרראַטן די פּיזשאַמע,
די זאָקן און אַפילו שוין דאָס קליידל ביי דער שויב.
דאָס העמד איז אַ יתומהלע פאַרעלנט אָן אַ מאַמע,
עס ראַזיקט זיך נאָך שעמעוודיק, אין מענער־רייד פאַרגלויבט.

פאַרפוצטע דאַמען־שירעמלעך, מיט מינעס מאָדנע־קלוגע,
ווי עלטערע קאַקאַטקעס צווי, ווינקען צו דעם זאַק,
דער שטעקן מיט דער זילבערהאַנט, פאַר איפּערזוכט משוגע,
האָט אומבאַמערקט פאַר קיינעם, זיך געהאַנגען אויף אַ האַק.

רובינשטיין שפּילט זיך דאָ, אין מיטן פון דער פּאָעמע מיט אַ נאַיִווער ליבשאַפט־טעמע, וואָס פּאַסט זיך שווער אַריין אין דעם אומעט וואָס ער וויל אַנוואַרפן אויפן לייענער אין אַנהייב פון זיינע „מאָדעלן". ווייל בעצם איז דער דאָזיקער יונגער דיכטער, אויף זיינע ערשטע וועגן, געווען גלוסטיק פאַרליבט אין די העלע, ליכטיקע זייטן פון לעבן; ווי ער זאָגט עס אַליין אין זיין כמו הקדמה:

די לידער טראָגן אויף זיך דעם חותם פון יענע הערלעכע
טעג ווען די וועלט האָט מיך נאָך געלאָקט מיט אַלע
אירע פרילינגען און עלעגישע שמייכלען.

דער פּאָעט איז שוין ווייט נישט געווען אַזוי שטאַרק פּאַראומעטיקט אין יענער צייט, אדרבה, ער האָט שטיפעריש, באַחנט, זיך צעלאָזן אין אַ קאַראַהאָד מיט די גראָטעסקע שילדן אויף נאַלעווקער גאַסן און אָפּגעשפּעט פון דער אומאָרדענונג פון חפצים „וועמענס שפּראַך ער פאַרשטייט":

אַ שילד פון אַ ליטוואַק, געלאַסן און קאַלט
זאָגט מוסר: „רבותי, ס'איז ממש אַ גוואַלד!
ס'איז אַלץ דאָך קאַפּויער! אָט קוקט, ביים קאַרניז
פון זאַקן, אַ שילד הענגט אַרויף מיט די פיס,
און אונטן, אויף טיר פון דעם קעלער אַראָפּ,
אַ קאַפּעליוש־שילד הענגט פאַרקערט מיטן קאָפּ.

דאָס איז נישט קיין אומעט. פאַרקערט: מען קאָן דאָס באַצייכענען אַפילו ווי זאָרגלאָזיקייט, חוזק, הומאָר, סאַטירע, אַ מין מאַנגערישע יוגנטלעכע פריילעכע צעלאָזנקייט.

די זעלבע יוגנטלעכע, שפּילעוודיקע אַפּלאַכערישקייט קאָן מען אויך באַמערקן אין פיל אַנדערע פּאָעמעס אין די „מאָדעלן".

נישט אין אַלע „מאָדעלן" איז רובינשטיין אַזוי זאָרגלאָז צעשמייכלט. ער האָט שוין דערמאָלט אַזוי ווי געפילט דעם יאָך פון ציבור, אַז ער איז צוליב עפּעס פאַראַנטוואָרטלעך פאַר מער ווי פאַר זיך אַליין. דער דאָזיקער אָפּגעהיטענער אינדיווידואַליסט, וואָס האָט אָרגאַניש נישט געקאָנט פאַרטראָגן קיין דיסציפּלין פון דרויסן, וואָס האָט פיל מאָל אויסגעלאַכט זיך פון אָנגענומענע געזעלשאַפטלעכע פאָרמען, וואָס האָבן געגאָלטן אין זיין צייט, האָט אין זיין גאַנצן לעבן געפילט אַ פּערזענלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַ גרעסערן קאָלעקטיוו. צי דאָס איז געווען די צוגעבונדנקייט צו דער געזעלשאַפטלעכער סביבה פון זיין יוגנט, וואָס ער האָט געטראָגן מיט זיך איבער אַלע זיינע וואַנדערונגען און צום סוף זי אַרויסגעבראַכט אין זיינע שפּעטערדיקע שאַפונגען; צי עס איז געווען שפּעטער, דאָס מאַרטירערטום פון זיינע מיטצייטלערס, וואָס ער האָט מיט אַזאַ קינסטלערישער קראַפט אַרויסגעיאָמערט אין זיין טרילאָגיע — ער האָט זיך געפילט נישט נאָר באַרופן, נאָר אויך מחויב, צו ברענגען פאַרן כלל זיין יחידישן בליק אויף דער מגילה פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט וואָס האָט זיך געוויקלט פאַר זיינע אויגן. אין זיינע „מאָדעלן" זוכט ערשט רובינשטיין זיין וועג; ער איז נאָך אַ ביסל צעטומלט, סיי פון די זונשטראַלן וואָס צעגיסן זיך איבער זיין יונגן, לעבנסלוסטיקן לייב און לעבן, און סיי פון די טונקעלע שאָטנס, וואָס ער דערזעט אין אַלע ווינקעלעך פון זיין דירעקטן אַרום. ער ברענגט די דאָזיקע אומזיכערקייט זיינע צום בעסטן צום אויסדרוק אין איינעם אַ דריי־סטראָפיקן ליד: „צי ווייסט די בלינדע וואַנט ?":

צי ווייסט די בלינדע וואַנט, אַז זי איז בלינד ?
פאַרשטייט די קרומע טיר אַז זי איז קרום ?
עס קאָן דאָך זיין: דער שמעקעוודיקער ווינט
קאָן אפשר גאָר אין גאַנצן נישט די בלום.

דער קלאָרער טאָג ברענגט זון מיט זיך און ליכט
די נאַכט קומט שאָטנדיק פאַרשלייערט און פאַרהילט
צי קען דער טאָג אַליין זיין העל געזיכט ?
צי זעט די נאַכט איר אייגן שאָטן־בילד ?

א שטערן האָט געפירט מיַן צו אַ ברעג,
דער מילכוועג האָט געוועקט צום אין־סוף מיַין פאַרלאַנג;
דער שטערן, קאָן דאָך זיַין, זוכט אויך אַ וועג,
דער מילכוועג איז, ווי איך, פאַרלוירן אין זיַין גאַנג.

דאָס איז געווען דעם דיכטערס ערשטער, וואַקלדיקער גאַנג אין לעבן: ער האָט געגאַרט נאָך גרינע פרילינגען, אָבער נישט געקאָנט גובר זיַין די דראַמאַטיש־טרויעריקעווירקלעכקייט פון ייִדישן לעבן פון דער חורבן־צייט.

דער אַ געפּיל פון „האָבן פאַרלוירן זיַין וועג" האַלט אָן ביי רובינשטיינען אַזוי לאַנג ווי עס איז אומקלאָר די ריכטונג אין וועלכער עס קערט זיך די וועלט צווישן די צוויי מלחמות; אין דער עפּאָכע ראַנגלט זיך דער דיכטער מיט זיַינע אייגענע, יחידישע נשמה־וויבררונגען, זוכט אָן אָנהאַלט אין דער אידעען־וועלט, וואָס האָט זיך דאַן אויסגעשפּרייט ווי אַ קלאָרער הימל איבער דער מאָדערנער ייִדישער וועלט; ער נעמט זיך אָן מיט באַגייסטערונג אויף די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס אויף די וואַרשעווער גאַסן, ווערט פאַרשיכורט פון דעם אידעיִשן זיווג פון ארץ־ישׂראל און וועלט־באַפרייונג, און שפּרייזט, זוכנדיק, צווישן קאַרמעליצקע 23 און טלאָמאַצקע 13.

דאָס דויערט אַזוי לאַנג ביז די וועלט ווערט משוגע און עס הייבט זיך אָן דער אומבאַגרייפלעכער מבול וואָס פאַרשווענקט, מיט רציחה, טויזנט יאָר ייִדיש לעבן אין דעם „ציוויליזירטן" מערב און פאַרפּלייצט, אַכזריותדיק, אַלע קולטור־שפּראָצונגען אינעם „רעוואָלוציאָנערן" מיזרח.

עס ווערט דאַן געבוירן אַ נייער רובינשטיין. ער וואַקלט זיך נישט מער, ער ווייסט זיַין וועג און ער גייט אויף אים נישט געקוקט אויף אַלע שטרויכלונגען וואָס לייגן זיך אויף זיַין שליאַך; רובינשטיין לייגט דאַן אַוועק זיַין פעדער אויף אַ ווייל: ער מוז איבערקאָכן אין זיך אַלץ וואָס זיַין אויג האָט דערבליקט אין דער וועלט פון רשעות; ער מוז דערציילן און פאַרקלאָגן; ער מוז זיַין דער עדות און דער אָנקלאָגער פון אַ וועלט וואָס קליידט זיך אין פעדערן פון צביעות, בעת זי באָדט זיך אין ימים בלוט פון פעלקער און קולטורן.

אָט די ראָלע זיַינע פירט רובינשטיין אויס מיט גרויסער נאַציאָנאַל־פּאָעטישער קראַפט אין זיַין טרילאָגיע „מגילת רוסלאַנד", „חורבן פוילן" און

„יציאת אייראָפּע״. דאָס דאָזיקע מאָנומענטאַלע ווערק מוז אויספירלעך, באַזונדער באַהאַנדלט ווערן.

דאָ האָב איך בלויז געוואָלט אָנוואַרפן עטלעכע שטריכן פון מיין, אַזוי אומגעריכט־אויסגעכאַפּטן פריינד און חבר יוסף רובינשטיין, וועלכער איז אויך געווען אינטים פאַרבונדן מיט אונדזער באַוועגונג פון לינקע פועלי־ציון פון די ערשטע, פרילינגדיקע טעג זיינע.

מאַי, 1978

משה ערעם

(איינער פון די לעצטע „ראשונים")

פון דער גרויסער און אייגנאַרטיקער פּלעיאַדע פּיאָנערן־בויערס און גרונטלייגערס פון סאָציאַליסטישן ציוניזם — פון די פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן פאַרלייגט די יסודות פון יידישער נאַציאָנאַל־טעריטאָריאַלער זעלבשטענדיקייט אין ארץ־ישראל — זענען שוין זייער ווייניק געבליבן. די ליסטע פון טעאָרעטיקערס און חלוצישע פאַרגייערס פון פּראָלעטאַרישן ציוניזם, וועלכע געהערן שוין אויך צו די געשיכטלעכע אַנאַלן, איז לײדער אַ זייער גרויסע. איצט וועט אויף דעם צעטל אויך פיגורירן נאָך אַ ליכטיקער נאָמען. שבת דעם 14 אָקטאָבער איז אין מדינת־ישראל נפטר געוואָרן דער וועטעראַן פון פּועלי־ציון, געוועזענער מיטגליד פון דער כנסת, פּאָליטישער פירער, שרייבער און רעדנער, משה ערעם.

זיין פּטירה האָט אַרויסגערופן אויפריכטיקן טרויער אין די ברייטסטע קרייזן פון דער ישראלדיקער באַפעלקערונג. געוויינלעך קלינגט שוין אַזאַ זאַך אַ ביסל באַנאַל. ס'איז שוין, קאָן מען זאָגן, אַן אָפּגעריבענע מטבע, דאָ אָבער איז דאָס דער סאַמע אמתדיקער אויסדרוק פון אַ שטימונג וואָס האָט באַהערשט די געמיטער פון טויזנטער חברים וועלכע האָבן געקענט ערעמען פּערזענלעך און אָפּגעשאַצט זיין אייגנאַרטיקע ראָל אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, ווי אין דער מדינה בכלל.

מחמת ערעם האָט נישט געהערט צו דער הערשנדיקער פּאַרטיי אין ישראל, האָט ער קיין מאָל נישט פאַרנומען קיין הויכן מלוכה־אמט. אָבער זיין השפּעה האָט זיך פון דעסטוועגן אויסגעשפּרייט איבער גאַנץ באַדייטנדיקע שטחים פון דעם ישראלדיק־פּאָליטישן פּייסאַזש.

געבוירן אין אַ שטעטל לאַדי, איז משה ערעם אין זיינע יינגסטע יאָרן פאַרכאַפּט געוואָרן פון די אידעען פון סאָציאַליסטישן ציוניזם וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן אין די לענדער פון מיזרח־ און צענטראַל־אייראָפּע. ער איז געקומען צו דער פּועלי־ציון באַוועגונג; און אין זיינע פריע צוואַנ־

ציקער יאָרן איז ער שוין אַ ווינטיקער מיטגליד און וואָרטזאָגער פון דעם ליטווישן צענטראַל־קאָמיטעט פון פועלי־ציון. געווען איז ער אַ לערער, אָבער גלייכצייטיק שטאַרק באַטייליקט אין די הייסע וויכוחים וואָס זענען דעמאָלט געפירט געוואָרן אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג וועגן דעם ענין „אָריענטאַציע". ערעם האָט, ווי אַ סך פון זיין דור, שטאַרק געהאָפט אויף וועלט־ און פאָלק־אויסלייזונג וואָס וועט קומען אַ דאַנק דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אָבער גלייכצייטיק האָט ער ליידנשאַפטלעך באַקעמפט יעדן פרווו אָפּצושוואַכן דעם ציוניסטישן געדאַנק און טאַט.

אין עלטער פון 28 יאָר, אין יאָר 1924, פאַרלאָזט ערעם מיט זיין פרוי ריבה די מיזרח־אייראָפּעישע לענדער ווו ער איז געווען פּאָליטיש טעטיק ווי אַן אָנפירנדיקער מיטגליד פון וועלט־פאַרבאַנד־ביוראָ פון פועלי־ציון. ער איז עולה קיין ארץ־ישראל ווו ער פאַרבלייבט שוין ביזן סוף פון זיין לעבן. אָנגעקומען אין לאַנד, שטעלט ער זיך אַרבעטן ביי בנין, אַ שווערע פיזישע אַרבעט, וואָס איז אָבער דעמאָלט באַטראַכט געוואָרן ווי איינע פון די סאַמע וויכטיקסטע אויפגאַבעס, אין וועלכע דאָס לאַנד נייטיקט זיך. נאָך התישבות, איז בנין געווען דאָס שיינדל פון ישוב. ער האָט באַלד געוווּנען די סימפּאַטיע פון די אַרבעטער סיי מיט זיין אויסערגעוויינלעכן אינטעלעקט, און סיי (און אפשר הויפּטזעכלעך) מיט זיין פערזענלעכער אויפפירונג אין טאָג־טעגלעכן לעבן, זיין פשטות, זיין ביטול צו געלט, זיין צאַרנדיקער קאַמף קעגן יעדן מין קאָרופּציע און בכלל זיין צניעותדיק־פערזענלעכער און געזעלשאַפטלעכער גאַנג האָבן געדינט ווי אַ מוסטער פאַר זייער פיל חברים.

דער שטילער און באַשיידענער משה ערעם האָט אָבער געברויזט מיט אַ שטורעמדיקן דראַנג בייצוטראָגן זיין אייגענעם חלק צו דער פאַרבעסערונג פון די לעבנס־באַדינגונגען פון דער גרויסער מערהייט פון דעם מענטשלעכן מין און מיט אַ ברענענדיקן פאַרלאַנג צו פאַרענדיקן מיטן אייביקן יידישן גלות. דערפון זיין טאָפּלטע ליידנשאַפט: אַלגעמיינע רעוואָלוציע און בנין־הארץ. נישט געווען ביי ערעמען קיין מוקדם ומאוחר אין די דערמאָנטע צוויי צילן. פאַר בײדע האָט ער געקעמפט מיט אַלע כוחות. די אַרבעטער האָבן זיך דערקענט אויף זיין ערלעכקייט און איבערגעגעבנקייט און אים באַלוינט מיט שיקן אים אין כנסת, אין אירע ערשטע פינף קאַדענצן. הגם ערעם האָט געהערט צו דער פירערשאַפט פון „לינקע פועלי־ציון" — אַ מינדערהייט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג — איז ער, אין משך פון גאַנצע צוואַנציק יאָר,

אויסגעקליבן געוואָרן ווי אַ שליח־ציבור פון ישׂראלדיקע סאָציאַליסטן צו פאַרטרעטן זייערע אינטערעסן אין דעם ישׂראלדיקן פּאַרלאַמענט.

כאַראַקטעריסטיש איז געווען די באַציִונג צו אים מצד זיינע פּאָליטישע קעגנערס. איך געדענק אַזאַ פאַל: אין 1930 איז אין בערלין פאָרגעקומען דער „קאָנגרעס פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישׂראל". עס זענען זיך דאָרט צונויפגעקומען איבער פינף הונדערט דעלעגאַטן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער גאַרער וועלט. ווער איז עס דען דעמאָלט נישט געווען אויפן קאָנגרעס? מסלתה ומשמנה פון אַרבעטער־ציוניזם; אָנהייבנדיק פונעם „השומר הצעיר" ביז די עקסטרעם־רעכטע פון מפא"י. אַ באַדייטנדיקע דעלעגאַציע איז אויך געקומען פון דער וועלט־באַוועגונג פון לינקע פּועלי־ציון אין פיל לענדער. די באַציִונגען צווישן די זיבעציק דעלעגאַטן פון די לינקע און דער מפא"י־אָנפירונג — וועלכע איז געשטאַנען הינטער דוד בן־גוריון — זענען געווען אָנגעשטרענגט די גאַנצע צייט פונעם קאָנגרעס. אָבער באַזונדערש געשפּאַנט זענען זיי געוואָרן אויף דער לעצטער נאַכטזיצונג. די הייסע אידעאָלאָגישע דיסקוסיעס, וואָס האָבן זיך געפירט אין משך פון אַ גאַנצער וואָך, האָבן איבערגעלאָזט זייער רושם אויף די דעלעגאַטן. זענען זיי געקומען צו דער שלוסזיצונג מידע און אויסגעשעפּטע. שפּעט ביי נאַכט רופט בן־גוריון אויס: „רשות הדיבור למשה ערעם". חברים קוקן זיך אַרום: ערעמען זעט מען נישט אין ערגעץ אין זאַל. ערשט מיט מינוטן שפּעטער געפינט מען אים אַ פאַרמאַטערטן דרימלען אויף אַ באַנק אין איינעם פון די קאָרידאָרן. ווען מען וועקט אים אויף, לויפט ער גלייך צו דער טריבונע און הייבט אָן זיין רעדע מיט די ווערטער: „אָט דער דאָזיקער קאָנגרעס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט תקיפות, שליסט זיך אין דער זעלבער ליניע". דער זאַל צעשטורעמט זיך. די מפא"י־דעלעגאַטן, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט די גרויסע מערהייט אויפן קאָנגרעס, רייסן זיך אויף פון זייערע ערטער; און עס קומט אָן בן־גוריונען גענוג שווער צו באַרויִקן דעם עולם. צום סוף ווענדט זיך בן־גוריון צום רעדנער מיט די פאָלגנדיקע ווערטער: „ווען דו וואָלסט נישט געווען משה ערעם, וואָלסטו שוין פון דער טריבונע נישט גערעדט — תמשיך"... איך דערמאָן אָט דעם עפּיזאָד, וואָס כ'האָב אַליין ביייגעווינט, כדי אונטערצושטרייכן דעם אומגעוויינלעכן דרך־ארץ פון וועלכן ערעם האָט גענאָסן מצד אַלע אָנפירערס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

נישט קלענער איז געווען די טיפע פריינדשאַפט וואָס עס האָט געפילט

גאָלדע צו ערעמען. בעת עס איז געשען דאָס אומגליק מיט ריבה ערעם, איז גאָלדע געווען אין אויסלאַנד. ווען זי האָט זיך אומגעקערט, איז זי גלייך אַוועק צו ערעמען אים מנחם־אָבל זיין און איז דאָרט אָפּגעזעסן קנאַפּע צוויי שעה.
אויך די ייִנגערע אָנפירערס פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי האָבן געהאַט אַ טיפן דרך־ארץ פאַרן אַלטן פּועלי־ציון־קעמפער. סיי יגאל אַלון און סיי משה דיין האָבן אַרויסגעוויזן זייער באַציִונג ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן. משה ערעמס הצנע־לכת אין פּערזענלעכן לעבן האָט אָבער אויף קיין האָר נישט אָפּגע־שוואַכט זיין קאַמפּפייער ווען עס איז געקומען צו ענינים פון אידעאָלאָגיע. אין וואָרט און אין שריפט, אויף אומצאָליקע פאַרזאַמלונגען און אין זייער אַ סך אַרטיקלען און בראָשורן האָט ער געקעמפט פאַר זיין אמת. ער איז געווען נישט בלויז אַ נאה דורש נאָר אויך אַ פּראַקטישער פאַרווירקלעכער. אַ סך חברים אין די גלות־לענדער געדענקען נאָך זיכער זיינע רייזעס אין דער גאַנצער ייִדישער וועלט, צוזאַמען מיטן אַראַבישן טוער נאַדזשיב, אין נאָמען פון דער דעמאָלטיקער „אַנטיפאַ״ — אַן אַנטי־פאַשיסטישע אָר־גאַניזאַציע וואָס ערעם איז געווען איר גייסטיקער מנהיג און זי האָט געהאַט אַ טאָפּלטן ציל: ברענגען צו דער וועלט די רעאַקציאָנערע מעשׂים פון דער מאַנדאַט־אַדמיניסטראַציע אין ארץ־ישׂראל און דעמאַנסטרירן, אַז עס איז מעגלעך אַ ייִדיש־אַראַבישע צוזאַמענאַרבעט.

מיט זיין אומדערמידלעכער טעטיקייט צווישן אַראַבישע אַרבעטער האָט ערעם זיך דערוואָרבן אַ שלל מיט ליבשאַפט צווישן אַראַבישע מאַסן אין לאַנד. איך אַליין בין אַן עדות פון דער אַכטונג און דרך־ארץ וואָס ער האָט אַרויסגערופן ביי זיינע אַראַבישע תלמידים. ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן בין איך געווען מיט אים אויף אַראַבישע אונטערנעמונגען, ווו מען האָט אים אַרויסגעוויזן אַ סך ליבשאַפט. אַזוי אויך אויף אַראַבישע חתונות און און צערפולע מאָמענטן.

אידעיִש איז ערעם געבליבן אַ תלמיד־ותיק פון בער באָראָכאָוו און זיין לערע. ערשט לעצטנס איז אַרויס פון דרוק ערעמס אַן אַרבעט „משנתו של בורוכוב במבחן זמננו״. ערעם באַמיט זיך דאָרט צו באַווייזן, אַז אין ליכט פון דער געשעענישן־אַנטוויקלונג אין ייִדישן לעבן, אין לויף פון לעצטן האַלבן יאָרהונדערט, האָט באָראָכאָווס תורה, בדרך־כלל, אויסגעהאַלטן דעם געשיכטלעכן פּרווו.

אויסער טעאָריעס, האָט ערעם זיך אויך אַקטיוו באַטייליקט אין דעם

טאָג־טעגלעכן קאַמף פאַר דער אויסקריסטאַליזירונג פונעם פועלי־ציון־געדאַנק. די באַוועגונג האָט אים אַ סך צו פאַרדאַנקען וואָס די פאַרשיידענע ליקווידאַציע־פּרוּוון פון פּאַלעסטיניזם אין דער פּאַרטיי זענען צעבראָכן געוואָרן. ערעם איז נישט איין מאָל געקומען קיין פּוילן בכדי צו העלפן אויסשליסן די ליקווידאַטאָרישע עלעמענטן פון דער באַוועגונג. זיין לאַנג־יאָריקער קאַמף קעגן דער יעווסעקציע און זיין געראַנגל פאַרן פּאַלעסטינע־צענטריזם זענען אַ פּרעכטיק קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דעם פּראָלע־טאַרישן ציוניזם.

נישט געקוקט אויף אַלע גרויזלשאַפטלעכע שטורעמס, וואָס די ציוני־סטישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט דורכגעמאַכט אין היינטיקן יאָרהונדערט, איז משה ערעם געשטאַנען פעסט ווי אַ פעלדז ביי דער פּאַרטיידיקונג פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַלע אירע גייסטיקע און אידע־אָלאָגישע גילגולים.

אָבער גלייכצייטיק איז דער ליידנשאַפטלעכער קעמפער פאַר זיינע איבערצייגונגען נישט געווען בלינד צו די פּראָצעסן וועלכע קומען פאָר אין יידישן לעבן אויסער די ראַמען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט געהאַט אַ חוש פאַר אַלע פּאָזיטיווע אויפטוען ביי יידן; און ער האָט געקאָנט אויסשיילן דאָס גוטע — וואָס ער האָט אַקצעפּטירט — פונעם פּסולת, וואָס ער האָט אָפּגעוואָרפן און באַקעמפט. אַזוי, למשל, האָט ער געהאַט אַ ספּע־ציעלע באַציִונג צו דער באַוועגונג פון חב״ד (ליובאַוויטש).

משה ערעם איז געבוירן געוואָרן אין דעם שטעטל ליאַדי, וווּ עס איז געבוירן דער גרינדער פון דער חב״ד־דינאַסטיע וועלכע האָט זיך אַזוי שטאַרק פאַרשפּרייט איבער דער יידישער וועלט. אָבער נישט אָט דער צופעליקער טראַף איז געווען דער הויפּט־גורם פון ערעמס דרך־ארצדיקער באַציִונג צו ליובאַוויטש. ער האָט מיר איין מאָל געזאָגט, אַז ער שאַצט אין חב״דער חסידות דעם מאָמענט פון אהבת־ישׂראל; איינער פון די גרונט־מאָטיוון פון זייער גאַנג אין יידישן לעבן. ערעם האָט מיך און מיין פרוי און נאָך אַ חברים־פּאָרל איין מאָל (אויב מיין זכרון פאַרפירט מיך נישט, איז עס געווען צו אַ פייערונג פון 140 יאָר זינט דער באַפרייונג פונעם אַלטן רבין פון דער צאַרישער תפיסה), מיטגענומען אין כּפר־חב״ד, נישט ווייט פון תל־אָביב. איך האָב דערזען מיט שטוינונג מיט וועלכן כבוד מען נעמט דאָרט אויף מיין חבר משה ערעם: „ברוך הבא, ר׳ משה״. מען האָט אונדז אַלעמען (אַחוץ

די פרויען, וואָס מען האָט באַזעצט אויף דער גאַלעריע פון דער ריזיקער שאָפּע) אַרויפגעפירט צום אויבנאָן, ווו עס איז שוין געזעסן דער דעמאָלטיקער נשׂיא זלמן שז״ר ז״ל, מיט אַ גאַנצער סוויטע פּן הויכע מלוכה־באַאַמטע און מיליטער־פירערס. באַלד האָט משה זיך פאַרוויקלט אין אַ דביקותדיקן ריקוד מיט חב״דניקעס וועלכע זענען נאָר וואָס אָנגעקומען פון סאָוויעטן־לאַנד. ערעמס אומגעשטילטער דורשט נאָך יושר האָט לייכט געקאָנט געפינען זיין אויסדרוק סיי אין שטורעמדיקע דעמאָנסטראַציעס פון אַרבעטער־מאַסן, פונקט אַזוי ווי אין חסידישער התלהבות פון אהבת־ישׂראל.

מיין חבר, פירער און לערער משה ערעם איז שוין אויך פאַרשוווּנדן. ער איז געווען איינער פון די לעצטע ראשונים. זיין פטירה פאַרטונקלט (זיכער אויף אַ וויילן) די האָריזאָנטן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

ווי באַליבט משה ערעם איז געווען אין לאַנד, קען אויך דינען דער פאַקט וואָס דער שטאָטראַט פון תּל־אָביב האָט אים, מיט אַ קורצער צייט צוריק באַערט מיטן טיטל „יקיר תּל־אָביב״. אויף אונדזער לשון וואָלט דאָס געמיינט: רעספּעקטירטער בירגער פון תּל־אָביב. פאַקטיש אָבער באַטייט עס מער. דאָס איז אויך אַן אויסדרוק פון ליבשאַפט, נישט בלויז אַכטונג.

אין דער לעצטער צייט האָט ערעם זיך לגמרי געווידמעט דעם ציל אויפצושטעלן אַ מאָנומענט לזכרון די ראשונים פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג אין דער וועלט. ער האָט מיר איין מאָל געזאָגט בדרך הלצה: באַראַכאָוו האָט אַ מאָל געזאָגט, אַז פאַר זיינע פאַרדינסטן לטובת די יידישע אַרבעטער אין פּוילן, ליטע און דאָ אין לאַנד, וועט מען דעם „בונד״ אויפשטעלן אַ גאָלדענעם מאָנומענט אין אַ יידישער מדינה... און ערעם האָט צוגעגעבן: פאַרן „בונד״, יאָ, און פאַר פּועלי־ציון ?..

דער בנין אויף רחוב ברענער אין תּל־אָביב, איז שוין כּמעט אין גאַנצן פאַרענדיקט. דאָרט וועלן פאַראייביקט ווערן די נעמען פון אומצייליקע חברים און פריינד פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישׂראל וואָס געפינען זיך שוין אויף „יענער זייט״. ליידער האָט אונדזער ערעם, וועלכער האָט אַריינגעלייגט אַזוי פיל כּוחות אין דער אויפגאַבע, נישט דערלעבט דעם חנוכּת־הבית פון אָט דעם אייגנאַרטיקן דענקמאָל וואָס די באַוועגונג שטעלט אירע ראשונים. חבל!

נאָוועמבער, 1978

מאַקס פעדערמאַן —
דער גראָדליניקער פועלי־ציוניסט

איך ווייס נישט גענוי ווי לאַנג פעדערמאַן איז שוין אַ מיטגליד אין דער פאַרטיי. איך האָב אים קיין מאָל נישט געפרעגט ווי אַלט ער איז און ער אַליין איז קיין מאָל נישט געווען גרייט זיך צו באַרימען מיט זיין „וועטעראַנישקייט" אין דער באַוועגונג... איין פאַקט איז אָבער זיכער: בעת איך בין, אין יאָר 1940, אָנגעקומען קיין אַמעריקע, איז שוין דער נאָמען מאַקס פעדערמאַן געווען באַקאַנט אין דער יידישער אַרבעטער־סביבה (בפרט אין די פאַרטיי־קרייזן) ווי איינער פון די באַקאַנטע פועלי־ציון־טוערס נישט בלויז אין קאַנאַדע, נאָר אויפן גאַנצן צפון־אַמעריקאַנישן קאָנטינענט. היות אָבער ווי מאַקס האָט אַלע יאָרן נישט דערלאָזט אַז מען זאָל אים מאַכן באַנקעטן אָדער אים באַערן אויף וועלכן ס'איז אַנדערן עפנטלעכן אופן, איז ער כסדר געבליבן דער יוגנטלעכער מאַקס, באַקאַנט פון זיינע מעשׂים, פון זיין געזעלשאַפטלעכער פאָזיציע וואָס איז געוואַקסן פון יאָר צו יאָר, און פון זיין באַזונדערן פלאַץ אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל.

אויב מען קאָן אויך וועמען עס איז פון אונדזערע אָנפירנדיקע חברים אין אַמעריקע אָנווענדן די באַצייכענונג פון „סעלף מעיד מען" איז דאָס אַמבעסטן צוגעפאַסט צו אונדזער מאַקסן. איך גרייט זיך דאָ נישט אָנצושרייבן די ביאָגראַפיע פון פעדערמאַנען (זיין גאַנג אין דער באַוועגונג וועט זיכער אָפגעצייכנט ווערן, אויף אַ געהעריקן אופן, אין דער געשיכטע פון דער באַוועגונג וואָס וועט אַ מאָל איבערגעגעבן ווערן צו די קומענדיקע דורות). איך ווייס אָבער אַז פון די ערשטע טעג פון זיין אָנקומען קיין טאָראָנטאָ ביזן היינטיקן טאָג איז ער געשטאַנען אינעם סאַמע ברען פון די געזעלשאַפטלעכע געשעענישן אין קאַנאַדע און אין די שטאַטן, און שטענדיק אויף אַ פאָזיציע פון בוי און פון קאַמף. דער לעצטער האַלבער יאָרהונדערט איז געווען באַלאָדן מיט געזעלשאַפטלעכע שטורעמס — בפרט אין יידישן לעבן, וואָס האָבן געטראָגן אַ שאַרף רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער. נישט בלויז האָט דער אייראָ־

פּעיִשער קאָנטינענט דורכגעמאַכט דערשיטערנדיקע איבערקערענישן, נאָר אויך אַמעריקע (און אין די לעצטע דריי יאָרצענטליקער אויך אַזיע און אַפֿריקע) האָבן ממש געענדערט זייער סאָציאַל-פּאָליטישן אימאַזש ביז נישט צום דערקענען: אָפּגערעדט פון רוסלאַנד, וועמענס גאַנצער, טויזנט יאָריקער געשיכטלעכער גאַנג איז מיט רעוואָלוציאָנערן שטורעם גרינטלעך אָפּגעשטעלט געוואָרן אַזוי ווי אַן ערד-ציטערניש וואָלט צעטרייסלט דעם גאַנצן פיזישן און גייסטיקן געבוי פון לאַנגע דורות, נאָר אויך אַנדערע אייראָפּעיִשע לענדער און פעלקער זענען מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטראָם פונעם רעוואָלוציאָנערן מבול און יסודותדיק איבערגעשטעלט זייער היסטאָרישן גאַנג. קיינער וועט היינט נישט דערקענען דאָס רוסלאַנד פונעם צאַר און פון ראַספּוטינען, אָדער דאָס פּוילן פון פּילסודסקי און פון די ענדעקעס, דאָס אונגאַרן פון אַ האָרטי, אָדער דאָס עסטרייך פון די האַבסבורגן. אויך דאָס סאָציאַלע פּנים, ווי דאָס פּאָליטישע אויסזען פון די פֿאַראייניקטע שטאַטן איז היינט נישט צו דערקענען. דאָ רעדט זיך נישט בלויז פון דעם אַמעריקע פון די קוילן-באַנען-באַראָנען און פון די ערשטע באַן-מאַגנאַטן און אויך נישט פון די „סוועט שאָפּער". אַפילו פון דער אַמעריקע פון די צוואַנציקער יאָרן איז שוין כמעט קיין שפור נישט געבליבן: דער מעק-אַרטי פּעריאָד איז געווען דער לעצטער אָנשטרענג פון דער אַמעריקאַנער רעאַקציע, איר לעצטער פּראָטעסט קעגן די נייע ליבעראַלע ווינטן, וואָס האָבן אָנגעהויבן בלאָזן מיטן איינפירן פונעם „ניו דיל". פּונקט ווי גאַנץ מערב-אייראָפּע האָט זיך סאָציאַל איבערגעשטעלט אויף די רעלסן פון „וועלפער סטייט", אַזוי האָט אויך אַמעריקע אָנגעהויבן גיין אויף דעם דאָזיקן וועג. און הגם עס זענען נאָך פאַראַן גענוג רעאַקציאָנערע כוחות וואָס פּרוּוון אַריינשטעלן שטעקנס אין די רעדער פון דער סאָציאַלער און פּאָליטישער אַנטוויקלונג פון אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע, פילן זיי אַליין שוין אויך אַז מען קאָן דעם פּראָצעס פון ליבעראַליזאַציע מער נישט אָפּשטעלן.

איך ברענג דעם דאָזיקן בליק-צוריקבליק בלויז כדי אַרויסצוברענגען בולטער די געשטאַלט פון אונדזער מאַקסן, וועלכער איז געווען פּערזענלעך באַטייליקט אין דער דאָזיקער טראַנספאָרמאַציע פון דער געזעלשאַפט און איז געווען איינער פון די טוערס וואָס האָבן אָנטייל גענומען אינעם פּראָצעס פון שטויסן די געזעלשאַפט פאָרויס, כסדר פאָרויס. אויף זיין באַשיידענעם שטח פון אַקטיוויטעט האָט מאַקס אַרויסגעוויזן אַזוי פיל שטאַנדהאַפטיקייט

און איבערגעגעבנקייט, אַז ער איז באַקאַנט געוואָרן און איז אויך אָפּגעשאַצט געוואָרן ווייט אויסער די גרענעצן פון זיין קליינעם קאָמפּראַנט.

איך גלויב נישט אַז עס איז נויטיק דאָ איבערצודערציילן בפרטיות דעם דוד־גלית קאַמף וואָס איז פאָרגעקומען אין טאָראָנטאָ צווישן דער צאָלמעסיק קליינער פאַריערס (פוטער), יוניאָן אונטער דער אָנפירונג פון פעדערמאַנען און דער דעמאָלט שטאַרקער און איינפלוסרייכער פאַריערס־צענטראַלע אין ניו־יאָרק אונטער קאָמוניסטישער אָנפירונג; דער דאָזיקער קאַפּיטל איז שוין פון לאַנג אַריין אין די אַנאַלן פון דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג ווי אַ מוסטער פון אַ קאַמף־עפּיזאָד פון דער אַרבעטערשאַפט אין לאַנד. עס זענען היינט שוין נישט פאַרבליבן קיין סך לעבעדיקע עדות פון דעם דאָזיקן אומגלייכן פאַרמעסט. אָבער די וואָס געדענקען עס יאָ, קוקן אַרויף מיט אָפּשיי און דרך־ארץ צו פעדערמאַנען, וואָס איז דעמאָלט אויסגעוואַקסן צו אַ קענטיקער הויך פון אַ זעלטן מוטיקן אַרבעטער־פירער אין גערעכטן קעגן איבערוועגנדיקע כוחות. דער דערמאָנ־טער עפּיזאָד איז געווען בלויז דער בולטסטער אויסדרוק פון מאַקס פעדער־מאַנס כאַראַקטער ——— זיין גאַנץ לעבן איז געווען איין לאַנגער געראַנגל פאַר די ווערטן וועלכע ער האָט געטראָגן מיט זיך און די אידעען אין וועלכע ער האָט געגלויבט: קומענדיק אַלס אַ יונגער מענטש פון אַ קליין שטעטל אין פוילן, האָט ער מיטגעבראַכט מיט זיך אַ יוגנטלעך נאַיוון בליק אויף וועלט און מענטש. נישט קיין וווּנדער, דעריבער, וואָס ער האָט מיט אַלע פיבערן פון זיין פילבאַרער נשמה אויפגענומען יעדע איבערגעשטאַלטונג פון די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן אין דער וועלט. זיי אויפגענומען מיט גרויס באַ־גייסטערונג; די רוסישע רעוואָלוציע האָט אים פאַרכאַפּט אין זיין יוגנט און ער איז געווען פון אירע התלהבותדיקע אָנהענגערס (ווער פון אונדז איז עס נישט מיטגעריסן געוואָרן אין יענער צייט מיט די רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס וואָס האָבן זיך געטראָגן פון מיזרח?) אָבער מאַקס האָט זיך זייער שנעל אויסגעניכטערט פון דעם מאָסקווער טשאַד. די סאָוויעטישע מאָראַלישע באַשטרייטונגען האָבן אים אַנטוישט און די צעבערעכערישע קאָמוניסטישע טאַקטיק אין דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער וועלט, אויך אויפן אַמע־ריקאַנער קאָנטינענט, האָבן מאַקסן געשטעלט אין די רייען פון די פירנדיקע טוערס אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג וואָס האָבן אָנגעהויבן אַן אַנטשיידענעם קאַמף קעגן די קאָמוניסטישע שפּאַלטערס.

מאַקס האָט גיך איינגעזען אַז מאָסקווע קאָן נישט זיין דער פּוסק־אחרון אין ענינים פון ריינעם מאָראַל אין צווישן־אָרגאַניזאַציאָנעלע באַציִונגען פון דער אַרבעטערשאַפט. זאָל עס היינט דערמאָנט ווערן צו זיין זכות, אַז ער איז געווען פון די געציילטע ע ר ש ט ע אין דער באַוועגונג פון לינקע פּועלי־ציון וואָס האָבן עפנטלעך גערופן אָפּצוטיילן די אידעאַלן פון סאָ־ציאַליזם פון די מעשׂים וועלכע ווערן אָפּגעטאָן אין נ אָ מ ע ן פון סאָציאַליזם מצד אומוועררדיקע פעלשערס פונעם געהויבענעם אידעאַל. מאַקס האָט גענו־מען טיף ערנסט דעם לאָזונג „אַרבעטער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך״; אַ לאָזונג וואָס האָט אַראָפּגעשריגן פון אַלע צייטונגען פון דער אַרבעטער־שאַפט; ער איז געבליבן געטריי דער אידעע פון סאָציאַליזם אין משך פון זיין גאַנצן לעבן ביזן היינטיקן טאָג. ער האָט זיך נישט אָנגעשלאָסן אין דער מחנה פון אַנטוישטע וואָס האָבן „אַרויסגעוואָרפן דאָס קינד אין איינעם מיטן וואַסער״, צוליב דער אַנטוישונג אין דער קאָמוניסטישער טאַקטיק, האָבן זיי אָפּגעוואָרפן דעם סאָציאַליזם אין אַלע זיינע פאָרמען. מאַקס קלאַמערט זיך אין סאָציאַליסטישע לאָזונגען, אין סאָציאַליסטישע יום־טובים, אין סאָציאַ־ליסטישע אָנדענקטעג. ער נעמט זיי אַלע אויף מיט אַ טיפן ערנסט און אַחריות. ער איז געבליבן געטריי זיינע יוגנט־חלומות סיי אין אַלגעמיינע פּראָגרעס, סיי אין תּוכיק יִדישע פּראָגעס און פּראָבלעמען. בנוגע יִדישע פּראָבלעמען ווערט מאַקס נישט געפּלאָגט פון קיין שום ספיקות: אַזוי ווי ער איז געווען אין זיינע יונגע יאָרן, אַזוי איז ער געבליבן ביזן היינטיקן טאָג: גראָדליניק, מיט גלויבן אין די צילן און האָפענונגען פון יִדישן פאָלק, און איינגעגלויבט אין דעם באַראָכאָוויסטישן געדאַנק, אַז נאָר די יִדישע אַר־בעטערשאַפט קאָן בילדן דעם שטאַרקן יסוד פון אַ יִדישער מדינה, אַ מדינה וואָס איז געבויט אויף מאָראַל און יושר, אין גייסט פון די אַלטע נביאים און פון מאָדערנעם סאָציאַליזם.

איך האָב געהאַט דעם כּבוד צו זיין מאַקס פעדערמאַנס רעדאַקטאָר אין משך פון אַ סך יאָרן. מאַקס האָט געהאַט אַ חזקה אויף די לייט־אַרטיקלען וועגן ערשטן מאַי־יום־טוב אין „אונדזער וועג״. ער איז אויך געווען דער ממונה איבער די אָפּהאַנדלונגען וועגן „לעיבאָר דעי״. ווען מען בלעטערט היינט זיינע אַרטיקלען אויף די דערמאָנטע טעמעס, שיינט נאָך בולטער אַרויס זיין אידעיִשע אויסגעהאַלטנקייט אין לויף פון זיין לעבנסגאַנג. נישט געקוקט אויף אַלע געזעלשאַפטלעכע טראַנספאָרמאַציעס, וואָס זענען פאָרגעקומען

אינעם היינטיקן יאָרהונדערט אין דעם אידעען־געשטעל פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט פעדערמאַן איינגעהאַלטן זיין אומדערשיטערלעכן גלויבן אין דער אמתדיקייט פונעם סאָציאַליסטישן אידעאַל און זיין אומבאַגרענעצטע איבערגעגעבנקייט צום ציוניסטישן סאָציאַליזם. ביי מאַקסן דאַרף מען אַפילו נישט דורכפירן קיין פאַרבינדונג־שטריך צווישן די צוויי טערמינען. ער איז נישט קיין ציוניסט באַזונדער און אַ סאָציאַליסט באַזונדער; ביידע זענען ביי אים אומצעטיילבאַר.

אין דער פאַרטיי האָט ער פאַרנומען אַ פירנדיקע פּאָזיציע. ער איז געווען דער איינציקער פועלי־ציוניסט אין קאַנאַדע (און אפשר אויף דעם גאַנצן צפון־אַמעריקאַנער קאָנטינענט) וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט ענינים פון פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזירונג פון יידישע אַרבעטער אין די ראַמען פון דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנער יוניאָן־באַוועגונג. דאָס האָט אים פאַרזיכערט אַ גאַנץ באַזונדערן פּלאַץ אין דער אָנפירונג פון דער פועלי־ציון־וועלט־אָרגאַניזאַציע. ער האָט שטענדיק געטאָסן פון אַכטונג און אָנזען אין די אָנפיר־אינסטאַנצן פון פועלי־ציון. לעצטנס זענען זיינע באַזוכן אין דער יידישער מדינה ווי דער אָנפירער פון טרייד־יוניאָן־דעלעגאַציעס פון קאַנאַדע, פון גרויסער פּאָליטישער וויכטיקייט פאַר דער מדינה און באַזונדערש פאַר דער הסתדרות. אין אַ צייט ווען די מדינה ווערט וואָס אַ מאָל מער איזאָלירט אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע, ווען פון אַלע זייטן רייסט מען זיך צו באַפריינדן מיט די שונאים פון דער מדינה, אַפילו מיט די רוצחים־טעראָריסטן פון פּ.ל.אָ. ——— אין אַזאַ צייט איז גאָרנישט אָפּצושאַצן דאָס מאָראַלישע געווינס פון מדינת־ישראל, ווען פאָרשטייערס פון אַזאַ לאַנד ווי קאַנאַדע קומען, כדי אויסצודריקן זייער סאָלידאַריטעט צו ישראל. אויך דאָס געהערט צו די אומפאַרגעסלעכע פאַרדינסטן פון אונדזער מאַקס פעדערמאַן.

מען קאָן נאָך געוויס דערציילן און דערציילן וועגן מאַקסן און זיין שאַפעריש לעבן. נישטאָ קיין איין געביט פון יידישן לעבן אין טאָראָנטאָ און אין קאַנאַדע בכלל, אין וועלכן מאַקס זאָל נישט זיין באַטייליקט. אומעטום טראָגט ער אַריין זיין ווונדערלעכע וויטאַליטעט און לעבנסלוסטיקייט, ווי אויך זיין אָנשטענדיקער הומאָר, זיין געלעכטער, וואָס רייסט מיט מיט דער נאַטירלעכקייט פון אַ פליסיקן רעשיקן טייך...

אַ גרוס דעם פּועלי־ציוניסטישן „יקיר תל־אביב"

גרויס נחת־רוח האָט אַרויסגערופן ביי די חברים, געוועזענע לינקע פּועלי־ציון אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, די ידיעה פון מדינת ישראל אַז אונדזער חבר משה גערשאָנאָוויטש איז געקרוינט געוואָרן מיטן טיטל „יקיר תל־אביב" דורכן דאָרטיקן שטאָט־ראָט!

משה גערשאָנאָוויטש איז פון די לעצטע וועטעראַנען פון דער לינקער פּועלי־ציון־באַוועגונג, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין דער מדינה מיט בערך אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק און האָבן דאָרט די גאַנצע צייט אָנגעהאַלטן זייער געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעט, אין די ראַמען פון דער באַוועגונג. משה האָט קיינמאָל נישט געהערט צו די אַזוי גערופענע „לינקע פראַקציעס" אין דער געוועזענער פּאַרטיי; ער איז שטענדיק געווען אַן איבערצייגטער „פּאַלעסטיניעץ" און נישט קיין באַגייסטערטער אָנהענגער פון דער קאָמאינטערן־אָריענטאַציע. ביי אַלע שפּאַלטונגען אין דער באַוועגונג (סיי אין פוילן, ווו ער האָט אָנגעהויבן זיין געזעלשאַפט־לעך־פּאַרטייִשן גאַנג, און שפּעטער אין ארץ־ישראל) האָט ער מסירת־נפשדיק אָנגעהאַלטן זיין טרייקייט צו די באָראָכאָוויסטישע פּרינציפּן און אָפּגעהיטן די חברים פון אַוועקקייקלען זיך צו ווייט צו די לאָקנדיקע קאָמוניסטישע טעמפּלען. זיין פּערזענלעכע השפעה אויף באַדייטנדיקע גרופּן חברים איז געווען פיל גרעסער אידער זיינע טעאָרעטישע אַר־גומענטן. משה גערשאָנאָוויטשן האָט מען געגלייבט! מען האָט געקענט נישט מסכים זיין מיט זיינע הנחות, מען האָט געקענט דיסקוטירן מיט אים וועגן זיינע פּאָליטישע אויספירן, קיינער האָט אָבער קיינמאָל נישט געצווייפלט אין זיין זויבערער ערלעכקייט. אָט די מידה, די אייגנשאַפט אַרויסצורופן צו זיך אומבאַגרענעצטע באַגלויבטקייט, פאַרמאָגן נישט

קיין סך מענטשן. אויך נישט פיל מענטשן פון גייסט, פון קינסטלערישער באַגאַבונג, אָדער פון אָראַטאָרישער איבערצייגונגס־קראַפט.

אָבער בלויז פשטות, ערלעכקייט אַליין קען נאָך נישט דינען ווי אַ וועג־ווייזער אין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, עניגים וואָס שטייען פיל מאָל ברומו של עולם. עס זענען נייטיק נאָך אַנדערע אַט־ריבוטן כדי אַרויסצורוקן אַ מענטשן צו דער ערשטער און וויכטיקסטער שורה צווישן טוער און לערער.

משה גערשאָנאָוויטש איז באַשאָנקען מיט דער גנאָד פון שכל הישר, וואָס אַפּעלירט מיט דער קלאָרקייט פון געדאַנק, מיט דער לויטערקייט פון דער כּוונה און מיט דער שאַרפקייט פון דעם אַנאַליז. משה האָט שטענדיק געהאַט פעיִקייט אויפצוהייבן, אין פלוג איינפאַכע, טאָג־טעג־לעכע פראַגן, צו דערהויבענע אויפגאַבן; פון דער אַנדערער זייט איז ער אויך געווען בכּוח צו אַנאַליזירן טעאָרעטישע פּראָבלעמען און זיי לאָגיש אַריינפּאַסן אין זייער אמתער מאָס, וואָס זענען אגב, נישט אַלע מאָל געווען אין איינקלאַנג מיט די הויכע פראַזן אין וועלכע עס האָבן זיי איינגעוויקלט אירע פּאַרטיידיקער.

די וויכטיקסטע מעלות אָבער פון אונדזער משה ליגן נישט אויף די פלאַכן פון טעאָרעטישער פּלפּוליסטיק. זיין ראָל ווי אַ חבר וואָס ציט נאָך זיך פריינד און חברים אויף זיין וועג איז גאָר פון אַן אַנדער מאַטעריע — ער איז אַ טוער פּאַר עקסעלאַנס!

יונגערהייט איז ער געווען אַ טוער אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. ער איז געווען אַן אַקטיוויסט ממש, אינעם שניידער־פּאַראיין וואָס איז געווען אין לאָדזש איינער פון די גאָר ווייניקע שניידער־פּאַראיינען אין פּוילן, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער פּאָליטישן איינ־פלוס פון פּועלי־ציון; משה איז געווען אַן אַקטיוויסט אין דער פּועלי־ציון־אָרגאַניזאַציע אין לאָדזש, וואָס איז, אין אַ באַדייטנדיקער מאָס צוליב זיין איינפלוס, געווען די שטאַרקסטע פּועלי־ציון־פּאָזיציע אין פּוילן.

ער איז אויך געווען איינער פון די שטאַרקסטע אָנשפּאַרן פון ריי־נעם פּועלי־ציוניזם אין ארץ־ישראל אין די טרויעריקע צייטן ווען די אדמוניס פון איין זייט האָבן געצויגן די פּאַרטיי צום דריטן, אסימי־לירנדיקן, קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, און די אַנדערע וואָס האָבן

געצילט אָפּצוווישן דעם באַזונדערן אידעישן פּנים פון דער באַוועגונג און צו ליקווידירן איר זעלבשטענדיקע אידעאָלאָגישע ריכטונג אין דער ציוניסטישער מחנה.

עס זענען געווען שווערע, ממש אומדערטרעגלעך שווערע, צייטן פאַר אונדזער באַוועגונג. מאַטעריעל און מאָראַליש איז עס געווען אַ געראַנגל פאַרן נאַקעטן קיום.

משה גערשאָנאָוויטש איז ווי אַ פעלדז געשטאַנען אין מיטן פונעם געראַנגל און שטיל און באַשיידן, אויף זיין אייגנטימלעכן שטייגער, אַריינגעפּליסט גלויבן אין דער פּאַרטיי, אין אירע פּאָסטולאַטן, וואָס „אף על פי שיתמהמהו״, וועלן זיי דאָך אַמאָל אויפגענומען ווערן, ווייל זיי טראָגן אין זיך היסטאָרישן אמת.

משה גערשאָנאָוויטש איז נישט בלויז דער יקיר תל־אביב — ער איז אויך דער יקיר פון דער גאַנצע ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג.

פון „אַרבעטער־היים” ביז „בית ראשונים”

אַלץ איז געווען אַזוי יונג, אָדער האָט אויסגעזען אַזוי יונג בעת איך האָב אָנגעהויבן מיין גאַנג אינעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. ביי אַ פאָלק וואָס האָט שוין דעמאָלט געטראָגן אויף זיינע געשיכטלעכע פּלייצעס אַ משׂא פון צענדליקער דורות און טויזנטער יאָרן, האָבן זיך אויף ס'ניי צעבליט פרישע יוגנטלעכע טרוימען, ס'האָבן אָנגעהויבן זיך פאַנאַנדערוואַקסן נייע, גרינע, פרישע צווייגן אויפן אַלטן פאָלקישן דעמב, וואָס טייל האָבן געהאַלטן, אַז ער האַלט שוין ביים פאַנאַדערפאַלן זיך פון חולשה, פון אויסגעטריקנטקייט, פון פאַרהאַרטעוועטקייט פון זיינע פאָלקישע אָדערן; עפּעס אַזוי ווי פון די וועלקנדיקע תנ"ך־בלעטער וואָלטן אַרויסגעשפּרונגען פּערסאָנאַזשן, וואָס האָבן לעגענדאַריש דאָרט געשלומערט זייער חומשדיקן שלאָף, און זיי האָבן מיט פריש־קוואַלנדיקער גבורה זיך פאַרנומען אָפּצושאָקלען דעם שטויב פון מילעניומס און איבערצוחזרן מעשׂה־בראשית.

ויהי, און עס איז געווען אין די ערשטע יאָרן פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָס איינע פון אירע דערגרייכונגען איז געווען דאָס אָפּשאַפן געאָגראַפישע מרחקים, ווען פאַר די אויגן פון די מענטשן אויף אַלע קאָנטי־נענטן האָבן זיך אויסגעשפּרייט אומגעאַנטע פּייסאַזשן, ווען פאַרבאָרגענע אַזיאַטישע און אַפריקאַנער דזשאָנגלס זענען אויסגעוואַקסן ממש פאַר דער טיר פון אויסגעפּוצטע און „ציוויליזירטע” מערבדיקע הויפּטשטעט, און עקשנותדיק געפאָדערט זייער חלק פון דער פּערפומירטער וועלט. ס'איז געווען די צייט ווען דער קאָלאָסאַלער, הונדערט־יאָרן־אַלטער בנין פון קאָלאָניאַליזם האָט זיך אָנגעהויבן וואַקלען און דער דראַנג צו נאַציאָנאַלער באַפרייונג האָט אַרומגעכאַפּט גאַנצע קאָנטינענטן און האָט אַרויסגעפירט אויף דער וועלט־אַרענע מיליאָנען קרבנות־גרייטע מענטשן־קינדער פון אַלע ראַסעס און פון די פאַרשיידנסטע פאַרבן, — אין דער־אָ צייט האָבן אויך אויף דעם פאַרטריקנטן, נאַציאָנאַל און סאָציאַל־פאַרוואָרלאָזטן באָדן פונעם צע־שפּרייטן יידישן פאָלק אָנגעהויבן צו פליסן קלאָרע זילבערנע טייכלעך און

פון די אָפּגעשטאַנענע, מיט נאָך באַוואָקסענע נאַציאָנאַלע סאַזשלקעס האָבן זיך פּאַנאַנדערגעפּליצט וווּנדערלעך צעגאָסענע טייכן וואָס האָבן אַרומ־געגומען דעם גאַנצן שטח פון פאָלקישער צעשפּרייטקייט; פון וואַרשע ביז פילאַדעלפיע, פון לובלין ביז בוענאָס־איירעס, פון פּראָג ביז ניו־יאָרק, פון בוקאַרעשט און גראָץ ביז מאָנטעווידעאָ, און איבער קיעוו און מאָנטרעאָל ביז ווייט, ווייט איבער תימן, אַזש קיין ארץ־ישׂראל; עס איז דעמאָלט אַזוי קלאָר געווען אַז די אַלע שטראָמען וועלן סוף־כּל־סוף זיך צוזאַמענגיסן אין איין צענטראַלן, מעכטיקן שטראָמיקן ים, וואָס אויף זיינע כוואַליעס וועט דאָס פאָלק ענדלעך דערגרייכן צו זיין אויסגעחלומטן ברעג פון סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער גאולה.

איך האָב נאָך נישט באַגעגנט דעם משורר, וואָס זאָל זיין געווען בכּוח אַרויסצוברענגען פּלאַסטיש רעאַל די פרייד וואָס האָט אין יענער ערב־יום־טוב־עפּאָכע אַרויסגעשטראַלט פון די נייע ייִדן; דאָס איז נישט געווען קיין זעלבצופרידנקייט פון עפּעס אַ פיזיש־מאַטעריעלער דערגרייכונג, מעג זי זיין די רייכסטע, די שפּעטיקדיקסטע — דאָס איז געווען אַ נשמהדיקע דערהויבנקייט, וואָס עס איז נאָך נישט באַשאַפן געוואָרן דער קינסטלער וואָס זאָל איר געבן דעם געהעריקן לבוש. **דאָס איז געווען דער פּעריאָד ווען ס'איז אויפגעקומען דער ייִדישער אַר־בעטער־כּוח!**

איך גרייט זיך נישט איצטער צו שרייבן די געשיכטע פון דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט פון די לעצטע זעכציק יאָר. די דאָזיקע יאָרן זענען געווען אַזוי באַדייטונגספול, אַזוי ראַדיקאַל רעוואָלוציאָנער אויף יעדן געביט פון נאַציאָנאַלן זיין, פון פאָלקישער אַנטוויקלונג, אַז וועגן יעדן באַזונדערן אַספּעקט פון נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג וואָלט מען געדאַרפט פאַרפאַסן גאַנצע מגילות. נישט ווייניק ווערק זענען טאַקע שוין פאַרעפנטלעכט געוואָרן, און אַנדערע וועלן נאָך געשריבן ווערן וועגן דעם דאָזיקן געשיכטלעכן אָפּ־שניט פון פאָלק.

אָבער אַז מען דערגרייכט שוין צו די גבורות, מוז מען אויסדרייען דעם בליק און זיך אַרומקוקן אויף דעם אָפּגעגאַנגענעם וועג, אַרויספּרישן פונעם זכּרון פאַקטן און געשעענישן, און באַטראַכטן די אייגענע ראָל, די אייגענע פּערזענלעכע פאַרבינדונג מיט מאָמענטן וואָס האָבן געפורעמט היסטאָרישע אַנטוויקלונגען פון וויכטיקן באַטייט.

אינעם לעבן פון אַ געזעלשאַפטלעכן טוער זענען זיכער פאַראַן מאָמענטן, געפילן, שפּירונגען און רעגונגען, וועלכע ער וועט קיין מאָל נישט ברענגען אויף דער ליכטיקער שיין; יעדער מענטש נעמט מיט זיך מיט אין דער אומפאַרמיידלעכער אייביקייט אַזעלכע אינטימקייטן, וואָס וואָלטן נישט גע־קאָנט פאַרליידן דעם בליק פון פרעמדע אויגן.

פון דעסטוועגן איז אַ זעכציק־יאָריקער גאַנג מחייב אויך אַ שטיקל עפנטלעכן חשבון, כּדי דאָס זאָל דינען פאַר אַן אָנווייז, אפשר אַפילו בלויז אַן אָנוווּנק פאַר אַ המשך. צי וועט זיין אַ המשך? ימים ידברו. אָבער זאָל זיין אַ נאָטיץ און זאָל מען קאָנען אַריינקוקן אין אַ בלעטל זכרונות.

איך קאָן זאָגן אויף זיך, אַז איך בין געווען אַ ציוניסט פון מיינע סאַמע פריסטע יאָרן; אין יאָר 1915, ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען וואַרשע, און גאַנץ קרוינפּוילן האָט זיך געפונען אונטער דייטשישער אָקופּאַציע, בין איך שוין געווען באַטייליקט, ווי אַ דעלעגאַט צו אַ ציוניסטישער ראַיאָן־קאָנפערענץ, אין דער שטאָט ריפּין, וואָס געפינט זיך אין פּלאָצקער גובערניע און וואָס האָט אַרומגענומען די גאַנצע ליניע פון דאָבזשין, שערפּץ, פּלאָנסק, נאָשעלסק, ליפּנע, מלאַווע, וולאָצלאַוועק, און אַנדערע שטעט נאָענט צו מיזרח־פּרייסן. פון דער געגנט זענען געקומען אַ גאַנצע ריי וויכטיקע ציוניסטישע פּערזענלעכקייטן: דוד בן־גוריון, יצחק גרינבוים, מאיר וויסגאַל א.אַ. שוין דעמאָלט בין איך געווען פאַרבונדן מיט דער פראַקציע פון צעירי־ציון, ווייל עס האָבן מיך נישט באַפרידיקט די אַלגעמיין־ציוניסטישע פּאָסטולאַטן וואָס האָבן גערעדט מליצהדיק וועגן פּאַלעסטינע אָבער זיך געהיטן פון דערמאָנען די סאָציאַלע פּראָבלעמען וואָס זענען געווען זייער אָנגעווייטיקט אין דער יידישער סביבה פון יענער צייט.

איך קאָן נישט אַריינגיין אין קיין פּרטים וועגן יענעם פּעריאָד אין דעם ווירטשאַפטלעכן לעבן פונעם מיזרח־איראָפּעיִשן יידנטום. גענוג צו דערמאָנען אַז שוין דעמאָלט האָט געבושעוועט פון איין זייט דער צאַרישער, כאַמסקער אַנטיסעמיטיזם און די גיפטיקע שׂנאה פון דער פּוילישער געזעלשאַפט וואָס האָט נישט אויסגעמיטן אַפילו די סאָציאַליסטישע פּ.פּ.ס. וואָס איז אויך געווען אָנגעשטעקט מיט יידן־פיינטלעכן באַציל.

נאָר וואָס אַרויס פון חסידים־שטיבל און פון ישיבה, בין איך געווען זייער ווייט פון די מעכטיקע וויכּוחים וואָס האָבן דעמאָלט שוין געהאַט אויפ־גערודערט די מאָדערנע יידישע וועלט. אין דעם פּיצעלע שטעטל אין וועלכן

איך בין דערצויגן געוואָרן (פּאַקטיש אַ דאָרף פון עטלעכע צענדליגג ייִדישע משפּחות) איז קוים דערגאַנגען אַן עכאָ פון די שטורמישע דיסקוסיעס צווישן די ריזן־פיגורן, וועלכע זענען שוין דאַן אָנערקענט געווען ווי געשיכטלעכע שטויס־כּוחות, וואָס פאַרמירן דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דער נאַציאָנאַלער געשיכטע. פון דעסטוועגן איז מיר געבליבן איינגעקריצט אין זכּרון איין עפּיזאָד פון יענער צייט: צו אונדז אין שטעטל, לוביטש, איז אַראָפּגעקומען האַלטן אַ דרשה דער ליפּנער רבֿ, הרבֿ בראָדט, וועלכער איז שוין דאַן געווען איינער פון די פּירערס פון דער פּוילישער מזרחי־פּאַרטיי. די קליינע שול איז געווען געפּאַקט און דער עולם, וואָס איז באַשטאַנען פון פּשוטע, פאַר־האָרעוועטע ייִדן, האָט געשלונגען יעדעס וואָרט פונעם רעדנער, וואָס איז געווען איינגעהילט אין אַ טלית (ווי עס האָט זיך געפירט אין יענער צייט פון די ציוניסטישע מטיפים). זיינע רייד האָבן געמאַכט אַ טיפן רושם, זיינע שילדערונגען פון שיבת־ציון און וועגן דעם פּרעכטיקן עתיד פון ייִדישן פאָלק אויף זיין אייגענעם באָדן אין אַן אייגענער מלוכה, האָבן געוועקט אינטימע רעגונגען ביי די צוהערערס. הרבֿ בראָדט האָט צום סוף פאַרענדיקט זיין דרשה מיט דער דערקלערונג אַז ער איז גרייט צו ענטפערן אויף פראַגעס פון די פאַרזאַמלטע ייִדן. קיינער האָט נישט געוואָגט צו עפענען דאָס מויל... איך אָבער האָב זיך אָנגענומען מיט קוראַזש (איך קאָן מיך נאָך ביזן הייַנטיקן טאָג נישט קלאָר מאַכן פון וואַנען עס האָט זיך גענומען צו מיר די חוצפּה) און האָב געפרעגט דעם חשובֿן רבֿ פאַר וואָס ער זאָגט גאָרנישט וועגן דער שווערער לאַגע פון די ייִדן דאָ אין גלות. עס קען דאָך זיין אַז ביז עס וועט קומען די נחמה, זאָל חלילה אויסגיין די נשמה!..

מיינע נעענטע זענען געווען אויסער זיך פון מיין דרייסטקייט. אָבער דער רבֿ האָט מיר געענטפערט מיט אַ סך פאַרשטענדעניש פאַר מיינע זאָרגן און ער האָט אויפגעקלערט אַז די דאָזיקע פראַגע מיינע געפינט זיך אויף אַ וויכטיקן פּלאַץ אויף דעם סדר־היום פון אַלע ציוניסטישע קאָנגרעסן אונ־טערן פּונקט „קעגנוואַרט־אַרבעט".

ווי אַ סך ייִדישע ייִנגלעך פון דער פּוילישער פּראָווינץ, האָט עס מיך אויך געצויגן צום צענטער פונעם ברויזנדיקן ייִדישן לעבן אין וואַרשע. (היות דאָס איז נישט קיין אויטאָביאָגראַפיע, בין איך נישט מחויב אויסצו־רעכענען אַלע פּרטים פון מיינע מיִוגגען און אויסשטייגענישן ביז איך בין אָנגעקומען אין 1918 קיין וואַרשע, צו ערשט ווי אַן עקסטערן אין אַ גימנאַזיע,

און דאָן אויפֿן ערשטן יאָר אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט). די פֿינף יאָר וואָס איך האָב פֿאַרבראַכט אין וואַרשע (מיט איבעררייסן, ווען איך בין געווען אין שליחותן פֿונעם צענטראַל־קאָמיטעט, אויף דער פּראָווינץ) האָבן געלייגט זייער חותם אויף מיין גאַנצן ווייטערדיקן געזעלשאַפֿטלעכן גאַנג און אויף דער אידעאָלאָגישער אויסקריסטאַליזירונג פֿון מיין נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן אויסבליק.

די „אַרבעטער־היים" איז געוואָרן מיין שטענדיקער אַפּרופּונקט און דער צענטער פֿון מיינע גייסטיקע אינטערעסן; דאָרטן האָב איך איבערגע־לעבט מאָמענטן פֿון נשמהדיקער דערהויבנקייט און געווען אַן עדות פֿון געשעענישן וואָס האָבן געפֿורעמט דעם כאַראַקטער פֿון אַ גאַנצן דור ייִדישער יוגנט, וואָס איז געווען גורלדיק באַשטימט צו פֿאַרנעמען דעם בכבודיקסטן פּלאַץ אין דער געשטאַלטונג פֿונעם פֿאָלקס־כאַראַקטער אין דעם הייַנטיקן יאָרהונדערט.

אויב איך וועל אַ מאָל זיך אומקערן צו דער דאָזיקער עפּאָכע אין מיין לעבן, וועל איך אַוודאי אויסרעכענען אַ גאַנצע רײַ פּערזענלעכקייטן מיט וועלכע מיין יוגנט איז געווען פֿאַרבונדן און וואָס האָבן באַאיינפֿלוסט מיין גייסטיקע וועלט און געגעבן איר אַ באַשטימטע ריכטונג אינעם ווייטערדיקן לעבן. יעדער איינער פֿון זיי פֿאָדערט אַ באַזונדערע אָפּשאַצונג און באַ־האַנדלונג. מיט אַלע די דאָזיקע חברים זענען די ערשטע באַגעגענישן פֿאָרגע־קומען אין דער „אַרבעטער־היים"; צי עס איז געווען דניאל לייבל, וועלכער האָט מיך באַוויגן אָנצושרייבן מיין ערשטן אַרטיקל אין דער „אַרבעטער צייטונג", אָדער ד"ר יצחק שיפּער וועמענס סעקרעטאַר איך בין געווען אַ שטיקל צייט, בעת ער איז געווען אַ סיים־דעפּוטאַט, איידער ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער רעכטער פּועלי־ציון־באַוועגונג, אָדער עמנואל רינגעל־בלום און זיין ייִנגערער ברודער וואָס זענען געווען מיינע נאָענטע חברים פֿאַר מיין פֿאַרלאָזן פּוילן אין יאָר 1923; וועגן רעדט פֿון די פֿירערס פֿון דער פּאַרטיי ווי זרובבל, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן איינער פֿון מיינע נאָענטסטע פּערזענלעכע פֿרײַנד, צוזאַמען מיט זיין גאַנצער משפּחה, אָדער ניר־ראַפֿאַלקעס, דער שפּעטערדיקער פֿאָרזיצער פֿון דער ישׂראלדיקער כּנסת. ווער קאָן זיי דען אַלע אויסרעכענען? אַ גאַנצער דור פֿון פֿירערס און קעמפֿערס, שמידער פֿון דער צוקונפֿט פֿון פֿאָלק!

אַלע די וואָס איך האָב דאָ דערמאָנט און אומצייליקע אַנדערע, וואָס

פאַרדינען ספּעציעלע דערמאָנונגען זענען שוין נישטאָ מער מיט אונדז — זייערע שפּורן זענען בלויז פאַרבליבן אין די געשיכטע־בלעטער פון דער מאָדערנער צייט. וועגן זייער לעבן און אויך וועגן דעם פאַרגאַנג פון אַ טייל פון זיי וועבן זיך לעגענדעס און עס זאַמלען זיך ריזיקע ביבליאָטעקן; אַזוי וועגן עמנואל רינגעלבלום, אַזוי וועגן דעם לעבן און טויט פון מאַקס עריק און שאול אַמסטערדאַם, גרשון דוּאָ (אַדמוני) און אומצייליקע אַנדערע; זיי זענען אַלע געווען מיינע חברים. מיט יעדן פון זיי האָב איך געקרייצט שווערדן, געפירט דיסקוסיעס, זיך מפלפל געווען, מנצח געווען אָדער פאַרשפּילט און געבליבן טיף־עמאָציאָנעל פאַרבונדן מיט זיי און מיט זייער אָנדענק.

צוויי אינטערעסאַנטע מאָמענטן פון יענעם וואַנדערבאַרן אַמאָל וויל איך אָבער איצט פאַראייביקן. איינער איז פאַרבונדן מיטן אָנקומען קיין וואַרשע פון חבר זרובבל אין יאָר 1918; דאָס איז געווען אַן איבערלעבונג וואָס האָט געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה אויף מיין וועג אין דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי... זרובבל איז דאַן אָנגעקומען פון סאָוויעט־רוסלאַנד, ווו עס האָט געשטורעמט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע און ווו די פּועלי־ציון האָבן זיך אָנגעהויבן ראַנגלען מיט די קאָמוניסטן וועגן די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג. ווי אַ בליץ האָט זיך צווישן דער יידישער אַרבעטערשאַפט פאַרשפּרייט די ידיעה וועגן זרובבלס אָנקום, און בעת איך בין צוגעקומען צום הויף פון קאַרמעליצקע 23, איז די גאַס און דער הויף געווען פאַרפּלייצט פון הונדערטער חברים; איך בין געווען אַריינגעקוועטשט צווישן דעם עולם און בלויז אַ דאַנק דער אָנשטרענגונג פון די חברים אָרדנערס וואָס האָבן מיך געקאָנט פון פריִער איז מיר געלונגען אַרויפצוקומען אין גרויסן זאַל אַריין. פאַר מיינע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ סצענע וואָס איך וועל מיין גאַנץ לעבן נישט פאַרגעסן. זרובבל ווערט געטראָגן אויף די אַקסלען פון חברים איבער די טרעפּ וואָס פירן צו דער „אַרבעטער־היים״, אונטער די אַפּלאָדיסמענטן און באַגייסטערטע אויסרופן פון דער צוזאַמענגעדריקטער מענטשן־מאַסע וואָס יובלט מיט פרייד און ליבשאַפט צום פירער, וואָס קומט פונעם לאַנד ווו עס ווערן איצט געענדערט מעשׂי־בראשית. דער גאַסט, אַ טיף גערירטער פון דער אומגעריכטער אויפנאַמע ווערט אַרויפגעפירט אויף דער בינע און ער הייבט אָן זיין רעפעראַט אויף דער טעמע „שלום, רעוואָלוציע און פּאַלעסטינע״. איך געדענק נישט היינט גענוי צי דאָס איז טאַקע געווען די טעמע פון זרובבלס רעפעראַט; איך ווייס אָבער יאָ, אַז אַ לאַנגע צייט

נאָך דעם איז זרובבל אַרומגעפאָרן מיט אַזאַ רעפעראַט איבער גאַנץ פוילן, און זיינע טענה אויף דעם רעפעראַטן־טור זענען געווען ממש די זעלבע וואָס ער האָט באַנוצט אין זיין רעדע דעמאָלט אין זיין ערשטן אַרויסטריט אין דער „אַרבעטער־היים". מען דאַרף געדענקען די צייט און דאָס אָרט פון דעם דאָזיקן עפּיזאָד: 1918 — פון יענער זייט פוילישער גרענעץ האָט דאָס צעשטורעמטע רוסלאַנד זיך געראַנגלט מיט אַ וועלט פון שונאים. ווייס־גוואַרדייִשע גענעראַלן פון אַלע זייטן, טשעכאָסלאָוואַקישע אַרמייען אויפן ווייט־מיזרחדיקן פראָנט, אַ דעמאָראַליזירטע אַרמיי אָן וועלכער עס איז דיסציפּלין, און הונגער אינעם לאַנד ווו פּויערים ברענען גוטבאַזיצערישע פּאַלאַצן און פּאָגראָמירן יידישע ישובים. אין וואַרשע, דאָס זיצאָרט פון דער רעגירונג פונעם ניי־אויפגעשטאַנענעם פוילן, זענען נאָך נישט אין גאַנצן פאַרשוווּנדן די שפּורן פון דער דייטשישער אָקופּאַציע, און שוין שמעקט עס מיט גיפטיקן אַנטיסעמיטיזם וואָס איז פון דורות איינגעפלאַנצט געוואָרן אין דעם געמיט פון דער פּוילישער באַפעלקערונג. און דאָ, אין דער מיט, אַ בשורה פון אַ נייער וועלט אויף יענער זייט גרענעץ, וואָס זאָגט צו גלייכהייט פאַר אַלעמען, דערקלערט אַנטיסעמיטיזם אַלס אַ מלוכה־פאַרברעכן, און אין שפּיץ פון דער דאָזיקער איבערקערעניש, אַ גאַנצע פּלעיאַדע יידישע פּער־זענלעכקייטן, וואָס טייל פון זיי זענען אַרויסגעוואַקסן פון די יידישע אַרבע־טער־פּאַרטייען! ווי האָט עס דען אַנדערש געקאָנט זיין, אַז דער יונגער געוועזענער ישיבה־בחור וואָס האָט ערשט אַנגעהויבן טאַפּן אין דער פינצטער און זוכן צווישן טעאָריעס אַ וועג פאַר זיך, זאָל צוגעזאָגטן ווערן צו דער דאָזיקער מחנה וואָס אַפּעלירט: ערשטנס צו זיינע נאַציאָנאַלע געפילן און גיט אויך אַן ענטפער אויף זיין פראַגע (צו הרב ראַדט) וועגן דעם קאַמף פאַר אַ בעסער לעבן ביז דער פולשטענדיקער נאַציאָנאַלער אויסלייזונג!

דער צווייטער עפּיזאָד איז פון אַ מער פּערזענלעכן כאַראַקטער: זומער 1920 — כמעט אַלע אָנפירנדיקע חברים זענען אַוועקגעפאָרן קיין ווין, ווו עס קומט פאָר די היסטאָרישע וועלט־קאָנפערענץ פון דער אַלוועלטלעכער פועלי־ציון־באַוועגונג, אויף וועלכער עס וועט דעצידירט ווערן דער גורל פון דער פּאָליטישער אָריענטאַציע פון דער פּאַרטיי — צווייטער אינטער־נאַציאָנאַל אָדער קאָמאינטערן. אין וואַרשע איז געבליבן בלויז איין יונגער חבר פון דער אָנפירונג, דניאל לייבל, וועלכער ווערט, פאַר דער צייט פון דער קאָנפערענץ, דער איינציקער רעדאַקטאָר פון דער „אַרבעטער צייטונג".

איין קליניקייט, „אַרבעטער צייטונג״! עס איז פשוט שווער היינט איבער־צוגעבן די אַטמאָספער אַרום דעם דאָזיקן וואָכנבלאַט פון דער פועלי־ציון־פאַרטיי אין יענער צייט. דאָס איז געווען אַן אָרגאַן וואָס האָט באַהאַנדלט די גורל־פראַגעס פון דער וועלט און פון פאָלק אין יענער תקופה מיט זעל־טענער געלערנטקייט, ערנסטקייט און געוויסנהאַפטיקייט פון דער ריינסטער קוואַליטעט. אַנהענגערס און פריינד האָבן מיט אומגעדולדיקער דערוואַרטונג אויסגעקוקט יעדן דאָנערשטיק אויף דער דערשיינונג פון דער אויסגאַבע. אייגענע חברים האָבן, פון וואָך צו וואָך, איבערגעחזרט און דיסקוטירט די פּראָבלעמען פונעם פאַרגאַנגענעם נומער, און אַפילו געשווירענע קעג־נערס האָבן זיך געקוויקט מיט די מאמרים פון דער „אַרבעטער צייטונג״, וואָס זענען שטענדיק געווען אָנגעפּראָפּט מיט געדאַנקען, אידעען פונעם גאַנצן סאָציאַליסטישן ספּעקטרום און האָבן געדינט ווי מאַטעריאַל פאַר סאָציאַליסטישער אַרגומענטאַציע.

דניאל לייבל האָט, בעל־כּרחו, גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו רע־דאַקטירן די „אַרבעטער צייטונג״, דורך דער צייט פון דער ווינער וועלט־קאָנפערענץ. ער איז אָבער געשטעלט געוואָרן פאַר דער דילעמע, וואָס איז פאַר יעדן רעדאַקטאָר אַ קאָשמאַר: ווו נעמט מען מיטאַרבעטערס וואָס זאָלן נישט אַראָפּנידערן דעם ניווֹא פון דער צייטונג? קומט ער זיך אַרויף אין דער „אַרבעטער־היים״ און רופט צוזאַמען אַ צענדלינג פון די אַקטיווסטע חברים פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע און ווענדט זיך צו זיי בזה הלשון: חברה, נעמט זיך צו דער אַרבעט! איר זיצט דאָ גאַנצע טעג און דיסקוטירט צום וויפלטן מאָל ענינים, וואָס שטייען ברומו של עולם — נעמט און שרייבט עפּעס אָן פאַרן נומער! חברה איז אַריינגעפאַלן אין פאַרלעגנהייט. קיינער פון אונדז האָט נאָך קיין מאָל נישט געזינדיקט מיט דער פעדער. נאָך דערצו אַזאַ אויפגאַבע, שרייבן פאַר דער פּרעסטיזשפולער „אַרבעטער־צייטונג״. קיינער האָט זיך נישט געכאַפּט שרייבן. איך האָב אָבער געהאַט אַ חבר וואָס האָט געהאַלטן אַז איך דאַרף פּרוּוון אָנשרייבן אַן אַרטיקל. דאָס איז געווען מיין נאָענטער חבר און פריינד יאָסל וואָראַנסקי, איינער פון די טיף־דענקענ־דיקע חברים פון דער באַוועגונג (ער לעבט שוין לאַנגע יאָרן אין מדינת־ישראל און ער איז אפשר דער איינציקער לעבנגעבליבענער פון די באַראָכאָ־וויסטישע טעאָרעטיקערס). ער האָט זיך אָנגעזעצט אויף מיר (מיין אייגענע אַמביציע האָט דאָן אויך געשפּילט נישט קיין קליינע ראָל אין דעם עפּיזאָד),

און איך האָב אָנגעשריבן אַ גרעסערן אַרטיקל אונטערן קעפּל „אין אָפּאָזיציע". דאָס איז געווען אַ שאַרפע קריטיק איבער דער כלומרשטער אָפּאָזיציע פון דער פּ.פּ.ס., וועלכע איז געווען אַ שאָוויניסטיש-פּוילישע פּאַרטיי וואָס האָט זיך געפּוצט אין סאָציאַליסטישע פעדערן.

אַוועקגעטראָגן דעם אַרטיקל אין דער רעדאַקציע און אַוועקגעגאַנגען אַהיים אָן דער מינדסטער דערוואַרטונג אַז דאָס זאָל געדרוקט ווערן. ווייזט אָבער אויס, אַז טיף אין מיר האָט דאָך געטליִעט אַ האָפענונג אַז עס וועט אַריין. בין איך טאַקע געווען פון די ערשטע וואָס האָבן אויף קאַרמעליצקע 15 (דאָס הויז פון דער רעדאַקציע) אָפּגעוואַרט דאָס דערשיינען פונעם נומער. עס איז פאַראַן אַ העברעיִשער זאָג „שמועה טובה תדשן עצם", אַ גוטע בשורה מאַכט פעט דאָס געביין. מיר דאַכט זיך אַז יענער מאָמענט ווען איך האָב דערזען מיין נאָמען איבער דעם עדיטאָריעל-אַרטיקל אויף דער ערשטער זייט פון דער „אַרבעטער-ציַיטונג" האָט מיר געגעבן חיות פאַר אַ לאַנגער קייט פון יאָרן פון פּובליציסטישער און רעדאַקטאָרישער לייסטונג.

ווי געזאָגט, זענען מיינע פּוילישע יאָרן געווען דער יסוד פון מיין גאַנצן שפּעטערדיקן געזעלשאַפטלעכן גאַנג; זיי האָבן מיך אויך אויסגעפורעמט ווי אַ טוער וואָס ווערט געשטעלט פּנים-אל-פּנים מיט די האַרטע ווירקלעכקייטן וואָס צווינגען אים אָנצונעמען באַשלוסן פאַר גרעסערע און קלענערע קאָלעקטיוון, וואָס קוקן אויס אויף אָנפירונג. די פּאַרטיי האָט מיך געשיקט אויף פאַרשיידענע אויפגאַבעס אין דער פּראָווינץ און איך האָב אַ סך געטאָן אויפן געביט פון אויפשטעלן יוגנט-גרופּעס אין דער פּראָווינץ. איך בין אויך געווען זייער אַקטיוו אין דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער-באַוועגונג צווישן די ייִדישע פאַראיינען וואָס האָבן אין זייער מערהייט זיך געפונען אונטער דער השפּעה פון „בונד" און שפּעטער פון די ייִדישע קאָמוניסטן.

מיין טעטיקייט אויף דעם דאָזיקן געביט פאַרנעמט אַ גאַנץ באַדייטנדיקן אָרט אין יענעם צייט-אָפּשניט פון מיין לעבן. אפשר וועט נאָך אויסקומען צו דערציילן מער פּרטים וועגן דעם. איין קליינעם פּרט פון יענעם פּעריאָד וויל איך אָבער יאָ איצט אַרויסברענגען: די פּאַרטיי האָט באַשלאָסן, אַז מען מוז אויפשטעלן אַ פּאַרטיייִשע גרופּע אינעם וואַרשעווער ייִדישן טעקסטיל-פאַראיין וואָס האָט געציילט אַריבער פינף טויזנט מיטגלידער. איך בין באַשטימט געוואָרן צו ווערן דאָרט אַ מיטגליד און צו דעם צוועק האָב איך פאַר זיך געפונען אַן אַרבעטפּלאַץ אין אַ גרויסער גאַרן-פאַבריק וואָס האָט

געהערט צו אַ סינדיקאַט פון זיבן ייִדישע פאַבריקאַנטן. אין משך פון עטלעכע וואָכן איז מיר געלונגען צו אָרגאַניזירן די עטלעכע צענדליגג אַרבעטער, (מייסטנטייל קינדער פון פרומע חסידישע הימען) און זיי ברענגען אין פאַר־איין. דאָס איז געווע אַ דערגרייכונג, ווייל די פאַבריק האָט געדינט ווי אַן אָנשפּאַר פאַר אַ סך קלענערע אונטערנעמונגען וואָס האָבן געפירט אַ קאַמף קעגן דער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע. עטלעכע מאָנאַטן שפּעטער איז פאָרגעקומען די אַלגעמיינע וואַל־פאַרזאַמלונג פונעם פאַראיין, וואָס האָט געדאַרפט אויסוויילן אַ נייע פאַרוואַלטונג. דער גרויסער זאַל פונעם קינאָ איז געווען אָנגעפילט מיט אַן עולם פון קנאַפּע צוויי טויזנט מיטגלידער, און אַלע דריי פּאַרטייען וואָס זענען געווען טעטיק אויף דער ייִדישער גאַס האָבן זיך געגרייט צו דער פּאָליטישער שלאַכט. עס איז געווען קלאָר פון פאָרויס, אַז די קאָמוניסטן וואָס האָבן זיך געהאַט פאַראייניקט מיט דעם אָפּגעשפּאָלטענעם „קאָמבונד" וועלן קריגן אַן אַבסאָלוטע מערהייט. עס איז אָבער געגאַנגען אין דער צאָל מאַנדאַטן וואָס עס וועלן באַקומען די אָפּאָזיציע־פּאַרטייען „בונד" און „לינקע פּועלי־ציון" (די רעכטע פּועלי־ציון האָבן נישט געשפּילט קיין שום ראָל אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג).

איך האָב געקראָגן אַ באַשטימטע צייט פאַר מיין אַרויסטרעטונג און בין אַרויס מיט אַ רעדע וועגן פּאַלעסטינע און פון דעם באַטייט פון אַ ייִדישן טעריטאָריאַלן צענטער אין ארץ־ישׂראל וואָס דאַרף, לויט בער באָראָכאָוו, ווערן די סטראַטעגישע באַזע פון ייִדישן אַרבעטער־קלאַס. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט דעלעגירט דעם חבר יצחק לעוו, פּאַרזיצער פון דער וואַר־שעווער אָרגאַניזאַציע, ער זאָל, ווי אַ קאָרעספּאָנדענט פון דער „אַרבעטער־צייטונג", בייווינען די פאַרזאַמלונג. מען האָט מיר שפּעטער איבערגעגעבן, אַז לעוו האָט געגעבן אַ באַריכט וועגן מיין אַרויסטריט אַז „אין מערב־אייראָפּע שטירצט מען אַ מיניסטאָרן־קאַבינעט מיט אַזאַ רעדע"... אַז איך דערצייל שוין וועגן דעם, מוז איך שוין צוגעבן אַז אונדזער פראַקציע האָט געקראָגן איין מאַנדאַט, פּונקט אַזוי ווי דער „בונד", און איך בין געווילט געוואָרן אין דער צענטראַלער אָנפירונג פון אַלע ייִדישע טעקסטיל־פאַראיינען אין פוילן.

*

אין 1923 בין איך אַוועק פון פוילן קיין דאַנציג, צוליב דעם וואָס איך בין שטאַרק געזוכט געוואָרן פון דער פוילישער פּאָליטישער געהיים־פּאָליציי. דער וואַרשעווער קאָמיטעט האָט געהאַלטן, אַז עס איז גלייכער אַז איך זאָל

אַוועק. (וועגן דעם ענין לוינט זיך אויך צו פֿאַרצייכענען עטלעכע וויכטיקע מאָמענטן, וואָס וואַרפֿן אַ שיין אויף געוויסע היסטאָרישע עפּיזאָדן. אָבער, אַן אַנדער מאָל).

פֿון 1923 ביז 1980 איז פֿאָלג מיך אַ גאַנג: אַ גאַנץ נישקשהדיקער פֿאַרהאַלט אין דאַנציג, ווו איך בין געווען דער רעדאַקציע־סעקרעטאַר אין דער יידישער טאָג־צייטונג, וואָס איז פֿינאַנסירט געוואָרן פֿון שלום אַשס שוואָגער שאַפּיראָ, אונטער דער רעדאַקציע פֿון יהודה שאַיאַק; דאַן אַ תּקופֿה פֿון גאַנצע זעכצן יאָר אין בעלגיע, ווו איך האָב געשאַפֿן און געפֿורעמט די פּאַרטיי לויטן מוסטער פֿון דער פּוילישער פּאַרטיי, מיט אַ געמיש פֿון מערב־אייראָפּעיִשע באַגריפֿן; דאַן אַמעריקע, ווו עס ליגן אויף מיינע פּלייצעס פֿערציק יאָר פֿון צווישן־פּאַרטייִשן און אינערלעך־פּאַרטייִשן געראַנגל. דאָס איז אַ „סאַגאַ” וואָס דאַרף נאָך דערציילט ווערן.

וועל איך דאָ דערוויל פֿאַרענדיקן דערמיט וואָס איך וועל דערקלערן, אַז אויף מיין גאַנצן פּערזענלעכן און געזעלשאַפֿטלעכן וועג האָב איך געטראָגן מיט זיך די אַטמאָספֿער פֿון דער „אַרבעטער־היים”; ווו איך האָב געקאָנט, האָב איך געהאָלפֿן בויען „אַרבעטער־היימען”; צי עס איז געווען אין בריסל, אין פּאַריז, אָדער אין אַנדערע שטעט פֿון דער יידישער צעשפּרייטקייט, און צום סוף אין מדינת־ישׂראל, ווו עס הייבט זיך אַזוי פּרעכטיק און שטאָלץ דער „בית ראשונים” — אומעטום האָב איך זיך באַמיט צוצוטראָגן מיין חלק צו פֿאַרפֿעסטיקן דעם גייסט פֿון אידעאַליזם און איבערגעגעבנקייט וואָס שטאַמט פֿון דער וואַרשעווער „אַרבעטער־היים”. האָב איך טאַקע אויף דער פֿייער־לעכער דערעפֿענונג פֿונעם „בית ראשונים” אין תּל־אָביב, אין מיין באַגרי־סונג, אונטערגעשטראָכן אַז ווען איך זאָל דאַרפֿן איבערזעצן אויף יידיש דעם נאָמען „בית ראשונים” וואָלט איך קעגן אַלע דערווידערונגען פֿון שפּראַך־קענערס, פּשוט איבערגעזעצט: „אַרבעטער־היים”. ווייל ביזן היינטיקן טאָג פֿיל איך נאָך אויף זיך די שכינה פֿון קאַרמעליצקע 23, פֿון דער פּוילישער פּועלי־ציון־באַוועגונג וואָס האָט אַריינגעשריבן איינעם פֿון די הערלעכסטע קאַפּיטלען אין דער מאָדערנער יידישער געשיכטע.

הלוואַי איך זאָל נאָך זוכה זיין אַרויסצובאַגלייטן לעיני כּל די וויטערדיקע גייסטיקע וואַנדערונגען מיינע אין דער יידישער וועלט, וואַנדערונגען וואָס זענען געווען באַהויכט מיט דעם גייסט פֿון דער אַלוועלטלעכער פּועלי־ציוניסטישער „אַרבעטער־היים”.

1980

חברים וועגן יהודה טיבערג

י. ווייסבאָרד

יהודה טיבערג — זיין לעבנסוועג

יהודה טיבערג איז געבוירן געוואָרן אין מלאַווע אין אָנהייב פון 20סטן יאָרהונדערט ביי שטאַרק רעליגיעזע עלטערן. אַן אייניקל פון מלאַווער דיין, ר׳ טוביה יששכר טיבערג, האָט ער געקראָגן אַ תלמודיש־יידישע דערציונג. די לופט איז דעמאָלט געווען אָנגעפילט מיט אידעען און פּראָבלעמען אויף דער יידישער גאַס, וואָס האָט אויך נישט אויס־געמיטן די רעליגיעזע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג. דער יונ־גער יהודה האָט געגומען שעפּן פון דעם פּועלי־ציון־קוואַל. צו 18 יאָר פאַרלאָזט ער מלאַווע און קומט אָן אין דער פוילישער מעטראָפּאָליע — וואַרשע.

וואַרשע איז דעמאָלט געווען דער קרייצפּונקט פון אידעען, באַוועגונגען און יידישע טרוימען. עס איז געווען דער סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, דער אָנהייב פון דער רוסישער רעוואָלוציע און ביי די יידישע מאַסן איז געוואַקסן דער דראַנג פאַר אַ בעסערער און אַ שע־נערער וועלט, אָבער צוזאַמען מיט דעם איז אויך געוואַקסן דער טרוים צו אַ נאַציאָנאַלער היים, צו אַ זעלבשטענדיקע היים אין ארץ־ישראל.

די פּועלי־ציון־באַוועגונג איז דעמאָלט ראַשיק געוואַקסן. עס זענען צוגעקומען אינטעליגענטע כוחות פון פאַרשיידענע שיכטן. דער אי־דעישער פאַרמעסט איז באַזונדערס געווען קעגן „בונד״, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען איינגעבירגערט אויף דער יידישער גאַס און האָט פאַר־נומען אַ בעגאַטיווע שטעלונג צו דער אידעע פון נאַציאָנאַלן היימלאַנד.

דער יונגער יהודה, וואָס איז געקומען פון מלאַווע קיין וואַרשע מיט פּלענער אַריינצוטרעטן אינעם וואַרשעווער אוניווערסיטעט, איז פאַר־כאַפּט געוואָרן פון דער רעוואָלוציאָנערער שטימונג וואָס האָט דעמאָלט געהערשט אין די רייען פון „פּועלי־ציון״. די „אַרבעטער־היים״ אויף

קאַרמעליצקע 23 איז געווען דער ברענפּונקט פון רעוואָלוציאָנערע חלו־מות און פון נייע אידעאַליסטישע טרוימען. דאָ האָבן זיך געטראָפן יידישע דיכטערס און נאָוועליסטן, וואָס זענען שפּעטער באַרימט גע־וואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור.

יהודה איז געשיקט געוואָרן פון דער פּאַרטיי־לייטונג איבער דער פּוילישער פּראָווינץ העלפן אויפשטעלן נייע אָרגאַניזאַציעס. ער איז געווען אַ געראַטענער רעדנער, אַן אָראַטאָר און ער האָט מצליח געווען. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און ער איז באַרימט געוואָרן אין דער באַוועגונג אונטערן פּסעוודאָנים „וואָלאַדעק" און אונטער דעם נאָמען האָט ער אויך דעביוטירט אין דער וואַרשעווער „אַרבעטער־צייטונג", ווו ער איז געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער.

דער פּוילישער רעשזים וואָס איז אין אָנהויב געווען אַ ביסל לי־בעראַלער איז אָבער געגאַנגען אויפן וועג פון צוימען די רעכט פון דער באַפעלקערונג און ספּעציעל פון דער יידישער באַפעלקערונג און אין יאָר 1923 איז יהודה געצוווּנגען צוליב פּאָליציישע פאַרפאָלגונגען צו אַנטלויפן קיין דאַנציג און פון דאָרטן קיין בעלגיע.

ווען ער איז אין 1923 אָנגעקומען אינעם מערב־אייראָפּעישן, דע־מאָקראַטישן בעלגיע, האָט ער דאָרט, שוין נאָך דער שפּאַלטונג ביי די פּועלי־ציון, געטראָפן אַ קליינע גרופּע לינקע פּועלי־ציון. ער האָט דאָרטן, ווי עס איז געווען זיין שטייגער, זיך אַריינגעוואָרפן אין דער פּאַרטייִשער אַרבעט און אויפגעבויט אַ שיינע פאַרצווייגטע באַוועגונג מיט אַן אייגענער פּרעסע, וואָס האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעענע פּאָזיציע אינעם לעבן פונעם יידישן יישוב אין בעלגיע.

אין בעלגיע האָט ער געלעבט ביז צום אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. דאָרטן האָט ער זיך באַקאַנט מיט חנהקען, זיין לעבנס־באַגלייטערין, און אין 1927 האָבן זיי חתונה געהאַט. אין 1930 איז ביי זיי געבוירן געוואָרן זייער ערשטער זון דוד. אין 1930 האָט יהודה פאַרטראָטן די בעלגישע לינקע פּועלי־ציון אויף דער וועלט־קאָנפערענץ פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל אין בערלין. ער האָט פאַרטראָטן די לינקע פּועלי־ציון ביי אַלע ציוניסטישע קאָנגרעסן.

ביים אויסבראָך פון צווייטן וועלטקריג איז ער אַריבער מיט זיין משפחה קיין ווישי־פראַנקרייך און נאָך לאַנגע וואַנדערונגען זענען זיי

מיט דער הילף פון אונדזערע חברים אין אַמעריקע אין דער שפּיץ מיט פּאָול גאָלדמאַן ז״ל אַריבערגענומען געוואָרן דורכן יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט קיין אַמעריקע.

אין יענער צייט, אין די יאָרן 1940—1941 האָבן זיך דערשלאָגן צו די ברעגעס פון אַמעריקע אַ גרעסערע צאָל אַנפּירנדיקע חברים פון פּוילן וואָס האָבן זיך געראַטעוועט קיין ווילנע און זענען געבראַכט געוואָרן קיין אַמעריקע דורכן יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט. עס האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן אַ ברייטערע אַרבעט פון די לינקע פּועלי־ציון אין ניו־יאָרק.

די מלחמה אין אייראָפּע האָט זיך וואָס אַ מאָל מער צעפלאַקערט; די היטלער־האָרדעס זענען באַפאַלן סאָוועט־רוסלאַנד און אין די פלאַמען צוזאַמען מיטן רויך פון די גאַזקאַמערן זענען אומגעקומען מיליאָנען יידן; עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען גיהנומדיקע ידיעות וועגן דעם גורל פון אונדזערע נאָענטע און טייערסטע און אין אַ געוויסן זין זענען מיר דאָ געווען הילפלאָז.

די יידישע געזעלשאַפטלעכע אָנפירונג האָט איינגעאָרדנט דעמאָנסטראַציעס און אַקציעס אין וועלכע די לינקע פּועלי־ציון האָבן זיך באַטייליקט און דער חבר יהודה איז געווען פון די אָנפירערס. עס זענען דאָן געווען גרויזאַמע יאָרן פון הערן די שוידערלעכסטע ידיעות און נישט זיין בכּוח צו העלפן...

ווען נאַצי־דייטשלאַנד איז ענדלעך באַזיגט געוואָרן און דער פאַרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן האָט מען ערשט דערזען דעם גרויסן חורבן אינעם יידישן אייראָפּע. עס האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן אַ גרויסער קאַמפּיין פון הילף און צוזאַמען דערמיט האָט זיך אויך אינעם יידישן אַמעריקע אויפגעהויבן אַ מעכטיקער רוף פאַרן שאַפן פון אַ יידישער מדינה. אין די דאָזיקע אַקציעס האָט יהודה זיך באַטייליקט מיט אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט.

נאָכן אויפקום פון דער מדינה האָט ער אָנגעפירט מיט דער באָנד־דיוויזיע פון די יוניאָנס (אַרבעטער־פאַראיינען) און פון אַרבעטער־רינג און ער איז געווען אינסטרומענטאַל אין שאַפן מיליאָנען דאָלאַרן פאַרן ישראל־באָנדס. נאָכן אָפּאַרבעטן היפּשע יאָרן פאַרן ישראל־באָנדס קאַמפּיין ציט ער זיך צוריק פון דער אַרבעט און ווידמעט זיך דער אַרבעט

פון דער לינקער פועלי־ציון־גרופּע און נאָכן טויט פון חבר פּאָול גאָלד־מאַן ווערט ער דער פירער פון דער גרופּע.

אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער אַ סך געלייענט און שטודירט, געווען לאַנגע יאָרן דער רעדאַקטאָר פון „אונדזער וועג", אויפגעטראָטן מיט רעפעראַטן, וואָס האָבן ווי שטענדיק צוגעצויגן אַ גרויסן עולם. טיבערג האָט טיף געוואָרצלט אין דער יידישער טראַדיציע און האָט שטענדיק געפונען פאַרגלייכונגען פון אונדזערע היינטיקע געשעענישן מיט געשעענישן אין אונדזער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט. זיין אַוועקגיין אין דער אייביקייט האָט געלאָזט אַ ליידיקייט נישט צום פאַרפילן.

חיים פינקלשטיין

דער גייסטיקער פּאָרטרעט פון יהודה טיבערג

(שטריכן צו דער טיבערג־פּערזענלעכקייט)

יהודה טיבערג — דער מענטש אין זיינע פאַרשיידענע אַנטפּלעקונ־גען — ווי אַ פּועלי־ציון, ווי אַ רעדנער, פּובליציסט, פּאָליטישער טוער, ועל־כולם — טאַקע ווי אַ מענטש — איז אַ טעמע פאַר אַ גרעסערער אַרבעט, וואָס דאַרף נאָך געשריבן ווערן. אָבער אויף וויפל ס׳איז מעגלעך, וויל איך ביי דער געלעגנהייט, צום דערשיינען פון זיין בוך „אויף די שליאַכן פון צייט" אָנצייכענען בלויז איניקע שטריכן, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער טיבערג־פּערזענלעכקייט.

*

טיבערגס ערשטע גרויסע מעלה איז געווען וואָס ער האָט געהאַט טאַלאַנט צו טראַכטן. ער האָט געטראַכט ווען ער האָט געשריבן, ער האָט געטראַכט ווען ער האָט גערעדט און ער האָט געטראַכט ווען ער האָט געשוויגן. ווער עס האָט אַ חוש פאַר מענטשלעכער מחשבה האָט ממש געהערט דאָס טראַכטן זיינס אַפילו אין דער סאַמע שטילקייט. מ׳האָט עס באַשיימפּערלעך געזען אין די אויגן זיינע און אין די סאַמע דינסטע וויבראַציעס פונעם גייסטיקן אומרו וואָס האָט אים באַגלייט נאָכאַנאַנד. איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז אַ מענטש וואָס איז געבענטשט מיט טאַלאַנט צו טראַכטן זאָל נישט אָננעמען פון פאַרויס קיין טעאָריעס און מסקנות, וואָס אַנדערע — מעגן זיי זיין ווי גרויס און וויכטיק — האָבן שוין אויסגעטראַכט פאַר אים. ער אַליין מוז זיך דערטראַכטן, גרייכן צו דעם יסוד פונעם געדאַנק. און נאָר דעמאָלט ווען ער פילט די שלימות צווישן זיין אייגענער מחשבה און דער אידייע, איז די אידענטיפיקאַציע אַ פולשטענדיקע.

טיבערג איז געווען אַ מענטש מיט איינגעבוירענעם אינטעלעקטועלן

אומרו. און ווייל ער איז געווען אַזוי, האָט אים כסדר באַגלייט אַ מין אומצופרידנקייט וואָס רעגט אָן נישט בלויז צו טראַכטן, נייערט אויך צו מעשים. זיין אומצופרידנקייט איז בדרך־כלל געווען אַ קאָנסטרוקטיווע, מחמת אין תוך איז ער געווען אַ גלייביקער מענטש וואָס איז איבער־צייגט אַז דאָס גוטס, ווי דאָס שלעכטס, איז אָפּהענגיק בעיקר פונעם מענטשן גופא און פון זיינע מעשים. דערפֿאַר טאַקע האָט דער מענטש — דער יחיד ווי דער כלל — פאַרנומען דעם סאַמע אויבן־אָן אין זיינע מחשבות. דאָס דאָזיקע איז געקומען צום אויסדרוק אויף זייער אַ בולטן אופן אין זיין באַציִונג צו מענטשן אויך אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן. פשוט: ער האָט ליב געהאַט מענטשן. דאָס זעלבע אויך — צו לענגערע יאָר — זיין לעבנס־באַגלייטערין — חנקה. איז טאַקע זייער היים שטענ־דיק פול געווען מיט חברים, מיט פריינד און מיט מענטשלעכער וואַ־רעמקייט.

טיבערג איז געווען געבענטשט אויך מיט נאָך טאַלאַנטן. ער איז געווען אַ גוטער פובליציסט און אַ גוטער רעדנער. אויף ביידע געביטן האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זאַכלעכקייט, פּרעציזקייט און עלעגאַנץ. אין רעדן, ווי אין שרייבן, האָט ער נישט באַנוצט קיין הויכע טענער. ער האָט גערעדט שטיל, באַזאַכט. ער האָט נישט געזוכט צו אַפּעלירן צו די געפילן און עמאָציעס פון זיינע לייענערס און צוהערערס, נייערט צום שׂכל און צו דער לאָגיק זייערער. אויך דעריך, דוכט זיך, איז פאַראַן אַ באַווייז פון זיין דרך־ארץ פאַרן מענטש, וועגן וועלכן כ'האָב פריִער דערמאָנט.

*

אין דער פּועלי־ציון־באַוועגונג איז יהודה טיבערג אַריין נאָך אין זיינע סאַמע יונגע יאָרן, באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. פּועלי־ציון אין פּוילן איז נאָך אין יענער צייט געווען אַ יונגע פּאַרטיי, אין גאַנצן 10—12 יאָר אַלט. אָבער דאָך האָט ער זי שוין נישט געדאַרפט אַנטדעקן. אַנדערע — די ראשונים, וואָס האָבן פאַרלייגט דעם טעאָרע־טישן יסוד אירן — האָבן עס געטאָן פריִער. אָבער דערפֿאַר האָט ער זיך אַליין אַנטדעקט אין דער פּאַרטיי און אַ דאַנק איר. נישט שטענדיק האָט דער מענטש מזל צו געפינען דאָס ריכטיקע אָרט און די נייטיקע באַדינגונגען צו קענען אַנטוויקלען דעם אינטעלעקטועלן, גייסטיקן, אָדער

קינסטלערישן פּאָטענציאַל זיינעם. עס טרעפט דערפאַר, אַז נישט ווייניק טאַלאַנטן פאַרבלאָנדזשען... טיבערג האָט נישט געבלאָנדזשעט. ער איז פונעם ערשטן מאָמענט אַריין מיטן רעכטן פוס. די פועלי־ציון־אידייע, וואָס האָט זיך נאָך דעמאָלט געראַנגלט פאַר איר „בירגער־רעכט" אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס, האָט זיך געגייטיקט אין מענטשן מיט גייסטיקן אימפּולס, וואָס זענען געניגט צו גיין קעגן שטראָם. ער, ווי־דער, טיבערג, האָט לויט זיין טבע, זיך געגייטיקט אין אַן אידייע וואָס זאָל געבן אַן ענטפער אויף זיינע אינערלעך־קאָמפּליצירטע גייסטיקע זוכענישן. און אַז פועלי־ציוניזם האָט אויסגעזען קאָמפּליצירט און נישט שטענדיק פאַרשטענדלעך פאַר אַלעמען, איז באַקאַנט. למשל: ציוניזם. געווען אַנהענגערס, געווען קעגנערס, אָבער פאַרשטאַנען די אידייע האָט מען. דאָס זעלבע אויך מיט סאָציאַליזם. די דאָזיקע אידייע האָט שוין אין יענער צייט געשלאָגן טיפע וואָרצלען אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס, דער עיקר אַ דאַנק דעם „בונד" און אויך אַנדערע באַוועגונגען. דער אויבערפלעכלעכער איינדרוק ביי דער גרויסער מערהייט פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט איז געווען, אַז ציוניזם און סאָציאַליזם זענען צוויי קעגנזעצלעכע פּאָלוסן. אָדער — אָדער. קומען פועלי־ציון, בראש מיט באָראָכאָוון, סירקינען, קאַפּלאַנסקין און אַנדערע און באַווייזן פונקט דאָס פאַרקערטע. דווקא אינעם זיווג פון בײדע אידייען, אין זייער פולן סינטעז און השלמה, באַווייזן זיי, איז פאַראַן גאַראַנטיע פאַר דער פאַר־ווירקלעכונג סיי פון ציוניזם און סיי פון סאָציאַליזם ביי יידן. ביידע צוזאַמען — יאָ, באַזונדער — נישט. ריכטיק איז אַז דער באַגריף סאָציאַליסטישער ציוניזם, וואָס איז דער יסוד פון דער גאַנצער פועלי־ציוניסטישער תורה, האָט אין יענער צייט נישט אויסגעזען אַזוי קלאָר און פאַרשטענדלעך. אָבער טאַקע די אַנדערשקייט, די נייקייט און אייגנ־קייט פונעם געדאַנק האָט טיבערגן אימפּאָנירט. ער האָט באַנומען מיט אַלע חושים זיינע, אַז אינעם דאָזיקן אידעישן אַרקעסטער וועט אויך זיין אייגענער טאָן אַריינשפּילן אין פולער האַרמאָניע. און ווייל איז דעם מענטש וואָס געפינט אַן עכאָ פאַרן אייגענעם ניגון זיינעם.

מיט יוגנטלעכן ברען, מיט התלהבות און דער עיקר מיט אַ סך גלויבן, איז טיבערג אַריין אין דער אויפקלער־אַרבעט פון דער פועלי־ציון־פּאַרטיי. פון וואַרשע, וווּ ער האָט זיך באַזעצט, איז ער געפאָרן

איבער שטעט און שטעטלעך און אַהין געבראַכט די אידייע פון פּועלי־ציון. צום דערפאָלג פון זיינע שליחותן האָבן אַ סך בייגעטראָגן די פריִער דערמאָנטע איינגעבוירענע אייגנשאַפטן זיינע: דער טאַלאַנט צו רעדן און מסביר זיין, קלאָר און פאַרשטענדלעך, די סאַמע שווערסטע סוגיות. האָבן טאַקע זיינע רייד אָנגערעגט די צוהערערס זיינע צו טראַכטן, צו לערנען. און גערעדט האָט ער אַלע מאָל נאָר וועגן דעם אין וואָס ער אַליין איז געווען איבערצייגט. עס איז ביי אים אַרויסגעקומען פּשוט, נאַטירלעך. אָבער דאָס באַשטעטיקט דעם כּלל, אַז נאָר איבערצייגטע קענען איבערצייגן אויך אַנדערע.

דעם זעלבן וועג האָט ער פאַרגעזעצט אויך שפּעטער, אין בעלגיע, וווּ ער האָט זיך באַזעצט אין מיטן די צוואַנציקער יאָרן. דערפאַר איז ער אויך דאָרט שנעל געוואָרן איינער פון די צענטראַלע מענטשן. נישט בלויז אין דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי, נאָר אינעם יידישן יישוב בכלל. זיין השפּעה איז געווען קענטיק אויף אַלע שטחים פונעם יידישן לעבן, באַזונדערס אויף דער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער געשטאַלטונג פונעם יישוב און אויפן געביט פון דער יידישער קולטור־טעטיקייט.

*

דער דריטער, לענגסטער און וויכטיקסטער עטאַפּ פון טיבערגס לעבן איז געווען אין אַמעריקע. ער האָט זיך באַזעצט אין די שטאַטן מיטן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער חורבן פון איראָפּעיִשן יידנטום האָט זיך איינגעקנוילט אין זיין נשמה און איז אים נאָכגעגאַנגען אַלע יאָרן.

ווער ס'האָט באַנומען די טיפע טראַגיק פון יידישן פאָלק, אַ טראַגיק וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט מיט איר גאַנצן גרויל, האָט אויך געמוזט פאַרשטיין, אַז ממשיך זיין דאָס יידישע לעבן אין דעם זעלבן רוטינערן גייסט ווי פריִער, איז נישט מעגלעך. עס איז אַ צייט פון איבערשאַצן ווערטן און אויף אַלע געביטן פונעם לעבן און אַרויסציִען דערפון די נייטיקע מסקנות, אַפילו ווי ווייטיקלעך און פיינלעך עס זאָל נישט זיין. טיבערג אַקצענטירט איצט מיט דער גאַנצער קראַפט דעם אַקטיוון און קאָנסטרוקטיוון ציוניזם. דער דגש ווערט געשטעלט אויף דער פולער אידענטיפיקאַציע פון וועלט־יידנטום — און אין דער ערשטער ריי פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט און אינטעליגענץ — מיטן ציוניזם און מיט ישראל.

גלייכצייטיק שטייט ער אין דער פאָדערשטער ליניע פון די וואָס פאָדערן, מיט נאָך מער שאַרפקייט, אַ פולע און ערנסטע רעוויזיע לגבי דעם קאָמוניזם, לגבי דעם ראַטן־פאַרבאַנד און לגבי די האָפענונגען און טרוי־מען, וואָס זענען במשך פון יאָרן געוואָרן פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער אַזוי גערופענער נייער וועלט.

וואָס שייך דער ערשטער פראַגע וועגן אַקטיוון און קאָנסטרוקטיוון ציוניזם — איז שוין אין יענער צייט אין דער פועלי־ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג, און נאָך מער אין ישראל, קיין וויכוח נישט געווען. דער וויכוח איז געווען מיט דרויסנדיקע פאַקטאָרן, הן אינעם בירגערלעכן לאַגער, און הן אינערהאַלב דער אַרבעטערשאַפט. אַנדערש איז אָבער געווען בנוגע דאָס צווייטע פּראָבלעם: די רעוויזיע לגבי דער שטעלונג צום קאָמוניזם. אין דעם פאַל זענען די חלוקי־דעות געווען נישט בלויז מיט דרויסנדיקע פאַקטאָרן, נייערט אויך אינערהאַלב דער אייגענער פאַרטיי און וועלט־באַוועגונג. און טאַקע דערפאַר וואָס דער געראַנגל איז געווען אַן אינערלעכער, איז ער געווען פיל שווערער און פיינלעכער. פסיכיש און מאָראַליש איז נישט שווער צו קעמפן מיט שונאים. אַ סך שווערער איז צו קעמפן מיט נאָענטע, מיט אייגענע. אָבער נאָך שווערער איז צו קעמפן מיט זיך אַליין.

אין אָט דעם אידעיִשן געראַנגל, בעיקר טאַקע מיט חברים, מיט פריינד און אָפט מאָל אויך מיט זיך אַליין, האָט יהודה טיבערג אַ בכבודיקן חלק געהאַט. אין שריפט און אין וואָרט, אויף וועלט־אסיפות און לאַנד־באַראַטונגען, אין פאַרבאַנדס־ביוראָ און אין צענטראַל־קאָמיטעט, אין ישראל און אין די תפוצות האָט טיבערג אַרויסגעבראַכט זיינע איינשטע־לונגען. שטענדיק מיט אחריות, מיט ווערדע און מיט טיפן גלויבן אין זיינע איבערצייגונגען. דער געראַנגל איז געווען אַ שווערער און אין די מערסטע פאַלן איז ער פאַרבליבן אין דער מינדערהייט. דאָס האָט אָבער נישט פאַרמינערט טיבערגס גלויבן. איידער גיין מיט דער מערהייט און נישט זיין גאַנץ מיט זיך, האָט ער אויסגעקליבן בעסער צו בלייבן מיט דער מינדערהייט, אָבער גאַנץ מיטן אייגענעם געוויסן.

און נאָך אַ זאַך וואָס איז כדאַי צו דערמאָנען ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט.

ווי געזאָגט, איז טיבערג נישט געווען אַליין אינעם דערמאָנטן אי־

דעיִשן גערעַנגל. אויך אַנדערע צענטראַלע טוערס אין דער פּאַרטיי האָבן זיך געראַנגלט פאַר ענלעכע איינשטעלונגען. אָבער נישט אַלע האָבן גע־האַט דעם נייטיקן אויסדויער און גלויבן, אַז אין אַט די צעשטורעמטע וואַסערן וועט געלונגען צו קערעווען די שיף צו נייע ברעגן. זענען טאַקע געווען חברים, וואָס האָבן מחמת מאַנגל אין אויסדויער אַריינגעוואָרפן דעם טלית און תפילין אין וואַסער אַריין. און געווען אויך אַזעלכע, וואָס זענען פון דער שיף געשפּרונגען. זאָל זיין מיט דער שיף וואָס עס וועט זיין. געוואָלט האָבן זיי קודם־כל ראַטעווען זיך אַליין.

יהודה טיבערג איז פאַרבליבן אויף דער שיף. ער האָט געוווּסט: דער גורל פון דער פּאַרטיי איז אויך זיין אייגענער גורל. און געבליבן איז ער נישט קיין אַנטוישטער און נישט קיין פּאַסיווער צוקוקער. להיפּוך. ער האָט אינערהאַלב דער פּאַרטיי ממשיך געווען דעם געראַנגל, אָבער מיט אַ זעלטענער אַחריות אָפּצוהיטן די גאַנצקייט אירע. דערפאַר טאַקע האָט ער אויך געהאַט די גרויסע סאַטיספאַקציע צו זען פּועלי־ציון ווי אַן אינטעגראַלן באַשטאַנדטייל פון מפלגת העבודה אין ישראל און תנועת העבודה הציונית איבער דער וועלט, געבויט אויף די פּרינציפּן פון דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישן ציוניזם, וואָס זענען אין פולן גייסט פון יהודהס פּערזענלעכן אני־מאמין.

איך ווייס, יהודה טיבערגן האָבן געעגבערט אויך אַנדערע פּראָבלע־מען, ערנסטע און וויכטיקע. פּראָבלעמען וועגן כאַראַקטער פון דער מדינה; מדינה און פאָלק; מדינה און וועלט און נאָך און נאָך. אָבער די און אַנדערע פראַגן וועלן מיר לאָזן פאַר אַנדערע געלעגנהייטן. איך האָף אַז מיר'ן נאָך האָבן אַ סך צו זאָגן וועגן אים און וועגן זיין אי־דעיִשן גאַנג אין לעבן.

י. קליגמאַן

יהודה טיבערג ע״ה

(1984 — 1900)

אַוועק אין דער אייביקייט איז אַ ליכטיקע יידישע פּערזענלעכקייט, דינסטיק דעם 4טן סעפּטעמבער 1984 (ז׳ אלול, תשמ״ד). די טעלעפאָנישע נאַכט-פינצטערע-בשורה פון ניו-יאָרק האָט אונדז אַנגעזאָגט, אַז יהודה טיבערג איז פּלוצעם געשטאָרבן. די נייעס האָט אונדז, די קאַנאַדער חברים, דערשיטערט: מיט זיין טויט זענען כמעט אַלע אונדזערע פּאַרטיי-לערערס, וועגווייזערס אויפן היגן קאָנטינענט — מער ניטאָ. מיט אונדז. ניטאָ מער די, וואָס האָבן פאָרמירט, גענערט און געבויט די לינקע פּועלי-ציון-באַוועגונג אין אַמעריקע. און עס נאָגט אַ טיף וויטאָגגעפיל, אַז מיט זיין אָפּשייד פון אונדז האָט טיבערג, דער איידעלער מענטש, שרייבער, רעדנער, דענקער, קולטור- און כלל-טוער, אָנהייבנדיק אין פּוילן, דורך בעלגיע, פראַנקרייך, און שפּעטער אין צפון-אַמעריקע, אונדז גייסטיק פאַראָרעמט און פאַריתומט.

העכער 64 יאָר איז יהודה טיבערג געווען מיט דער פּועלי-ציון-פּאַרטיי. פון סאַמע פריִע יאָרן, האָט ער, אַן אייניקל פון ר׳ טוביה יששכר טיבערג, דער מלאַווער דיין, זיך באַלאָדן מיט אַ גמזעלשאַפטלעכער שליחות — צו זאָרגן פאַרן גורל פון יידישן אַרבעטער, און אין צענטער פון אָט דער שליחות איז פאַר אים געשטאַנען ווי אַזוי צו לייזן די פּראָבלעמען און נאַציאָנאַלע גאולה-אַספּיראַציעס פונעם יידישן פאָלק. אין יענע ערשטיקע יאָרן, ווען די פּועלי-ציון-באַראָכאָוויסטישע אידעע האָט זיך געראַנגלט פאַר אירע, אַזוי צו זאָגן, „בירגעררעכט" אויף דער יידישער אַרבעטער-גאַס, און זיך גענייטיקט אין כוחות וואָס זענען גרייט צו גיין קעגן שטראָם; ווען דער „בונד" האָט שטאַרק אָפּעלירט, ווייל ער איז אידעיִש געווען לייכט צו פאַרשטיין; ווען דער אַלגעמיינער ציוניזם האָט

געקענט זייער גרינג געווינען הערצער; ווען די פועלי־ציון־אידעע, ציוניזם פלוס סאָציאַליזם, האָט אויסגעזען ווי צוויי קעגנזעצלעכע פּאָלוסן, האָט דער יונגער יהודה פאַרלאָזט זיין היימשטעטל, מלאווע, און זיך געלאָזט קיין וואַרשע, און מיט זיין באַגאַבונג און ענערגיע באַוויזן צו באַווירקן יידישע יוגנטלעכע, אויפקלערנדיק פאַר זיי די שווערע סוגיא פון תורת־בער באָראָכאָוו. דאָס איז געווען די גאָלדענע יידישע יוגנט, וואָס האָט געקעמפט פאַר פרייהייט און יידישער זעלבשטענדיקייט, אַ יוגנט — באַזעסן פון הייליקן פייער אין האַרצן אין שווערן געראַנגל קעגן אַנטיסעמיטיזם, פאַשיזם, און שפּעטער קעגן גערמאַנישן מערדער אַרויסגעוויזן קידוש־השם־והעם־העראָיזם אין די געטאָ־אויפשטאַנדן, און אין די פאַרטיזאַנער־קאַמפן אין די וועלדער.

אין וואַרשע גרייט זיך טיבערג אַריינצוטרעטן אין אוניווערסיטעט און אין דער זעלבער צייט ווערט די „אַרבעטער־היים", די מעקאַ פון לינקע פועלי־ציון, דער ברענפּונקט פון זיין שפּרודלדיקער פּאַרטיי־טעטיקייט. זיין נאָענטער חבר איז דער באַגאַבטער שפּראַכקענער דניאל לייבל, וואָס באַווירקט אים צו באַטייליקן זיך אין דער פּאַרטיי־פּרעסע — „די אַרבעטער צייטונג". ער ווערט נאָענט מיט די פירנדיקע חברים פון דער באַוועגונג: עמנואל רינגעלבלום, רפאל מאַהלער, זרובבל, ניר־ראַפּאַלקעס, די גייסטיקע פּאַרטיי־עליטע, מענטשן פון הויך אַקאַדעמישע דערגרייכונגען, וואָס שאַפן דעם פּרעסטיזשפולן אימאַזש פון דער לינקער פועלי־ציון־באַוועגונג. טיבערג, דער יונגער סטודענט, ווערט, אויף דער אינסטרוקציע פון דער פּאַרטיי, אַקטיוו אין דעם טעקסטיל־אַרבעטער־פאַראיין, ווי דער פאַרשטייער פון דער פועלי־ציון־פראַקציע.

אין 1924 מוז ער צוליב פּאָליטישע סיבות פאַרלאָזן פּוילן, און מאַכט אַ קורצן אָפּשטעל אין דאַנציג, די דעמאָלטיקע „פרײַשטאָט". ווען עס קומען אויף יידיש־אימיגראַנטישע יישובים אין בעלגיע און פראַנקרייך, קומט דער רוף אַז טיבערג זאָל זיך באַזעצן אין בעלגיע. דאָס איז אַ קאַפּיטל פון 16 יאָר פּאַרטיי־ און־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, וואָס נעמט אַרום דעם גאַנצן בעלגישן יידישן יישוב. ער בויט אויף אַ פּרעכטיקע פועלי־ציון־פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, אַ מוסטער פאַר די לאַנדפּאַרטייען, וואָס ווערט באַצייכנט פון דער וועלטאינסטאַנץ ווי דער אָאַזיס פון דער באַוועגונג אין מערב־אייראָפּע.

דאָס דאָזיקע קאַפּיטל ווערט איבערגעריסן אין 1940, ווען עס קומט די מאָוימדיקע וועלט־צעטרייסלונג צו וועלכער דער נאַציזם האָט דערפירט. יהודה און אַ צאָל אַנדערע חברים ראַטעווען זיך קיין פראַנקרייך, ווו ער זעצט פאָר די פאַרטיי־אַרבעט. אַ דאַנק דער היסטאָרישער רעטונג־אַקציע פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, און די באַמיונגען פון חבר פאָול גאָלדמאַן ע״ה, ווערט יהודה און אַ גאַנצע ריי יידישע אינטעלעקטואַלן און געזעלשאַפטלעכע פירערס געבראַכט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ער איז באַהערשט פון טיפן אומרו איבערן גורל פון די יידישע מאַסן־ישובים אין אייראָפּע און ווערט פאַרצווייפלט איבער דער מאַכטלאָזיקייט פון גרויסן אַמעריקאַנער יידישן קיבוץ צו טאָן מער ממשותדיקייט אויפן געביט פון הילף און פאַלקסרעטונג.

אין אַמעריקע מאַכט ער דורך די חבלי־אַקלימאַטיזירונג, און ווערט באַלד אַקטיוו אין דער פאַרטיי, אין צענטראַל־קאָמיטעט, און אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. אין „אונדזער וועג״, די פאַרטיי־צייטשריפט, אַנטפּלעקט ער זיך ווי אַ פעיקער פובליציסט און רעדאַקטאָר. זיינע אַרטיקלען, עסייען און צייטנאָטיצן צייכענען זיך אויס מיט טיפער לאָגיק, אין אַ סטיל פון ליריש־ראַפינירטער פּראָזע. אין שליחות פון דער פאַרטיי איז ער אַקטיוו אויף כּמעט אַלע געביטן פון יידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן: אין אַמעריקאַנער ציוניסטישן ראָט (קאָונסיל), אין יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, אין דער הסתדרות, אין יידישן קולטור־קאָנגרעס, אויך אין טרייד־יוניאָן קאָמיטעט פאַר ישראל־באָנדס, א״אַ. עטלעכע מאָל איז ער געווען דעלעגאַט צו ציוניסטישע קאָנגרעסן, אין ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, ווו ער שטעלט אַוועק דרייסט די יידישע פּראָבלעמאַטיק. ער האָט זיך אָפט געראַנגלט, אין דער רעם פון דער באַוועגונג, מיט פראַגעס בשייכות אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־פּאָליטיק, און בפרט בנוגע דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. זיינע אַרויסטרעטונגען בעל־פה און בכתב זענען תמיד באַגרינדעט אויף טיפן וויסן און דערפאַרונג. ער האָט מיטגעמאַכט אַלע אידעאָלאָגישע שטרייטן און געווען אינסטרומענטאַל ביים אויסצויטן די צויטן, דאָס ווילדגראָז, וואָס האָט זיך, אין געווויסע צייטן נאָכגעשלעפּט, מיט דער פאַרבלענדעניש פון לינקיסטישער פראַזעאָלאָגיע און דאָגמאַטיזם.

אין זיין קאָלירפולער ביאָגראַפיע איז וויכטיק צו פאַרצייכענען ניט

נאָר זיין אָרט ווי דער פירער פון דער באַוועגונג, נאָר אויך זיין באַציונג און פּראַקטישע דערפאַרונג ווי אַן אַרבעטער: אין אַ טעקסטיל־פאַבריק אין פּוילן; אַן אַרבעטער ביי דאַמען־טאַשן אין בעלגיע, אַ פּרעסער און דימענטן־אַרבעטער אין אַמעריקע. טעאָריע און פּראַקטיק האָבן אויסגעפורעמט די אידעלע געשטאַלט — יהודה טיבערג.

העכער פערציק יאָר האָט ער געטריי געדינט דער באַוועגונג אין אַמעריקע, און ווען פון דער פאַראייניקונג פון דער פּאַרטיי מיט דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך, לײַדער, אויסגעלאָזט אַ חלום, האָט ער מיט אַלע כּוחות באַוויזן איינצוהאַלטן דעם פאַרבליבענעם קליי־נעם שבט און געשאַפן דעם פּועלי־ציון־זרובבל־גאָלדמאַן־קרייז, און פאַר־געזעצט זיין שטענדיקע מיטאַרבעט אין כּמעט יעדן נומער פון „אונדזער וועג", וואָס איז געוואָרן די שריפט פון דער קאַנאַדער אחדות־העבודה פּועלי־ציון. ער האָט זיך תּמיד אינטערעסירט מיט דער קאַנאַדער באַ־וועגונג, ווו ער איז געווען אָפט אַן אָנגעזעענער גאַסט, צוזאַמען מיט זיין ליבער פרוי חנהקע, איר צו לאַנגע יאָר.

עס איז כּדאַי דאָ צו דערמאָנען צוויי פון זיינע לעצטע באַזוכן אין דער טאָראָנטער באַוועגונג, ווו ער האָט גערעדט וועגן די „דריי פער־יאָדן וואָס הערשן אין דער נאַטורוועלט": געבורט, יוגנט און פונאַנ־דערפאַל. ער באַווייזט, אַז אידעען זענען נישט תּמיד אונטערגעוואָרפן די דאָזיקע געזעצן, ווייל אידעען זענען עפּעס מער ווי נאַטורוועזנס. גייסט שפּרייזט אַריבער דעם תּחום פון צייט־קאַלענדאַר. פּועלי־ציוניזם, באָראָכאָוויזם — איז גייסט, נישט בלויז בלינדע מאַטעריע. ביי אַן עונג־שבת, האָט טיבערג גערעדט וועגן „הונדערט יאָר בער באָראָכאָוו". דאָס איז געווען דער לעצטער, דער שוואַנען־אויפטריט, וואָס האָט אונדז אַלעמען אויפגעהויבן פון דער גרויער וואָכעדיקייט. דער איינדרוק פון טיבערגס אַרויסגעבראַכטע פילאָסאָפיש פּאָעטישע מעדיטירונגען האָט אונדז באַגלייט אַ לאַנגע צייט ווי זעלטענע מעלאָדיעס וואָס רעגן אָן דעם צוהערער.

אַ גייסטיק אידל און שעפעריש לעבן איז פאַרגאַנגען, אַ לעבן וואָס האָט פון זיין צאַרטער יוגנט געדינט די אינטערעסן פון זיין פאָלק מיטן כּוח פון אַ ליכטיקער גאולה־אידעע.

שלמה שווייצער

יהודה טיבערג

ווי אַ קוים אַכצן־יעריקער בחור איז יהודה טיבערג צוגעשטאַנען צו דער פּועלי־ציון־באַוועגונג. ער איז נאָר וואָס געווען אַרויס פון חסידים־שטיבל און פון דער ישיבה און ס'האָט אים געצויגן צום ברויזנדיקן יידישן לעבן אין וואַרשע. ער איז שוין געווען מיטגעריסן מיט די גייס־טיקע שטראָמען וואָס האָבן אין יענער צייט, ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, געריזלט אין די טיפענישן פון די יידישע פאָלקסמאַסן. געווען פאַרכאַפּט דורך די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע שטרעבונגען, וואָס האָבן געפונען זייער אויסדרוק אין אָרגאַניזירטע פּאָליטישע באַוועגונגען און אין דעם מיט זיי פאַרבונדענעם יידישן קולטור־רענעסאַנס. געווען איז עס אין יאָר 1918. דאָס יאָר 1917 איז געווען דאָס יאָר פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע און אויך פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

מיט דריי יאָר פריער, אין יאָר 1915 — ווי ער דערציילט אַליין אין אַ קאַפּיטל זכרונות — האָט ער זיך שוין ווי אַ 15־יעריק יינגל באַ־טייליקט ווי אַ דעלעגאַט צו אַ ציוניסטישער ראַיאָן־קאָנפערענץ אין ריפּין. אָבער שוין דעמאָלט האָבן אים די אַלגעמיינע ציוניסטישע פּאָסטולאַטן „וואָס האָבן גערעדט מליצהדיק וועגן פּאַלעסטינע און זיך אויסגעהיטן צו דערמאָנען די סאָציאַלע פּראָבלעמען" נישט באַפרידיקט, און ער האָט זיך דעריבער פאַרבונדן אויף דער קאָנפערענץ מיט דער פראַקציע פון די צעירי־ציון.

אָבער זיין פולע באַפרידיקונג האָט ער ערשט געפונען אין דער וואַרשעווער אַרבעטער־היים ד. ה. ביי די פּועלי־ציון, וועלכע איז גע־וואָרן דער צענטער פון זיינע גייסטיקע אינטערעסן. דאָרטן האָט ער, ווי ער דערציילט, „איבערגעלעבט מאָמענטן פון נשמהדיקער דערהויבנ־

קייט און געווען אַן עדות פון געשעענישן וואָס האָבן געפורעמט דעם מהות פון אַ גאַנצן דור יידישער יוגנט, וואָס איז געווען גורלדיק באַשטימט צו פאַרנעמען דעם בכבודיקסטן פלאַץ אין דער געשטאַלטיקונג פונעם פאָלקס־כאַראַקטער אין דעם היינטיקן יאָרהונדערט״.

און נישט איבערטרייבנדיק קען מען צוגעבן אַז יהודהן איז באַשערט געווען צוצוטראָגן אַ קענטיק חלק צום דאָזיקן היסטאָרישן פּראָצעס.

אין די 5 יאָר וואָס ער איז פאַרבליבן אין וואַרשע האָט ער, דער נייער חבר פון דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי, אויסגעפילט פאַראַנטוואָרטלעכע שליחותן פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי ביים אויפשטעלן יוגנט־גרופּעס אין דער פּראָווינץ און, שפּעטער, ביים שטאַרקן די השפּעה פון פּועלי־ציון אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג.

אין די 16 יאָר וואָס יהודה האָט דערנאָך פאַרבראַכט אין בעלגיע האָט ער אַרויסגעוויזן זיינע פעיִקייטן און זיין דינאַמישקייט ביים אָרגאַניזירן די פּאַרצווייגטע פּאַרטיי־אַרבעט אויף דעם פּאָליטישן, פּראָפעסיאָנעלן און קולטור־געביט און זיך דערביי דערוואָרבן גרויס אָנזען אין אָרטיקן אַלגעמיין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. ער איז באַשטימט געוואָרן ווי דער וויצע־פּאַרזיצער פון אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין בעלגיע און ווי דער רעדאַקטאָר פונעם וואָכנבלאַט פון בעלגישן יישוב.

די 45 יאָר זיינע אין אַמעריקע — זינט דעם יאָר 1940 — זענען געווען אַ פּראָדוקטיווער המשך פון זיינע פריִערדיקע צוויי דינאַמישע לעבנס־תקופות אין פּוילן און אין בעלגיע.

ס׳איז ממש געווען צו באַוווּנדערן ווי שנעל דער נייער אימיגראַנט האָט זיך אַקלימאַטיזירט אין דעם גרויסן פיל־מיליאָניקן אַמעריקאַנער יידישן יישוב און געפונען אַ פּלאַץ פאַר אַ פאַרצווייגטער פּאָליטישער, געזעלשאַפטלעכער און קולטור־טעטיקייט הן אין דער פּאַרטיי, הן אין אַלגעמיינעם יידישן לעבן. אין אָנהויב האָט ער, וואָס אַן אמת, געהאַט דורכצומאַכן שווערע צייטן. זיין עקשנות און זיין אָפּטימיזים האָבן אים אָבער געהאָלפן אויסצושטיין אַלע שוועריקייטן וואָס זענען געווען אומפאַרמיידלעך אין די פאַר אים שפּאָגל נייע באַדינגונגען, ביז ער האָט געפונען די מעגלעכקייט זיך איינצואָרדענען ביי געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, ווען מ׳האָט אויך אין אָט דער נייער סביבה גענומען אָפּשאַצן זיינע פעיִקייטן און זיין איבערגעגעבנקייט און מ׳האָט אים געשאָנקען

פולע אַנערקענונג און צוטרוי. אויך דאָ איז ער טעטיק געווען ווי דער אַנגעהעריקער צו דער פועלי־ציון־באַוועגונג, ווי איר פאָרשטייער, ווי איר שליח ביי אַלע אַרבעטן וואָס זענען אים אָנפאַרטרויט געוואָרן.

פון 1918 ביז 1984 — אַ לאַנגער לעבנסגאַנג פון צוויי־דריטל פון אַ יאָרהונדערט. יהודה טיבערג האָט אים דורכגעמאַכט, פאַרבלייבנדיק געטריי דער אידעע פון סאָציאַליסטישן ציוניזם, מיט וועלכער ער האָט זיך פאַרקנסט אין זיין פריסטער יוגנט.

פאַר דער צייט זענען אין דער וועלט אַנגעגאַנגען טיפע קאָמפּליצירטע און צו מאָל טראַגישע אַנטוויקלונגען, וואָס האָבן געענדערט געאָגראַפישע מאַפּעס און סאָציאַל־פּאָליטישע רעזשימען. פאַר דער צייט איז געשען דאָס גרויסע פאָלקס־אומגליק — דער חורבן פון אייראָפּעישן יידנטום, וואָס האָט קאַרדינאַל געענדערט דאָס אויסזען פון אונדזער פאָלק און אַרויסגעבראַכט דעם פּיין פון אונדזער פאָלקס־גורל. און שפּעטער איז געקומען די גרויסע דערגרייכונג פון ציוניזם — אויפקום פון דער יידישער מדינה.

די אַלע אויפטרייסלענדיקע געשעענישן און ענדערונגען האָבן נישט געקענט נישט האָבן קיין השפעה אויף דעם שטאַרק פילבאַרן און טיף דענקענדיקן יהודהן. זיי האָבן געבראַכט דערצו ער זאָל ענדערן זיינע איינשטעלונגען הן בנוגע דעם סאָציאַליזם, הן בנוגע דעם ציוניזם. ער, דער אַ מאָל גאָר לינקער, איז נאָך לאַנגע און שווערע ראַנגלענישן מיט די חברים אין דער באַוועגונג און מיט זיך גופא, געוואָרן איינער פון די שאַרפסטע קעגנערס פון קאָמוניזם אין דער פועלי־ציון־באַוועגונג. ער האָט זיך דערביי לגמרי נישט געשעמט מיט זיינע אַמאָליקע שטאַרק לינקע שטעלונגען, וואָס ער האָט געהאַלטן אַז זיי זענען דעמאָלט, אין די צוואַנציקער יאָרן, געווען באַרעכטיקטע אין אַנבליק פון די האָפענונגען וואָס די אָקטאָבער־זון האָט בעשתו אויפגעוועקט אויך צווישן די יידישע אַרבעטער־מאַסן. דער „אויסגענ־כטערטער" טיבערג האָט געפאָדערט פון דער באַוועגונג אַ קלאָרע אָפּשאַצונג פון דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט. פאַר אָט די נייע איינשטעלונגען זיינע האָט ער זיך אַ לאַנגע צייט געראַנגלט אין דער באַוועגונג גופא, וועלכע ער האָט אָבער בשום־אופן נישט געוואָלט פאַרלאָזן (אַזוי ווי אַנדערע, מיט זיינע מיינונגען, האָבן עס געטאָן). ער האָט זיך געראַנגלט מוטיק און עקשנותדיק ביז

זיינע אָנשויונגען האָבן מיט דער צייט זיך דערוואָרבן די איבערהאַנט אין דער באַוועגונג.

וואָס שייך דעם ציוניזם האָט ער, אַרויסצוּעַנדיק די מסקנות פון דעם וואָס איז פאָרגעקומען אין דער יידישער וועלט, גענומען וואָס מער אונ־טערשטרייכן די נייטיקייט פון פּראַקטישער בויאַרבעט אין ארץ־ישראל (אגב, אין איינקלאַנג מיט דער אָנגענומענער איינשטעלונג אין דער פּ״צ־וועלט־באַוועגונג). און ווען די מדינה איז אויפגעקומען, איז ער געוואָרן איינער פון די ענטוזיאַסטישע אָנהענגערס פון אידענטיפיצירן זיך מיט איר אָן קיין שום באַגרענעצונגען.

ער האָט אַפילו באַשלאָסן עולה צו זיין צוזאַמען מיט חנהקען, זיין לעבנס־באַגלייטערין. און ער האָט דעם באַשלוס זיינעם מקיים געווען. נאָך עטלעכע יאָר זיין און איינלעבן זיך אין ישראל האָבן זיי ליידער, צוליב וואָגיקע פאַמיליע־סיבות, געמוזט צוריקפאָרן קיין אַמעריקע. און געטאָן האָט ער עס מיט אַ זייער שווער האַרץ.

*

אין זיינע איינשטעלונגען און עפנטלעכע אַרויסטריטן בעל־פּה און בכתב איז ער תמיד געווען ערלעך מיט זיך אַליין, מיט זיין געוויסן, מיט זיינע איבערצייגונגען.

געווען אין אים אַ געראָטענער מיזוג פון אויסנעמלעכע איינגעבוי־רענע פעיִקייטן צו אַ לאָגישן און אַנאַליטישן דענקען מיט חסידישער דביקות און התלהבות, איינגעזאַפּטע אין דער היים זיינער. מ׳האָט דעם דאָזיקן מיזוג אַרויסגעפילט אי פון זיינע רעדעס, אי פון זיינע אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען. זיינע רעדעס זענען געווען מייסטערהאַפט אויסגעבויט, גוט אַדורכגעטראַכט, באַזירט אויף גרינטלעכע אַנאַליזן פון די באַהאַנדלטע פּראָבלעמען און גלייכצייטיק באַהויכט דורך אַ סך באַגייסטערונג און גלויבן. דאָס גלייכן זיין שרייבן, וואָס האָט זיך אַחוץ דעם נאָך אויסגע־צייכנט מיט אַ פיינעם סטיל, מיט אַן אָפּגעהיטער, געפורעמטער שפּראַך און צו מאָל מיט אַ ממש דיכטערישן שוווּנג און פּלאַסטישקייט.

און קיין וווּנדער נישט, איז דאָך יהודה טיבערג געווען דער גרויסער ליבהאָבער פון ליטעראַטור און אוודאי פון דער יידישער ליטעראַטור, אין וועלכער ער איז געווען שטאַרק באַהאַוונט. דעריבער האָט ער די

לעצטע יאָרן אַזוי פיל געזאָרגט פאַר דער יידישער קולטור־אַרבעט און דעם י. ל. פרץ־פאַרלאַג.

אַט דער קאַלטער און מישובדיקער אַנאַליטיקער פון געזעלשאַפט־לעכע און פאָליטישע פּאַסירונגען און אַנטוויקלונגען (נאָך דעם ווי ער האָט די פּראָבלעמען גרינטלעך געלערנט) איז געווען דער גרויסער מאמין, דער באַגייסטערטער גלויביקער, דער ענטוזיאַסט. מיט זיינע אי־בערצייגונגען האָט ער געקענט איבערצייגן אַנדערע. מיט זיין התלהבות און גלויבן האָט ער געקענט אָנשטעקן אַנדערע. און ווען מ'איז מיט אים נישט מסכים געווען (און דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, אויך געקענט גע־שען), איז אָבער געווען ממש אַ פאַרגעניגן צו דיסקוטירן מיט אים, פירן מיט אים אַ גייסטיקן געפעכט. מ'האָט תמיד עפּעס פון אים געלערנט, מ'האָט תמיד הנאה געהאַט אים צו הערן.

טייל מאָל האָסטו געקוקט אויף אים, זיך צוגעהערט ווי ער כאַפּט דביקותדיק אויף אַ חסידישן ניגון אָדער פאַרציט מיט התלהבות דעם „אמר רבי עקיבא", און האָסט געגאַפט, זיך געוווּנדערט וואָס דאָס איז דער זעלבער יהודה וואָס איז ערשט מיט אַ שעה צוריק געשטאַנען אויף דער בימה און מסביר געווען אַ קאָמפּליצירטע געזעלשאַפטלעכע סוגיא, אָדער געווען אַריינגעטאָן מיט דיר אָדער מיט אַנדערע אין אַ טיפער פּאָליטישער אָדער סתם אידעאָלאָגישער דיסקוסיע.

דאָס זענען נישט געווען קיין צוויי פּנימער פון איין מענטשן, נאָר דער גאַנצער מענטש מיט איין פּנים, אַ פּנים וואָס האָט האַרמאָניזירט צווישן זיך און געשאַפן דעם פולן יהודה טיבערגן.

*

ער האָט ליב געהאַט דאָס לעבן און האָט ליב געהאַט מענטשן. ער האָט געפילט אַ באַדערפעניש צו זיין צווישן מענטשן, צו רעדן מיט זיי, דיסקוטירן מיט זיי און זינגען מיט זיי בציבור, ווער רעדט נאָך ווען די מענטשן זענען געווען נאָענטע חברים, צווישן זיי האָט ער נישט נאָר געקענט פריי לאָזן אויסדריקן זיינע מחשבות און זיך אַפילו אַמפּערן מיט זיי אידעיש. צווישן זיי האָט ער אויך געקענט אויסזינגען דביקותדיק אַ חסידישן ניגון אָדער זיך קוויקן מיט אַ יידישן פאָלקסליד.

אַזאַ איז ער געווען, יהודה טיבערג. מיט זיין פּטירה איז אַוועק דער לעצטער פון דעם דור מנהיגים פון די לינקע פועלי־ציון.

ש. ל. שניידערמאַן

צו דער ערשטער יאָרצייט פון יהודה טיבערג

יהודה טיבערג איז געבוירן געוואָרן אויף דער שוועל פון אונדזער טראַגישן אָבער אויך געבענטשטן 20סטן יאָרהונדערט, ווען די ייִדישע קולטור האָט דורכגעמאַכט אַ בלענדנדיקן רענעסאַנס אין אַלע אירע שע־פערישע אַספּעקטן. פון די שטעטלעך האָבן געשטראָמט יונגע פּענמענטשן, וועלכע האָבן מיט זייער באַפּליגלטן וואָרט באַרייכערט די ייִדישע ליטע־ראַטור און מיט ענטוזיאַזם פונאַנדערגעבויט דאָס ייִדישע געזעלשאַפט־לעכע לעבן.

„אַלץ איז געווען אַזוי יונג בעת איך האָב אָנגעהויבן מיין גאַנג אין ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן... עס זענען זיך פונאַנדערגעוואַקסן נייע, גרינע פרישע צווייגן אויפן אַלטן פּאַלקישן דעמב... עפּעס אַזוי, ווי פון די וועלקנדיקע תנ"ך־בלעטער וואָלטן אַרויסגעשפּרונגען געשטאַלטן, וואָס האָבן געשלומערט זייער חומשדיקן שלאָף".

אַזוי כאַראַקטעריזירט טיבערג דעם פּעריאָד פון זיין געזעלשאַפטלעכן און שרייבערישן דעביוט. ער טוט דאָס אין אַ קאַפּיטל זכרונות צו זיין 80סטן געבוירן־טאָג.

אין די דאָזיקע פאַרצייכענונגען פון די שטורמישע יאָרן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה שילדערט אויך טיבערג, ווי אַזוי אין זיין גע־בורטשטעטל לוביטש, פּאַקטיש אַ דאָרף פון קוים עטלעכע צענדליק ייִדישע משפחות, איז אַראָפּגעקומען דער מזרחי־פירער הרב בראָד און געהאַלטן אַ דרשה. איינגעהילט אין אַ לאַנגן טלית, האָט ער דעם עולם אין דעם אָנגעפּאַקטן בית־מדרשל מעורר־געווען מיט זיינע וויזיאָנערישע שילדערונגען וועגן שיבת־ציון.

דאָס איז געווען אין יאָר 1916, קוים איין יאָר פאַר דער באַלפור־דעקלאַראַציע. הרב בראָד האָט פאַרענדיקט זיין דרשה מיט דער דער־קלערונג, אַז ער איז גרייט צו ענטפערן אויף פראַגעס פון עולם. קיינער

האָט נישט געוואָגט צו עפענען דאָס מויל, אָבער צו אַלעמענס שטוינונג האָט דער 16־יאָריקער יהודה טיבערג געפּרעגט דעם חשובן רב, פאַר וואָס ער זאָגט גאָרנישט וועגן דער שווערער לאַגע פון די ייִדן דאָ אין גלות, און מליצהדיק אויסגעפירט: „עס קען דאָך זיין, אַז ביז עס וועט קומען די נחמה, זאָל חלילה אויסגיין די נשמה...״.

הרב בראָד האָט דעם יונגן בחור געענטפערט, אַז די דאָזיקע פראַגע געפינט זיך אויפן סדר־היום פון אַלע „ציוניסטישע קאָנגרעסן״. דעם אומרויִקן טיבערג האָט דער ענטפער נישט באַפרידיקט און דאָס האָט דעצידירט וועגן זיין צוקונפטיקן אידעאָלאָגישן דרך. אין 1918 האָט דער 17־יאָריקער טיבערג שוין באַלאַנגט צו דער יונגער גוואַרדיע פון די לינקע פועלי־ציון אין וואַרשע, צווישן וועלכער ער האָט זיך שנעל אַרויסגערוקט אַלס מאַסן־רעדנער און קעמפערישער פובליציסט אין דער „אַרבעטער־צייטונג״, גוצנדיק דעם פען־נאָמען „וולאָדעק״.

עס איז געווען דער סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און אין אָט דעם בלי־פּעריאָד פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אומאָפּהענגיקן פּוילן האָט אַרום די לינקע פועלי־ציון זיך געזאַמלט דער דור יונגע ייִדישע שרייבערס און קינסטלערס, וואָס האָט אין דעם דאָזיקן ראַדיקאַלן צווייג פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג געהאַט אַן אָנשפּאַר. אַ וויכטיקע דערשיינונג איז דאַן אויך געווען דער קרייז ייִדישע אַקאַדעמיקערס, וואָס האָט דורכגעבראָכן דעם וועג פאַר דער מאָדערנער היסטאָריאָגראַפיע אין ייִדיש. דער דאָזיקער קרייז איז אָנגעפירט געוואָרן דורך עמנואל רינגעלבלום און רפאל מאַהלער,ביידע נאָענט צו דער לינקער פועלי־ציון־באַוועגונג.

עס איז ווייניק באַקאַנט, אַז די אַוואַנגאַרד־באַוועגונג פון דער ייִדישער פּאָעזיע אין די פריִע צוואַנציקער יאָרן, וואָס האָט זיך געזאַמלט אַרום דער אַזוי גערופענער „כאַלאַסטרע״־גרופּע בראש מיט פרץ מאַרקיש, אורי צבי גרינבערג און משה בראָדערזאָן, האָט איר אָנהויב געמאַכט אויף דער טריבונע פון דער „אַרבעטער־היים״ — דער צענטער פון די לינקע פועלי־ציון אויף קאַרמעליצקע גאַס 23, אין וואַרשע, און האָט זיך געדרוקט אין די אויסגאַבעס פון דער באַוועגונג, באַזונדערס אין דער „אַרבעטער־צייטונג״. טיבערג האָט מיטגעפיבערט אין דעם דאָזיקן רענעסאַנס פון דער ייִדישער ליטעראַטור און גאַנץ אָפט איז ער

געווען דער איינלייטער און פאַרזיצער פון די דיכטער־אָונטן אין דער „אַרבעטער־היים".

צוליב די פאַרפאָלגונגען מצד דער פּאָליציי האָט טיבערג אין יאָר 1924 פאַרלאָזט פּוילן, ווו ער האָט אויך איבערגעלאָזט זיין פּוילישן פּסעוודאָנים „וואָלאַדעק". פאַר אַ צייט האָט טיבערג זיך אָפּגעשטעלט אין דאַנציג, ווו ער איז געוואָרן געהילף־רעדאַקטאָר פון דער „דאַנציגער טעגלעכער צייטונג", וואָס איז רעדאַגירט געוואָרן דורך יהודה־הירש שאַיאַק.

די קאַלטע יידישע אַטמאָספער אין דאַנציג האָט טיבערגן געטריבן צו זוכן אַן אַנדערע פּאַסיקע אַרענע פאַר זיינע געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן, וואָס ער האָט געפונען אין דעם קליינעם, אָבער ברויזנדיקן יידישן יישוב אין בעלגיע. די קרוב צוויי צענדליק יאָר, וואָס טיבערג האָט בכתב און בעל־פה געווירקט אין בעלגיע, האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם פרוכטבאַרסטן פעריאָד אין זיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ער איז שנעל געוואָרן דער וואָרטזאָגער פון דער פּועלי־ציון־אָרגאַניזאַציע און רעדאַקטאָר פון „אַרבעטער־וואָרט" — אַ חודש־זשורנאַל, וואָס האָט פאַרשפרייט די פּועלי־ציון־אידעאָלאָגיע אין מערב־איראָפּע.

אין בריסל האָט טיבערג געטראָפן זיין צוקונפטיקע לעבנס־באַגלייטערין האַנקאַ קאַמיענקאָווסקאַ, וועלכע איז נישט לאַנג צוריק געהאַט געקומען פון אַ שטעטל הינטער וואַרשע.

ווען דאָס נאַצישע געשפענסט האָט גענומען באַדראָען איראָפּע, איז טיבערג אַרויסגערוקט געוואָרן אַלס רעדאַקטאָר פון דעם קעמפערישן יידישן וואָכנבלאַט „אונדזער יישוב", וואָס האָט גערעדט אין נאָמען פון אַלע נאַציאָנאַלע יידישע כוחות אין בעלגיע און געוואָרנט קעגן דער דייטשער געפאַר. נאָך דער דייטשער אינוואַזיע אויף בעלגיע איז טיבערג מיט זיין משפחה אַנטלאָפן קיין פראַנקרייך און נאָך חדשים פון וואַנדלונגען האָבן זיי זיך געראַטעוועט קיין אַמעריקע.

אין ניו־יאָרק האָט טיבערג גענומען מיטאַרבעטן אין דעם זשורנאַל פון די לינקע פּועלי־ציון „פּראָלעטאַרישער געדאַנק" אונטער דער רעדאַקציע פון בצלאל שערמאַן. שפּעטער איז דער זשורנאַל אונטער טיבערגס רעדאַקציע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער פעריאָדישער אויסגאַבע „אונזער וועג", וואָס האָט אין דער טראַדיציע פון דער פּועלי־ציון־פּרעסע

אין פוילן געזאַמלט אַרום זיך די וויכטיקסטע ייִדישע פּערזענלעכקייטן אין אַמעריקע.

אין דער נאָגנדיקער איינזאַמקייט פון גרויסן ייִדישן ניו־יאָרק האָט טיבערג באַוויזן צונויפקניפּן אין אַ משפּחהדיקער אינטימקייט אַ גרופּע וועטעראַנען פון די לינקע פּועלי־ציון, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון נאַצי־גיהנום און האָבן געבענקט נאָך אַ וואַרעמער סביבה. די אונ־טערנעמונגען פון דער דאָזיקער גרופּע זענען אַלע מאָל געשטאַנען אויף אַ הויכן ניוואָ. טיבערגס אַרויסטרעטונגען האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אַנטפּלעקונג מיט דעם ערנסטן פּאַרמעסט צו באַהאַנדלען פּראָבלעמען, וואָס האָבן אינטערעסירט דעם עולם צוהערערס.

אין ניו־יאָרק איז טיבערג אויך גאָר גיך געקומען צו דער איבער־צייגונג, אַז די אידעאָלאָגיע פון די לינקע פּועלי־ציון קען נישט איבער־געפּלאַנצט ווערן אויף דעם אַמעריקאַנער באָדן, און ער האָט גענומען מיטאַרבעטן אין יעדער קערפּערשאַפט, וואָס איז לויט זיין מיינונג בכוח געווען עפּעס צוצוטראָגן צו דעם קאַמף פון דער זיכערקייט פון מדינת־ישראל און דער חשיבות פון דער ייִדישער קולטור.

ווי אַ גרינטלעכער קענער פון דער ייִדישער ליטעראַטור האָט טיבערג זיך געפרייט מיט יעדן נייעם ווערטפולן ייִדישן בוך און צו זיינע פאַר־צווייגטע אַקטיווּיטעטן האָט אויך געהערט דאָס זאַמלען פאָנדן פאַרן י. ל. פרץ־פאַרלאַג אין ישראל און פאַר דעם אויפבוי פון „בית ראשונים" אין תל־אביב.

יהודה טיבערג האָט איבערגעשפּאַנט די גרענעץ פון גבורות און ממש ביז די לעצטע טעג פון זיינע 84 יאָר איז ער געווען יונג אין זיין געמיט־צושטאַנד, אַנאַליטיש שאַרף אין דער מחשבה און קאָמפּראָמיסלאָז אין זיינע איבערצייגונגען. דער כאַראַקטער־שטריך פון יהודה טיבערג, דעם געזעלשאַפטלעכן טוער, שרייבער און רעדנער, איז געווען זיין נישט־געבראָכענער אָפּטימיזם, וואָס האָט אים נישט פאַרלאָזט אַפילו אין די סאַמע קריטישסטע מאָמענטן. זיין אָפּטימיזם האָט אויך געוואָרצלט אין דער טאָלעראַנץ צו מענטשן, מיט וועלכע ער האָט געהאַט אידעאָ־לאָגישע חילוקי־דעות, אָבער האָט אין זיי געפונען עפּעס שותפותדיקס, און נעמלעך — זייער זאָרג פאַר מדינת־ישראל און דער קאַמף פאַרן המשך פון שפּעריגשן ייִדישן לעבן.

איטשע גאָלדבערג

יהודה טיבערג

(פון אַ געזעגענונג־וואָרט)

איך וויל זיך געזעגענען מיט יהודהן אויף דעם לשון, אין וועלכן מיר האָבן ביידע געשפּונען אַ זעלטענע נאָענטקייט און אינטימקייט. עפּעס ווי מיר וואָלטן געוואָלט אַריינוועבן אין די לעצטע 7־6 יאָר פון אונדזער קרובהשאַפט די אַלע יאָרן וואָס מיר האָבן פאַרפעלט פריער. און עס איז אונדזביידן געלונגען — נישט בלויז צווישן מיר און אים — נאָר בפירוש צווישן ביידע משפחות.

עס איז מיר, ווי אונדז אַלע, שווער צו רעדן. יהודה, וועלכער האָט פאַרמאָגט אַזאַ זעלטענע ליבשאַפט צום לעבן, האָט געהאַט איין פאַר־לאַנג, כמעט אַן אָפּמאַך מיט דער וועלט — ער איז געבוירן געוואָרן אין 1900 און געוואָלט דערשלעפּן ביז 2000. איך, פון מיין זייט, וויל עס פאַרצייכענען — אין גלאַטשטיינס לשון — ווי אַ פאַרדאַמטע עוולה וואָס מע האָט אים צוגעגנבעט די 16 יאָר וואָס זענען אים לכל־הדעות געקומען.

ליבשאַפט צום לעבן איז מסתמא געווען יהודהס עיקרדיקע ליידנ־שאַפט, אַ מין דאָרשטיקע, הונגעריקע פאַרליבטקייט. ער האָט געקאָנט ווונדערלעך אויסטרינקען יעדע רגע: אי פון אַ גוט מאָלצייט, אי פון אַ גוט בוך, אי פון אַ גוטער רעדע וואָס ער האָט געהאַלטן — פון יעדן שלוק לעבן.

ער האָט געהערט צו דעם דור וואָס האָט, אין אַ גאָר גרויסער מאָס, איבערגעאַנדערשט און צוגעגעבן קאָליר דעם מאָדערנעם יידישן לעבן. ער האָט, אין דער טיף און לייכט פאַרוועבט די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פעדעם זיינע — דער־אַ סינטעז האָט אים אָנגעפילט מיט גלויבן און געגעבן זין זיין לעבנס אויסקוק. זיין ליבשאַפט צו ישראל —

אַ טיפע, שיער נישט אַ היסטאָרישע. ער האָט געהערט צום דור נייע ייִדן — באַטייליקטע, איבערגעגעבענע צו פאָלק און וועלט. געקומענע פון קליינע שטעטלעך, האָבן זיי גענומען אויף זיך מתקן צו זיין די וועלט, זי אויסצוגלייכן, גלייכשטעלן. אַ פועלי־ציוניסט זיין גאַנץ לעבן און אַ וועלט־פירער פון די לינקע פועלי־ציון, פאַרליבט אין ישׂראל — איז ער קיין מאָל נישט געוואָרן ענג פאַרטייִש און פאַרגעסן די דרויסנ־דיקע וועלט.

פונקט אַזוי האָט ער מיטגענומען מיט זיך די שיינע טראַדיציעס פון זיין געבורטשטאָט — מלאַווע.

דאָס מלאַווער בחורל האָט סיי אין וואַרשע און שפּעטער אין בעל־גיע און שפּעטער ביי אונדז אין אַמעריקע, זיך געטראָגן אויף די פליגל פון אָט דעם גלויבן, אָבער גלייכצייטיק געקאָנט בלייבן קריטיש צו זיך און צו אַנדערע. דער עיקר איז געווען דער אינערלעכער אימפּעט, וואָס האָט אים געטראָגן — די פעיִקייט אי צו מחשבה און אי צו מעשׂים. אין דער ספערע פון ייִדישן לעבן ווו ער האָט געווירקט, האָט ער אַלע מאָל געשפּילט אַ פירנדיקע ראָלע, אָבער קיין מאָל זיך נישט אָפּגעריסן פון די וואָס זענען געווען אַרום אים און מיט אים.

יהודה האָט פאַרמאָגט די גרויסע מעלה פון ליב האָבן און דאַרפן מענטשן, און זיך אַרומגערינגלט מיט זיי — אַריינרעדן אין זיי און טייל מאָל אַפילו לאָזן זיי זאָלן אַריינרעדן אין אים.

ס'איז וווּנדערלעך וויטיקדיק ווי די פּערזענלעכקייט בלייבט אין אונדז ביזן לעצטן אָטעם. שוין אין די לעצטע מינוטן, אין מצב פון האַלוצינאַציעס, האָט ער זיך געבעטן ביי חנהקען — „ס'איז דאָך אַ גרויסער טיש, זע אַז יעדער זאָל האָבן אַ פּלאַץ". ביז דער לעצטער מינוט זיך געזאָרגט, אַז מיר זאָלן האָבן אַ פּלאַץ אַרום טיש, נישט געוואָלט פאַרלירן קיינעם פון אונדז.

זייער אָפט, לעצטנס, איז יהודה געווען פאַרזונקען אין עצבות — איך האָב צו מאָל געהאַט דאָס געפיל ווי אַן אונטערגייענדיקע וועלט וואָלט געוויינט אין אים. ער האָט נישט געקאָנט איינזיצן אין ערגעץ — „איך קום קיין ישׂראל, נישטאָ קיינער פון מיינע געוועזענע חברים, איך קום קיין בעלגיע — נישטאָ קיינער". אָט דער נישטאָ קיינער האָט אים אין טרויער־שאָטנס געוויקלט. דערדריקט, אָבער נישט געקאָנט

פאַרשווענקען די זעלטענע ווונדערלעכע לעבנס־דאָרשטיקייט וואָס האָט זיך געצאַפּלט אין אים.

אַ פיינלעכע קאַליזיע אין אים דער צוזאַמענשטויס פון דער וועלט זיינער וואָס פאַרשווינדט און די געלייטערטע פרייד פון לעבן וואָס האָט נאָך אַלץ זיך געקנוילט אינעווייניק. איך האָב אים אָפט צוגערעדט ער זאָל שרייבן, בעיקר זכרונות, און האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז ער האָט מורא געהאַט אַריינקוקן צו טיף, מורא געהאַט ס'וועט זיך ארויס־רייסן אַ קדיש.

חנהקע האָט געשפּירט דעם וואַלקן וואָס האָט אים איינגעהילט. אים געפרווט פאַרלייכטערן, ער האָט געשלונגען ביכער און ערשט מיט געציילטע וואָכן צוריק איבערגעלייענט מענדעלעס „בנימין השלישי" כדי זיך דערמאָנען ווי אַזוי ער האָט אַ מאָל, מיט קנאַפּע 60 יאָר צוריק, געזען מיכאַעלסן שפּילן די ראָלע פון מענדעלעס בנימין.

אַ ייִד פון בייעם שניט געווען. אויסגעהאַלטן, פּרינציפּיעל רײן, האָט ער קיין טפשות נישט געקאָנט פאַרטראָגן. פאַרליבט ביז ווייטיק אין דער ייִדישער קולטור און מאַמע־לשון, כאָטש ער האָט פריי גע־לייענט העברעיִש.

מיר האָבן טייל מאָל נישט מסכים געווען, אָבער אָן סכנות. פאַר־קערט — ס'האָט אונדז נאָך מער דערנענטערט. צוגעגעבן פאַרב צו אונדזער נאָענטקייט, מחמת קעגנזייטיקן דרך־ארץ.

איינער פון די שענסטע מענטשן פון אָט דעם דור געווען. עס האָט זיך אונדז געפעלט אַ פריינד און אויסגעלאָשן אַ נאָענטער, אַ גוטער־ברודער. — —

179 פון לויטערן קוואַל (זיבעציק יאָר פּאַלטאָווע)
186 מען רעדט שוין ווידער צו אונדז וועגן יושר
189 דרייסיק יאָר קאַמף פאַר שלום
192 נאָך אַ בלאַט אינעם נייעם תנ"ך
196 טרערן אין מידבר סיני
201 מען וועט דאָס אויך איבערקומען

פּראָפילן

207 48 יאָר זינט דער פּטירה פון בער באָראָכאָוו
212 בער באָראָכאָוו — דער „פּאָלטאָווער גאָון"
220 יצחק טאַבענקין (צו זיין 70־יאָריקן יובילײ)
224 משכמו ומעלה (צום 80סטן געבוירן־טאָג פון דוד בן־גוריון)
228 אַזעלכע געבענטשטע 75 יאָר
233 דער פירער — דער מענטש (צום אָנדענק פון י. זרובבל)
241 זרובבל (צו זיין צענטער יאָרצייט)
244 ניר־ראַפאַלקעס (צו זיין ווערן אַ בן־שמונים)
246 ד"ר עמנואל רינגעלבלום (צו דער 20סטער יאָרצייט)
252 דאָדע טראָצקי
255 מיין חבר מיטעק
262 שמעון ראָזענבערג
265 צום טויט פון חבר משה ציטרינאָווסקי
268 אַ שפיגל פון אַ גאַנג
274 צביה לובעטקין — די העלדישע געטאָ־קעמפערין
279 דער דיכטער יוסף רובינשטיין
286 משה ערעם (איינער פון די לעצטע ראשונים)
292 מאַקס פעדערמאַן — דער גראַדליניקער פּועלי־ציוניסט
297 אַ גרוס דעם פּועלי־ציוניסטישן „יקיר תל־אביב"
300 „פון אַרבעטער־היים" ביז „בית ראשונים"

חברים וועגן יהודה טיבערג

313 י. ווייסבאָרד — יהודה טיבערג — זיין לעבנסוועג
317 ח. פינקעלשטיין — דער גייסטיקער פּאָרטרעט פון יהודה טיבערג
323 י. קליגמאַן — יהודה טיבערג ע"ה (1900 — 1984)
327 ש. שווייצער — יהודה טיבערג
332 ש. ל. שניידערמאַן — צו דער ערשטער יאָרצייט פון יהודה טיבערג
336 איטשע גאָלדבערג — יהודה טיבערג (פון אַ געזעגענונג־וואָרט)

אינהאַלט

7 אברהם ליס: אַ וואָרט פריִער

אָפּהאַנדלונגען און באַטראַכטונגען

13 מיינע מלאָווער זיידעס
22 פּיקסקיל — אַ וואָרענונג!
25 קאַמף פאַר ירושלים
30 דער נאַציאָנאַלער אונטערגאַנג פון מיזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום
36 קיבוץ־גלויות
41 דאָס יידן־פּראָבלעם אין מזרח־אייראָפּע
47 מיטן בליק אין די וויטקייטן
51 כרושטשעווס באַזוך אין אַמעריקע
60 יישוב אַמעריקע און מדינת־ישראל
69 חורבן און גבורה
72 אַ וואָרט אין דער דיסקוסיע
77 החודש הזה
79 הייַנטצייַטיקע יידישע פּראָבלעמאַטיק
87 אונדזער פריידיקער יום־טוב
92 צען יאָר נאָך דער הריגה
95 צו דער 20סטער יאָרצייַט
100 מאפלה...
103 בוירמינגהעם — אַ וואָרענונג!
107 סאָוויעטישער אַנטיסעמיטיזם
114 „רעפאָרם" ביי קאַטאָליקן און ביי יידן
118 מיטן חלוצישן פּנים פון דער מדינה
121 און די וועלט האָט געשוויגן
125 אַן אייביקע וווּנד
129 דער ליכטיקער צוקונפט אַנטקעגן
133 מהרסיך ומחריביך...
139 סנה און סיני
142 ... לאור גדול
146 די גרויסע אַנטוויקלונג
154 יידן און נעגערס
157 זיבעציק יאָר פּאָליטישער ציוניזם
162 יידישע מסקנות פון דער קאָמוניסטישער קאָנפערענץ
168 נייע פּאָליטישע וועלט־קאָנסטעלאַציע
173 עס וואָלט געקענט זיין אַזוי אַנדערש